STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02586

ALE VERK

Sholem Aleichem

•

Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק
פֿון
שלום עליכם

איקוף פאַרלאַג
בוענאס איירעס

1953

OBRAS COMPLETAS DE

SCHOLEM ALEIJEM

TOMO IV

PRINTED IN ARGENTINE
IMPRESO EN LA ARGENTINA
Editorial "ICUF"
BUENOS AIRES, 1953

Queda hecho el depósito que marca la ley

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

אַלע ווערק

פון

שלום עליכם

●

באַנד IV

מאָטל פּייסי דעם חזנס

ערשטער טייל:

פון דער היים קיין אַמעריקע

מאָטל פּייסי דעם חזנס

כתבים פון אַ ייִנגל אַ יתום

ערשטער טייל:

פון דער היים קיין אַמעריקע

געשריבן אין יאָר 1907.

אינהאַלט:

	זײַט
הײַנט איז יום־טוב — מע טאָר נישט װײנען !	11
מיר איז גוט — איך בין אַ יתום !	28
װאָס װעט זײַן פֿון מיר ?	35
מײַן ברודער אליהו האָט חתונה	48
איך האָב אַ רײַכע שטעלע	56
אַ שמאַלץ־גרוב	64
מײַן ברודער אליהוס געטראַנק	70
מיר פֿאַרפֿליצן די װעלט מיט טינט	78
נאָכװײענישן פֿון דער טינט־פֿאַרפֿליצונג	87
אַ גאַס ניסט	91
אונדזער כאַװער פּיניע	99
שאַט, מיר פֿאָרן קײן אַמעריקע !	107
מיר גנבֿענען די גרענעץ	117
מיר זײַנען שױן אין בראָד !	127
קראָקע מיט לעמבערג	136
מיט די עמיגראַנטן	150
װין איז אַ שטאָט און גאָט איז אַ פֿאָטער	150
װוּנדער פֿון אַנטװערפּן	160
די כאָליאַסטרע	169
די כאָליאַסטרע װערט צעקראָכן	179
זײַ געזונט, אַנטװערפּן !	187
לאָנדאָן, פֿאַרװאָס ברענסטו נישט ?	193

I

הײַנט איז יום־טוב — מען טאָר נישט װײנען!

— א. —

איך גײ מיט אײַך אין געװעט אױף װיפֿל איר װילט, אַז קײנער אין דער װעלט איז נישט געװען אַזױ צופֿרידן מיטן װאַרעמען ליכטיקן נאָך־פּסח, װי איך, פּײסי דעם חזנס ייִנגל, מאָטל, און דעם שכנס קעלבל, װאָס מע רופֿט דאָס „מעני" (דאָס האָב איך, מאָטל, דעם אַ נאָמען געגעבן „מעני").

בײדע גלײַך האָבן מיר דערפֿילט די ערשטע שטראַלן פֿון דער װאַרעמער זון אינעם ערשטן װאַרעמען נאָך־פּסחדיקן טאָג, בײדע גלײַך האָבן מיר דערשמעקט דעם ריח פֿונעם ערשטן גרינעם גרעזעלע, װאָס קריכט, שפּראָצט־אַרױס פֿון דער נאָר־װאָס אָפּגעדעקטער ערד, און בײדע גלײַך זײַנען מיר אַרױסגעקראָכן פֿונעם פֿינצטערן ענגשאַפֿט צו מקבל־פּנים זײַן דעם ערשטן זיסן ליכטיקן װאַרעמען פֿרילינגס־מאָרגן. איך, פּײסי דעם חזנס ייִנגל, מאָטל, בין אַרױס פֿון אַ טװאַן, פֿון אַ קאַלטן נאַסלעכן קעלער, װאָס שמעקט מיט זױערטײג און מיט רפֿואות פֿון דער אַפּטײק; און מעני, דעם שכנס קעלבל, האָט מען אַרױסגעלאָזט נאָך פֿון אַן ערגערן עפּוש: פֿון אַ קלײן, פֿינצטער, בלאָטיק, פֿאַרפֿאַסקודיקט שטעלעכל מיט אױסגעקרימטע צעפֿליקטע װענט, װאָס װינטער בלאָזט־אַרײַן אַהין דער שנײ און זומער שמײַסט אַרײַן דער רעגן.

אַרױסגעכאַפּט זיך אױף גאָטס פֿרײַער ליכטיקער װעלט, האָבן מיר בײדע, איך און מעני, אױס דאַנקבאַרקײט צו דער נאַטור, זיך גענומען אױסדריקן אונדזער צופֿרידנקײט. איך, פּײסי דעם חזנס ייִנגל, האָב

אויפגעהויבןביידע הענט ארויף, אויפגעעפנט דאָס מויל און אַרײַנגעצויגן אין זיך די פרישע וואַרעמע לופט אַזוי פיל, וויפל איך האָב געקאָנט. — און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך וואַקס אין דער הייך, און עס ציט מיך אַרויף־אַרויף, אין דער טיפער־טיפער בלויער יאַרמעלקע אַרײַן, דאָרט ווו די שיטערע רויכיקע וואָלקנס שוועבן, דאָרט ווו די ווײַסע פייגל טוקן זיך, באַווײַזן זיך און ווערן פאַרשווונדן מיט אַ קוויטש און מיט אַ צוויטשער, און עס רײַסט זיך אַרויס פון מײַן אָנגעפילטער ברוסט, אָן מײַן וויסן, אַ מין געזאַנג, נאָך שענער ווי יום־טוב מיטן טאַטן באַם עמוד, אַ געזאַנג אָן ווערטער, אָן נאָטן, אָן שום מאָטיוו, אַ מין נאַטור־געזאַנג פון אַ וואַסער־פאַל, פון יאָגנדיקע כוואַליעס, אַ מין שיר־השירים, אַ געטלעכע התפעלות, אַ הימלשע באַגײַסטערונג: אוי־ווײ, טאַטע! אוי־ווײ, פאָטער! אוי־ווײ, לעבעדיקער גאָאָאָאָט!!!

אָט אַזוי האָט אַרויסבאַוויזן זײַן צופרידנקייט מיטן ערשטן פרילינגטאָג פּייסי דעם חזנס יינגל. גאַנץ אַנדערש האָט דאָס אויסגעדריקט מעני, דעם שכנס קעלבל.

מעני, דעם שכנס קעלבל, האָט קודם אַרײַנגעשטעקט די שוואַרצע נאַסע מאָרדע אין מיסט אַרײַן, אַ שאַר געטאָן מיטן פאָדערשטן פיסל די ערד אונטער זיך אַ מאָל דרײַ, פאַרריסן דעם עק, אויפגעשפּרונגען נאָכדעם אַף אַלע פיר, און אַרויסגעלאָזט אַ טומפּיקן „מע!" דער „מע" האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי קאָמיש, אַז איך האָב מיך געמוזט צעלאַכן און נאָכמאַכן פונקט דעם אייגענעם „מע" מיטן זעלביקן נוסח, וואָס מעני. מעניען איז דאָס, ווײַזט אויס, געפעלן, וואָרעם עס האָט לאַנג נישט גענומען, האָט דאָס קעלבל איבערגעחזרט דאָס אייגענע נאָכאַמאָל, מיטן זעלביקן נוסח און מיטן זעלביקן שפּרונג. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז איך האָב דאָס באַלד נאָכגעטאָן מיט אַלע פּיטשעווקעס, מיטן קול און מיטן שפּרונג. אַזוי עטלעכע מאָל: איך אַ שפּרונג, דאָס קעלבל אַ שפּרונג; דאָס קעלבל אַ „מע", איך אַ „מע". ווער ווייס, ביז וואַנען דאָס שפּיל וואָלט זיך אַזוי געצויגן, ווען נישט אַ שנײַד פון הינטן אין האַלדז אַרײַן פון מײַן עלטערן ברודער אליהו מיט אַלע זײַנע פינף פינגער:

— אײַנגעזונקען זאָלסטו ווערן! אַ בחור'ל פון כמעט נײַן יאָר שטעלט זיך אַוועק טאַנצן מיט אַ קעלבל!... אין שטוב אַרײַן גיי, דו הולטײַ איינער!... דער טאַטע וועט דיר שוין געבן!...

— ב. —

בלאָטע! דער טאַטע וועט מיר נישט „געבן" גאָרנישט. דער טאַטע איז קראַנק. ער דאַוונט שוין נישט פאַרן עמוד פון שמחת־תורה אָן. גאַנצע נעכט הוסט ער. עס גייט צו אונדז דער שוואַרצער דאָקטער, אַ גראָבער מיט שוואַרצע וואָנצעס און מיט לאַכנדיקע אויגן — אַ פריי־לעכער דאָקטער. מיך רופט ער „פּופּיק" און שנעלט מיר מיט די פינגער אין בײַבל אַרײַן. ער זאָגט אָן אַלע מאָל דער מאַמען, מע זאָל מיך נישט שטאָפּן מיט קיין קאַרטאָפליעס, און דעם קראַנקן זאָל מען געבן נאָר בוליאָן און מילך, מילך און בוליאָן. די מאַמע הערט אים אויס, און אַז ער גייט אַוועק, באַהאַלט זי דאָס פּנים אין פאַרטעך און די אַקסלען טרייסלען זיך בײַ איר... נאָכדעם ווישט זי אויס די אויגן, רופט־אָפּ מײַן ברודער אליהו אַף אַ זײַט, און מע סודעט זיך שטי־לערהייט. וואָס זיי ריידן — ווייס איך נישט. נאָר מיר דאַכט, זיי קריגן זיך, די מאַמע שיקט אים ערגעץ, ער וויל נישט גיין. ער זאָגט צו איר:

— איידער אָנקומען צו זיי, וועל איך דיר בעסער גיין אין דער ערד אַרײַן!... איך וועל בעסער שטאַרבן הײַנטיקן טאָג!...

— בײַס דיר אָפּ די צונג, משומד איינער, וואָס רעדסטו?

אַזוי ענטפערט אים די מאַמע שטיל, ציפּעט צונויף די ציין, מאַכט צו אים מיט די הענט, איז גרייט אים דורס זײַן. זי ווערט אָבער באַלד ווייך און מאַכט צו אים:

— וואָס זאָל איך טאָן, מײַן זון, אַ רחמנות אַפן טאַטן... מע מוז דאָך אים ראַטעווען!...

— פאַרקויפט מען עפּעס. — זאָגט מײַן ברודער אליהו און כאַפּט אַ קוק אַף דער גלעזערנער שאַפע. און די מאַמע קוקט אויך אַף דער זעלבער שאַפע, ווישט די אויגן און זאָגט שטיל:

— וואָס זאָל איך פאַרקויפן? די נשמה? שוין נישטאָ וואָס צו פאַרקויפן. סײַדן די ליידיקע שאַפע?

— פאַרוואָס נישט? — זאָגט איר מײַן ברודער אליהו.

— רוצח! — ענטפערט אים די מאַמע מיט רויטע אויגן. — פונוואַנען האָבן זיך צו מיר גענומען אַזעלכע רוצחים קינדער?!

די מאַמע פײַערט און קאָכט, ווײנט זיך אויס, ווישט־אויס די אויגן און בעט זיך באַלד איבער. אַזוי איז געווען אויך מיט די ספרים, מיט

דער זילבערנער עטרה פֿונעם טלית, מיט די צוויי געגילטע בעכערלעך, מיט איר זײַדן מלבוש, און מיט אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס זײַנען פֿאַר־קויפֿט געוואָרן בײַ אונדז איינציקווײַז, און אַלעמאָל אַן אַנדער קונה.

די ספרים האָט אוועקגעקויפֿט מיכל דער פּאַקנטרעגער, אַ ייִד מיט אַ שיטער בערדל, וואָס ער האַלט דאָס אין איין קראַצן. מײַן ברודער אליהו איז נעבעך געגאַנגען צו אים דרײַ מאָל, איידער ער האָט אים אַראָפּגעבראַכט. די מאַמע האָט זיך מחיה געווען, אַז זי האָט אים דערזען, און באַוויזן אים מיטן פֿינגער, ער זאָל ריידן שטיל, ביכדי דער טאַטע זאָל נישט הערן. מיכל האָט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף אַף דער פּאָליצע, זיך געקראַצט אונטערן בערדל און אַ זאָג געטאָן:

— אַנו ווײַזט, וואָס האָט איר דאָרטן?

מיט אַ ווונק האָט מיר די מאַמע באַוויזן, איך זאָל אַרויף אַפֿן טיש און דערלאַנגען די ספרים. צוויי מאָל איבערהחזרן איז נישט געווען נייטיק. איך בין מיט איין שפּרונג אַרויף מיט אַזאַ גדולה, אַז איך האָב מיך אויסגעצויגן איבערן טיש און נאָך געכאַפּט אַ צוגאָב פֿון מײַן ברודער אליהו, איך זאָל נישט שפּרינגען, ווי אַ משוגענער. מײַן ברודער אליהו האָט זיך אַליין מטריח געווען אַפֿן טיש און האָט דערלאַנגט מיכלען אַלע ספרים. מיכל האָט מיט איין האַנט געבלעטערט די ספרים, מיט דער אַנדערער זיך געקראַצט דאָס בערדל און געזאָגט חסרונות. יעדער ספר האָט זײַן חסרון: דאָרט איז דער בונד געווען נישט גוט. בײַ דעם איז דער רוקן שטאַרק צעגעסן. דאָ איז דער ספר אַליין קיין ספר נישט. און אַז ער האָט שוין גאַנץ גוט איבערגעקוקט אַלע ספרים, מיט אַלע בונדן, מיט אַלע רוקנס, האָט ער זיך אַ קראַץ געטאָן אין בערדל:

— ס'זאָל זײַן משניותן, אַ גאַנצער גאַנג, וואָלט איך זיי אפשר אוועקגעקויפֿט.

די מאַמע איז געוואָרן טויט ווי די וואַנט, און מײַן ברודער אליהו איז, פֿאַרקערט, געוואָרן רויט ווי פֿײַער; ער איז אָנגעפֿאַלן אַפֿן פּאַקנ־טרעגער:

— האָט איר דאָך לכתחילה געקאָנט זאָגן, אַז איר קויפֿט נאָר משניותן! וואָס זײַט איר געקומען דולן אַ ספּאָדיק און דרייען אַ מוח?

— לאָז זײַן שטיל! — בעט זיך בײַ אים די מאַמע, און עס הערט זיך אַ הייזעריקע שטים פֿונעם צווייטן אַלקער, ווו דער טאַטע ליגט:

— ווער איז דאָרטן?

— קיינער נישט! — ענטפערט אים די מאַמע און שיקט אַפּ מײַן ברודער אליהון צום קראַנקן, און אַליין האַנדלט זי מיט מיכל דעם פּאַקנטרעגער, פּאַרהאַנדלט אים די ספרים, אַפּנים, פּאַר זייער ווינציק געלט, וואָרעם אַז מײַן ברודער אליהו קומט־אַרויס פונעם טאַטנס אַלקער און פרעגט זי: „וויפל?" — שטופּט זי אים אַפּ און זאָגט אים: „ס'איז נישט דײַן עסק!"... און מיכל כאַפּט די ספרים גיך־גיך, פּאַקט זיי אַנײַן אין אַ זאַק אַרײַן און מאַכט פּליטה.

— ג —

פון די אַלע זאַכן, וואָס מיר האָבן אויספאַרקויפט פון שטוב, האָט מיר קיינע פון זיי ניט צוגעשטעלט אַזוי פיל פאַרגעניגן, ווי די גלעזערנע שאַפע.

אמת, די זילבערנע עטרה פונעם טאַטנס טלית אַז מע האָט באַדאַרפט אַפּטרענען, איז אויך געווען פאַר מיר אַ שטיקל יום־טוב. קודם — דאָס דינגען זיך מיט יאָסל דעם גאָלדשמיד, אַ בלייכער ייִד מיט אַ רויטער פּליאַמע אַפן פּנים. דרײַ מאָל איז ער אַוועקגעגאַנגען צוריק — און אויסגעפירט האָט ע ר. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אַ פוס איבער אַ פוס צום פענצטער מיטן טאַטנס טלית, אַרויסגענומען אַ קליין מעסערל מיט אַ געל קלעצל פון הירשנביין, אויסגעבויגן דעם מיטלסטן פינגער און גענומען טרענען די עטרה אַזוי קונציק, אַז ווען איך קאָן אַזוי טרענען עטרות, וואָלט איך, דאַכט זיך, געווען איינער אַ גליקלעכער! און פונדעסטוועגן, האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן דעמאָלט די מאַמע מײַנע, ווי אַזוי זי האָט זיך עס אַ ביסל צעוויינט! אַפילו מײַן ברודער אליהו, וואָס ער איז שוין אַ בחור אַ חתן, האָט זיך עפּעס אויך מאָדנע אויסגעבויגן מיטן פּנים צו דער טיר, כלומרשט געשנײַצט די נאָז מיט איין פינגער, פאַרקרימט דאָס פּנים און אַרויסגעלאָזט אַ מאָדנעם קוויטש פונעם האַלדז און געווישט מיט דער פּאָלע די אויגן.

— וואָס איז דאָרטן? — פרעגט דער טאַטע פון זײַן קראַנקן־אַלקער.

— גאָרניט! — ענטפערט אים די מאַמע און ווישט די רויטע אויגן, און די אונטערשטע ליפּ מיט איר גאַנצן האַלבן פּנים טרייסלט זיך אַזוי, אַז מע דאַרף זײַן שטאַרקער פון אײַזן, מע זאָל ניט פּלאַצן פאַר געלעכטער.

נאָר ווי קומט דאָס צו דער גלעזערנער שאַפע?

ערשטנס, וואָס הייסט מע וועט זי צונעמען? מיר האָט זיך תמיד געדאַכט, אַז אונדזער גלעזערנע שאַפע איז צוגעוואַקסן מיט דער וואַנט, — ווי אַזוי וועט מען זי נעמען? צווייטנס, וווּ וועט די מאַמע פאַרשליסן דאָס ברויט, מיט דער חלה, מיט די טעלער, מיט די בלײַענע לעפל און גאָפּלען (צוויי זילבערנע לעפל און איין גאָפּל אַ זילבערנעם האָבן מיר געהאַט, האָט זיי די מאַמע שוין לאַנג פאַרקויפט!), און וווּ וועלן מיר האַלטן פּסח די מצה? די געדאַנקען זײַנען מיר געקומען אויפן קאָפּ, בשעת נחמן דער סטאָליער איז געשטאַנען און געמאָסטן די שאַפע מיט זײַן גרויסן רויטן נאָגל פונעם גראָבן פינגער פון דער אויסגעשמירטער האַנט. ער האָט אַלץ געדרונגען, אַז די שאַפע וועט ניט אַרויס פון דער טיר. אַ סימן: אָט האָט איר אײַך די ברייט פון דער שאַפע און אָט האָט איר די טיר — אָסור אויב זי וועט אַרויס!

— ווי אַזוי זשע איז זי אַרײַן? — פרעגט אים מײַן ברודער אליהו.

— גיי פרעג זי! — ענטפערט אים נחמן מיט כעס. — איך ווייס, ווי אַזוי זי איז אַרײַן? מע האָט זי אַרײַנגעטראָגן, איז זי אַרײַן!...

איין מינוט איז געווען אַזעלכע, וואָס איך האָב מורא געהאַט פאַר דער שאַפע. דאָס הייסט, איך האָב געמיינט, זי בלײַבט בײַ אונדז. עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען, און נחמן דער סטאָליער איז געקומען מיט זײַנע צוויי בנים, אויך סטאָליאַרעס, און מע האָט געגעבן אַ נעם אונדזער גלעזערנע שאַפע, טאַקע נאָר ווי דער רוח דעם מלמד; פריער איז געגאַנגען נחמן, נאָכדעם ביידע בנים, הינטן — איך. דער פאָטער האָט געקאָמאַנדעוועט: „קאָפּל, אָן אַ זײַט! מענדל, רעכטס! קאָפּל, ניט לויף! מענדל, האַלט!"... איך האָב זיי געהאָלפן נאָכטאַנצן. די מאַמע און מײַן ברודער אליהו האָבן ניט געוואָלט העלפן. זיי זײַנען געשטאַנען, געקוקט אויף דער ליידיקער וואַנט, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שפּינוועבס, און האָבן געוויינט... אָן אַקציע מיט די צוויי — נאָר זיי וויינען!... פּלוצים — טרראַך! סאַמע בײַ דער טיר האָט געפּלאַצט דאָס גלאָז. און דער סטאָליער מיט די בנים האָבן גענומען זידלען זיך, אַרויפלייגן איינס אויף דאָס אַנדערע די באַד: „אַ ריר פון אַ בלײַענעם פויגל!", „בערישע פּיס!", „דער רוח כאַפּט אים אוועק!", „ברעך דעם קאָפּ, צו־נ־אַלדי שוואַרצע יאָר!...

— וואָס איז דאָרטן? — הערט זיך אַ הייזעריק קול פונעם קראַנ־קן־אַלקער.

— גאָרנישט! — ענטפערט די מאַמע און ווישט די אויגן.

— ד. —

די בעסטע שימחה פון אַלע שימחות איז געווען בא מיר, אַז ס'איז געקומען צו מײַן ברודער אליהוס קאַנאַפּקע און צו מײַן בעטל. מײַן ברודער אליהוס קאַנאַפּקע איז פריער געווען אַ קאַנאַפּע, וואָס מע פלעגט אַף איר זיצן. נאָר זינט מײַן ברודער אליהו איז געוואָרן אַ חתן און האָט אָנגעהויבן צו שלאָפן אַף דער קאַנאַפּע און איך אַף זײַן בעטל, איז די קאַנאַפּע געוואָרן אַ „קאַנאַפּקע”. אמאָל, אין די גוטע יאָרן, אַז דער טאַטע איז געווען געזונט און געדאַווּנט מוספים אין דער קצבי־שער קלויז מיט פיר משוררים, האָט די קאַנאַפּע געהאַט אין זיך „שפּרינגזינעס”. איצט זײַנען שוין די „שפּרינגזינעס” געווען מײַנע. איך האָב פון זיי געמאַכט כל המינים פּאָקוסן שבעולם: צעקאַליעטשעט די הענט, שיער ניט אַרויסגענומען זיך אַן אויג, אָנגעטאָן זיי איינמאָל אַפן האַלדז און געשטאַנען אַ מינוט אַף צו דערוואָרגן ווערן. ביז מײַן ברודער אליהו האָט מיך גוט אָנגעבוכעט און פאַרוואָרפן די „שפּרינגזי־נעס” אַפן בוידעם און צוגענומען דעם לייטער.

אָפּגעהאַנדלט די קאַנאַפּע מיטן בעטל האָט חנה די ייִדענע. איידער חנה האָט דאָס מעבל אָפּגעקויפט, האָט זי די מאַמע נישט צוגעלאָזט אַרײַנקוקן אינעווייניק אין תוך אַרײַן: „אַט דאָס, וואָס איר זעט, דאָס קאָנט איר האַנדלען; קוקן איז נישטאָ וואָס!” נאָר אַז חנה האָט זיך אויסגעדונגען און געגעבן אַן אויפגאָב, איז זי צוגעגאַנגען צו דער קאַ־נאַפּע און צום בעטל, אויפגעהויבן דאָס בעטגעוואַנט, פאַוואָלינקע אַרײַנגעקוקט אין אַלע פאַרבאָרגענע ערטער און האָט שטאַרק געשפּיגן... די מאַמע איז געווען ברוגז פאַרן שפּײַען, געוואָלט אומקערן דעם אויפ־גאָב, האָט זיך אַרײַנגעמישט מײַן ברודער אליהו:

— געקויפט, איז פאַרפאַלן!

אויסגעבעט אַף דער ערד, האָבן מיר זיך אויסגעצויגן ביידע, איך און מײַן ברודער אליהו, ווי די גראַפן, צוגעדעקט זיך ביידע מיט איין קאָלדרע (זײַנע האָט מען פאַרקויפט), און ס'איז מיר געווען זייער אײַנ־

געגעם צו הערן פון מײַן עלטערן ברודער, אַז אַף דער ערד צו שלאָפן איז גאָר ניט אַזוי שלעכט.

איך וואַרט־אָפּ ביז ער לייענט־אָפּ קריאת־שמע און ווערט אַנט־שלאָפן, דעמאָלט נעם איך מיך קאַטשען איבער דער גאַנצער ערד. פּלאַץ איז הײַנט דאָ, ברוך השם, גענוג. אַ פעלד, אַ פאַרגעניגן, אַ גן־עדן!...

— ה. —

— וואָס טוט מען ווײַטער?

אַזוי זאָגט די מאַמע צו מײַן ברודער אליהו איינמאָל אין אַ פרי־מאָרגן און באַטראַכט מיט אַ געקנייטשטן שטערן די ליידיקע פיר ווענט. איך און מײַן ברודער אליהו העלפן איר באַקוקן די פיר ווענט. מײַן ברודער אליהו קוקט אַף מיר פאַרזאָרגט און מיט רחמנות.

— גיי אין דרויסן! — מאַכט ער צו מיר שטרענג. — מיר דאַרפן דאָ עפּעס ריידן...

אַף איין פוס שפּרינג איך אַרויס אין דרויסן אַרויס — און, פאַר־שטייט זיך, גלײַך צום שכנס קעלבל.

די לעצטע צײַט האָט זיך „מעני" געגעבן אַ הייב אַף די פיסלעך, קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן, געוואָרן שיין, דאָס שוואַרצע מאָרדעלע הנעוודיק, די קײַלעכיקע אויגן קלוג, מיט פאַרשטאַנד, ווי להבדיל אַ מענטש, אַ בר־דעת, קוקט־אַרויס, מע זאָל דעם עפּעס געבן אין מויל אַרײַן, האָט ליב, אַז מע קראַצט דעם מיט צוויי פינגער אונטערן העלדזל.

— שוין? דו האָסט זיך שוין ווידער צונויפגעקאָמפּאַניעט מיטן קעלבל? קאָנסט זיך גאָר נישט צעשיידן מיט דײַן טײַערן חבר?

אַזוי זאָגט צו מיר מײַן ברודער אליהו שוין אָן קללות און נעמט מיך פאַר אַ האַנט און זאָגט, אַז ער גייט מיט מיר צו הערש־בער דעם חזן. בא הערש־בער דעם חזן, זאָגט ער, וועט מיר זײַן גוט. ערשטנס, זאָגט ער, וועל איך האָבן וואָס צו עסן. אין דער היים איז ניט גוט, זאָגט ער; דער טאַטע, זאָגט ער, איז קראַנק, מע דאַרף אים, זאָגט ער, ראַטעווען. מיר ראַטעווען אים, זאָגט ער, ווי ווײַט מיר קאָנען. און מײַן ברודער אליהו צעשפּיליעט די קאַפּאָטע און ווײַזט מיר אַף זײַן זשילעט:

— אָט האָב איך געהאַט אַ זייגער, אַ מתנה פון מײַן מחותן, האָב

איך אים פאַרקויפט. דער מחותן זאָל וויסן, וואָלט זיך געטאָן חושך! די וועלט וואָלט זיך איבערגעקערט!...

איך דאַנק און לויב גאָט, וואָס זײַן מחותן ווייס ניט פונעם זייגער און וואָס די וועלט קערט זיך נאָך נישט איבער. ווײ! ווײ! ווען חלילה, די שעה זאָל גאָר נישט זײַן, עס קערט זיך איבער די וועלט, וואָס וואָלט דעמאָלט זײַן מיט מענין, מיטן שכנס קעלבל? אַ שטומע צונג!...

— אָט זײַנען מיר געקומען! — מאַכט צו מיר מײַן ברודער אליהו, וואָס ווערט צו מיר אַלע מינוט מער צוגעלאָזט און פרײַנטלעך.

הערש־בער דער חזן איז אַ ייִד אַ „מנגן". דאָס הייסט, ער אַליין קאָן נישט זינגען; ער האָט נעבעך קיין קול נישט. אַזוי האָב איך געהערט פון טאַטן. נאָר ער פאַרשטייט נגינה. און זינגערלעך האָט ער אַ שטיקלעך פופצן, און איז אַ בייזער מענטש — סכנות! ער פאַרהערט מיך זינגען. איך זאָג אים אַ „מגן־אָבות" מיט אַ „דריידל". ער גלעט מיך און זאָגט צו מײַן ברודער, אַז איך האָב אַ „סאָפּראַנאָ". מײַן ברודער זאָגט, אַז ניט נאָר אַ סאָפּראַנאָ, נאָר אַ סאָפּראַנאָ שבסאָפּראַנאָ!... מײַן ברודער אליהו דינגט זיך מיט אים, נעמט אָן אויפגאָב און זאָגט מיר, אַז איך בלײַב שוין דאָ, בײַ רב הערש־בער דעם חזן. איך זאָל אים פאָלגן, זאָגט ער, און איך זאָל ניט בענקען!...

אים איז גרינג צו זאָגן, איך זאָל נישט בענקען! ווי:אַזוי זאָל איך ניט בענקען זומער־לעבן? די זון באַקט, דער הימל איז ווי אַ קרישטאָל, די בלאָטע האָט שוין לאַנג אויסגעטריקנט. אין דרויסן בײַ אונדז לעבן שטוב ליגן קלעצער. ניט אונדזערע, דאָס איז יאָסיע דעם נגידס קלעצער. ער קלויבט זיך בויען אַ שטוב, האָט ער צוגעגרייט קלעצער, האָט ער ניט ווו זיי אָפּצולייגן, האָט ער זיי אָפּגעוואָרפן לעבן אונדז. לאַנג לעבן זאָל ער, יאָסיע דער נגיד! וואָרעם פון די קלעצער קאָן איך מיר מאַכן אַ „קרעפּאָסט", און צווישן די קלעצער וואַקסן שטעבלקעס מיט קריגעלעך. די שטעבלקעס זײַנען גוט אַף צו שטעכן, און די קריגעלעך בלאָזט מען אָן און מע טוט זיי אַ קנאַק אָן שטערן — פּלאַצן זיי.

מיר איז גוט. מענין, אונדזער שכנס קעלבל, איז אויך גוט. איך און מעני זײַנען די איינציקע באַלעבאַטים אָט דאָ, „אינעווייניק אין דרויסן", און ווי:אַזוי זאָל איך ניט בענקען נאָך מענין, אונדזער שכנס קעלבל?...

— ו. —

עס איז שוין באַלד דרײַ וואָכן, ווי איך בין בײַ הערש־בער דעם חזן, און זינגען זינג איך כמעט גאָרניט. איך האָב אַן אַנדער אַרבעט. איך טראָג מיך אַרום מיט דאָבציען. דאָבציע איז אַ קינד אַ הויקער. קיין צוויי יאָר אַלט, און פונדעסטוועגן איז זי, קיין עין־הרע, אַ שווערינקע, שווערער פון מיר. איך רײַס מיר אײַן דאָס געזונט, זי טראָגנדיק. דאָבציע האָט מיך ליב. זי כאַפּט מיך אַרום מיט אירע דאַרע הענטלעך און טשעפּעט זיך אָן מיט די דינע פינגערלעך. זי רופט מיך „קיקאָ". וואָס עפּעס קיקאָ, ווייס איך ניט. דאָבציע האָט מיך ליב. לאָזט מיך ניט שלאָפן גאַנצע נעכט: „קיקאָ, קי!" — דאָס הייסט, איך זאָל זי וויגן. דאָבציע האָט מיך ליב. אַז איך עס, רײַסט זי בײַ מיר פונעם מויל: „קיקאָ, פּי!" — דאָס הייסט: גיב עס מיר!... עס ציט מיך אַהיים. דאָס עסן איז דאָ אויך ניט אײַ־אײַ־אײַ... יום־טוב. שבועות אױף דער נאַכט. עס ווילט זיך גיין אין דרויסן זען, ווי דער הימל שפּאַלט זיך. דאָבציע לאָזט ניט. דאָבציע האָט מיך ליב: „קיקאָ, קי!" — איך זאָל זי וויגן. איך וויג זי און וויג זי און ווער אַנטשלאָפן. און עס קומט צו מיר אַ גאַסט — מעני דעם שכנס קעלבל, קוקט אױף מיר מיט אויגן, ווי אַ בר־דעת, און זאָגט מיר: קום! און מיר לאָזן זיך גיין באַרג־אַראָפּ, צום טײַך. נישט לאַנג געטראַכט, פּאַרקאַטשע איך די הייזלעך: האָפּ! איך בין שוין אין טײַך. איך שווים, און מעני שווימט מיר נאָך. אױף יענער זײַט איז גוט. ניטאָ קיין חזן, ניטאָ קיין דאָבציע, ניטאָ קיין קראַנקער טאַטע... איך כאַפּ זיך אויף — ס'איז נאָר אַ חלום. אַנטלויפן! אַנטלויפן! אַנטלויפן! ווו־אַזוי אַנטלויפט מען? וווהין? אַהיים, געוויינלעך. הערש־בער דער חזן איז שוין אָבער אויפגעשטאַנען פריִער פון מיר. ער האָט אַ גרויסן קאַמערטאָן, פּרווּט אים מיט די ציין, טראָגט־צו צום אויער. ער הייסט מיר אָנטאָן זיך אױף גיך און גיין מיט אים אין שול. מע וועט הײַנט צו מוסף זאָגן „אַן אויסגעשטעלטע זאַך". אין שול זע איך מײַן ברודער אליהו. ווי קומט ער אַהער? ער דאַוונט דאָך גאָר בײַ די קצבים, דאָרט ווו דער טאַטע איז חזן! וואָס באַדײַט עס?... מײַן ברודער אליהו רעדט עפּעס מיט הערש־בער דעם חזן. הערש־בער דער חזן איז ניט צופרידן. ער זאָגט:

— גערענק־זשע, למען השם, תיכף נאָכן עסן!...

— קום! וועסט זיך זען מיטן טאַטן! — אַזוי זאָגט צו מיר מײַן ברודער אליהו, און מיר גייען אַהיים אין צווייען. ער גייט, און איך שפּרינג. איך לויף, איך פֿלי.

— האָב צײַט! וואָס פֿליסטו אַזוי? — זאָגט צו מיר מײַן ברודער אליהו און האַלט מיך צו. אים ווילט זיך, אַפּנים, מיט מיר אַביסל ריידן.

— דו ווייסט? דער טאַטע איז קראַנק, זייער־זייער קראַנק!... גאָט ווייס, וואָס ס'וועט זײַן מיט אים... מע דאַרף אים ראַטעווען, ניטאָ מיט וואָס... קיינער וויל ניט העלפֿן... אין „הקדש" וויל די מאַמע אים נישט לאָזן בשום אופן! זי וועט פֿריִער שטאַרבן, זאָגט זי, איידער לאָזן אים אין הקדש!... שאַ, אָט גייט די מאַמע.

— ז. —

מיט אויסגעשטרעקטע הענט גייט אונדז די מאַמע אַנטקעגן, פֿאַלט מיר אַפֿן האַלדז, און איך פֿיל אַף מײַנע באַקן אַ פֿרעמדע טרער. מײַן ברודער אליהו גייט צום קראַנקן טאַטן, און איך מיט דער מאַמען בלײַבן שטיין אין דרויסן. מע האָט זיך אונדז אַרומגעשטעלט פֿון אַלע זײַטן: אונדזער שכנס ווײַב פּעסיע די גראָבע, און איר טאָכטער מינדל, און איר שנור פּערל, און נאָך אַ צוויי ווײַבלעך.

— איר האָט אַ גאַסט אַף שבועות? גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט!

די מאַמע לאָזט־אַראָפּ די אָנגעשוואָלענע אויגן.

— אַ גאַסט. משטיינס געזאָגט, אַ קינד. געקומען געוואָר ווערן דעם קראַנקן טאַטן. פֿאַרט אַ קינד...

אַזוי זאָגט די מאַמע צו דער גאַנצער כנופֿיה ווײַבער, און צום שכנס ווײַב, צו פּעסיען, זאָגט זי עקסטראַ, שטילערהייט, בשעת פּעסיע שאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַ שטאָט! עמעצער זאָל זיך אַפֿילו אַרומקוקן... דרײַ און צוואַנציק יאָר אָפּגעקלאַפּט באַם עמוד... דאָס געזונט אַוועקגעלייגט... איך וואָלט אים אפשר ראַטעווען — נישטאָ מיט וואָס... אַלץ, ברוך־השם, פֿאַרקויפֿט... דאָס לעצטע קישעלע... דאָס קינד באַשטעלט באַ אַ חזן... אַלץ צוליב אים... אַלץ צוליבן קראַנקן...

אזוי באַקלאָגט זיך די מאַמע פאַר איר שכנה פעסיע, שטייענדיק אין דרויסן. איך דריי דעם קאָפּ אַף אַלע זײַטן.

— וועמען זוכסטו? מאַכט צו מיר די מאַמע.

— וועמען זוכט אַ קונדס? דאָס קעלבל מן הסתם...

אזוי זאָגט פעסיע אונדזער שכנה און מאַכט צו מיר מיט אַ מאָדנע פרײַנטשאַפט:

— ע, יונגעלע! נישטאָ קיין קעלבל! געמוזט פאַרקויפן דאָס דעם קצב. אַ ברירה האָט מען? געגנוג אז מע דאַרף האָדעווען איין סקאָטינע — נאָך צוויי סקאָטינעס טראָגן אַפן קאָפּ!...

איז שוין בײַ איר דאָס קעלבל, דאַנקען גאָט, אויך געוואָרן אַ סקאָ־טינע?...

אַ מאָדנע יידענע אָט די פעסיע. אומעטום שטופּט זי אַרײַן איר נאָז. זי דאַרף וויסן, צי האָבן מיר אַ מילכיקע סעודה?

— אַקעגן וואָס פרעגט איר דאָס? — פרעגט בײַ איר די מאַמע.

— גלאַט אזוי! — זאָגט פעסיע, הייבט אויף די שאַל און שטופּט דער מאַמען אַ טעפּל מיט סמעטענע. די מאַמע שטופּט־אָפּ דאָס טעפּל מיט ביידע הענט.

— גאָט איז מיט אײַך, פעסיע! וואָס טוט איר דאָס? וואָס זײַנען מיר? חלילה עפּעס וויים איך ווער? איר קענט מיך נישט?

— אדרבה, — פאַרענטפערט זיך פעסיע — טאַקע ווײַל איך קען אײַך. דאָס בהמהלע, קיין עין־הרע נית, האָט זיך די לעצטע צײַט פאַר־ריכט. פאַראַן, קיין עין־הרע, קעז און פוטער. איך לײַ אײַך אויס... איר וועט מיר, אם־ירצה־השם, אָפּגעבן...

און פעסיע די שכנה רעדט נאָך לאַנג מיט דער מאַמען, און מיר ציט דאָס האַרץ צו די קלעצער, צום קעלבל, צום קעלבל, צום קעלבל!... איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך מיך צעוויינט...

— אז דער טאַטע וועט דיך פרעגן, זאָלסטו זאָגן: אַ דאַנק גאָט!

אזוי זאָגט מיר אָן די מאַמע, און מײַן ברודער אליהו גיט דאָס מיר צו פאַרשטיין אַביסל ברייטער:

— זאָלסט זיך ניט באַקלאָגן, ניט דערציילן קיין פּזמונות, נעבּ־טיקע טעג. זאָלסט נאָר זאָגן: אַ דאַנק גאָט. דו הערסט, וואָס מע רעדט צו דיר?

און מײַן ברודער אליהו פירט מיך אַרײַן אין קראַנקן־חדר. דער טיש

איז אָנגעשטעלט מיט פלעשעלעך, פּודעלעך, באַנקעלעך. ס׳עס שמעקט אַפּ־טייק. דאָס פענצטער איז צוגעמאַכט. לכבוד שבועות האָט מען אים צו־געקליבן דעם חדר מיט גרינס, צוקאַפּנס איבערן בעטל האָט מען אים אויפגעהאַנגען אַ מגן־דוד פון „ליוביסטיק״. דאָס איז מײַן ברודער אליהוס אַרבעט. אַף דער ערד איז אויסגעשפּרייט שמעקנדיק גראָז. דער טאַטע דערזעט מיך, רופט מיך צו צו זיך מיט אַ לאַנגן דאַרן פינגער. מײַן ברו־דער אליהו שטופּט מיך אונטער. איך גיי־צו צום טאַטן. איך האָב אים קוים דערקענט. דאָס פּנים ווי ליים. די גרויע האָר גלאַנצן, שטאַרצן איינציקווײַז, ווי אַרײַנגעשטרײַכטע, פרעמדע האָר. די שוואַרצע אויגן זיצן טיף, ווי אַרײַנגעפּאַסטע, פרעמדע אויגן. די ציין זעען־אויס, ווי אַרײַנגעזעצטע, פרעמדע ציין. דער האַלדז איז אַזוי דין, אַז קוים וואָס דער קאָפּ האַלט זיך אײַן אַף אים. אַ גליק, וואָס ער קאָן ניט זיצן... מיט די ליפּן מאַכט ער עפּעס מאָדנע, ווי אַ מענטש בשעת ער שווימט: מפפו!... ער לייגט־אַרויף אַף מײַן פּנים אַ הייסע האַנט מיט ביינער־דיקע פינגער, דאָס פּנים מאַכט אַ קרומען שמייכל, ווי אַ מת.

אין דעם קומט־אָן די מאַמע. נאָך איר דער דאָקטער, דער פרייליע־כער שוואַרצער דאָקטער מיט די גרויסע וואָנצעס. ער באַגעגנט מיך, ווי אַן אַלטן גוטן ברודער. ער איז מיך מכבד מיט אַ שנעל אין בײַכל און מאַכט צום טאַטן פריילעך:

— איר האָט אַ גאַסט אַף שבועות? גאָט ליב אײַך מיט אײַער גאַסט!

— אַ דאַנק! — זאָגט די מאַמע און ווינקט צום דאָקטער, ער זאָל באַטראַכטן דעם חולה און זאָל אים עפּעס פאַרשרײַבן. דער שוואַרצער דאָקטער עפנט דאָס פענצטער מיט אַ רעש און בייזערט זיך אַף מײַן ברודער אליהו, פאַרוואָס מע האַלט דאָס פענצטער צו.

— איך האָב אײַך טויזנט מאָל געזאָגט, אַז אַ פענצטער האָט ליב, אַז מע האַלט אים אָפן!

מײַן ברודער אליהו ווינקט אַף דער מאַמען, אַז דאָס איז די מאַמע שולדיק: זי לאָזט נישט עפענען קיין פענצטער, האָט מורא פאַרן טאַטן, ער זאָל זיך חלילה נישט פאַרקילן. די מאַמע ווינקט צום דאָקטער, ער זאָל שוין באַטראַכטן גיכער דעם חולה און זאָל אים עפּעס פאַרשרײַבן... דער שוואַרצער דאָקטער נעמט אַרויס דעם זייגער, אַ גרויסן גאָלדענעם

זייגער. מײַן ברודער אליהו קוקט זיך אײַן מיט ביידע אויגן אינעם דאָקטערס זייגער. דער דאָקטער באַמערקט דאָס.

— איר ווילט וויסן, ווו האַלט דער זייגער? אַן פיר האַלב עלף. וויפֿל איז בײַ אײַך?

— מײַן זייגער שטייט. — ענטפערט אים מײַן ברודער אליהו און ווערט מאָדנע רויט פון דעם שפּיץ נאָז ביז אויף יענער זײַט אויערן.

די מאַמע רוט ניט. זי וואָלט גערן, מע זאָל שוין באַטראַכטן דעם חולה און אים עפּעס פאַרשרײַבן... דער דאָקטער האָט אָבער צײַט. ער פרעגט זיך אויס בײַ דער מאַמען זײַטיקע ענינים: ווען איז מײַן ברודערס חתונה? און וואָס זאָגט הערש־בער דער חזן אויף מײַן שטים? בײַ מיר דאַרף זײַן, זאָגט ער, אַ גוטע שטים. אַ שטים, זאָגט ער, גייט בירושה. די מאַמע עקט זיך! מיטאַמאָל טוט זיך דער דאָקטער אַ דריי־אויס מיטן בענקל צום קראַנקן טאַטן, נעמט אים אָן בײַ דער טרוקענער הייסער האַנט:

— נו, חזן, וויאַזוי דאַוונט מען עפּעס בײַ אונדז הײַנטיקן שבועות?

— אַ דאַנק גאָט! — ענטפערט אים דער טאַטע מיט אַ שמייכל פון אַ מת.

— דהײַנו? ווינציקער געהוסט? גוט געשלאָפן? — פרעגט אים דער דאָקטער און בייגט זיך אײַן צו אים גאַנץ נאָענט.

— ניין! — ענטפערט אים דער טאַטע, קוים וואָס ער כאַפּט דעם אָטעם. — אדרבה... הוסטן הוסט מען... און שלאָפן שלאָפט מען דווקא ניט... נאָר דאַנקען גאָט... ס'איז שבועות... אַזאַ טאָג... מקבל געווען די תורה... הײַנט אַ גאַסט... אַ גאַסט אויף שבועות...

אַלעמענס אויגן קוקן אויפן „גאַסט", און דער „גאַסט" קוקט אַראָפּ אויף דער ערד, און דער קאָפּ איז אים אין דרויסן, ערגעץ בײַ די קלעצער, בײַ די שטעכלקעס, וואָס שטעכן, בײַ די קריגעלעך, וואָס קנאַקן, בײַם שכנס קעלבל דעם בר־דעת, וואָס איז שוין געוואָרן אַ „סקאָטינע", בײַם טײַכל, וואָס רוישט דאָרט באַרג־אַראָפּ, אָדער גאָר אין דער הויכער, ברייטער, טיפער, בלויער יאַרמלקע, וואָס מע רופט דאָס הימל...

— ח. —

דאָס ביסל „מילכיקס", וואָס אונדזער שכנה, פעסיע די גראָבע, האָט אונדז „אויסגעליִען", איז אונדז, נישקשה, צונוץ געקומען. איך און מײַן ברודער אליהו האָבן דאָס געמאַכט אַ מילכיקע סעודה, געטונקען ביידע

פון איין שאָל פרישע חלה אין דער קאַלטער סמעטענע, און ס׳איז טאַקע געווען גאַרניט שלעכט.

„איין חסרון, וואָס אַזוי ווינציק". — האָט באַמערקט מײַן ברודער אליהו, וואָס איז דעם טאָג געווען זייער האַפּערדיק, אַזוי האַפּערדיק, אַז ער האָט מיר צוליב געטאָן, איך זאָל ניט גיין אַזוי גיך צוריק צו הערש־בער דעם חזן און איך זאָל זיך נאָך אַביסל שפּילן אין דער היים.

— דו ביסט דאָך באַ אונדז אַן אורח אַף שבועות, — האָט ער מיר געזאָגט און דערלויבט צו שפּילן זיך אין דרויסן אַף די קלעצער, נאָר מיט אַ תנאי, איך זאָל ניט קלעטערן צופיל און חלילה ניט צערײַסן די איינציקע פּאָר הייזלעך.

כאַ־כאַ־כאַ! נישט צערײַסן די איינציקע פּאָר הייזלעך? נישטאָ וועך ס׳זאָל לאַכן, ווי איך בין אַ ייִד! איר זאָלט זען אַ פּאָר הייזלעך — נו־נו! לאָמיר בעסער ניט ריידן פון קיין הויזן!... לאָמיר בעסער ריידן פון יאָסיע דעם נגידס קלעצער. אַני, קלעצער, קלעצער! יאָסיע דער נגיד מיינט, אַז די קלעצער זײַנען זײַנע קלעצער. אַ נעכטיקער טאָג! די קלעצער זײַנען מ ײַ נ ע קלעצער! איך האָב מיר געמאַכט פון זיי אַ פּאַלאַץ מיט אַ ווײַנגאָרטן. איך בין דער פּרינץ. דער פּרינץ שפּאַצירט אַרום פראַנק און פרײַ באַ זיך אין ווײַנגאָרטן, רײַסט־אָפּ אַ קריגעלע — אַ קנאַק אָן שטערן, נאָך אַ קריגעלע — אַ קנאַק אָן שטערן... אַלע זײַנען מיר מקנא. אַפילו יאָסיע דעם נגידס ייִנגל, הענעך מיטן אייגל, פאַרגינסט מיר ניט מײַן גוטס. ער גייט פאַרבײַ אין זײַנע נײַע ליוסטרירענע מלבושימלעך און ווײַזט מיר אַף מײַנע הויזן און לאַכט און קרימט דאָס אייגל און זאָגט צו מיר:

— זע נאַר, זאָלסט עפּעס ניט פאַרלירן...

— גיי בעסער אַוועק מיט גוטן, — זאָג איך אים — אַניט, רוף איך אַרויס מײַן ברודער אליהו!...

פאַר מײַן ברודער אליהו האָבן אַלע ייִנגלעך דרך־ארץ, און הענעך מיטן אייגל טראָגט זיך אָפּ, און איך בלײַב ווידער אַליין, ווידער דער זעלבער פּרינץ באַ זיך אין ווײַנגאָרטן... אַן עבירה נאַר, וואָס „מעני" איז דאָ ניטאָ! אונדזער שכנס קעלבל איז שוין מער קיין קעלבל, ס׳איז שוין אַ „סקאָטינאַ" (אַזוי זאָגט אונדזער שכנה פּעסיע). וואָס הייסט דאָס אַ סקאָטינאַ? און צוליב וואָס האָט מען דאָס פאַרקויפט צום קצב? שוין זשע אַף אַוועקצוקוילען? צוליב דעם איז דאָס געבוירן געוואָרן, מע זאָל

דאָס נאָכדעם קוילען?... צו וואָס ווערט געבוירן אַ קעלבל און צו וואָס ווערט געבוירן אַ מענטש?...

פּלוצים דערהער איך פון שטוב אַרויס אַ מאָדנע אויסגעשריי מיט אַ געוויין... איך דערקען דער מאַמעס קול... איך הייב אויף די אויגן — אַן איינגעלויף באַ אונדז אין שטוב... ייִדן און ווייבער... דער אַרויס, דער אַריין... איך ליג אַף אַ קלאָץ מיטן בויך אַראָפּ. מיר איז גוט!... שאַט־שאַט! אָט גייט יאָסיע דער נגיד! יאָסיע דער נגיד איז גבאי אין דער קצבישער קלויז, דאָרט וווּ מײַן טאַטע איז חזן שוין דרײַ און צוואַנציק יאָר. יאָסיע איז אַליין געוועזן אַמאָל אַ קצב. הײַנט האַנדלט ער מיט אָקסן און מיט פעל און איז אַ נגיד, אַ גרויסער נגיד! יאָסיע מאַכט מיט די הענט, בייזערט זיך אַף דער מאַמע און טענהט:

— סטײַטש, סטײַטש! וואָס האָט מען מיר ניט געזאָגט, אַז פּייסי דער חזן איז אַזוי סלאַף? (ער קאָן ניט אויסריידן קיין שין). וואָס האָט איר געסווייגן?

— וואָס זאָל איך שרײַען? — פאַרענטפערט זיך פאַר אים די מאַמע און גיסט מיט טרערן. — די גאַנצע שטאָט האָט געזען, ווי איך מוטשע מיך, געוואָלט אים ראַטעווען... און ער אַליין האָט אויך געבעטן זיך, מע זאָל אים ראַטעווען...

און די מאַמע קאָן נישט ריידן ווײַטער, פאַרברעכט מיט די הענט, פאַרוואָרפט מיטן קאָפּ. מײַן ברודער אליהו כאַפּט זי אונטער:

— מאַמע! וואָס דאַרפסטו זיך פאַרענטפערן? מאַמע! פאַרגעס ניט, מאַמע, ס'איז יום־טוב, ס'איז שבועות, מע טאָר ניט וויינען, מאַמע!...

און יאָסיע דער נגיד הערט ניט אויף צו פײַערן אַף מײַן מאַמע:

— וואָס דערציילט איר מיר — די גאַנצע סטאָט! ווער איז די סטאָט? זאָגן זאָלט איר מיר! למען השם, צו מיר! אַלצדינג אַף מײַן חסבון! חברה־קדיסא, סאַמאָסים, תכריכים — אַלץ אַף מיר, אַלצדינג אַף מײַן חסבון!... און טאָמער דאַרף מען עפּעס טאָן פאַר די יתומים, זאָלט איר גיין צו מיר, איר זאָלט זיך גאָר ניט סעמען!

יאָסיע דעם נגידס ווערטער באַרויִקן אָבער ווינציק־וואָס מײַן מאַמע. זי האַלט אין איין יאָמערן און אין איין חלשן באַ מײַן ברודער אליהו אַף די הענט. און מײַן ברודער אליהו, וואָס האַלט אַליין אין וויינען, הערט נישט אויף צו דערמאָנען איר, אַז „הײַנט איז יום־טוב, מאַמע, הײַנט איז שבועות, מאַמע! מאַמע, מע טאָר ניט וויינען, מאַמע!"...

און מיטאמאל ווערט מיר אלץ קלאר. און עס טוט מיר א קלעם דאס הארץ, א צי בא דער נשמה, און עס גלוסט זיך מיר וויינען, און איך ווייס ניט אף וועמען . . . און רחמנות האב איך אף דער מאמע, און איך קאן ניט זען ווי זי וויינט, און ווי זי חלשט, און ווי זי צאפלט בא מיין ברודער אף די הענט. און איך פארלאז מיין פאלאץ, מיט מיין וויינגארטן, און איך גיי־צו צו איר פון הינטן, און איך זאג איר מיטן זעלבן לשון, וואס מיין ברודער אליהו, און טרערן קאפען פון מיינע אויגן:

— מאמע! היינט איז יום־טוב, מאמע, היינט איז שבועות, מאמע! מאמע, מע טאר ניט וויינען, מאמע! . . .

II

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום!

— א. —

פון זינט איך בין צו מײַן שכל געקומען, געדענק איך ניט, איך זאָל זײַן אַזאַ מיוחס, ווי אַצינד. וואָס איז מיט מיר דער יחוס? — מײַן טאַטע, פּייסי דער חזן, ווייסט איר דאָך, איז געשטאָרבן דעם ערשטן טאָג שבועות, און איך בין געבליבן אַ יתום.

פון דעם ערשטן טאָג נאָך שבועות האָבן מיר אָנגעהויבן זאָגן קדיש — איך און מײַן ברודער אליהו. ער טאָקע האָט מיך אויסגעלערנט זאָגן קדיש.

מײַן ברודער אליהו איז אַ געטרײַער ברודער, אָבער נישט קיין גוטער רבי. ער איז אַ כעסן, ער שלאָגט זיך! ער האָט אויפגעעפנט אַ סידור און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר און האָט אָנגעהויבן מיט מיר שטודירן:

— יתגדל ויתקדש שמיה רבה... ער וויל, אַז איך זאָל שוין קאָנען אויסנווייניק. ער חזרט־איבער מיט מיר נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, פון אָנהייב ביזן סוף, און הייסט מיר, אַז איצט זאָל איך שוין זאָגן אַליין. איך זאָג אַליין, אָבער עס גייט ניט.

ביז „ויצמח פורקניה" איז נאָך ווי עס איז, און קומט צו „ויצמח פורקניה", פּאַרטשעפּע איך מיך. דערלאַנגט ער מיר מיטן עלנבויגן און זאָגט מיר, אַז דער קאָפּ איז מיר, אַפּנים, ערגעץ אין דרויסן (גלײַך ווי געטראָפן), אָדער ערגעץ באַם קעלבל (גלײַך ווי ער איז געוועזן דערבײַ)... ער פּוילט זיך ניט און חזרט אײַן מיט מיר נאָכאַמאָל. איך האָב מיך קוים דערשלאָגן ביז „לעילא ולעילא מן כל ברכתא ושירתא תושבחתא"

— און ווײַטער נישט אַ טראַט! ער נעמט מיך אָן פֿאַרן אויער און זאָגט, אַז דער טאַטע זאָל אויפֿשטיין און זען, וואָס פֿאַר אַ זון ער האָט!...

— וואָלט איך פֿאַרשפּאָרט זאָגן קדיש...

אַזוי זאָג איך צו מײַן ברודער אליהו און כאַפּ פֿון אים אַ געשמאַקן פּאַטש מיט דער לינקער האַנט אין דער רעכטער באַק אַרײַן. דערהערט די מאַמע און גיט אים אַ פּסק, ער זאָל מיך נישט שלאָגן, וואָרעם איך בין אַ יתום.

— גאָט איז מיט דיר! וואָס טוסטו? וועמען שלאָגסטו? האָסט פֿאַרגעסן, אַפּנים, אַז דאָס קינד איז אַ יתום?!

שלאָפֿן שלאָף איך מיט דער מאַמען אינעם טאַטנס בעט — דאָס איינציקע שטיקל מעבל אין שטוב. די קאָלדרע גיט זי אָפּ כמעט אינגאַנצן מיר.

— דעק דיך אײַן, זאָגט זי צו מיר, און ווער אַנטשלאָפֿן, מײַן טײַערער יתום. עסן איז ניטאָ וואָס...

דעקן דעק איך מיך אײַן, אָבער שלאָפֿן שלאָף איך נישט. איך חזר מיר דעם קדיש, אױף אויסנווייניק. אין חדר גיי איך נישט, לערנען לערן איך נישט, דאַווענען דאַוון איך נישט, זינגען זינג איך נישט. פּטור פֿון אַלצדינג.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

— ב. —

מזל־טוב! איך קאָן שוין גאַנץ קדיש אױף אויסנווייניק. רבנן־קדיש אויך. אין שול שטיי איך אױף אַ באַנק און קלאַפּ דעם קדיש, ווי אַ מזיק. אַ קול־נגינה האָב איך אויך, בירושה פֿון מײַן טאַטן, אָן אמתע סאָפּראַנאָ. אַלע יונגלעך שטעלן זיך אוים אַרום מיר און זײַנען מיר מקנא. ווײַבער וויינען. באַלעבאַטים שענקען מיר אַ קאָפּיקע. יאָסיע דעם נגידס יונגל, הענעך מיטן אייגל (ער איז אַ מוראַדיקער ניט־פֿאַרגינער!), אַז עס קומט צו רבנן־קדיש, שטעלט ער מיר אַרויס אַ צונג, — ער וויל, ער גייט־אויס, ער חלשט, איך זאָל מיך צעלאַכן. אים אױף צו־להכעיס וועל איך ניט לאַכן! האָט דערזען אַהרן דער שמש, האָט ער אים גענומען פֿאַר אַן אויער און האָט אים צוגעפֿירט צו דער טיר. אַ מצווה אױף אים! מחמת איך זאָג קדיש אינדערפֿרי און אָפּדערנאַכט, גיי איך שוין מער

ניט צו הערש־בער דעם חזן און טראָג מיך ניט אום מיט זײַן דאַבציען. איך בין פרײַ. אַ גאַנצן טאָג געפין איך מיך באַם טײַך — אָדער איך כאַפּ פיש, אָדער איך באָד מיך. כאַפּן פיש האָב איך מיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין. אַז איר ווילט, קאָן איך אײַך אויך אויסלערנען. מע טוט־אויס דאָס העמד און מע פאַרקניפּט דעם אַרבל און מע גייט פּאַ־וואָליע ביזן האַלדז אין וואַסער. מע דאַרף גיין לאַנג — לאַנג. אַז איר פילט, אַז דאָס העמד איז שווער, איז אַ סימן, אַז ס'איז פול, גייט איר אַרויס וואָס גיכער און טרייסלט אויס דאָס גאַנצע גראָז מיט דער בלאָטע און קוקט זיך גוט צו. אין גראָז ליגן פאַרפּלאָנטעט אָפּטמאָל קליינע זשאַבקעלעך — וואַרפט זיי אַרײַן צוריק אין וואַסער אַרײַן, ס'אַ צער־בעלי־חיים. אין דער געדיכטער בלאָטע קאָנט איר אַמאָל געפינען אַ פּיאַווקע. פּיאַווקעס איז געלט — פּאַר אַ צענדליק פּיאַווקעלעך קאָנט איר באַקומען דרײַ גראָשן, אָנדערטהאַלבן קאָפּיקעס. עס גייט נישט צופוס... קיין פיש זאָלט איר ניט זוכן. אַמאָל איז געווען פיש אויך, הײַנט איז נישטאָ. איך יאָג זיך ניט נאָך קיין פיש. איך בין צופרידן, עס זאָל כאָטש זײַן פּיאַווקעס. ניט אַלעמאָל איז דאָ פּיאַווקעס. הײַנטיקן זומער איז ניט געווען איין פּיאַווקע! פון וואַנען האָט זיך דערוווּסט מײַן ברודער אליהו, אַז איך כאַפּ פיש — ווייס איך ניט. ער האָט מיר שיער ניט אָפּגעריסן אַן אויער פאַר די פיש. אַ גליק, וואָס פּעסיע די גראָבע, אונדזער שכנה, האָט דערזען. אַן אייגענע מאַמע דאַרף זיך אַזוי ניט אײַנ־שטעלן פאַר איר קינד.

— אַט אַזוי שלאָגט מען אַ יתום?...

מײַן ברודער אליהו האָט זיך פאַרשעמט און האָט מיר אָפּגעלאָזט דעם אויער. אַלע שטעלן זיך אײַן פאַר מיר. מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

— ג —

אונדזער שכנה פּעסיע די גראָבע, האָט זיך אין מיר פאַרליבט. זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו דער מאַמען, ווי אַ קלעשטש, איך זאָל דער־ווײַל זײַן באַ איר, באַ פּעסיען, הייסט עס.

— וואָס וועט אײַך אַרן? — האָט זי געטענהט. — עס גייען באַ

מיר צום טיש צוועלף, וועט ער זײַן אַ דרײַצנטער. באַ דער מאַמען האָט זי קוים געפּועלט. האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט מײַן ברודער אליהו.

— ווער וועט אַף אים אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קדיש?

— איך וועל אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קדיש. נו, שוין? האָט איר צו מיר גאָרניט?

פּעסיע איז נישט קיין גבירטע. איר מאַן איז אַן אײַנבינדער און הייסט משה. ער האָט אַ שם פאַרן בעסטן בעל־מלאָכה. דאָס אַליין איז אָבער קאַרג. מע דאַרף נאָך האָבן מזל אויך. אַזוי זאָגט פּעסיע צו מײַן מאַמען. מײַן מאַמע גיט איר נאָך. זי זאָגט, אַז צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבן מזל. פאַר אַ סימן נעמט זי מיך. אָט בין איך אַ יתום, און אַלע ווילן מיך. פאַראַן בעלנים, וואָס ווילן מיך צו זיך אַף שטענדיק, נאָר ווי לאַנג קרענקען אירע שונאים, ווי לאַנג זי וועט מיך אַוועקגעבן אַף שטענדיק! אַזוי זאָגט די מאַמע און וויינט. זי האַלט זיך אָן עצה מיט מײַן ברודער אליהו.

— ווי מיינסטו? זאָל ער זײַן דערווײַל באַ פּעסיען?

מײַן ברודער אליהו איז שוין אַ גרויסער. אַניט, וואָלט מען זיך מיט אים ניט געהאַלטן קיין עצה. ער גלעט זיך מיט דער האַנט דאָס ריינע נאָך ניט באַוואַקסענע פּנים, גלײַך ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַ באָרד, און רעדט ווי אַ גרויסער:

— מהיכי תיתי, אַבי ער זאָל נאָר ניט זײַן קיין שייגעץ.

און עס בלײַבט, אַז איך וועל זײַן דערווײַל באַ אונדזער שכנה פּעסיע, נאָר בתנאי, איך זאָל ניט זײַן קיין שייגעץ. אַלצדינג הייסט באַ זיי אַ שייגעץ! אָנהעגנען דער קאַץ אַ פּאַפּיר אַפּן עק, זי זאָל זיך דרייען — הייסט באַ זיי אַ שייגעץ. קלאַפּן מיט אַ שטעקל איבער די גראַטעס פונעם גלחס הויף, אַלע הינט זאָלן זיך צונויפלויפן — הייסט באַ זיי אַ שייגעץ. אָפּשטעקן באַ לייבקע דעם וואַסער־פירער דעם צאַפּן פון דער פאַס, ס'זאָל אויסלויפן העכער האַלב וואַסער — הייסט באַ זיי אַ שייגעץ.

— דײַן גליק, וואָס דו ביסט אַ יתום! — זאָגט צו מיר לייבקע דער וואַסער־פירער. — אַניט, וואָלט איך דיר איבערגעבראָכן אַ האַנט מיט אַ פוס! מעגסט מיר גלייבן אַף נאמנות.

איך גלייב אים אַף נאמנות. איך ווייס, אַז איצט וועט ער מיך ניט אָנרירן, ווײַל איך בין אַ יתום.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

— ד —

אונדזער שכנה פּעסיע, זאָל מיר מוחל זײַן, האָט געזאָגט אַ גרויסן ליגן. צוועלף, האָט זי געזאָגט, גייען בײַ איר צום טיש. לויט מײַן רעכענונג, בין איך דער פערצנטער. אפשר, זי האָט פאַרגעסן אַרײַנרעכענען דעם בלינדן פעטער ברוך. און אפשער האָט זי אים ניט אַרײַנגעשטעלט צווישן די עסערס דערפאַר, ווײַל ער איז שוין זייער אַלט און האָט קיין ציין ניט אַף צו קײַען. איך וועל מיך ניט שפּאַרן. קײַען קאָן ער נישט, דערפאַר אָבער שלינגט ער, ווי אַ גאַנדז, און כאַפּט. אַלע כאַפּן זיי. זייער כאַפּן איז חוץ לדרך הטבע. איך כאַפּ אויך. שלאָגן זיי מיך. מיט די פים אונטערן טיש שלאָגן זיי מיך. מער פון אַלע שלאָגט זיך ושתי. ושתי איז אַ רוצח. הייסן הייסט ער הערשל, נאָר מחמת ער האָט אַ גאָלי אָפּן שטערן, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן „ושתי״. אַלע האָבן זיי דאָ נעמען און צונעמען: „קלעצל״, „קאָטער״, „טשערנאָהוז״, „בופלאַקס״, „פּעטעלעלע״, „גיב־מיר־נאָך״, „שמיר־מיט־פּוטער״...

האָט קיין יסורים ניט — יעדער נאָמען האָט זיך זײַן שורש. פּיניע הייסט „קלעצל״ דערפאַר, ווײַל ער איז גראָב און קײַלעכיק, ווי אַ קלעצל. וועלוול איז אַ שוואַרצער, רופט מען אים „קאָטער״. חיים איז אַ בופלאַקס, הייסט ער „בופלאַקס״. מענדל האָט אַ שפּיצעכיקע נאָז, איז ער אַ „טשערנאָהוז״, „פּעטעלעלע״ האָט מען אַ נאָמען געגעבן פּײַטלען דערפאַר, ווײַל ער קאָן נישט ריידן. בערל איז אַ גרויסער נאַשער: אַז מע גיט אים אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ, זאָגט ער: „גיב מיר נאָך״. זרחן האָט מען געגעבן אַ מיאוסן נאָמען „שמיר־מיט־פּוטער״ איבער אַ מיאוסן חסרון, וואָס נישט ער איז שולדיק. שולדיק קאָן זײַן איז די מוטער, וואָס זי האָט דאָס פאַרלאָזט און קינדווײַז ווינציק געצוואָגן. און אפשר איז זי אויך ניט שולדיק? איך וועל זיך נישט גיין שפּאַרן. שלאָגן זיך אוודאי נישט! קורץ, ס'איז אַ שטוב, וואָס יעדער האָט

א צונעמעניש.. וואָס דאַרפט איר מער — די קאַץ, שוין גאָר אַ שטומע צונג, שוין געווים גאָט די נשמה שולדיק, הייסט זי באַ זיי: „פּייגע־לאה די גבאיטע". איר ווייסט, פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס זי איז אַ גראָבע, און פּייגע־לאה נחמן דעם גבאים ווײַב איז אויך אַ גראָבע. וויפל, מיינט איר, האָבן זיי שוין געכאַפּט פּעטש דערפאַר, זיי זאָלן נישט רופן קיין קאַץ מיט אַ מענטשלעכן נאָמען? ווי אַן ארבעס אין וואַנט! האָבן זיי געגעבן עמעצן אַ צונעמעניש, איז פאַרפאַלן!

— ה. —

מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן — טרעפט ווי אַזוי? „מאָטל מיט די לעפּצן"... לעפּצן איז אַ דײַטשיש וואָרט. אַף אונדזער לשון הייסט דאָס „ליפּן". אַפּנים, זיי איז נישט געפעלן מײַנע ליפּן. זיי זאָגן, אַז איך עס, מאַך איך מיט די ליפּן. איך וואָלט וועלן זען יענעם מענטשן, וואָס זאָל עסן און נישט מאַכן מיט די ליפּן! איך בין נישט פון די האַנאָריסטע, וואָס מע טאָר זיי נישט אָנרירן זייער כבוד. נאָר איך ווייס נישט פאַרוואָס — מיר איז דאָס צונעמעניש שטאַרק נישט געפעלן! און ווײַל ס'איז מיר נישט געפעלן, רייצן זיי זיך מיט מיר און רופן מיך דווקא אַזוי. אײַנגעגעסענע ברואים — איר האָט נאָך אַזעלכע נישט געזען! פריער האָב איך באַ זיי געהייסן: „מאָטל מיט די לעפּצן". נאָכדעם: גלאַט „מיט די לעפּצן". שפּעטער: „די לעפּצן". גאָר שפּעטער: „לעפּצן".

— לעפּצן! ווו זײַט איר געווען?

— לעפּצן! ווישט אָפּ די נאָז!

עס פאַרדריסט מיך און עס ברענט מיך, און איך וויין. דערזעט דער פאָטער זייערער, פּעסיעס מאַן, משה דער אײַנבינדער, איינמאָל, אַז איך וויין, פרעגט ער מיך: וואָס וויין איך? זאָג איך אים: ווי:אַזוי זאָל איך ניט וויינען, אַז איך הייס מאָטל און מע רופט מיך „לעפּצן"! פרעגט ער: ווער? זאָג איך: „ושתי". וויל ער שלאָגן „ושתין", זאָגט „ושתי": ס'איז נישט איך, ס'איז „קלעצל". וויל ער שלאָגן „קלעצלען", זאָגט „קלעצל": ס'איז נישט איך, ס'איז „קאָטער".

איינער אָפּן אַנדערן, דער אַנדערער אָפּן דריטן — אַ מײַסע אָן אַן

עק! איז זיך מיישב דער פֿאָטער, משה דער אײַנבינדער, און לייגט זיי אַוועק אַלע איינציקווייז און שמײַסט זיי אָפּ מיט אַ טאָוול פֿון אַ „קרבן־מנחה" און זאָגט זיי:

— ממזרים! איך וועל אײַך ווײַזן, וויאַזוי צו לצעווען פֿון אַ יתום! עס וועט אַ רוח אין אײַער טאַטנס ערד אַרײַן!...

אַט אַזוי. יעדער נעמט זיך אָן מײַן קריוודע. אַלע, אַלע שטעלן זיך אײַן פֿאַר מיר.

מיר איז גוט — איך בין אַ יתום...

III

וואָס וועט זײַן פֿון מיר?

— א. —

אַנו, טרעפֿט, ווו איז דער גן־עדן? איר וועט נישט טרעפֿן. ווייסט איר פֿאַר וואָס? ווײַל באַ איטלעכן איז ער אַף אַן אַנדער אָרט. למשל, די מאַמע זאָגט, אַז דער גן־עדן איז דאָרטן, ווו מײַן טאַטע, פּייסי דער חזן, געפֿינט זיך. דאָרטן, זאָגט זי, געפֿינען זיך אַלע ערלעכע נשמות, וואָס זײַנען נעבעך אָפּגעקומען אַף דער וועלט; דערפֿאַר וואָס זיי האָבן ניט די וועלט, קומט זיי יענע וועלט. דאָס איז דאָך קלאָר, ווי דער טאָג. דער בעסטער באַווײַז איז טאַקע דער טאַטע מײַנער. וואָרעם ווו דען זאָל ער זײַן, אַז ניט אין גן־עדן? קאַרג האָט ער זיך אָנגעמוטשעט אַף דער וועלט?... אַזוי זאָגט די מאַמע מײַנע און ווישט זיך בשעת מעשה די אויגן, ווי איר שטייגער איז, אַז זי רעדט פֿונעם טאַטן. פֿרעגט־זשע אָבער באַ מײַנע חברים, וועלן זיי אײַך דערציילן מעשיות, אַז דער גן־עדן געפֿינט זיך ערגעץ אַף אַ באַרג פֿון סאַמע קרישטאָל, הויך ביזן הימל. ייִנגלעך לויפֿן דאָרט אַרום פּראַנק און פֿרײַ, לערנען לערנט מען ניט, נאָר מע באָדט זיך גאַנצע טעג אין מילך און מע עסט האָניק מיט פֿולע הויפֿנס. זײַט איר שוין פֿאַרטיק? קומט צו גיין אַ ייִד אַן אײַנבינדער און טוט זיך אַ זאָג, אַז דער אמתער גן־עדן איז גאָר פּרײַטיק אין באָד. איך האָב עס אַליין געהערט פֿון אונדזער שכנהס מאַן, משה דעם אײַנבינדער, איך זאָל אַזוי הערן אַלדאָס גוטס! הײַנט גייט דערגייט אַן עק! מע זאָל, אַ שטייגער, פֿרעגן מיך, וואָלט איך געזאָגט, אַז דער גן־עדן — דאָס איז מנשה דעם רופֿאס גאָרטן. זינט איר לעבט, האָט איר נאָך אַזאַ גאָרטן ניט געזען. דאָס איז דער איינציקער גאָרטן

נישט נאָר אַף אונדזער גאַס, נישט נאָר בּאַ אונדז אין שטאָדט, — איך האָב מורא, אַז אַף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ נאָך אַזאַ גאָרטן. נישט געוועזן און סע וועט נישט זײַן! דאָס וועלן אײַך אַלע זאָגן. וואָס ווילט איר, זאָל איך אײַך באַשרײַבּן פּריִער: מנשה דעם רופא מיט זײַן ווײַב מנשהכע די רופאטע? צי איך זאָל אײַך מאָלן פּריִער דעם גן־עדן, מיין איך דעם גאָרטן זייערן? איך רעכן, אַז פּריִער פון אַלץ זאָל איך אײַך דערציילן פון מנשהן מיט מנשהכען. זיי זײַנען דאָך די באַלעבאַטים, קומט זיי פּריִער דער כבוד.

— ב. —

מנשה דער רופא טראָגט סײַ ווינטער סײַ זומער אַ הענג־קאָלנער. ער טוט נאָך דעם שוואַרצן דאָקטער. איין אויג האָט ער אַ קליינס, און דאָס מויל איז אים, ניט אין מײַן מאָס, אַ ביסל אַף אַ זײַט. דאָס הייסט, ניט אַביסל, נאָר אַ סך, טאַקע גאָר אַ סך. פון אַ ווינטל איז דאָס אים געקומען. אַזוי זאָגט מנשה דער רופא אַליין. איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי ווערט דאָס פון אַ ווינטל דאָס גאַנצע מויל אַף אַ זײַט? וויפל ווינטן, גרויסע און קליינע, בין איך, אַ שטייגער, אויסגעשטאַנען אין מײַן לעבן! דער גאַנצער קאָפּ וואָלט שוין אַצינד באַדאַרפט זײַן בּאַ מיר פון יענער זײַט פּלייצעס. איך רעכן, אַז ס'איז נאָר אַ רגילות, ווי־אַזוי מע געוויינט זיך אײַן. אָט, למשל, פאַראַן בּאַ מיר אַ חבר בערל, פינטלט ער מיט די אויגן. נאָך אַ חבר האָב איך, וועלוול, זופּט ער לאָקשן מיט יויך ווען ער רעדט. אַלצדינג אַף דער וועלט איז אַ רגי־לות. און כאָטש דאָס מויל איז אים אַף אַ זײַט, פונדעסטוועגן מאַכט מנשה בעסער פון אַלע דאָקטוירים. ערשטנס, איז ער בּאַ זיך ניט אַזאַ פּריץ, ווי אַנדערע דאָקטוירים. אַז מע רופט אים, קומט ער באַלד צו לויפן אַ פאַרשוויצטער. און צווייטנס, איז בּאַ אים נישט קיין מאָדע שרײַבּן רעצעפּטן. רפואות מאַכט ער אַליין. אַנומלטן האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אַ מין שטעכעניש מיט אַ קעלט, מיט אַ ציטערניש (אַפּנים, פון צופיל ליגן אין טײַך?), איז די מאַמע באַלד אַוועקגעלאָפן און האָט אַראָפּגעבראַכט מנשה דעם רופא. האָט ער מיך באַטראַכט און אַ זאָג געטאָן מיטן קרומען מויל צו דער מאַמען:

— איר האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן. ס'איז אַ געלעכטער. דער שייגעץ האָט זיך צוגעקילט די לונג.

און מיט די ווערטער נעמט ער אַרויס פון קעשענע אַ בלוי פּלעשעלע און שיט אויס אין זעקס שטיקלעך פּאַפּיר עפּעס אַ ווײַסע זאַך. דאָס ווערט אָנגערופן „פּראָשקעס". איין פּראָשעק הייסט ער מיר, איך זאָל אײַננעמען באַלד. דריי איך מיך און קנייטש מיך אױף אַלע זײַטן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז עס דאַרף זײַן ביטער, ווי דער טויט. כך הוה. איך האָב דאָך טאַקע געטראָפן! ביטער צו ביטער איז ניט גלײַך. פרישע קאָרע פון קליינע ביימעלעך האָט איר אַמאָל פאַרזוכט? אָט אַזאַ טעם האָבן זײַנע פּראָשקעס. איר זאָלט האָבן אַ כלל: וויבאַלד פּראָשקעס, מוזן זיי זײַן ביטער. עס האָט מיר ניט געהאָלפן קיין שום רבונו־של־עולם. איך האָב דעם פּראָשעק אײַנגענומען און געזען זיך מיטן טויט... די איבעריקע פינף פּראָשקעס, האָט ער אָנגעזאָגט דער מאַמען, זאָל איך אײַננעמען אַלע צוויי שעה אַ פּראָשעק. געפונען אַ בעלן אױף אײַננעמען גאָל! די מאַמע האָט זיך נאָר אָפּגעקערעוועט אױף אַ מינוט, געגאַנגען אָנזאָגן מײַן ברודער אליהו, אַז איך בין קראַנק, האָב איך אַלע פינף פּראָשקעס אויסגעשאָטן אין פּאַמעניצע און אָנגעשאָטן אין די פּאַפּירלעך אַ ביסל מעל. אַ גוט שטיקל אַרבעט האָט אױף זיך געהאַט די מאַמע: אַלע צוויי שעה האָט זי געמוזט לויפן צו אונדזער שכנה פּעסיע קוקן אױפן זייגער. נאָך יעדן פּראָשעק, וואָס איך האָב אײַנגענומען, האָט זי באַמערקט, אַז עס ווערט מיר בעסער. נאָך דעם זעקסטן פּראָשעק בין איך אויפגעשטאַנען אַ געזונטער מענטש.

— אָט דאָס הייסט אַ דאָקטער! — האָט זי געזאָגט און נישט געלאָזט מיך גיין אין חדר, געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב און געגעבן מיר זיסן טיי מיט ווײַסער בולקע.

— מנשה איז מער דאָקטער פון אַלע דאָקטוירים, געבן זאָל אים גאָט געזונט און אַ סך יאָרן! ער האָט אַזעלכע פּראָשקעס, וואָס זײַנען מחיה מתים, מאַכן פון טויט לעבעדיק...

אַזוי האָט זיך די מאַמע נאָכדעם באַרימט פאַר דער גאַנצער וועלט, בשעת־מעשה זיך געווישט די אויגן, ווי איר שטייגער איז.

— ג —

מנשה דעם רופאס ווײַב רופט מען אױף איר מאַנס נאָמען: „מנשהכע די רופאטע". זי איז אַ טרפה יודענע. אַזױ זאָגן אַלע. װײסט איר, פאַרװאָס? װײַל זי איז אַ רשעטע. אַ פּנים האָט זי, װי אױף צו־להכעיס, אַ מאַנצבילשן, אַ קול פון אַ מאַנצביל, טראָגט מאַנצבילשע שטיװל און אַז זי רעדט, דאַכט זיך אײַך אױס, אַז זי בײזערט זיך. זי האָט אַ שײ־נעם שם אױף דער װעלט. זינט זי לעבט, האָט נאָך קײן אָרעמאַן בײַ איר קײן שטיקל ברױט ניט אױפגעגעסן. און אַ שטוב איז בײַ איר פון כל טוב. בײַ איר קאָנט איר געפינען אײַנגעמאַכצן פון פאַר־אַ־יאָרן, פון פאַר דרײַ יאָרן און פון פאַר צען יאָרן. װאָס דאַרף זי, למשל, אַזױ פיל אײַנגעמאַכטס? פרעגט זי, אַ שטײגער, װײס זי אַלײן ניט. אָט אַזאַ טבע איז בײַ איר. אַ פאַרפאַלענע זאַך, איר װעט זי שױן נישט איבערמאַכן. זי װײס, אַז עס קומט דער זומער, האַלט זי אין אײן פרעגלען אײַנגעמאַכטס. איר מײנט, זי פרעגלט אױף קױלן? װער־װאָס? זי קאָן באַשטײן אױף שטעכעלקעס, שישקעס, אָפּגעפאַלענע בלעטלעך. זי מאַכט אָן אַזאַ רױך אױף דער גאַנצער גאַס, אַז מע קאָן דערשטיקט װערן. טאָמער װעט זיך אײַך מאַכן אַמאָל קומען צו אונדז זומער־צײַט און איר װעט דערפילן אַ רױך פון „סמאַלינע", זאָלט איר זיך נישט שרעקן, ס'איז ניט קײן שרפה. דאָס פרעגלט מנשהכע די רופאטע אײַנגעמאַכטס, אַלײן, מיט אירע אײגענע הענט, פון אירע אײ־גענע פּירות, אין איר אײגענעם גאָרטן. און אָט אַזױ קומען מיר צו צום גאָרטן, װאָס כ'האָב אײַך צוגעזאָגט.

— ד —

װאָס פאַר אַ פּירות געפינט איר נישט אינעם דאָזיקן גאָרטן? עפּל, און באַרן, און װײַנשל, און פלױמען, און קאַרשן, און אַגרעסן, און װײַנ־פּערלעך, און פערשקעס, און שפּאַנקעס, און מאַרעלן, און מאַלינעס, און אָזשעניצעס, און שאַלקאָװיצעס, און װאָס ניט? װאָס דאַרפט איר מער — אפילו װײַנטרױבן ערב ראש־השנה אױף שהחיינו װי קריגט מען? — בײַ איר, בײַ מנשהכע דער רופאטע! אמת, די װײַנטרױבן אַז מע פאַר־זוכט, דערזעט מען קראָקע מיט לעמבערג. אַזױ שטאַרק זױער זײַנען

זיי! פונדעסטוועגן, נעמט זי אָפּ פאַר זיי גוט געלט! פון אַלצדינג מאַכט זי געלט. אַפילו פון די סאָנישניקעס. גאָט זאָל אײַך היטן, איר זאָלט באַ איר בעטן אויסרײַסן אַ סאָנישניק! זי וועט אײַך ניט געבן! אַ צאָן זיך אויסרײַסן פונעם מויל איז באַ איר גרינגער, ווי אויסרײַסן אַ סאָנישניק באַ איר פונעם גאָרטן. הײַנט ווער רעדט פון אַן עפּל, אַ באַר, אַ ווײַנשל, אַ פלוים? חיות ניט זיכער! איך בין באַקאַנט מיטן דאָזיקן גאָרטן, ווי אַ ייִד אין אשרי. איך ווייס אַפילו, ווו איטלעכס ביימעלע געפינט זיך, און וואָס עס וואַקסט אױף דעם, און צי ס׳איז הײַנ־טיקס יאָר געראָטן אָדער נישט אַזוי געראָטן. פון וואַנען ווייס איך דאָס? שרעקט אײַך נישט, איך בין דאָרטן נאָך קיינמאָל נישט געווען. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זײַן, אַז דער גאָרטן איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכן פּאַרקאַן, איבערגעדעקט מיט מוראַדיקע שטעכעלקעס? זײַט איר שוין פאַרטיק? איז אינעווייניק דאָ אַ הונט. ניט קיין הונט, נאָר אַ וואָלף! אױף אַ לאַנגן שטריק שטייט ער צוגעבונדן — אָט דער דאָ־זיקער כלב שבכלבים, און אַנו, לאָז נאָר עמעצער דורכגיין פאַרבײַ, אָדער לאָז זיך אים דאַכטן, אַז עמעצער גייט פאַרבײַ, הייבט ער אָן צו רײַסן זיך, שפּרינגען און בילן מיט אַזאַ כעס, גלײַך ווי דער רוח כאַפּט אים אוועק! פרעגט זיך אַ קשיא: וויבאַלד אַזוי, ווי קום איך אין גאָרטן אַרײַן? הערט־זשע, וועל איך אײַך דערציילן.

— ד —

מענדל דעם שוחטס קענט איר, צי ניין? קענט איר דאָך מענדל דעם שוחטס דירה אַוודאי נישט. זי איז די אַנדערע פון מנשה דעם רופאס און קוקט גלײַך צו אים אין גאָרטן אַרײַן. באַ מענדל דעם שויכעטס אַז מע זיצט אױפן דאַך, קאָן מען זען אַלצדינג, וואָס באַ מנשה דעם רופא אין גאָרטן טוט זיך. די גאַנצע קונץ איז, ווי̇אַזוי קלעטערט מען אַרויף צו מענדל דעם שוחטס אױפן דאַך? מיר איז דאָס גאָרנישט. ווייסט איר, פאַרוואָס? ווײַל מענדל דעם שוחטס דירה איז די אַנדערע פון אונדז און איז אַ סך נידעריקער פון אונדזער דירה. אַז מע דראַפּעט זיך אַרויף צו אונדז אױפן בוידעם (איך טו דאָס אָן אַ לייטער; איך וועל אײַך אפשר אַמאָל זאָגן ווי̇אַזוי), און שטעלט איר אַרויס אַ פוס פונעם קליינעם פענצטערל, אַזוי זײַט איר שוין באַ מענדל דעם שוחטס אױפן דאַך. דאָרטן

ליגט איר זיך אוועק ווי אזוי איר ווילט: אדער מיטן פנים ארויף, אדער מיטן פנים אראפ. יעדנפאלס, ליגן זיך מוזט איר, אנישט — קאן מען אייך חלילה דערזען: וואס טוט איר בא מענדל דעם שוחטס אפן דאך? איך האב אויסגעקליבן תמיד א צייט פארנאכטלעך, צווישן מנחה און מעריב, ווען איך בין געגאנגען אין שול ארײַן קדיש זאגן. דעמאלט איז נישט טאג און נישט נאכט, די בעסטע צייט. פון דארטן אראפגעקוקט אין גארטן ארײַן, שווער איך אייך, אז ס׳איז א גן־עדן שבגן־עדן!...

אז דער זומער הייבט זיך אן און דיביימער הייבן אן צו בליִען, זיך באדעקן מיט ווײַסע פעדערלעך, קאנט איר האפן, אז נישט היינט איז מארגן — וועלן זיך באווײַזן אין די קורצע שטעבלדיקע ביימעלעך גרינע אגרעסן. דאס איז די ערשטע פרי, וואס עס גלוסט זיך אייך פאר־זוכן. פאראן מענטשן, וואסווארטן ביז די אגרעסן ווערן רויט. נאראנים! איך זאל האבן די ברכות, וואס גרינערהייט זײַנען זיי א סך מער באטעמט און געשמאק. איר וועט זאגן, זיי זײַנען זויער? עס ווערט פון זיי הייליק די ציין? נו, וואס־זשע איז? א זויערס קוויקט דאס הארץ, און צו הייליקע ציין איז דא א סגולה: זאלץ. מע שיט ארויף זאלץ אף די ציין און מע האלט אפן דאס מויל אקעגן א האלבע שעה, קאן מען נאכדעם עסן ווידעראמאל די זעלבע אגרעסן. נאך די אגרעסן קומען־אויף די ווײַנ־פערלעך. רויטינקע, מיט שווארצע פיסקעלעך, מיט געלע קערעלעך, און צענדליקער־צענדליקער אף איין צווײַגעלע. איין צווײַגעלע אז איר פירט דורך צווישן די ליפן, באקומט איר א פולע מויל מיט ווײַנפערלעך, ווײַ־ניקע, שמעקנדיקע, מחיה נפשות! אז זיי קומען אויף, קויפט מיר די מאמע פאר א גראשן א קווערטעלע ווײַנפערלעך אף שהחיינו — עס איך זיי מיט ברויט. בא מנשהכע דער רופאטע אין גארטן זײַנען דא צוויי רייען קליינע ביימעלעך, הארט בא דער ערד, אנגעזעצט מיט ווײַנפער־לעך. אף דער זון ברענען זיי און פינקלען אפ, און עס גלוסט זיך כאטש איין צווײַגעלע, כאטש איין ווײַנפערל מיט צוויי פינגער געבן א ריס־אפ און גלײַך אין מויל ארײַן! איר וועט מיר גלייבן? אז איך רייד פון גרינע אגרעסן מיט רויטע ווײַנפערלעך, ווערט מיר שוין הײַליק די ציין. לאמיר בעסער ריידן פון ווײַנשל. ווײַנשל האלטן זיך נישט לאנג גרין. ווײַנשל ווערן גיך פארטיק. איך קאן אײַך שווערן בא וואס איר ווילט, אז איך אליין האב באמערקט, ליגנדיק בא מענדל דעם שוחטס אפן דאך, עטלעכע ווײַנשעלעך זײַנען אינדערפרי געווען גרין ווי גראז. איך האב

זײ גוט באַמערקט, געמאַכט אַף זײ אַ סימן. באַטאָג האָבן זײ פון דער זון באַקומען רויטע בעקעלעך. דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט זײַנען זײ שוין געווען רויט ווי פֿײַער! ווײַנשל פלעגט מיר אויך די מאַמע ברענגען אַף שהחיינו. אָבער וויפל ווײַנשל? פינף שטיק אַף אַ פּאָדעם. וואָס טוט מען מיט פינף ווײַנשל? מע שפּילט זיך מיט זײ אַזוי לאַנג, ביז מע ווייס ניט, ווו זײ זײַנען אַהינגעקומען...

— ו. —

וויפל שטערן אין הימל — אַזויפיל ווײַנשל באַ מנשה דעם רופא אין גאָרטן. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז איך בין אַ בעלן געווען אַף איין צוויי־געלע איבערציילן די ווײַנשל. האָב איך געציילט, און נישט געקאָנט אי־בערציילן!... ווײַנשל האָבן אַ טבע, זײ האַלטן זיך שטאַרק אַף די ריטלעך. זעלטן־זעלטן ווען עס פאַלט אַראָפּ אַ ווײַנשל אַף דער ערד — ער מוז שוין זײַן איבערצײַטיק, שוואַרץ אַזוי ווי אַ פלוים. זעט איר, פערשקעס — די פאַלן אָפּ, ווײַבאַלד נאָר זײ ווערן רעכט געל. אַך פערשקעס! פערשקעס! איך האָב זײ ליב מער פון אַלע פּירות. איך האָב אַף מײַן לעבן געגעסן נישט מער ווי איין פערשקע, ליגט זי מיר נאָך אין טעם. דאָס איז געווען מיט עטלעכע יאָר פריִער, איך בין דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין פינף יאָר. מײַן טאַטע האָט נאָך געלעבט, און אין שטוב איך נאָך געווען באַ אונדז אַלצדינג: די גלעזערנע שאַפע, מיט דער קאַנאַפּע, מיט די ספרים, מיטן גאַנצן בעטגעוואַנט. קומט צו גיין איינמאָל דער טאַטע פון שול אַהיים און מאַכט צו מיר און צו מײַן ברודער אליהו, און לייגט אַרײַן די האַנט אין דער הינטערשטער קעשענע, דאָרט ווו מען האַלט די נאָזפאַטשיילע:

— קינדער! פערשקעס וועט איר עסן? איך האָב אײַך געבראַכט פערשקעס. אַ פּאָר פערשקעס.

און ער נעמט אַרויס די האַנט פון דער הינטערשטער קעשענע, דאָרט ווו מע האַלט די נאָזפאַטשיילע, און טראָגט אונדז אונטער, מיר און מײַן ברודער אליהו, צוויי גרויסע געלע קײַלעכיקע שמעקנדיקע פּירות. מײַן ברודער אליהו האָט קיין צײַט נישט. ער מאַכט אַ ברכה, הויך אַף אַ קול, „בורא פרי העץ”, און כאַפּט־אַרײַן די גאַנצע פרי אין מויל אַרײַן. איך קאָן באַשטיין פריִער זיך אָנשפּילן, זיך אָנשמעקן, אָנשפּיגלען, און

נאָכדעם שוין וועל איך זי עסן. אי דאָס — נישט אַף איין מאָל, נאָר שטיקלעכווייַז, און מיט ברויט. פּערשקעס זייַנען גוט מיט ברויט. פון דעמאָלט אָן האָב איך מער קיין פּערשקעס נישט פאַרזוכט, נאָר דעם טעם פון יענער ערשטער פּערשקע קאָן איך נישט פאַרגעסן! איצטער שטייט פאַר מיר אַ גאַנצער בוים מיט פּערשקעס, און איך ליג בײַ מענדל דעם שוחטס אויפן דאַך און קוק און זע, ווי עס פאַלט אַ פּערשקע נאָך אַ פּערשקע. איינע אַ געלע, אַזש אַ רויטלעכע, האָט זיך פאַרשפּאָלטן און געעפנט. עס זעט זיך אַרויס פון איר דאָס בייַכיקע קערל. וואָס וועט זי טאָן, די רופאטע, מיט אַזויפיל פּערשקעס? זי וועט זיי אָפּטרייסלען מן הסתם און וועט פרעגלען פון זיי אייַנגעמאַכטס. דעם אייַנגעמאַכטס וועט זי פאַררוקן ווייַט אין דער הרובע. ווינטער וועט זי אים אָוועקשטעלן אין קעלער אַרייַן, און דאָרטן וועט ער שטיין אַזוי לאַנג, ביז ער וועט ווערן געצוקערט און כאַפּן אַ שימל.

נאָך די פּערשקעס קומען־אויף פלוימען. נישט אַלע פלוימען מיט־אַמאָל. איך האָב צוויי סאָרטן פלוימען בײַ מנשה דעם רופא אין גאָרטן. איין בוים האָב איך מיט „טשערניקעס״. דאָס איז אַ מין קייַלעכיקע, זיסע, האַרטע, שוואַרצע פלוים. דער אַנדערער בוים איז אַ בוים פון פּראָסטע פלוימען. דאָס איז אַ מין פלוימען, וואָס מע רופט זיי „עמערפלוימען״. מע פאַרקויפט זיי אויפן עמער. זיי האָבן אַ דין הייַטל, זייַנען גליטשיק און קלעפּעדיק און וואַסעריק אויפן טעם. פונדעסטוועגן זייַנען זיי נישט אַזוי שלעכט, ווי איר מיינט. הלוואי וואָלט מען זיי נאָר וועלן געבן. מנשהכע די רופאטע איז אָבער נישט פון די איבעריקע געבערקעס. זי מאַכט בעסער פון די פלוימען פּאָווידלע אויפן ווינטער. ווען וועט זי אויפ־עסן אַזויפיל פּאָווידלע?

— ז. —

אַראָפּגעפּטרט די ווייַנשל מיט די פּערשקעס מיט די פלוימען, הייבט זיך אָן פאַר מיר אַ סדרה עפּל. עפּל, דאַרפט איר וויסן, איז נישט קיין בארן. בארן, זיי מעגן זייַן די בעסטע בארן אין דער וועלט („בערגאַ־מאָטן״), ווייבאַלד זיי זייַנען נישט רעכט פּאַרטיק, קאָנט איר מיט זיי גאָרנישט מאַכן. גייט קייַט האָלץ! עפּל מעגן זייַן ווי גרין, די קערעלעך מעגן זייַן ווי ווייַס, האָבן זיי שוין אַ טעם פון עפּל. איר שטעקט אַרייַן די ציין אין אַ גרינעם עפּל, ווערט אייַך זויער אין מויל. ווייסט איר,

וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איך וועל אײַך נישט אָוועקגעבן קיין האַלבן גרינעם עפּל פאַר צוויי צײַטיקע. אַף צײַטיקע דאַרף מען וואַרטן ביז העט־העט, און גרינע עפּל קאָנט איר האָבן תיכף, נאָכדעם ווי דאָס ביי־מעלע האָט אָפּגעבליט. עס ווענדט זיך נאָר אין דער גרויס. וואָס ווײַטער אַן עפּל וואַקסט, ווערט ער גרעסער, ווי, להבדיל, אַ מענטש... עס איז נישט קיין ראיה, אַז אַ גרויסער עפּל דאַרף זײַן גוט. אַמאָל מאַכט זיך, אַ קליין עפּעלע זאָל זײַן בעסער פונעם גרעסטן עפּל. למשל, נעמט „ארץ־ישראל־עפּעלעך". זיי זײַנען ווײַניק, אָבער געשמאַק. צי, אַ שטייגער, קים־ליצעס, אָדער קוואַסעפּעלעך, וואָס גייט זיי אָפּ? הײַנטיקן זומער איז אַף זיי אַ מוראַדיק גערעטעניש. עס וועט זײַן אַזויפיל, אַז מע וועט זיי פירן מיט וועגן. אַזוי האָב איך געהערט פון מנשהכע דער רופאטעס מויל. זי האָט דאָס געזאָגט צו „ראובן דעם עפּל־ייִד", בשעת די עפּל זײַנען נאָך געווען אין רעכטן בליִען. ראובן דער עפּל־ייִד איז געקומען צו גיין אָנקוקן דעם גאָרטן. ער האָט געוואָלט אָפּהאַנדלען בא איר די עפּל מיט די באָרן אַפן בוים. אַף עפּל און אַף באָרן איז ראובן שוין איין מאָל אַ מבין. ער, אַז ער טוט אַ קוק מיט איין אויג אַף אַ בוים, וועט ער אײַך באַלד זאָגן, וויפל פרנסה דער בוים קאָן געבן. ער וועט אײַך קיינמאָל ניט האָבן קיין טעות אַף אָט אַזויפיל. סײַדן עס וועלן זײַן גרויסע ווינטן, און די עפּל וועלן אָפּפאַלן פאַר דער צײַט, אָדער אַ וואָרעם וועט זיך אַרײַנכאַפּן, אַ „האָסעניצע" וועט זיך זעצן. דאָס איז אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס אַ מענטש קאָן נישט ווייסן. אַ ווינט איז דאָך פון גאָט, און „האָסעני־צעס" אויך. כאָטש אַפילו איך וויים נישט, אַף וואָס דאַרף גאָט ווערעם מיט „האָסעניצעס"? סײַדן צוליב דעם, זיי זאָלן צונעמען בא ראובן דעם עפּל־ייִד דאָס שטיקל ברויט?... ראובן זאָגט, אַז ער פאַרלאַנגט נישט מער פון אַ בוים, ווי אַ שטיקל ברויט. ער האָט, זאָגט ער, אַ ווײַב און קינדער און זוכט פאַר זיי אַ שטיקל ברויט. מנשהכע זאָגט אים צו נישט נאָר אַ שטיקל ברויט, נאָר ברויט מיט פלייש. זי ווינטשט זיך אַזאַ מזל, וואָס פאַר ביימער זי גיט אים. ס'איז דען ביימער? ס'איז גאָלד, נישט קיין ביימער.

— איר ווייסט, אַז איך בין אײַך, חלילה, נישט קיין שונאטע. — זאָגט אים מנשהכע. — וואָס איך ווינטש אײַך, מעג עס מיר אָנקומען.

— אָמן! — מאַכט צו איר ראובן מיט אַ שמייכל אַף זײַן גוט רויט פּנים, וואָס סע שיילט זיך פון דער זון. — איר גיט מיר אַרויס

א כתב פאַר ווינטן, ווערעם און האָסעניצעס, גיב איך אײַך נאָך מער וויפל איר ווילט.

מנשהכע טוט אַף אים אַ מאָדנעם קוק פון אונטן אַרויף און מאַכט צו אים מיט אַ מאַנצבילשער שטים:

— גיט מיר אַרויס אַ כתב, אַז איר גייט אַוועק פון דאַנען און גליטשט זיך נישט אויס אַפן גלײַכן וועג און ברעכט זיך נישט אויס אַ פוס.

— פון אויסגליטשן זיך און אויסברעכן זיך אַ פוס איז קיינער נישט באַוואָרנט! — זאָגט ראובן און קוקט אַף איר מיט זײַנע גוטע שמייכלענדיקע אויגן. — דאָס קאָן זיך טרעפן מיט אַ נגיד נאָך גיכער ווי מיט אַן אָרעמאַן, ווײַל אַ נגיד האָט מיט וואָס צו קרענקען.

— איר זײַט אַ ייִד אַ חכם! — ענטפערט אים מנשהכע מלא גזלן. — נאָר אַ מענטש, וואָס ווינטשט דעם אַנדערן זיך אויסברעכן אַ פוס, קאָן אים אָפּדאַרן די צונג אַזוי, אַז ער זאָל גאָרנישט וויסן, פונוואַנען ס'איז אים געקומען.

— פאַרוואָס נישט? — זאָגט זיך ראובן אַלץ מיטן זעלבן שמייכעלע. — פאַר נויט איז אַ צונג אויך נישקשה, אַבי נישט חלילה באָם קבצן...

— ח. —

אַן עבירה, וואָס דער גאָרטן איז נישט אַריבער צו ראובן דעם עפל־ייִד אין רשות אַרײַן. מיר וואָלט דאָס געווען אַ סך מער ניחא, ווי בײַ דער מכשפהטע. איר האָט נאָך אַזאַ צרה נישט געזען. לאָז אַראָפּ־פאַלן איין עפּעלע אַ ווערעמדיקס, אַן אײַנגעדאַרטס, אַן אײַנגעקנייטשטס, ווי בײַ אַן אַלטער באַבעצע דאָס פּנים, וועט זי זיך ניט פוילן זיך אָנבייגן, אויפהייבן, אַרײַנלייגן אין פאַרטעך אַרײַן און אַוועקטראָגן. וווהין טראָגט זי זיי? אַפּנים, אַפּן בוידעם, און אפשר אין קעלער? עס ווײַזט אויס, אַז אין קעלער. מחמת איך האָב געהערט דערציילן, אַז פאַראַיאָרן איז בײַ איר פאַרפוילט געוואָרן אַ קעלער מיט עפל. איז נישט אַ מצווה, מע זאָל בײַ איר רײַסן עפל? יאָ, אָבער וויאַזוי רײַסט מען זיי? אַרײַנכאַפּן זיך אין גאָרטן באַדערנאַכט, ווען אַלע שלאָפן, און אָנשטופּן פולע קע־שענעס, וואָלט אוודאי געווען אַ שכל. וואָס־זשע וועט אָבער זאָגן דער כלב? און ווי אַף צו־להכעיס וואַקסן הײַנטיקן זומער עפל איינס אין

איינס. זיי בעטן זיך, זיי חלשן, מע זאָל זיי אָפּרײַסן! וואָס טוט מען? ס'זאָל זײַן אַזאַ שפּרוך, אַ מין כישוף, די עפּל זאָלן גיין צו מיר!... איך קלער אַזוי לאַנג, ביז איך דערקלער. נישט קיין שפּרוך און נישט קיין כישוף, נאָר אַן אַנדער זאַך. אַ שטעקן, אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ טשוואָק באַם שפּיץ. מיט דעם שטעקן אַבי איר טרעפט נאָר מיטן טשוואָק באַם הענגערל פונעם עפּל און טוט אַ ציַ צו זיך — איז דער עפּל אײַערער. איר דאַרפט נאָר זען האַלטן דעם שטעקן אַזוי, אַז דער עפּל זאָל חלילה נישט אַראָפּפאַלן אױף דער ערד. און טאָמער פאַלט דער עפּל אַראָפּ, איז אויך אָן אַן אומגליק. זי וועט מיינען, אַז דאָס האָט אים דער ווינט אַראָפּ־געשלײַדערט. פאַרשטייט זיך, איר דאַרפט דעם עפּל נישט אָנרירן מיטן טשוואָק, זי זאָל זיך נישט שטויסן... איך שווער אײַך בנאמנות, אַז איך האָב איין עפּל נישט צעשלאָגן. און אַראָפּגעפאַלן איז באַ מיר אויך נישט. באַ מיר פאַלן נישט קיין עפּל. איך ווייס, וויאַזוי מע דאַרף האַלטן אַ שטעקן, אַז מע רײַסט עפּל. דער עיקר איז, מע זאָל זיך ניט כאַפּן. וואָס האָט איר קיין צײַט נישט? איר האָט דערטאַפּט אַן עפּל? עסט אים אויף שטילערהייט, רוט זיך אָפּ אַ ביסל און רײַסט ווײַטער. איך בין אײַך ערב, אַז קיין פויגל וועט נישט וויסן!

גייט זײַט אַ נביא, אַז די מכשפה וועט גאָר וויסן דעם חשבון פון די עפּל נאָך אַפן בוים! אפנים, זי האָט זיי איבערגעציילט באַטאָג און האָט זיך געכאַפּט אױף מאָרגן, אַז עס פעלן איר עטלעכע שטיק. האָט זי זיך באַהאַלטן באַ זיך אַפן בוידעם און גענומען אונטערקוקן זיך, טאָמער וועט איר געראָטן כאַפּן דעם גנב. אַזוי דענק איך. מחמת פון וואַנען דען האָט זי געקאָנט דערוויסן זיך, אַז איך ליג באַ מענדל דעם שוחטס אַפן דאַך און אַרבעט מיטן שטעקן? נעכטן וואָלט זי מיך כאַטש געכאַפּט אַליין אָן עדות, וואָלט איך מיך געקאָנט אָפּבעטן באַ איר. פאַרט אַ יתום — טאָמער וועט זי האָבן אױף מיר רחמנות? איז זי זיך אָבער מיישב און גייט אַוועק צו מײַן מאַמען און צו אונדזער שכנה פעסיע און צו דער שוחטקע און נעמט זיי אַלע דרײַ מיט זיך און קלעטערט מיט זיי אַרויף צו אונדז אַפן בוידעם (אַ מכשפה קאָן!). פונעם בוידעם איז זיי שוין געווען נישט שווער צו זען דורכן פענצטערל, וויאַזוי איך אַרבעט מיטן שטעקן.

— נו? וואָס זאָגט איר אױף אײַער תכשיט? אַצינד גלייבט איר שוין?

די ווערטער האָבן געהערט צו דער רופאטע. איך האָב דערקענט איר מאַנצבילשע שטים. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום בוידעם און האָב דערזען אַלע פיר ווײַבער. איך האָב דעם שטעקן מיטן עפּל נישט אַוועקגעוואָרפן. זיי זײַנען אַליין אַרויסגעפאַלן. אַ גליק, וואָס איך אַליין האָב מיך געהאַלטן אַף די פיס. איך האָב נישט געקאָנט קוקן קיינעם אין די אויגן אַרײַן. דער הונט זאָל נישט ליגן אין גאָרטן, וואָלט איך זיך דערהרגעט פאַר בזיון. ערגער פון אַלץ איז מיר געווען דער מאַמעס טרערן. זי האָט נישט אויפגעהערט צו קלאָגן און צו יאָמערן און צו באַוויינען מיך:

— ווי איז מיר! ווינד איז מיר! צו וואָס איך האָב מיך דער־לעבט! איך האָב געמיינט, אַז מײַן יתום גייט אין שול אַרײַן זאָגן קדיש נאָכן טאַטן, צום סוף ליגט ער גאָר אַף אַ בוידעם, אַ דונער איז מיר, און רײַסט עפּל פון אַ פרעמדן גאָרטן!...

און די מכשפה שטייט איבער איר און לייגט צו מיט איר מאַנצ־בילשער שטים:

— שמײַסן דאַרף מען אים, אַט אַזאַ משומד! קאַטעוועו! גנאָטע־וועו, בלוט זאָל גיין! אַ יינגל זאָל וויסן דאָס אַנדערע מאָל, ווי אַזוי צו זײַן אַ ג...

די מאַמע דערלאָזט נישט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט „גנב".

— ער איז אַ יתום! נעבעך אַ יתום! — טענהט די מאַמע צו דער רופאטע און קושט איר אין די הענט אַרײַן און בעט באַ איר, אַז זי זאָל מיר מוחל זײַן, אַז מער וועט דאָס שוין נישט זײַן! זי שווערט איר מיט כל השבועות שבעולם, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, אַנישט — זאָל זי אָדער אַליין שטאַרבן, אָדער זי זאָל חלילה מיך באַגראָבן!...

— לאָז ער שווערן, אַז ער וועט שוין מער אפילו נישט אַרײַנקוקן צו מיר אין גאָרטן אַרײַן! — פאָדערט די רופאטע מיט איר מאַנצבילשער שטים אָן אַ קאָפּ רחמנות צו אַ יתום.

— לאָז מיר אָפּדאַרן די הענט! לאָז מיר אַרויס די אויגן! — זאָג איך, און גיי מיט דער מאַמען אַהיים און הער אויס איר מוסר מיט איר וויינען, און צעוויין מיך אַליין אויך גאַנץ געשמאַק.

— איך פרעג דיך נאָך, וואָס וועט פון דיר זײַן? — פרעגט מיך די מאַמע מיט טרערן, און שטעלט מיר צו אַ בענקעלע פאַר מײַן ברודער אליהו. מײַן ברודער אליהו הערט אויס די מעשה מיט די עפּל און ווערט

בלאָס. אַפּנים, פּאַר כעס. די מאַמע דערזעט, אַז ער איז אויסער זיך. זי האָט מורא, ער זאָל מיך ניט שלאָגן. זי רוימט אים אײַן אַ סוד, ער זאָל מיך ניט שלאָגן, וואָרעם איך בין אַ יתום.

— ווער טשעפּעט אים? — זאָגט מײַן ברודער אליהו. — איך בין נאָר אַ בעלן צו וויסן, וואָס וועט זײַן פון אים? װ אָ ס װ ע ט ז ײַ ן פ ו ן א י ם?!!

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו און קריצט מיט די ציין און קוקט אַף מיר, איך זאָל אים זאָגן, וואָס וועט זײַן פון מיר? איך וויים, וואָס וועט זײַן פון מיר? אפשר ווייסט איר, וואָס וועט זײַן פון מיר?

IV

מײַן ברודער אליהו האָט חתונה

— א. —

מזל טוב! איר ווייסט? מײַן ברודער אליהו האָט חתונה!

וויי־ווײ, וואָס סע טוט זיך! עס קאָכט די שטאָט. די וועלט וויגט זיך! אַזוי זאָגט אונדזער שכנה, פּעסיע די גראָבע. זי זאָגט, אַז עס וועט זײַן אַ געהויבענע חתונה. אַזאַ חתונה, זאָגט זי, איז שוין לאַנג נישט געווען באַ אונדז אין שטאָט!

וואָס איז די מעשה? נאָר מצד רחמנות. מחמת די מאַמע איז אַן אלמנה און דער חתן איז אַ יתום. און אַ ביסל איז טאַקע צוליב זכות אָבות. דעם טאַטנס נאָמען! דער טאַטע, עליו השלום, האָט איבערגעלאָזט אַ שיינעם נאָמען! פֿאַרן לעבן האָט מען עפּעס נישט געהערט, עמעצער זאָל פֿון אים אַזוי שטאַרק ריידן. איצט, נאָכן טויט, איז פּייסי דער חזן געהויכט און געקרוינט. סכנת נפשות! איך הער, וואָס מענטשן זאָגן דער מאַמע מײַנער. זיי זאָגן איר, אַז דער מחותן איז נישט קראַנק צו נעמען אַף זיך אַלע הוצאות און נאָך עפּעס צוצאָלן אויך. ער טאָר נישט פֿאַרגעסן, זאָגן זיי, אַז ער נעמט פּייסי דעם חזנס זון פֿאַר אַ חתן! מײַן ברודער אליהו הערט דאָס. ער פֿאַרשעמט זיך, גלעט זיך דאָס בערדל, ווי אַ גרויסער, ווי אַ מאַנצביל. ער איז שוין אַ מאַנצביל. ערשט אָט דאָ ניט לאַנג האָט זיך אים אָנגעהויבן שיטן אַ בערדל. געווים איז דאָס אים געקומען פֿון רויכערן. פֿון זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן, האָט ער אָנגעהויבן רויכערן. די ערשטע צײַט האָט ער זיך געמוטשעט, פֿלעגט זיך פֿאַרהוסטן. איצט פֿאַרציט ער זיך שוין און קאָן אַרויסלאָזן דעם רויך דורך דער נאָז. אַ טײַערע מציאה! איר מיינט, אַז איך קאָן דאָס נישט? די גאַנצע

צרה, וואָס איך האָב נישט קיין טיטון! רויכער איך פּאַפּיר, רויכער איך שטרוי, רויכער איך דער רוח ווייס וואָס. איז געוואָר געוואָרן דערפון מײַן ברודער אליהו. האָט ער מיר געגעבן! ער מעג, און איך טאָר ניט! באשר איך בין נאָך נישט אַלט קיין גאַנצע נײַן יאָר, אם כן וואָס בין איך שולדיק? איך האָב אים געגעבן דאָס וואָרט, איך האָב אים געשוואָרן בא אַ חומש, אַז אַן עק, מער רויכער איך ניט. ווי מיינט איר, לאַנג האָב איך געהאַלטן וואָרט? איך בעט אײַך, ווער רויכערט נישט הײַנטיקע צײַטן?

— ב. —

באַלד וועט זיך איבערקערן די וועלט. אַזוי זאָגט פּעסיע, אונדזער שכנה. זי איז געקומען צו גיין פונעם מחותן אַ געקאָכטע. ס'איז אַ מיאוסע מעשה. דער מחותן איז געוואָר געוואָרן, אַז דער חתן (מײַן ברודער אליהו) האָט נישט דעם זייגער. דער זייגער איז געווען אַ גו־טער זייגער, אַן אמתער אַ זילבערנער זייגער. דאָס האָט אים דער מחותן געקויפט אַ מתנה. ווו איז אַהינגעקומען דער זייגער? ער האָט אים חלילה, ניט פאַרשפּילט אין קאָרטן. ער האָט אים פאַרקויפט און דאָס געלט אויסגעגעבן אױף דאָקטוירים און רפואות. ער האָט געוואָלט ראַ־טעווען דעם טאַטן — וואָס קומט אים דערפאַר? אַזוי האָט געטענהט פּעסיע. דער מחותן איז אָבער אַ פּראָסטער ייִד. ער פרעגט, וואָס גע־הער זיך אָן אַ פרעמדער טאַטע צו זײַן זייגער? ער איז ניט מחויב, זאָגט ער, מיט זײַנע זייגערס אויסצוהאַלטן פרעמדע טאַטעס. פונעם זייגער איז שוין בא אים געוואָרן „זייגערס" און פונעם טאַטן — „טאַ־טעס"! פּעסיע זאָגט, אַז פון אַ חזירשן עק קאָן מען קיין שטרײַמל נישט מאַכן!... דאָס מיינט זי אונדזער מחותן. ער איז אַ פּראָסטער נפש. אַ בעקער איז ער און הייסט יונה דער בייגלבעקער. ער באַקט בייגל. „איר מעגט שוין ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל". אַזוי זאָגט אים פּעסיע, מסתמא אױף קאַטאָוועס. און אפשר מיינט זי טאַקע אױף דער אמתן? איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי קאָן מען ליגן אין דער ערד און באַקן בייגל: ווער וועט זיי דאָרטן קויפן?... ער איז אַ ייִד אַ נגיד, אונדזער מחותן. פּעסיע דרינגט, אַז ער איז אַן אדיר! זי זאָגט אים אין די אויגן, אַז ווען זי פאַרמאָגט האַלב פון אים, טוט זי מיט אים

קיין שידוך נישט. זי האָט פֿײַנט אַ חזיר. ער מוז אָפּשווײַגן, וואָרעם צו איר אַז מען פֿאָלט אַרײַן, איז דאָס בעסטע — שווײַגן. ער איז שוין מוחל דעם חתן דעם זייגער, אַבי לאָז דאָס האָבן אַ סוף. זאָגט אָבער פּעסיע, אַז זי איז נישט מוחל. זי וויל, ער זאָל קויפֿן דעם חתן אַ נײַעם זייגער. עס פּאַסט נישט, זאָגט זי, אַ חתן זאָל גיין צו דער חופּה אָן אַ זייגער. טענהט ער: וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט זי מיט זײַן החתן? זאָגט זי: עס האָט אַ שייכות. דערפֿאַר, וואָס דער חתן איז פּייסי דעם חזנס אַ זון, און ער, יונה דער בייגלמאַכער, איז ביידע זאַכן: אי אַ נגיד, אי אַ חזיר. פֿאַרדריסט דאָס אים, טוט ער אַ קלאַפּ מיט דער טיר און זאָגט: „לאָז דאָס גיין אין דער ערד אַרײַן!" זאָגט אים פּעסיע: „אַף גיין אין דער ערד אַרײַן זאָל איר בילכער — איר זײַט אַ בעקער!"...

די מאַמע האָט שטאַרק מורא, טאָמער חלילה שיקט ער אָפּ די תנאים. זאָגט פּעסיע, זי זאָל שלאָפֿן רויק: אַ יתום שיקט מען נישט אָפּ קיין תנאים. איר מיינט, ווער האָט אויסגעפּירט? מיר! דער מחותן האָט געקויפֿט דעם חתן (מײַן ברודער אליהו) אַ נײַעם זייגער, אויך אַ זילבערנעם. נאָך אַ בעסערן פֿון יענעם. דער מחותן האָט אים אַליין געבראַכט צו טראָגן. אוי, ווען איך האָב אַזאַ זייגער! וואָס מיינט איר, וואָלט געווען? קודם וואָלט איך אַרויסגענומען די גערעדרים און דערגאַנגען דעם שכל, פֿאַרוואָס אַ זייגער גייט. און נאָכדעם? נאָכדעם ווייס איך שוין וואָס ס'וואָלט געווען. די מאַמע ווינטשעוועט אים, דעם מחותן, ער זאָל דערלעבן אים קויפֿן אַ גאָלדענעם זייגער. דער מחותן ווינטשעוועט איר אָפּ צוריק, זי זאָל דערלעבן חתונה מאַכן דעם מיזינעק. דאָס מיינט מען מיך. איך בין צופֿרידן אַפֿילו הײַנטיקן טאָג, אַבי אַ זייגער. די מאַמע גלעט מיך און זאָגט, אַז עס וועט נאָך גענוג וואַסער איבערלויפֿן, און בשעת מעשה זײַנען איר די אויגן נאַס. איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס דאַרף לויפֿן אַזוי פֿיל וואַסער איידער איך גיי חתונה האָבן, און וואָס דאַרף מען דערבײַ וויינען? וויינען איז בײַ איר אַ וואָכעדיקער גאַנג, און דאָס מוז זי אַלע טאָג. וויינען איז בײַ איר, ווי, למשל, בײַ אײַך דאַווענען, אָדער עסן. דער שנײַדער האָט אָפּגעבראַכט דעם חתן די מלבושים, וואָס דער מחותן האָט באַשטעלט — דאַרף זי וויינען. פּעסיע האָט איר אָפּגעבאַקן לעקעך צו דער חתונה — דאַרף מען וויינען. מאָרגן אין דער צײַט איז די חופּה —

ווידער געוויינט! איך פארשטיי נישט, פון וואנען נעמען זיך בא מענטשן אזוי פיל טרערן?...

— ג —

עס גיט זיך אויס א מאל א טאג — א גן־עדן! אין דרויסן איז הצי־אלול, און טאקע הצי־אלולדיק. די זון בראט נישט אף צו שוויצן, אף צו ווערן באדן זיך. זי ווארעמט און גלעט און קושט אזוי ווי א מאמע. דער הימל איז אויסגעצוואגן שבתדיק. דער גאנצער אינ־דרויסן פרייט זיך, וואס מײַן ברודער אליהו האט חתונה. גאנץ פרי האט זיך אויסגעשטעלט א יריד אין שטעטל. ווייבאלד א יריד, מוז איך דארטן זײַן. איך האב ליב א יריד דאס חיות. יידן לויפן־ארום, ווי פארסמטע מײַז. שוויצן, שרײַען, פילדערן זיך, רײַסן די גויים פאר די פאלעס, גייען אויס לייזן געלט — א טעאטער מיט זיי! און די גויים האבן צײַט; זיי גייען דווקא פאוואליע, די היטלען ארויף, קוקן, טאפן, קראצן זיך, דינגען זיך, ווילן האנדלען מציאות. גייעם מיט משונה מאד־נע שלייערס, מיט ברייטע אפענע פאזוכעס, מע זעט ארויס די בריסט. אין די פאזוכעס כאפן זיי ארײַן אמאל, אז מע זעט נישט, א שטיקל סחורה. יידן ווייסן שוין, קוקן מיט אויגן. אז מע דערזעט, טרייסלט מען אויס, און עס ווערט א חתונה. אמאל מאכט זיך, אז אן ערלית קויפט א ליכטל אין קלויסטער ארײַן און פארשטעקט דאס אין שלייער. יונגע לײַט האבן נישט וואס צו טאן, ווילן זיך מאכן א שטיקל יום־טוב, צינדן זיי איר אן שטילערהייט דאס ליכטל. אלע קוקן אף דער ערלית און לאכן. די ערלית ווייס נישט וואס די יידן לאכן. הייבט זי אן צו שילטן אלע יידן מיט טויטע קללות. לאכט מען נאך מער. אמאל ווערט דערפון א געשלעג צווישן גויים מיט יידן. איך זאג אײַך — מע דארף נישט קיין טעאטער!... שענער פון אלץ איז די „קאננע”. ווייסט איר, וואס דאס הייסט? דאס איז דער פערד־מארק. דארט קויפט מען און מען פארקויפט פערד. דארט זעט איר פערד, ציגײַנער, בײַטשן, יידן, גויים און פריצים. דער טומל איז דא חוץ לדרך הטבע, מע קאן טויב ווערן. די ציגײַנער שווערן זיך, יידן פאטשן איבער די הענט, פריצים קנאקן מיט די בײַטשן און פערדלעך לויפן אהין און אהער פײַל אויסן בויגן. איך האב ליב צו קוקן, ווי פערדלעך לויפן, און ווער

שמועסט לאָשעקלעך! איך גיי־אויס, איך שטאַרב נאָך אַ לאָשעקל! און נישט נאָר קליינע לאָשעקלעך האָב איך ליב — אַלצדינג וואָס איז קליין: קליינע הינטלעך, קליינע קעצלעך. איר ווייסט? אַפילו אוגער־קעלעך קלייניגקע, קאַרטאָפל יונגעטשקע, ציבעלקעלעך, קנעבעלעך — אַלץ וואָס קליין איז ליב. אַ חוץ חזירימלך. חזירים האָב איך פײַנט אַפילו קלײנערהייט... איך קער מיך אום צו די פערדלעך. די פערד לויפן. די לאָשעקלעך לויפן נאָך די פערד. איך לויף נאָך די לאָשעק־לעך. אַלע לויפן מיר. אָפּ לויפן בין איך אַ פײַער. איך האָב זייער גרינגע פיס. דערצו גיי איך באָרוועס און זייער לײַכט אָנגעטאָן: אַ העמדל, אַ הויז, און פון אויבן אַ סיצן אַרבע־כנפותעל. אַז איך לויף אַראָפּ אַ באַרג און ס'איז אַ ווינטל און די ציצית צעלאָזן זיך, מאַלט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פליגל און איך פלי.

— מאָטל! גאָט איז מיט דיר! שטיי אַ ווײַלע!

אַזוי שרײַט צו מיר פעסיעס מאַן, משה דער אײַנבינדער. ער לויפט פונעם יאַריד אַהיים מיט אַ פּאַק באַבולע פּאַפּיר. איך האָב מורא, ער זאָל מיר ניט צושטעלן אַ בענקעלע פאַר דער מאַמען, און איך זאָל ניט כאַפּן קיין פּסק פון מײַן ברודער אליהו. איך הער־אויף צו לויפן, גיי־צו פּאַמעלעך, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, צו אונדזער שכנהס מאַן. ער לייגט־אָפּ דאָס פּעקל פּאַפּיר, ווישט זיך מיט דער פּאָלע דעם שוויים און זאָגט מוסר:

— ווי שעמט זיך דאָס נישט אַ יִונגעלע אַ יתום דרייען זיך צווי־שן ציגײַנערס און לויפן משוגענערהייט מיט אַלע פערד? און נאָך אין אַזאַ טאָג! שוין באַלד די חופּה באַ דײַן ברודער — דאָס ווייסטו? קום אַהיים!

— ד —

— ווּ ביסטו געוועזן? אַ דונער איז מיר!

אַזוי זאָגט צו מיר די מאַמע מיט אַ פּליעסק מיט די הענט און באַ־טראַכט מײַן צעריסן הויזל, מײַנע צעבלוטיקטע פיס און מײַן פאַרפּלאַמט, פאַרשוויצט פּנים. לאַנג לעבן זאָל משה דער אײַנבינדער. קיין וואָרט האָט ער נישט דערציילט פאַר קיינעם. די מאַמע וואַשט מיך אַרום, טוט מיר אָן אַ פּאָר נײַע הויזלעך מיט אַ קאַשקעטל צו דער חתונה. די הויזלעך זײַנען געמאַכט געוואָרן איך ווייס נישט פון וואָסער אַ מאַטעריע: אַז

מע שטעלט זיי אוועק, שטייען זיי, און אז מע גייט, שרײַען זיי. מאָדנע הויזלעך!

— אז דו וועסט צערײַסן אַטאַ די הויזלעך, איז שוין עק וועלט!

אזוי זאָגט די מאַמע, און איך מיין אויך אזוי. אזעלכע הויזן קאָנען זיך שוין נישט צערײַסן. סײַדן מע זאָל זיי צעברעכן. דאָס קאַשקעטל איז גאָר פון די אנטיקן, און א דאַשעקל האָט דאָס א שוואַרצס, א גלאַנצעדיקס. אז עס הערט אויף צו גלאַנצן, באַשפּײַט מען דאָס, הייבט עס אָן אָפּסנײַ צו גלאַנצן. די מאַמע קוקט אַף מיר און קוועלט, און טרערן קײַקלען זיך אַף אירע געקנייטשטע באַקן. איר ווילט זיך זייער, אז איך זאָל אַף דער חתונה אויסנעמען. זי זאָגט צום חתן:

— אליהו! ווי מיינסטו? איך וועל מיט אים נישט פאַרשעמט ווערן? ער גייט אָנגעטאָן, קיין עין־הרע, ווי א מאָנאַרכס א קינד.

מײַן ברודער אליהו באַטראַכט מיך, גלעט זיך דאָס בערדל און קוקט אַף מײַנע פּיס. איך ווייס, וואָס באַדײַט זײַן קוקן. ער קוקט, וואָס דעם „מאָנאַרכס קינד" גייט באָרוועס... די מאַמע פאַרשטייט אויך זײַן קוק, נאָר זי מאַכט זיך נישט ווויסנדיק... אליין גייט זי אָנגעטאָן אין א מאָדנע געל מלבוש, וואָס איך האָב עס אַף איר קיינמאָל נישט געזען. דאָס מלבוש איז אַף איר מגושם ברייט. איך וואָלט געמעגט שווערן, אז איך האָב עס אַמאָל געזען אַף אונדזער שכנה פעסיע... דערפאַר טראָגט זי אָפן קאָפּ א זײַדענע פאַטשיילע, א שפּאָגל־נײַע, נאָך מיט אַלע קנייטשן. דעם קאָליר פון דער פאַטשיילע איז שווער צו באַשרײַבן. מען קאָן זאָגן ווײַס, מע קאָן זאָגן געל, מע קאָן זאָגן רויז — עס ווענדט זיך אָן דער צײַט. בײַטאָג איז דאָס העל־רויז, פאַרנאַכט קוקט דאָס אויס געלבלעך, און בײַנאַכט — ווײַס. גאַנץ פרי מאָלט זיך עס אויס גרינלעך, און אַמאָל, אז מע קוקט זיך שטאַרק אײַן, פאַלט דאָס גאָר אַרײַן אין „אַנטיק־מאָרע", דאָס הייסט: העל־רויטלעך־בלוי־טונקלגרין־פּאָפּעליאַטע. זאָגן אַף דער פאַטשיילע א חסרון קאָן מען נישט, וואָרעם ס'איז א זעלטענע פאַטשיילע. נישט מער, אַף דער מאַמע זעט זי אויס פרעמד, שטאַרק פרעמד. עפּעס קלעפּט זיך נישט די פאַטשיילע צום פּנים. די פאַטשיילע איז פאַר זיך, און דאָס פּנים איז פאַר זיך. א ווײַבערשע פאַטשיילע איז ווי, להבדיל, א מאַנצבילש היטל. דאָס היטל מיטן פּנים באַדאַרפן זיך פּאָרן, זײַן ווי צעגויפגעגאָסן. אָט, למשל, מײַן ברודער אליהו. ער גייט אָנגעטאָן א קאַרטוזל, איז דאָס ווי

אויסגעוואַקסן בײַ אים אויפן קאָפּ. די פּאות האָט מען אים אינגאַנצן אָפּגעשאָרן. און נישט נאָר אָפּגעשאָרן, נאָר אָפּגעגאָלט. אַ מאַנישקע האָט ער אָנגעטאָן אַ ווײַסע מיט אַ הארטן קאָלנער, מיט אָפּגעלייגטע שפּיצן. און אַ שניפּסל האָט ער געקויפט אַ ווײַס מיט רויטע, גרינע און בלויע פּינטעלעך. אַ רײַכער שניפּס! שטיוול מיטן גלאַנץ און מיטן סקריפּ און אויף שטאַרק הויכע אָבצאַסן — ער זאָל אויסזען אַ ביסל העכער. עס וועט אים אָבער העלפן, ווי אַ טויטן באַנקעס: ער איז זייער קליין געוואַקסן. ער איז נישט אַזוי קליין, ווי זי איז גרויס און הויך און מאַנצבילדיק, און רויט און ראַבעטיני, און אַ שטימע האָט זי אַ מאַנצבילשע. איך רייד פון דער כלה, פון יונה דעם בעקערס טאָכטער. ברכה הייסט זי. אַ פאַרגעניגן געווען צו זען דאָס פּאָרל אונטער דער חופּה. איך האָב קיין צײַט נישט צו קוקן אויף חתן־כלה. איך בין פאַרנומען. איך דאַרף זען די כלי־זמר. און ניט אַזוי די כלי־זמר, ווי זייערע כלים. מער ווי אַלץ — דעם קאָנטערבאַס מיטן קעסל־פּויק. שיינע צוויי כלים! דער חסרון, וואָס מע קאָן נישט צוגיין נאָענט אַ פּרוּוו טאָן די כלים. באַלד עפּעס גיבן זיי איבער די הענט, אָדער דרייען אײַך אָן אַן אויער. דער רוח כאַפּט זיי אַוועק, טאָמער רירט איר זיך צו מיט אַ פינגער! איר וועט זיי אָפּבײַסן! אַך, ווען די מאַמע זאָל זײַן אַ גוטע מאַמע, וואָלט זי מיך געמאַכט פאַר אַ כלי־זמר. איך ווייס אָבער, אַז זי וועט דאָס נישט וועלן. נישט מחמת זי איז אַ שלעכטע, נאָר מחמת די וועלט וועט נישט דערלאָזן, אַז פּייסי דעם חזנס יינגל זאָל זײַן אַ כלי־זמר. נישט קיין כלי־זמר און נישט קיין בעל־מלאכה. מע האָט שוין גערעדט דערפון נישט איין מאָל, וואָס וועט זײַן פון מיר דער תכלית. די מאַמע, מײַן ברודער אליהו, אונדזער שכנה פּעסיע און איר מאַן, משה דער אײַנבינדער. ער האָט חשק מיך נעמען צו דער אַרבעט. דערלאָזט נישט פּעסיע. זי זאָגט, אַז פּייסי דער חזן, עליו השלום, האָט נישט פאַרדינט, אַז זײַן זון זאָל זײַן אַ בעל־מלאכה... איך האָב מיך פאַררעדט און גאָר פאַרגעסן פון דער חתונה. ס'איז שוין לאַנג נאָך דער חופּה. מע גרייט שוין צום טיש. ווײַבער און מיידלעך טאַנצן אַ קאַדריל. איך האָב מיך אַרײַנגעפּלאָנטעט מיט מײַנע הילצערנע הויזן אין מיטן. די וואָס קוקן ווי מע טאַנצט האָבן מיך גענומען וואַרפן איינער צום אַנדערן, ווי אַ מיאַטש. „וואָס איז דאָס פאַר אַ פּריטשעפּע?” זאָגט איינער. „עפּעס אַ שלים־מזל!” זאָגט דער אַנדערער.

„אַ רעשטל צו די צרות!" זאָגט אַ דריטער. דערזעט אונדזער שכנה און צעשרײַט זיך (זי איז שוין הייזעריק ווי די וואַנט):

— צי איר זײַט משוגע, צי הסר־דעה, צי מוטייר, צי גערירט, צי פונעם זינען, צי ניט בּאַ אַלע געדאַנקען? דאָס איז דאָך דעם חתנס ברודערל!!!...

אהאַ! עס האָט זיי גענומען! אוודאי האָט מען מיך אַוועקגע־זעצט באַם טיש גלײַך מיט כלהס צד. און ווייסט איר, מיט וועמען מע האָט מיך באַזעצט? אַז איר וועט זײַן מיט אַכצן קעפּ, וועט איר אויך נישט טרעפן! מיט דער כלהס שוועסטערל. יונה דעם בעקערס קליין טעכטערל. אַלטע הייסט זי. זי איז עלטער פון מיר סך־הכל מיט איין יאָר און טראָגט צוויי צעפּלעך, צענויפגעבונדן פון אונטן מיט אַ סטענגעלע און זעען אויס, ווי אַ געפלאָכטענער בייגל. איך און אַלטע עסן פון איין טעלער ניט ווײַט פון התן־כלה. דער חתן, מײַן ברודער אליהו, קוקט אױף מיר, איך זאָל זיצן ווי אַ מענטש, איך זאָל עסן מיט אַ גאָפּל און זאָל נישט כאַפּן, און זאָל אַכטונג געבן אױף דער נאָז. איר ווייסט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? איך האָב קיין הנאה נישט פון דער וועטשערע. איך האָב פײַנט, אַז מע קוקט אױף מיר. צו די אַלע זאַכן טראָגט אָן דער גוטער יאָר אונדזער שכנה פּעסיע.

— זאָלט איר זײַן געזונט! — שרײַט זי מיט אַלע כוחות צו דער מאַמע. — טוט נאָר אַ קוק אַהער. פאַרוואָס זאָל נישט זײַן קיין שי־דוך?... אַ זיווג מן השמים!

אױף איר הייזעריקן געשריי קומט אָן דער מחותן, יונה דער בעקער, אָנגעטאָן שבתדיק, און עס ווערט אַ שמועס, אַז איך און אַלטע זײַנען חתן־כלה. יונה דער בעקער לאַכט מיט אַ האַלבן מויל. דאָס הייסט: די אויבערשטע ליפּ באַ אים לאַכט, די אונטערשטע וויינט. דער גאַנ־צער עולם קוקט אױף אונדז. מיר ביידע, איך און אַלטע, לאָזן אַראָפּ די אויגן אונטערן טיש און שטיקן זיך פאַר געלעכטער. בכדי איך זאָל ניט אויסשיסן, האַלט איך מיך צו באַ דער נאָז און בלאָז מיך אָן ווי אַ פּאָכיר. נאָך אַ מינוט וועט דער פּאָכיר פּלאַצן, און ס'וועט זײַן אַ סקאַנדאַל. אַ גליק, וואָס די כלי־זמר טוען אַ זעץ אַ שיינעם ניגון, אַ וואַלאַך. דער גאַנצער עולם ווערט פאַרטראַכט. איך הייב־אויף דעם קאָפּ און דערזע די מאַמע מיטן געלן פרעמדן מלבוש און מיט דער זײַ־דענער פּאַטשיילע. זי טוט דאָס, וואָס אַלע מאָל: זי וויינט! איר ווייסט ניט, זי וועט אַמאָל אויפהערן צו וויינען?...

V

איך האָב אַ רײַכע שטעלע

— א. —

די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה, אַז איך האָב שוין אַ שטע־לע. נישט חלילה בײַ אַ בעל־מלאכה — אירע שונאים, זאָגט זי, וועלן דאָס ניט דערלעבן, אַז פּייסי דעם חזנס זון זאָל זײַן אַ בעל־מלאכה. מײַן שטעלע, זאָגט זי, איז אַ רײַכע שטעלע, אַ גרינגע שטעלע. אַ גאַנצן טאָג וועל איך גיין אין חדר, אין תלמוד־תורה הייסט עס, און בײַנאַכט וועל איך גיין שלאָפֿן צום אַלטן לוריאַ. דער אַלטער לוריאַ איז אַ גרויסער גביר, זאָגט זי. ער איז נאָר אַ קראַנקער, דאָס הייסט, אַזוי איז ער געזונט, עסט און טרינקט און שלאָפֿט, נאָר ניט בײַנאַכט. בײַנאַכט קאָן ער נישט שלאָפֿן. קיין איין אויג מאַכט זיך אים ניט צו. האָבן די קינדער מורא אים לאָזן איינעם אַליין בײַנאַכט. דאַרף מען האָבן אַ מענטש זאָל זײַן מיט אים. עס מעג זײַן אַ קינד, אַבי אַ מענטש. אַוועק־זעצן צו אים אַן אַלטן ייִדן פּאַסט נישט. אַ קינד — גאָרנישט, עלעהיי אַ קעצל. פֿינף רובל אַ וואָך האָבן זיי צוגעזאָגט, און וועטשערע פֿאַר דיר אַלע פֿאַרנאַכט, ווען דו קומסט פֿון תלמוד־תורה (אַזוי זאָגט מיר די מאַמע מײַנע). אַ גוטע וועטשערע, אַ נגידישע. וואָס בײַ זיי פֿאַלט אַראָפּ קאָן עס זײַן גענוג פֿאַר אונדז אַלע. גיי, מײַן קינד, אין חדר, פֿאַרנאַכט וועסטו קומען, וועל איך דיך אָפּפֿירן אַהין. וועסט נישט האָבן קיין שום אַרבעט. אַ נגידישע וועטשערע און אַ געלעגער אויך אַ גוטן. און פֿינף רובל אַ וואָך. איך וועל דיר מאַכן אַ פּאָר מלבושימ־לעך, שטיוועלעך דיר קויפֿן.

דאַכט זיך, גוט — איאָ? וואָס־זשע דאַרף מען וויינען? קאָן זי אָבער אַנדערש ניט, די מאַמע מײַנע. וויינען מוז זי!

— ב. —

אין תלמוד־תורה גיי איך דערוויַיל אַזוי. לערנען לערן איך ניט. נישטאָ פאַר מיר קיין כתה. העלף איך דער רביצן אין שטוב און שפּיל מיך מיט דער קאַץ. דער רביצנס אַרבעט איז נישט קיין שווערע אַר־בעט. אויסקערן די שטוב, העלפן אַרײַנטראָגן האָלץ, גיין אַ גאַנג — ס׳איז בלאָטע, ס׳איז נישט קיין אַרבעט. אַבי נישט לערנען. לערנען איז ערגער. דערפאַר אָבער די קאַץ — אַ סך מער אַנגענעם. אַ קאַץ, זאָגט מען, איז אַ טמא. איך זאָג: ס׳אַ ליגן. אַ קאַץ איז אַ ריינע חיה. אַ קאַץ, זאָגט מען, איז אַ מזיק. איך זאָג: ס׳אַ ליגן. אַ קאַץ איז אַ צוגעלאָזטע זאַך. אַ הונט האָט אין זיך חניפה, אַ הונט דרייט מיטן עק. אַ קאַץ לאַשצעט זיך, און אַז מע גלעט זי איבערן קעפּל, מאַכט זי צו די אייגעלעך און הייבט־אָן מורקען. איך האָב ליב אַ קאַץ, — וואָס קומט מיר דערפאַר? רעדט־זשע אָבער מיט זיי, מיט מײַנע חברים, וועלן זיי אײַך דערציילן טויזנט מעשיות. אַז מע האַלט אַ קאַץ, דאַרף מען וואַשן די הענט. אַז מע האַלט אַ קאַץ, שאַדט צום זכרון. זיי ווייסן שוין ניט וואָס אויסצוטראַכטן. זיי האָבן אַ טבע — לאָז צוגיין צו זיי די קאַץ, דערלאַנגען זיי איר אַ שנײַד מיטן פוס אין זײַט אַרײַן. איך קאָן נישט זען, ווי מע שלאָגט אַ קאַץ. לאַכן זיי פון מיר. באַ זיי איז ניטאָ קיין צער בעלי־חיים. איך רעד פון די קינדער, וואָס מיט מיר אין דער תלמוד־תורה. זיי זײַנען רוצחים. פון מיר לאַכן זיי. זיי רופן מיך: „די הילצערנע הויזן", און מײַן מאַמע — „די קלאָגעדיקע", ווײַל זי וויינט שטענדיק.

— אָט גייט דײַן קלאָגעדיקע מאַמע! — זאָגן זיי צו מיר.

דאָס איז זי געקומען מיך אָפּנעמען פון חדר און אָפּפירן אויף מײַן רײַכע שטעלע.

— ג. —

אויפן וועג באַקלאָגט זיך די מאַמע, אַז איר איז ביטער און פינצטער (ביטער אַליין איז קאַרג). גאָט האָט איר געגעבן צוויי קינדער, און זי דאַרף זײַן אַליין. מײַן ברודער אליהו האָט, זאָגט זי, חתונה געהאַט, קיין עין־הרע, זייער גוט, אַרײַן אין אַ שמאַלץ־גרוב. איז אָבער דער

חסרון, וואָס דער שווער איז אַ גראָבער יונג. אַ בעקער, משטיינס געזאָגט. וואָס קאָן מען פאַרלאַנגען פון אַ בעקער? אַזוי טענהט מיט מיר די מאַמע, און מיר קומען אַף מײַן רײַכער שטעלע, צום אַלטן לוריא. דער אַלטער לוריא זיצט אין אַ קייזערלעכן פּאַלאַץ. אַזוי זאָגט די מאַמע. אין אַ קייזערלעכן פּאַלאַץ בין איך אַ בעלן זײַן. דערווײַלע זײַנען מיר אין קיך. איך און די מאַמע. אין קיך איז אויך ניט מיאוס. דער אויוון איז ווײַס און גלאַנצט, און די כלים גלאַנצן, און אַלצדינג גלאַנצט. מע בעט אונדז זיצן. עס קומט אַרוים אַ ווײַבל אָנגעטאָן ווי אַ פּריצה. זי רעדט מיט דער מאַמע און ווײַזט אַף מיר. די מאַמע שאָקלט צו מיטן קאָפּ, ווישט אָלע מאָל די ליפּן און וויל ניט זיצן. איך זיץ דווקא יאָ. די מאַמע גייט אַוועק, זאָגט מיר אָן, איך זאָל זיך האַלטן ווי אַ מענטש. דערבײַ כאַפּט זי דערווײַל אַ וויין און אַ וויש די אויגן. מאָרגן וועט זי קומען נאָך מיר און וועט מיך אָפּפירן, זאָגט זי, אין הדר אַרײַן. מע גיט מיר עסן. יויך מיט קוילעטש (אינדערוואָכן קוילעטש!) און פליש — אַ גוזמא פליייש! אָפּגעגעסן, הייסט מען מיר גיין אַרויף. ווײַס איך נישט, וואָס הייסט „אַרויף"? פּירט מיך אָפּ די קעכן. הנה הייסט זי. זי איז אַ שוואַרצע מיט אַ לאַנגער נאָז. מע פּירט מיך אַרויף אַף טרעפּ. די טרעפּ זײַנען אויסגעבעט מיט ווייכן. מיט באָרוועסע פיס איז אַ מחיה צו גיין. ס'איז נאָך נישט רעכט נאַכט, און באַ זיי ברענען שוין לאָמפּן. אָן אַ שיעור לאָמפּן. די ווענט זײַנען אויסגעקלעפּט מיט צאַצקעס און מיט מענטשעלעך. די שטולן זײַנען באַדעקט מיט לעדער. די סטעליע איז צעמאָלט, ווי להבדיל אין בית־המדרש. נאָך שענער ווי אין בית־המדרש. מע האָט מיך אַרײַנגעפּירט אין אַ גרויסן אַלקער. דער אַלקער איז אַזוי גרויס, אַז ווען איך זאָל זײַן איינער אַליין, וואָלט איך געלאָפן פון איין וואַנט ביז דער אַנדערער, אָדער איך וואָלט מיך גאָר אַנידערגעלייגט און געקאַטשעט זיך אַף דער סאַמעטענער קאָלדרע, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד. אַף אַזאַ קאָלדרע דאַרף זײַן נישט שלעכט צו קאַטשען זיך. שלאָפן דאַרף זײַן אויך נישקשהדיק.

— ד. —

אַ שיינער ייִד, אַ הויכער, מיט אַ גרויער באָרד, מיט אַ ברייטן שטערן, אַ זײַדענער כאַלאַט, אַ יאַרמלקע פון גאָלע סאַמעט, שטעקשיך אַף די פיס, אויך פון סאַמעט מיט בליטשקע אויסגענייט, — אָט דאָס

איז דער אַלטער לוריא. ער זיצט איבער אַ גרויסן גראָבן ספר. זאָגן זאָגט ער גאָרנישט, נאָר ער קײַט די שפּיצן פונעם באָרד, קוקט־אַרײַן אין ספר, שאָקלט מיט אַ פּוס און ברומט שטילערהייט צו זיך אַליין. אַ מאָדנער ייִד אָט דער אַלטער לוריא. איך קוק אַף אים און טראַכט: ער זעט מיך, צי ער זעט מיך נישט? ווײַזן ווײַזט אויס, אַז ניין. וואָרעם קוקן קוקט ער נישט, און געזאָגט האָט מען אים גאָרנישט. מע האָט מיך נאָר אַרײַנגעלאָזט אַהער און מע האָט פאַרשלאָסן די טיר פון יענער זײַט. פּלוצים רופט זיך אָן דער אַלטער לוריא, און קוקן קוקט ער אַלץ נאָך נישט אַף מיר:

— קומט אַהער, וועל איך אײַך ווײַזן אַ שטיקל רמב״ם.

צו וועמען רעדט ער דאָס? צו מיר? מיר זאָגט ער „איר״? איך קוק מיך אום אַף אַלע זײַטן. אחוץ מיר איז נישטאָ דאָ קיינער. דער אַלטער לוריא ברומט אויס נאָכאַמאָל אַף זײַן גראָבער שטים:

— קומט אַהער, וועט איר זען, וואָס דער רמב״ם זאָגט!

איך בין אַ בעלן צוצוגיין צו אים נאָענט.

— מיך רופט איר?

— אײַך, אײַך, וועמען דען?

אַזוי מאַכט צו מיר דער אַלטער לוריא און קוקט אין גרויסן בוך אַרײַן און נעמט מיך פאַר אַ האַנט און טײַטלט מיט איין פינגער און גיט מיר צו פאַרשטיין וואָס דער רמב״ם זאָגט. און וואָס ווײַטער, רעדט ער העכער און מיט אַלץ מער היץ. ער צעקאָכט זיך אַזוי שטאַרק, אַז ער ווערט אַזש רויט. ער דרייט מיטן גראָבן פינגער, און מיטן עלנבויגן דערלאַנגט ער מיר אַלע מינוט אין זײַט אַרײַן און מאַכט צו מיר:

— נו, וואָס זאָגט איר? איאָ, עס איז גוט?

ס'זאָל זײַן שטאַרק גוט — זע איך נישט. דעריבער שווײַג איך. איך שווײַג, און ער קאָכט זיך. ער קאָכט זיך, און איך שווײַג. עס הערט זיך אַ קלונג פון אַ שליסל פון יענער זײַט. עס עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן די זעלבע וואָס גייט פּריציש אָנגעטאָן. זי גייט צו צום אַלטן לוריא און רעדט אים גלײַך אין אויער אַרײַן. אַפּנים, ער איז אַ טויבער. אַנישט — וואָס דאַרף זי שרײַען? זי זאָגט אים, ער זאָל מיך אָפּלאָזן, וואָרעם איך דאַרף שוין שלאָפן. זי נעמט מיך צו פון זײַנע הענט און באַלייגט מיך אַף אַ סאָפע מיט „שפּרינגזינעס״. דאָס בעטגעוואַנט איז

ווײַס אַזוי ווי שניי. אַ קאַלדרע אַ זײַדענע, אַ ווייכע — טעם גן־עדן! די וואָס גייט פּריציש אָנגעטאָן דעקט מיך אײַן, גייט אַוועק און פאַרשליסט די טיר פון יענער זײַט. דער אַלטער לוריא גייט אַרום איבער דער שטוב, די הענט פאַרלייגט אַהינטער, קוקט אַראָפּ צו זיך אױף די שיינע שטעק־שיך, און ברומט, און באַמקעט, און מאַכט עפּעס מאָדנע מיט די ברעמען. מיר קלעפּן זיך די אויגן. איך וויל שלאָפן. פּלוצים גייט צו צו מיר דער אַלטער לוריא און זאָגט מיר:

— דו ווייסט? איך וועל דיך אויפעסן.

איך קוק און פאַרשטיי נישט וואָס ער זאָגט.

— שטיי אויף, איך וועל דיך אויפעסן.

— וועמען? מיך?

— דיך! דיך! איך מוז דיך אויפעסן! אַנדערש קאָן דאָס נישט זײַן!

אַזוי זאָגט דער אַלטער לוריא. ער גייט אַרום איבער דער שטוב, האַלט דעם קאָפּ אַראָפּ, די הענט אַרונטער, דעם שטערן פאַרקנייטשט. ער רעדט אָבער אַלעמאָל שטילער, צו זיך אַליין. איך הער זיך צו צו איטלעכס וואָרט. קוים וואָס איך כאַפּ דעם אָטעם. ער אַליין פרעגט בײַ זיך און ענטפערט זיך אַליין. אָט וואָס דער אַלטער לוריא זאָגט:

— דער רמב"ם זאָגט, אַז די וועלט איז נישט קיין קדמון. פונוואַנען איז געדרונגען? ווײַל אַ סבה מוז האָבן אַ מסבב! מיט וואָס קאָן איך דאָס באַווײַזן? מיט מײַן רצון! ווי־אַזוי? אָט וויל איך אים אויפעסן, עס איך אים אויף. אַי וואָס? רחמנות? עס קער זיך גאָרנישט אָן. איך טו מײַן רצון. דער רצון איז נישט דער תכלית. איך עס אים אויף. איך וויל אים אויפעסן. איך מוז אים אויפעסן!...

— ה. —

אַ גוטע בשורה האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אָט דער אַלטער לוריא. ער מוז מיך אויפעסן! וואָס וועט די מאַמע זאָגן? עס פאַלט אָן אױף מיר אַ פּחד. עס ציטערט אױף מיר דאָס לײַב. די סאָפע, וואָס איך ליג אױף איר, איז אָפּגערוקט פון דער וואַנט. ביסלעכווײַז רוק איך מיך צו דער וואַנט און גליטש מיך אַראָפּ אױף דער ערד, צווישן סאָפע און צווישן

וואַנט. עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן אַ צאָן. איך הער מיך אײַן און וואַרט, ווען וועט ער מיך עסן. און וואָזוי? שטילערהייט רוף איך די מאַמע און פּיל, ווי נאַסע טראָפּנס קאַטשען זיך מיר איבער די באַקן, פון די באַקן אין מויל אַרײַן. די טראָפּנס זײַנען געזאַלצן. איך האָב קיינמאָל אַזוי נישט געבענקט נאָך דער מאַמע, ווי אַצינד. נאָך מײַן ברודער אליהו בענק איך אויך, נאָר נישט אַזוי. און אָן דעם טאַטן דערמאָן איך מיך, וואָס איך זאָג נאָך אים קדיש, ווער וועט נאָך מיר זאָגן קדיש, אַז דער אַלטער לוריא וועט מיך אויפעסן?...

. . . .

אַפּנים, איך בין גוט געשלאָפן? וואָרעם אַז איך כאַפּ מיך אויף, קוק איך מיך אַרום, ווו בין איך אין דער וועלט? איך טאַפּ די וואַנט. איך טאַפּ די סאָפע. איך שטעק אַרויס מײַן קאָפּ — אַ גרויסער, אַ ליכ־טיקער אַלקער. סאַמעטענע קאָלדרעס אַף דער ערד. די ווענט אויסגע־קלעפּט מיט מענטשעלעך. די סטעליע — ווי להבדיל אין בית־המדרש. דער אַלטער לוריא זיצט נאָך אַלץ איבער יענעם גרויסן ספר, וואָס ער רופט אים רמב"ם. מיר געפעלט דער נאָמען „רמב"ם". עס קומט אויס בא מיר ווי „בימבאַם". פּלוצים דערמאָן איך מיך, אַז דער אַלטער לוריא האָט מיך ערשט נעכטן געוואָלט אויפעסן. איך האָב מורא, ער זאָל מיך נישט דערזען און ווידער וועלן עסן. באַהאַלט איך מיך צוריק צווישן וואַנט און צווישן סאָפע און שווײַג. עס עפנט זיך די טיר מיט אַ קלונג פון יענער זײַט. עס קומט אַרײַן אַלץ יענע, וואָס גייט אָנגעטאָן ווי אַ פּריצה. נאָך איר גייט נאָך די קעכן, וואָס מע רופט זי חנה, מיט אַ גרויסן בעקן. אַפן בעקן שטייען קריגעלעך מיט קאַווע, הייסע מילך און פּוטערבולקעס פרישע.

— ווו איז דאָס בחורל? — פרעגט חנה און קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן. זי דערזעט מיך צווישן וואַנט און צווישן סאָפע.

— ביסט אַ רעכטער שייגעץ, ווי איך זע! וואָס טוסטו דאָ? קום אַראָפּ צו מיר אין קיך. דאָרט וואַרט אַף דיר די מאַמע.

איך טו אַ שפּרונג אַרויס פון מײַן באַהעלטעניש און לויף אַראָפּ איבער די אויסגעבעטע טרעפּ מיט די באָרוועסע פּיס און זינג מיר אונטער צום טאַקט: ראַם־באַם, בים־באָם! בים־באָם, ראַם־באַם! — ביז איך קום אין קיך אַרײַן.

— כאַפּט זיך נישט! — זאָגט חנה די קעכן צו דער מאַמע. —

לאָז ער אויסטרינקען כאַטש אַ גלעזל קאַווע מיט אַ פּוטערגעבעקסל! און איר אַליין, נישקשה, מעגט אויכעט נעמען אַ גלעזל קאַווע. דער גוטער יאָר וועט זיי נישט נעמען. זיי האָבן גענוג.

אַזוי זאָגט חנה די שוואַרצע, און די מאַמע דאַנקט איר און זעצט זיך אַוועק, און מע דערלאַנגט אונדז הייסע שמעקעדיקע קאַווע מיט פרישע פּוטערגעבעקס.

איר האָט אַמאָל געגעסן אייער־קיכלעך מיט צוקער? — אָט דאָס זיינען די נגידישע פּוטערגעבעקסלעך. און אפשר נאָך בעסער. דעם טעם פון דער קאַווע קאָן איך אייך נישט באַשרייבן. טעם גן־עדן! די מאַמע האַלט דאָס גלאָז און זופּט און קוויקט זיך און גיט מיר פון איר פּוטערגעבעקסל העבער האַלב. דערזעט חנה די קעכן און מאַכט אַ גוואַלד, גלייך ווי מע האָט זי געקוילעט:

— וואָס טוט איר דאָס? עסט, עסט, ס'איז דאָ גענוג!

און חנה די קעכן גיט מיר נאָך אַ פּוטערגעבעקסל. האָב איך שוין צוויי מיט אַ האַלבן. איך הער מיך צו צו זייער שמועס. דער שמועס איז מיר באַקאַנט. די מאַמע קלאָגט זיך אויף איר מזל. אַן אַלמנה, צוויי קינדער, איינער אין אַ שמאַלץ־גרוב, דער אַנדערער נעבעך אַזוי. איך וואָלט וועלן וויסן, ווי אַזוי איז דאָס מיין ברודער אליהו אין אַ שמאַלץ־גרוב? אַ גרוב מיט שמאַלץ? תמיד פליישיק? חנה הערט אויס די מאַמע, שאָקלט מיטן קאָפּ. נאָכדעם הייבט אָן חנה ריידן, קלאָגן זיך אויף איר מזל, וואָס זי דאַרף זיין בא יענעם. זי איז אַ טאָטנס אַ קינד. איר טאַטע איז געווען אַ ייִד אַ בעל־הבית, איז ער אָפּגעברענט געוואָרן. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן קרענקען. נאָכדעם איז ער געשטאָרבן. איר טאַטע, זאָגט זי, זאָל אַצינד אויפשטיין און געבן אַ קוק אויף זיין חנה, ווי זי שטייט בא אַ פרעמדן אויוון! זי קאָן זיך נישט באַקלאָגן. דאַנקען גאָט דערפאַר. זי האָט אַ גוטע שטעלע. איין חסרון — דער אַלטער בעל־הבית איז אַ ביסל...

וואָס „אַ ביסל" — ווייס איך נישט. חנה ווייזט עפּעס מיטן פינגער אויפן שטערן. די מאַמע הערט אויס חנהן, שאָקלט מיטן קאָפּ. נאָכדעם הייבט אָן ווידער די מאַמע ריידן. חנה הערט אויס די מאַמע, שאָקלט מיטן קאָפּ. אויף וועג גיט זי מיר מיט נאָך אַ פּוטערגעבעקסל, און איך ווייז די ייִנגלעך אין תלמוד־תורה. זיי רינגלען מיך אַרום און קוקן אין

די אויגן, ווי איך עס. אפּנים, בײַ זיי איז דאָס אַ גאַנצער אַנטיק? איך גיב זיי אַלעמען צו קליינע שטיקעלעך. זיי לעקן די פינגער.

— ווי האָסטו געגומען אַזאַ מאכל?

איך שטופּ אַן ביידע באַקן, שטעל זיך אַוועק אַקעגן זיי מיט די הענט אין די טיפע קעשענעס פון מײַנע הילצערנע הויזן, און קײַ און שלינג און טאַנץ אונטער אױף מײַנע באָרוועסע פיס און ווערטער, ווי איינער רעדט:

— עך, קבצנישע טאַרבעס וואָס איר זײַט! אַ טײַערע מציאה פאַר־טערגעבעקס, כאַ־כאַ־כאַ! איר זאָלט נאָך פּרובירן מיט קאַווע, וואָלט איר ערשט דעמאָלט געוווּסט וואָס הייסט טעם גן־עדן אױף דער וועלט!...

VI

אַ שמאַלץ־גרוב

— א. —

דאָס איינציקע שטיקל גליק, וואָס האָלט מײַן מאַמען אַף די פיס, איז דאָס, וואָס מײַן ברודער אליהו איז, דאַנקען גאָט, גוט. ער האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ שמאַלץ־גרוב. אַזוי זאָגט די מאַמע מײַנע, און פאַר גרויס נחת כאַפּט זי אַ וויש די אויגן, ווי איר שטייגער איז. זי האָט אים שוין פאַרזאָרגט, זאָגט זי, אַף אייביק. איר שנור, זאָגט זי, איז אפילו נישט קיין אײַ־אײַ־אײַ (איך מיין אויך אַזוי!). האָט אים אָבער גאָט צו־געשיקט דערפאַר אַ רײַכן שווער. ער איז אַ בעקער. יונה רופט מען אים, יונה דער בעקער. דאָס הייסט, ער אַליין באַקט נישט. באַקן באַקן אַנ־דערע. ער קויפט נאָר מעל און פאַרקויפט ברויט. פסח באַקט ער מצות פאַר דער גאַנצער שטאָט. ער איז צו בעקערײַ אַ ברען, און דערצו איז ער אַ בייזער יִיד — סכנות. איך מעג זאָגן, אַז ער איז אַ רוצח. ער האָט מיך איינמאָל געכאַפּט, בשעת איך בין געווען צוגאַסט באַ מײַן ברודער אליהו און האָב מיך מכבד געווען מיט אַן אייער־בייגל. דער בייגל איז געווען אַ פרישער, אַ וואַרעמער, נאַר־וואָס פונעם אויוון. האָט דער רוח באַדאַרפט אָנטראָגן יונה דעם בעקער. איר זאָלט געווען זען זײַן רציחהדיק פּנים מיט זײַנע גזלעוואַיע אויגן! פון דעמאָלט אָן גיי איך נישט מער אַהין. מײַן פוס וועט שוין דאָרט נישט זײַן מער, איך זאָל וויסן גאָלד! אַ יִיד זאָל האָבן אַ טבע אָננעמען פאַרן קאָלנער און אַרויסוואַרפן אַף יענער זײַט טיר, און נאָך געבן גוטע דרײַ סטוסאַקעס פון הינטן! איך האָב עס דערציילט דער מאַמען, איז זי באַלד אַוועקגעלאָפן אַהין — זי האָט אים געוואָלט אָפּשפּילן אַ חתונה, ווי אים קומט. האָט אָבער מײַן

ברודער אליהו נישט דערלאָזט. ער האָט אים אָפּגעגעבן דעם געׄרעכט. ער האָט געדרונגען דער מאַמען, אַז ער האָט דורך מיר בזיונות. אַלעמאָל, ווען איך קום צו אים, עס איך, זאָגט ער, בייגל. ער וועט מיר בעסער געבן, זאָגט ער, אַ קאָפּיקע און לאָם איך גיין ערגעץ אַנדערש זיך קויפן אַ בייגל. זאָגט אים די מאַמע, אַז ער האָט אַף מיר קיין קאָפּ רחמנות נישט, אַז עס אַרט אים נישט, וואָס דאָס קינד איז אַ יתום. זאָגט איר מײַן ברודער אליהו, אַז מע קאָן זײַן אַ יתום און מע טאָר נישט כאַפּן קיין בייגל פון אַ פרעמדן אויוון. זאָגט אים די מאַמע, ער זאָל ריידן אַביסל שטילער. זאָגט איר מײַן ברודער אליהו, אַז ער וועט דווקא שרײַען הויך, בכדי אַלע זאָלן וויסן, אַז איך בין אַ גנב. דאָס וואָרט „גנב" קאָן מײַן מאַמע נישט הערן. זי ווערט אַלערליי פאַרבן און זאָגט צו מײַן ברודער אליהו, ער זאָל נישט פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אַף דער וועלט. מיט גאָט שפּילט מען זיך נישט. גאָט וועט נישט שווײַגן. ער איז אַן אבי־יתומים. ער וועט זיך אָננעמען פאַרן יתום. נישקשה, ער איז אַ גרויסער גאָט. ער קאָן. אַז גאָט וויל, קאָן יונה דער בעקער נישט פאַר־מאָגן וואָס אַ בייגל איז ווערט!... אַזוי זאָגט־אָפּ די מאַמע צו מײַן ברודער אליהו. זי נעמט מיך פאַר אַ האַנט, טוט אַ קלאַפּ מיט דער טיר, און מיר גייען אַהיים.

— ב. —

הערט איר, אַפּנים, אַז מיט גאָט טאָר מען זיך טאַקע נישט שפּילן!
איר וואָלט וויסן וואָסער אַ סוף יונה דער בעקער האָט געהאַט! איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז ער אַליין באַקט נישט. באַקן באַקן אַנדערע. עפּעס צוויי יידן שוואַרצע מיט דרײַ ווײַבער פרעמדע, אָפּגעריסענע, אָפּ־געשליסענע, מיט רויטע וואַרעמע פּאַטשיילעס אַפן קאָפּ (כאָטש אין דרויסן איז אַ היץ — סכנת נפשות!). האָט זיך געטראָפן אַ מעשה. נישט איין מעשה, נאָר עטלעכע מעשיות. דער עולם האָט זיך געקלאָגט, אַז מע געפינט אין די בולקעלעך פאָדעם, און טאַשמעס, און טאַראַקאַנעס, און שטיקלעך גלאָז. איינער אַ קריסט האָט געבראַכט צו טראָגן צו דעם בעקער אַ גאַנצן זשמוט מיט האָר, שוואַרצע האָר. פאַר אַ קריסט האָט זיך יונה דער בעקער איבערגעשראָקן. ובפרט דער קריסט האָט געסטראַ־שעט מיט פּאָליציי. מע האָט זיך גענומען צו די בעקערס, פאַרגלײַכן וועמענס האָר. די מאַנצבילן האָבן געזאָגט אַף די ווײַבער. די ווײַבער

האָבן געזאָגט אַף די מאַנצבילן. די ווײַבער האָבן געטענהט, אַז זיי האָבן אַלע געלע האָר. די מאַנצבילן האָבן געטענהט: ווו האָט איר געזען בא מאַנצבילן אַזעלכע לאַנגע האָר? ביז די ווײַבער האָבן זיך צעקריגט. און אַז די ווײַבער האָבן זיך צעקריגט, איז מען געוואָר געוואָרן שיינע זאַכן: איינע האָט פאַרלוירן אַ זאַקנבענדל אין דער חלה. איינע האָט פאַרקנאָטן אין טייג אַ זאַניטעצע פון אַ קראַנקן פינגער. נאָך איינע פלעגט זיך לייגן אַלע באַנאַכט צוקאָפּנס די אויפגעוויירענע חלה. זי האָט געשוואָרן מיט כל השבועות שבעולם, אַז ס'איז שקר וכזב. סך הכל האָט זיך דאָס גע־טראָפן איין מאָל, אָדער, העכסטנס, צוויי מאָל. זי האָט נישט געהאַט קיין קישן...

די גאַנצע שטאָט האָט זיך געוויגט. יונה דער בעקער האָט נעבעך געהאַט דאָס לויפעניש. עס האָט נישט געהאָלפן קיין שום רבונו־של־עולם. מע האָט נישט געוואָלט נעמען זײַן געבעקס אין די הענט אַרײַן! כאַטש וואַרף עס אַרויס פאַר די הינט! אַ מצווה אַף אים!

— ג —

יונה דער בעקער איז אָבער אַ יונג מיט ביינער. ער האָט צעטריבן די בעקערס, די ייִדן מיט די ווײַבער, און האָט צוגענומען אַנדערע בע־קערס. שבת האָט ער געלאָזט אויסרופן אין אַלע שילן, אַז ער האָט צוגע־נומען נײַע בעקערס, און אַז פון הײַנט אָן און ווײַטער גיט ער אַכטונג אַליין, ס'זאָל זײַן ריין און ציכטיק. ער איז ערב מיט צען רובל שטראָף, טאָמער געפינט מען בא אים אין דער חלה איין האָר אפילו. פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן לייזן געלט. דער עולם האָט געזוכט האָר בא אים אין די געבעקס און מע האָט דווקא נישט געפונען. אַפילו אַז מע האָט יאָ עפּעס געפונען און מע האָט אים געבראַכט, האָט ער אַרויסגע־טריבן. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס האָט מען אומיסטנע אַרײַנגעלייגט, בכדי צו באַקומען די צען רובל שטראָף. מע ווייס די מעשות!... אַ רעכטער חברה־מאַן אָט דער יונה דער בעקער! גאָט האָט אָבער געוואָלט זיך אָפּרעכענען מיט אים, האָט ער אים צוגעשיקט אַ נײַעם אומגליק. איינמאָל אין אַ שיינעם פרימאָרגן זײַנען אַלע זײַנע בעקערס אויפגע־שטאַנען, צונויפגענומען די קלומקעס און זײַנען אַוועק. זיי ווילן מער נישט באַקן בא אים פאַר קיין געלט. סײַדן ער וועט זיי העכערן דעם פּרײַז

אף א קערבל א וואָך, און וועט זיי לאָזן אַף באַנאַכט אהיים שלאָפֿן, און וועט זיי נישט שלאָגן מיט די הענט גלײַך אין די ציין אַרײַן. בא יונה דעם בעקער איז אזא טבע: באַלד עפּעס — גיט ער מיט די הענט אין די ציין אַרײַן. יונה איז געוואָרן אָנגעצונדן. ער איז שוין א בעל־הבית פון היפשע עטלעכע יאָר, האָט זיך אים נאָך נישט געטראָפן, אז א בעל־מלאָכה זאָל גאָר זאָגן א דעה, ווי אַזוי צו שלאָגן זיך! פון העכערן דעם פרײַז איז גאָר נישטאָ וואָס צו ריידן. ער קאָן קריגן צען אַנדערע אַף זייער אָרט. א טײַערע מציאה אַרבעטער! קאַרג מענטשן שטאַרבן פון הונגער? ער איז אַוועק זוכן בעקערס. נישטאָ קיין בעקערס. קיינער וויל נישט גיין. וואָס איז די מעשה? אַלע בעקערס האָבן זיך געמאַכט יד־אחת. זיי ווילן צו אים נישט גיין, ביז ער וועט נישט צונעמען אַלע פרײַעריקע בעקערס, און ביז ער וועט נישט מקיים זײַן אַלע דרײַ זאַכן: 1) א קערבל א וואָך. 2) באַנאַכט אהיים שלאָפֿן. 3) נישט שלאָגן זיך מיט די הענט אין די ציין... שיין געוועזן אָנצוקוקן, ווי יונה האָט זיך געקאַכט, געפּינעט, געקלאַפּט מיט די הענט אין טיש און געשאָלטן זיך. אי האָב איך געהאַט א נקמה! נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט אַקעגן דעם וואָס ס׳איז געווען ווײַטער.

— ד —

א הייסער זומערטאָג. נאָר וואָס זײַנען אויפגעקומען דינים מיט קאַ־וועגעס (אַרבוזעס). דאָס איז די בעסטע צײַט אין יאָר. שפּעטער א ביסל הייבן זיך אָן די וויינענדיקע טעג. גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד — איך האָב פֿײַנט די וויינענדיקע טעג. איך האָב בעסער ליב, אז ס׳איז פריילעך. און וואָס קאָן זײַן פריילעכער פון א פולן מאַרק מיט דינים און מיט קאַווענעס? אומעטום, וווּ איר טוט זיך א קער, איז אָדער דינים, אָדער קאַווענעס. די דינים זײַנען געל און שמעקן ווי אתרוגים. די קאַווענעס זײַנען רויט (אינעווייניק), ווי פֿײַער, און קערלעך האָבן זיי שוואַרצע, און די זיסקייט זייערע איז ווי א גוטער האָניק. מײַן מאַמע האַלט נישט פון קאַווענעס. זי זאָגט, אז דינים זײַנען שפּאָרעוודיקער. אַז זי קויפט, זאָגט זי, א דיני, האָט זי אַף צוויי טעג פאַר אונדזביידן — אַף אָנבײַסן, אַף וואַרעמעס און אַף וועטשערע. און א קאַווענע, זאָגט זי, איז א נאַשערײַ: פּויזשעט נאָר אָן א פולן בויך מיט וואַסער. איך

מיין, אַז זי האָט אַ טעות. איך זאָל זײַן אַ קייסער, וואָלט איך אַ גאַנץ יאָר געגעסן קאַווענע מיט ברויט. עס מאַכט נישט אויס, וואָס ס'איז דאָ איז זיי אַ סך קערלעך. אַ גוטע קאַווענע אַז מע טוט אַ רעכטן טרייסל, טוען די קערלעך אַ פאַל אַרויס — און דעמאָלט עסט וויפל איר ווילט אַליין! אַהאָ! זעט נאָר, איך האָב מיך אַזוי פאַררעדט פון די קאַווע־נעס, אַז איך האָב פאַרגעסן פון וואָס איך האָב אָנגעהויבן. איך האַלט בײַ מײַן ברודער אליהוס שווער, יונה דעם בייגלבעקער. ס'איז געקומען אויף אים אַ רעכטע מפּלה. קיינער האָט זיך אויף אַזעלכעס נישט גערעכנט. שטעלט אײַך פאָר, מיר זיצן מיט מײַן מאַמען בײַם טיש און עסן וואַ־רעמעס: דיני מיט ברויט. עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן מײַן ברודער אליהו מיט אַ חומש אין האַנט, דעם טאַטנס חומש. נאָך אים שלעפּט זיך נאָך זײַן ווײַב ברכה. אין איין האַנט האַלט זי אַ פּוטערנעם קאָלנער מיט ווײַדעלעך, אין דער אַנדערער האַנט — אַ פאַרעוועון „דורכ־שלאַג". איר ווייסט נישט, וואָס הייסט אַ דורכשלאַג? אַזאַ כּלי, וואָס מע זײַט אָפּ אויף דעם די לאָקשן. מײַן ברודער אליהו איז טויט, ווי די וואַנט. מײַן שוועגערן ברכה איז רויט, ווי אַ העליש פײַער.

— שוויגער, מיר זײַנען געקומען צו אײַך. — זאָגט מײַן שווע־גערן ברכה.

— מאַמע, מיר זײַנען קוים אַרויס מיטן לעבן. — זאָגט מײַן ברו־דער אליהו.

און ביידע זעצן זיך אַוועק וויינען, און די מאַמע העלפט זיי אונ־טער. וואָס האָט זיך געטראָפן? אָפּגעברענט געוואָרן? אַרויסגעטריבן? עס הייבט זיך גאָר ניט אָן! מײַן ברודער אליהוס שווער, יונה דער בעקער, האָט זיך געשטעלט. אָנגעזעצט הייסט דאָס בײַ אונדז. זײַנען געקומען די בעלי־חובות און האָבן אים אָפּגעשריבן פון קאָפּ ביז פיס. זיי האָבן צוגענומען בײַ אים ביז אַ פאָדעם. אַלץ וואָס אין שטוב, און אַפילו די שטוב אַליין אויך, נאָך מיט וואָסערע בזיונות! מע האָט אים גע־בעטן מחילה, ער זאָל אָפּרייניקן די שטוב. דאָס הייסט, מע האָט אים אַרויסגעוואָרפן, זאָגט ער, אויף דרײַ שפּענדלעך.

— ווי איז מיר! — זאָגט די מאַמע און ברעכט די הענט. — ווו איז אַהינגעקומען זײַן געלט? ער איז דאָך געווען אַ נגיד!

ענטפערט איר מײַן ברודער אליהו, אַז, ערשטנס, איז ער גאָר ניט געווען אַזאַ נגיד. און צווייטנס... דאָ מישט זיך אַרײַן מיין שווע־

גערן ברכה, אז איר טאטע איז דווקא יאָ געווען אַ נגיד. חוץ זײַן שאָדן אַף איר געזאָגט געוואָרן כאָטש האַלב. נאָר וואָס דען? איר חתונה האָט אים אָפּגעקאָסט אַן אוצר! זי האָט ליב ריידן פון איר חתונה. אַלע מאָל, ווען זי קומט צו אונדז, הערט איר נאָר פון איר חתונה. אַזאַ חתונה, ווי איר חתונה, איז נישט געווען, זאָגט זי, אַף דער גאַנצער וועלט. דאָס געבעקס וואָס אַף איר חתונה, די געבראָטנס וואָס אַף איר חתונה, די טאָרטן מיט די לעקעכער, מיט די שטרודלען, מיט די מלכות-ברויטלעך, מיט די אײַנגעמאַכטסן וואָס אַף איר חתונה!... דערווײַל איז זי געבליבן ווי זי שטייט און גייט, מיט אַ פוטערן קעלנערל און מיט אַ פאַרעווען דורכשלאָג. דאָס נדן, וואָס איר פאָטער האָט צוגע־זאָגט, שמועסט מען נישט, אַז ס׳איז פאַרפאַלן. מײַן ברודער אליהו האָט נאָך געהאַט רווחים: מע האָט אים אָפּגעשריבן זײַנע שבתדיקע מלבושים, מיטן טלית, מיטן בעטגעוואַנט. דעם זייגער אויך. ער איז געבליבן ווי אַפּן וואַסער. מײַן מאַמע האָט אײַנגעלייגט די וועלט. ס׳טײַטש, אַזאַ־נ־אומגליק! ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן? איר האָבן דאָך אַלע מקנא געווען אַפּן שידוך! אַפּנים, לײַט האָבן איר אַ גוט אויג געגעבן, אָדער זי אַליין האָט אים דעמאָלט מיט איר מויל פאַרשאָלטן?... ווי אַזוי די מעשה איז, איר האָט דאָס געטראָפן, זאָגט זי, מער פון אַלעמען. אַ שמאַלץ־גרוב האָט זיך איר פאַרגלוסט!

— די שמאַלץ רינט אויס, די גרוב בלײַבט איבער. זײַ דערווײַל באַ מיר, מײַן קינד, ביז גאָט וועט רחמנות האָבן...

אַזוי זאָגט די מאַמע און טרעט אַפּ דער שנור איר בעט, דאָס איינ־ציקע שטיקל מעבל, וואָס באַ אונדז אין שטוב.

VII

מײַן ברודער אליהוס געטראַנק

— א. —

„פֿאַר איין רובל — הונדערט רובל! הונדערט רובל אַ מאָנאַט און מער קאָן פֿאַרדינען יעדער איינציקער, ווער עס וועט זיך באַקענען מיטן אינהאַלט פֿון אונדזער בוך, וואָס קאָסט סך הכל איין רובל מיט פּאָרטאָ. לויפֿט, קויפֿט! סטאַפּט, כאַפּט — איר וועט פֿאַרשפּעטיקן!"

אָט אַזאַ מין זאַך האָט אויסגעלייענט ערגעץ אַף די בלעטער מײַן ברודער אליהו באַלד ווי ער איז אַראָפּ פֿון קעסט. און אַראָפּ פֿון קעסט איז מײַן ברודער אליהו נישט דערפֿאַר, ווײַל עס איז אים „אויסגעגאַנגען די יאָרן". צוגעזאָגט האָט מען אים, איינגנטלעך, קעסט גאַנצע דרײַ יאָר, און געהאַלטן האָט מען אים אפֿילו נישט קיין דרײַ פֿערטל יאָר. עס האָט זיך מיט זײַן רײַכן שווער געטראָפֿן אַן אומגליק. יונה דער בעקער האָט אָנגעזועצט און איז געוואָרן פֿון אַ נגיד אַ קבצן. פֿונוואַנען דער בראָך איז געקומען — האָב איך אײַך שוין דערציילט. צוויי מאָל איין זאַך דערצייל איך קיינמאָל נישט, סײַדן מע בעט מיך. איצטיקס מאָל וועט זיך נישט העלפֿן קיין בעטן אויך, ווײַל איך בין זייער פֿאַרנומען. איך פֿאַרדין געלט. איך טראָג אַרום אַ געטראַנק. וואָס מײַן ברודער אליהו מאַכט אים אַליין מיט זײַנע אייגענע הענט. ער האָט זיך אויסגעלערנט מאַכן דאָס פֿון אַ בוך, וואָס קאָסט סך הכל איין רובל, און פֿאַרדינען קאָן מען מיט דעם הונדערט רובל אַ חודש און מער. מײַן ברודער אליהו, וויבאַלד ער האָט איבערגעלייענט, אַז ס'איז דאָ אַזאַ בוך אַף דער וועלט, אַזוי האָט ער באַלד אַוועקגעשיקט אַף דער פּאָסט אַ קערבל (דאָס לעצטע קערבל) און האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען אַ בשורה, זי זאָל נישט זאָרגן מער.

— מאַמע! דאַנקען גאָט, מיר זײַנען געהאָלפֿן. מיט פּרנסה זײַנען מיר שוין פֿאַרזאָרגט אָט אַזוי ווײַט (ער ווײַזט מיט דער האַנט אַפֿן האַלדז).

— וואָס איז דען? — פֿרעגט די מאַמע. — האָסט געקריגן אַ שטעלע?

— נאָך בעסער פֿון אַ שטעלע! — ענטפֿערט איר מײַן ברודער אליהו, און די אויגן באַ אים לײַכטן. אַפּנים, פֿון גרויס שמחה. ער הייסט איר וואַרטן נאָך עטלעכע טעג, ביז דאָס בוך וועט אים אָנקומען.

— וואָסער בוך? — פֿרעגט אים די מאַמע.

— ס'איז שוין איין מאָל אַ בוך! — זאָגט איר מײַן ברודער אליהו און פֿרעגט זי, אויב זי וועט זײַן צופֿרידן מיט הונדערט רובל אַ חודש? לאַכט פֿון אים די מאַמע און זאָגט אים, אַז זי וואָלט געווען צופֿרידן מיט הונדערט רובל אַ יאָר, אַבי זיכערע. ענטפֿערט איר דערויף מײַן ברודער אליהו, אַז באַ איר איז צו אַ קליינע השגה, און ער לאָזט זיך גיין אױף דער פּאָסט. אַלע טאָג גייט ער אױף דער פּאָסט און פֿרעגט זיך נאָך אַפֿן בוך. שוין העכער אַ וואָך, אַז ער האָט אָוועקגעשיקט דאָס קערבל, און קיין בוך איז נישטאָ! דערווײַל דאַרף מען לעבן. „די נשמה אויסשפּײַען קאָן מען נישט". אַזוי זאָגט די מאַמע. איך פֿאַרשטיי נישט, ווי אַזוי שפּײַט מען דאָס אויס אַ נשמה?

— ב. —

שאַט, שוין דאָ אַ בוך! מיר האָבן דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מײַן ברודער אליהו זיך אַוועקגעזעצט לייענען דאָס בוך. ווײ־ווײ, וואָס ער האָט דאָרטן אויסגעלייענט! וויפֿל סגולות אױף צו מאַכן געלט דורך פֿאַרשיידענע רעצעפּטן! אַ רעצעפּט אױף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן די בעסטע טינטן. אַ רעצעפּט אױף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן גוטע שוואַרצע שוואַקס. אַ רעצעפּט אױף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך אַרויסטרײַבן מײַז, טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטן. אַ רעצעפּט אױף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש און מער דורך מאַכן ליקערן, זיסע בראָנפֿנס, לימאָנאַד, סאָדע־וואַסער, קוואַס און אַנדערע נאָך מער ביליקע געטראַנקען.

מײַן ברודער אליהו האָט זיך אָפּגעשטעלט אַפֿן לעצטן רעצעפּט. ערשטנס, ווײַל דורך אים קאָן מען פֿאַרדינען נאָך מער פֿון הונדערט

רובל א חודש. אזוי שטייט דאָך בפירוש געשריבן אין בוך. צווייטנס, מע דאַרף זיך נישט פּאַטשקען מיט טינט און מיט שוואַקס און נישט האָבן צו טאָן מיט מײַז, טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטן. די פראַגע איז נאָר, צו וואָסער געטראַנק זאָל מען זיך נעמען? צו ליקערן און זיסע בראָנפנס דאַרף מען האָבן רויטשילדס פאַרמעגן. צו לימאָנאַד און סאָדע־וואַסער דאַרף מען האָבן אַ מאַשינע אַזעלכע, עפּעס אַ מין שטיין, וואָס קאָסט מי יודע וויפל! בלײַבט איבער נאָר איין זאַך: קוואַס! קוואַס איז אַזאַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוול און עס גייט אַ סך. ובפרט נאָך אין אַזאַ הייסן זומער, ווי הײַנט. פון קוואַס, דאַרפט איר וויסן, איז בײַ אונדז ברוך דער קוואַסניק געוואָרן אַ גביר. ער מאַכט „בוטל־קוואַס”. זײַן קוואַס האָט אַ שם אויף דער וועלט. ער שיסט פון די פלעשער, ווי פון אַ האַרמאַט. וואָס איז דער שכל, וואָס סע שיסט, ווייס קיינער נישט. דאָס איז ברוכס סוד. מע זאָגט, אַז ער לייגט אַרײַן אינעווייניק עפּעס אַזעלכעס, וואָס שיסט. אַנדערע זאָגן — אַ ראָזשינקע. אַנדערע זאָגן — האָפּן. קומט דער זומער, האָט ער נישט קיין הענט. אַזויפיל לייזט ער געלט!

אונדזער קוואַס, וואָס מײַן ברודער אליהו מאַכט נאָכן רעצעפּט, איז נישט קיין בוטל־קוואַס און שיסט נישט. אונדזער קוואַס איז אַן אַנדער מין געטראַנק. ווי אַזוי ער ווערט געמאַכט — קאָן איך אײַך נישט זאָגן. מיין ברודער אליהו לאָזט קיינעם נישט צו, בשעת ער מאַכט אים. אַז ער גיסט וואַסער — זעען אַלע. נאָר אַז ער האַלט אין רעכטן מאַכן, פאַרשליסט ער זיך אין דער מאַמעס אַלקער. נישט איך, נישט די מאַמע, נישט מײַן שווערגערן ברכה — קיינער האָט נישט די זכיה צו זײַן דערבײַ. נאָר אויב איר זאָגט מיר צו, אַז ס'וועט זײַן אַ סוד, קאָן איך אײַך זאָגן, וואָס אין דעם געטראַנק געפינט זיך. איך ווייס דאָך וואָס ער גרייט צו. דאָרטן געפינט זיך שאָלעכץ פון לימענע, שיטערער האָניק (מעלים), אַ זאַך וואָס מע רופט דאָס קרימעטאַרטערום און וואָס איז זויערער פון עסיק, און דאָס איבעריקע — וואַסער. וואַסער איז דאָרטן דאָ מער פון אַלצדינג. וואָס מער וואַסער — מער קוואַס. דאָס אַלץ ווערט גוט אויסגעמישט מיט אַ פּראָסטן שטעקן, אַזוי שטייט געשריבן אין בוך, און דאָס געטראַנק איז פאַרטיק. נאָכדעם ווערט ער אַרײַנגעגאָסן אין אַ גרויסן קרוג, און מע וואַרפט אַרײַן אַהין אַ שטיק אײַז. אײַז איז דער עיקר! אָן אײַז טויג דאָס גאַנצע געטראַנק אויף

תשעה נײַנציק כפּרות. דאָס זאָג איך אײַך נישט פֿונעם בוך, נאָר איך האָב איינמאָל אַליין פּאַרזוכט אַ ביסל קוואַס אָן אַבֿיז, האָב איך געמיינט, אַז ס'איז אַן עק פֿון מײַן לעבן!

— ג —

געמאַכט דאָס ערשטע פֿעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרויסטראָגן פֿאַרקויפֿן אים אױף דער גאַס זאָל איך. ווער דען, אַז נישט איך? מײַן ברודער אליהון פּאַסט נישט. ער איז דאָך שוין אַ באַוואַבטער. דער מאַמען — אַוודאי נישט. מיר וועלן גאָרנישט דערלאָזן, אַז די מאַמע זאָל אַרומגיין מיט אַ קרוג איבערן מאַרק און שרײַען: „קוואַס! קוואַס! ייִדן, קוואַס!" אַלע האָבן געפּסקנט, אַז דאָס דאַרף זײַן מײַן אַרבעט. איך אַליין האָב אויך אַזוי געדענקט. איך האָב מיך מחיה געווען, אַז איך האָב דערהערט דאָס נײַס. מײַן ברודער אליהו האָט גענומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טאָן. דעם קרוג זאָל איך האַלטן אין איין האַנט אױף אַ שטריקל, דאָס גלאָז אין דער אַנדערער האַנט, און בכדי דער עולם זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך, און מיט אַ ניגון, אָט אַזוי:

ייִדן, אַ געטראַנק!
אַ קאָפּיקע אַ גלאָז!
קאַלט און זיס —
אַ דערקוויקעניש!...

אַ קול, האָב איך אײַך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך האָב אַ שיינס. אַ סאָפּראַנאָ־שטימע, בירושה פֿון מײַן טאַטן, עליו השלום. איך האָב געגעבן אַ זינג־אַרויס אױף אַ קול און האָב איבערגעדרייט דעם פּסוק מיט די פּיס אַרויף:

זיסער קוואַס אַ גלאָז!
אַ קאָפּיקע אַ ייִד!
אַ קוויק און אַ קאַלט —
אַ דערטרינקעניש!...

איך ווייס נישט: צי מײַן געזאַנג איז אַזוי געפֿעלן געוואָרן? צי דאָס געטראַנק איז טאַקע געווען אַזוי גוט? צי אפֿשר ווײַל דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אויספֿאַר־

קויפט אין איין האַלבע שעה און בין געקומען אַהיים מיט כמעט פינף גילדן פּדיון. מײַן ברודער אליהו האָט אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מאַמען, און מיר האָט ער באַלד אָנגעגאָסן אַ פרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך אויסדרייען אַזוי פינף־זעקס מאָל דורכן טאָג, וועלן מיר האָבן פאַרדינט פּונקט הונדערט רובל אַ חודש. איצט רעכנט, זײַט מוחל, אַראָפּ די פיר טעג שבת, וואָס אין חודש, וועט איר שוין אַליין וויסן, וויפל דאָס געטראַנק קאָסט אונדז און וואָס פאַר אַ פּראָצענט מיר פאַרדינען באַ אים? דאָס געטראַנק קאָסט אונדז זייער וואָלוול. מען קאָן זאָגן כמעט גאָרנישט. דאָס גאַנצע געלט גייט אַוועק אָפן אײַז. דעריבער דאַרף מען זען, וואָס גיכער אויספאַרקויפן דעם קרוג מיטן געטראַנק, בכדי דאָס שטיקל אײַז זאָל צוניץ קומען אָפן צווייטן קרוג, און אָפן דריטן קרוג, און אַזוי ווײַטער. דעריבער דאַרף מען מיטן געטראַנק גיין גיך, טאַקע לויפן. נאָך מיר לויפן נאָך יינגלעך, שקצים, אַ גאַנצע טימשקע. זיי קרימען מיך איבער, ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער מיטן קאָטער. איך זע וואָס גיכער אויסברענגען דעם קרוג און לויפן אַהיים נעמען נאָך אַ קרוג. וויפל איך האָב געמאַכט דעם ערשטן טאָג — ווייס איך אַליין נישט. איך ווייס נאָר, אַז מײַן ברודער אליהו מיט מײַן שווער ברכה מיט מײַן מאַמען האָבן מיך שטאַרק געלויבט. וועטשערע האָט מען מיר געגעבן אַ שטיק דיני מיט אַ שטיק קאַווענע מיט צוויי פלוימען אינגערשע. פון קוואָס שמועסט מען נישט. קוואָס טרינקען מיר אַלע אַזוי ווי וואַסער. פאַרן שלאָף בעט מיר אויס די מאַמע אַף דער ערד און פרעגט מיך, צי עס טוט מיר נישט וויי חלילה די פיס. מײַן ברודער אליהו לאַכט פון איר. ער זאָגט אַף מיר, אַז איך בין אַזאַ יינגל, וואָס מיר טוט קיינמאָל נישט וויי קיין זאַך.

— געוויס! — זאָג איך. — אַ סימן, אויב איר ווילט, גיי איך באַלד מיט אַ קרוג אינמיטן האַלבע נאַכט.

אַלע דרײַ צעלאַכן זיך פון מײַן בריהשאַפט. נאָר אַף דער מאַמעס אויגן זע איך טרערן. נו, דאָס איז דאָך אָן אַלטער כלל — אַ מאַמע דאַרף וויינען! איך וואָלט וועלן וויסן: אַלע מאַמעס וויינען אַזוי שטענדיק, ווי מײַן מאַמע?

— ד —

עס גייט אונדז, קיין עין־הרע, דורך מיר און דורך טויער. איין טאָג איז הייסער פונעם אַנדערן. עס ברענט! מענטשן גייען אויס פאַר היץ, קינדער פאַלן אַזוי ווי פליגן. ווען נישט דאָס גלעזל קוואַס, וואָלט מען פאַרברענט געוואָרן. איך קער מיך אום מיטן קרוג, בלא גוזמא, צען מאָל א טאָג! מײַן ברודער אליהו קוקט אַרײַן אין פאַס אַרײַן מיט איין אויג און זאָגט, אַז עס טאָגט שוין. פאַלט ער אַף אַן אייצע און גיסט צו נאָך א פּאָר עמער וואַסער. אַף דער אייצע בין איך געפאַלן נאָך פריִער פון אים. איך מוז מיך מודה זײַן פאַר אײַך, אַז איך האָב אָפּגעטאָן א שפּיצל שוין עטלעכע מאָל. כמעט אַלע טאָג כאַפּ איך מיך אַרײַן צו אונדזער שכנה פּעסיע און גיב איר פאַרזוכן א גלעזל פון אונדזער אייגענעם געטראַנק. איר מאַן, משה דעם אײַנבינדער, גיב איך צוויי גלעזלעך. ער איז א גוטער מענטש. די קינדער אַלע גיב איך אויך צו גלעזלעך קוואַס. לאָזן זיי אויך וויסן, וואָס פאַר א געטראַנק מיר קאָנען מאַכן. דעם בלינדן פעטער גיב איך אויך א גלעזל קוואַס אַף צו פאַרזוכן. א רחמנות, ער איז נעבעך א קאַליקע. אַלע מײַנע באַקאַנטע גיב איך קוואַס. אומזיסט, אָן א קאָפּיקע געלט. און בכדי ס'זאָל נישט זײַן קיין שאָדן, דערגיס איך דעם קרוג מיט וואַסער. אַף איטלעכס גלעזל קוואַס, וואָס איך גיב אַוועק אומזיסט, דערגיס איך צוויי גלעזער וואַסער. דאָס אייגענע טוט מען אינדערהיים אויך. למשל, מײַן ברודער אליהו טרינקט אויס א גלעזל קוואַס, דערגיסט ער באַלד מיט וואַסער. ער איז גערעכט. ס'איז אַן עבירה א קאָפּיקע. מײַן שוועגערן ברכה טרינקט אויס א פּאָר גלעזלעך קוואַס (זי האָט ליב מײַן ברודער אליהוס קוואַס — סכנות!), דערגיסט זי באַלד מיט וואַסער. די מאַמע פאַרזוכט אַמאָל א גלעזל קוואַס (זי דאַרף מען בעטן. אַליין וועט זי נישט נעמען!), דערגיסט מען באַלד מיט וואַסער. הכלל, עס גייט נישט חסר קיין טראָפּן, און מיר מאַכן, קיין עין־הרע, פײַן געלט. די מאַמע האָט זיך אַרומגעצאַלט מיט א סך חובות. אויסגעלייזט א פּאָר נייטיקע משכונות, דאָס בעטגעוואַנט. אין שטוב האָט זיך באַוויזן א טישל, א בענקל. אַף שבת האָבן מיר פיש און פלייש און ווײַסע קוילעטשן. מיר האָט מען צוגעזאָגט, אם ירצה השם, אַף ימים־טובים א פּאָר שטיוועלעך נײַע. מיר דאַכט, אַז קײנעם איז נישט אַזוי גוט, ווי מיר!

— ה. —

גייט זײַט אַ נבֿיא און טרעפֿט, אַז ס'וועט זיך טרעפֿן אַזאַ מין אומגליק, און אונדזער געטראַנק וועט ווערן פּסול, כאַטש נעמט גיסט אים אַרויס אין פּאַמעניצע! נאָך אַ גליק, וואָס מע האָט מיך נישט פֿאַרנומען אין פּאָליציי. הערט אַ מעשה! איינמאָל האָב איך פֿאַרבלאָנדזשעט מיטן קרוג קוואַס צו אונדזער שכנה פּעסיע. דער גאַנצער עולם האָט גענומען צו גלעזלעך קוואַס, און איך אַליין אויך מיט זיי. אויסגערעכנט, אַז עס פֿעלט מיר אַ גלעזלעך צוועלף־דרײַצן געטראַנק, האָב איך מיך אַרײַנגעכאַפּט אין הויז, דאָרטן ווו דאָס וואַסער שטייט בײַ זיי. אַנשטאָט דער דייזשע מיט וואַסער האָב איך, אַפּנים, געטראָפֿן צו דער באַלייע, ווו מע וואַשט גרעט, און אַרײַנגעפּליאַסקעט אַ פּופֿצן־צוואַנציק גלעזער צו מיר אין קרוג אַרײַן, און בין אַוועק אין גאַס אַרײַן מיט אַ נײַעם ניגון, וואָס איך אַליין האָב צוגעטראַכט:

יידן, אַ געטראַנק!
טעם גן־עדן!
אַזאַ יאָר אויף מיר,
אויף אײַך און אויף אונדז ביידן!

שטעלט מיך אָפּ אַ ייִד, באַצאָלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסן אַ גלעזל קוואַס. ער טרינקט אויס דאָס גאַנצע גלאָז און פֿאַרקרימט זיך.

— ייִנגעלע! וואָס איז דאָס בײַ דיר פֿאַר אַ געטראַנק?

איך הער אים אין טראַק. עס שטייען נאָך צוויי ייִדן און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָנגיסן. איינער זופּט־אָפּ אַ האַלבע גלאָז, דער אַנדערער אַ דריטל. זיי באַצאָלן, שפּײַען אויס און גייען אַוועק. נאָך איינער טראָגט צו דאָס גלאָז צו די ליפּן. ער פֿאַרזוכט און זאָגט, אַז סע שמעקט מיט זייף און ס'איז, דאַכט זיך, געזאַלצן. נאָך איינער טוט אַ קוק אויפֿן גלאָז און גיט מיר אָפּ צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס בײַ דיר?

— אַזאַ געטראַנק. — זאָג איך.

— אַ געשטאַנק? — מאַכט ער צו מיר. — אַ געשטאַנק, נישט קיין געטראַנק!

איינער גייט צו, פֿאַרזוכט און טוט אַ פּאָליאַסקע אויס דאָס גלאָז

גלײַך מיר אין פּנים אַרײַן. אין אַ מינוט אַרום שטייען אַרום מיר אַ גאַנץ רעדל מיט ייִדן, ווײַבער און קינדער. אַלע ריידן, מאַכן מיט די הענט, קאָכן זיך. דערזעט אַ יוון, אַז מע קלײַבט זיך, גייט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ? דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אַרײַן צו מיר אין קרוג אַרײַן און הייסט זיך געבן פּאַרזוכן. גיט איך אים אָן אַ גלעזל מיט קוואַס. דער יוון טוט אַ טרונק אָפּ און שפּײַט אויס און ווערט מלא רציחה.

— ווי האָסטו גענומען אַזעלכע פּאָמאָיעס? — פרעגט ער מיך.

— דאָס איז פון אַ בוך, זאָג איך אים, מײַן ברודערס מלאָכה. מײַן ברודער אַליין מאַכט דאָס.

— ווער איז דײַן ברודער? — פרעגט ער מיך.

— מײַן ברודער אליהו. — זאָג איך אים.

— וואָסער אליהו? — פרעגט ער מיך.

— דבר נישט, דו נאַרישער יאָלד, אָפּ דײַן אָחי! — זאָגן צו מיר עטלעכע ייִדן אַלע מיטאַמאָל. עס ווערט אַ טומל, אַ רעש, אַ מהומה. אַלע מינוט קומען צו נײַע מענטשן. דער יוון האַלט מיך פאַר אַ האַנט און וויל אונדז אָפּפירן (מיך מיטן געטראַנק) גלײַך אין פּאָליציע אַרײַן. דער טומל ווערט נאָך גרעסער: „אַ יתום! נעבעך, אַ יתום!" — הער איך פון אַלע זײַטן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך האַלט שמאָל. איך קוק אָפּן עולם, וואָס אַרום מיר: „ייִדן, האָט רחמנות!"... מע וויל אַרײַנרוקן דעם יוון אַ מטבע. דער יוון נעמט נישט. רופט זיך אָן צו מיר איינער, אַן אַלטער ייִד מיט גנבהשע אויגן, פאַרשטעלט, אָפּ לשון־קודש:

— מאָטל! רײַס אַרויס דעם יד פונעם יוון און הייב אויף די רגלים און מאַך פּליטה!

איך טו זיך אַ רײַס־אויס, נעם די פיס אָפּ די פּלייצעס און מאַרש אַהיים! ניט טויט, ניט לעבעדיק, פאַל איך אַרײַן אין שטוב אַרײַן.

ווו איז דער קרוג? — פרעגט מיך מײַן ברודער אליהו.

— אין פּאָליציע! — ענטפער איך אים און פאַל־צו צו דער מאַמען מיט אַ געוויין.

VIII

מיר פֿאַרפּלייצן די וועלט מיט טינט

— א. —

אוי, בין איך געווען א נאר! דערפֿאַר, וואָס איך האָב פֿאַרקויפֿט ניט אַזאַ גוטן קוואַס, האָב איך געמיינט, אַז מע וועט מיך קעפּן! צום סוף — גאָרנישט. אומזיסט איבערגעשראָקן. יענטע מעג פֿאַרקויפֿן חלב פֿאַר גענדזנשמאַלץ? און גדליה דער קצב האָט ניט געהאַדעוועט די שטאָט אַ קוילעביק יאָר מיט טרפֿה פֿלייש? אַזוי האָט אונדזער שכנה פּעסיע אויסגערעדט מײַן מאַמע דאָס האַרץ. אָן אַקציע מיט מײַן מאַמען! אַלצדינג נעמט זי זיך צום האַרצן. דערפֿאַר האָב איך ליב מײַן ברודער אליהו. מײַן ברודער אליהו פֿאַלט ניט אַראָפּ בײַ זיך דער־מיט, וואָס מיר האָבן זיך אָפּגעבריט אָפּן קוואַס. אַבי ער האָט דעם בוך, איז אים גוט. ער האָט געקויפֿט אַ בוך פֿאַר אַ רובל. דאָס בוך הייסט „פֿאַר אַ רובל הונדערט!" ער זיצט און לערנט אים אָף אויסנ־ווייניק. דאָרטן זײַנען דאָ אָן אַ שיעור רעצעפּטן, ווי אַזוי מע מאַכט געלט. ער קען שוין כמעט אַלע רעצעפּטן. ער ווייס שוין, וויאַזוי מע מאַכט טינט, ווי אַזוי מע מאַכט שוואַקס, ווי אַזוי מע טרײַבט־אַרויס מײַז און טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטן. ער רעכנט, קודם כל, זיך נעמען צו טינט. טינט, זאָגט ער, איז אַ גוטער אַרטיקל. אַלע לערנען זיך שרײַבן. ער איז אַ בעלן געווען פֿרעגן בײַ יודל דעם שרײַבער, וויפֿל גייט אַוועק בײַ אים טינט? זאָגט ער: אַ פֿאַרמעגן! יודל דער שרײַבער האָט אפֿשר זעכציק מיידלעך, וואָס ער לערנט זיי שרײַבן. יינגלעך לערנען ניט בײַ אים. מע האָט פֿאַר אים מורא. ער שלאָגט זיך. ער שלאָגט מיט אַ ווירע איבער די הענט. מיידלעך קאָן מען ניט שלאָגן. שמײַסן אַוודאי ניט. עס טוט מיר באַנג, וואָס איך בין נישט

געבוירן געוואָרן בעסער אַ מיידל. ערשטנס, וואָלט איך פֿאַרשפּאָרט דאַווענען יעדן טאָג, ס'איז מיר נמאס געוואָרן. אַלע טאָג איין זאַך. הײַנט וואָלט איך נישט געוווּסט פֿון קיין תּלמוד־תּורה. אַ האַלבן טאָג גיי איך אין תּלמוד־תּורה. לערנען לערן איך אָפּן שפּיץ מעסער, נאָר פּעטש כאַפּ איך אָן אַ שיעור. איר מיינט, פֿונעם רבין? ‏'דווקא פֿון דער רביצין. איר עסק, וואָס איך האָדעווע די קאַץ! איר זאָלט אָנקוקן באַ איר אַ קאַץ — אַ גאָטס רחמנות! תּמיד איז זי הונגעריק. ניאַווקען ניאַווקעט זי שטילערהייט, מיט אַ געוויין, ווי להבדיל אַ מענטש. עם רײַסט־אוים אַ שטיק האַרץ! באַ זיי איז אָבער ניטאָ קיין קאַפּ רחמנות. וואָס האָבן זיי צו איר? לאָז זי צוגיין צו עמעצן אַ שמעק טאָן — טוט מען אַף איר אַ געשריי: אַ טפֿרוסס! פֿליט זי אַוועק ווי דער שוואַרצער פֿעפֿער וואַקסט. קיין קאַפּ לאָזט מען איר ניט אויפֿהייבן. אַנומלטן איז זי גאָר פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אַף עטלעכע טעג. איך האָב געמיינט, אַז זי איז חלילה געפּגרט. צום סוף האָט זי זיך געקעצלט... איך קער מיך אום צו מײַן ברודער אליהוס טינט.

— ב. —

מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז די וועלט איז געוואָרן גאָר נישט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל, אַז מע פֿלעגט וועלן מאַכן טינט, האָט מען, זאָגט ער, באַדאַרפֿט קויפֿן גאַליש־עפּעלעך. די גאַליש־עפּעלעך צעקלאַפּן, נאָכדעם קאָכן זיי אָפּן פֿײַער, ווייס איך וויפֿל, נאָכדעם אַרײַנוואַרפֿן קופּערוואַסער; און בכדי די טינט זאָל גלאַנצן, האָט מען נאָך געמוזט צוגעבן אַ שטיקל צוקער — אַ גאַנצער טאַראַראַם! הײַנט, זאָגט ער, איז אַזאַ חיות! איך קויף מיר, זאָגט ער, אין דער אַפּטייק אַ „פּראָשעק" אַזעלכן מיט אַ פֿלעשל „גליצערינע", מיש דאָס אוים מיט וואַסער, אַ זיד אָפּן פֿײַער — און פֿאַרטיק טינט. אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו. ער איז אַוועק אין דער אַפּטייק און האָט געבראַכט אַ גוזמא „פּראָשקעס", און „גליצערינע" אַ גאַנצע פֿלאַש. נאָכדעם האָט ער זיך פֿאַרשפּאַרט אין אַלקער און האָט עפּעס געטאָן. וואָס — ווייס איך ניט. ס'אַ סוד. אַלצדינג איז באַ אים אַ סוד. אַז ער דאַרף זאָגן דער מאַמען, למשל, זי זאָל אים געבן דאָס אייבערשטע פֿונעם שטויסל, רופֿט ער זי אָפּ אַף אַ זײַט און זאָגט איר שטילערהייט: „מאַמע! דאָס אייבערשטע פֿונעם

שטויסל״. די „פּראַשקעס״ מיט דער „גליצערינע״ האָט ער אויסגעמישט אין אַ גאַנץ גרויסן טאָפּ (אַ נײַעם טאָפּ געקויפט). דעם טאָפּ מיטן גע־מישעכץ האָט ער פאַררוקט אין אויוון און האָט געבעטן דער מאַמע שטי־לערהייט, זי זאָל פאַרקייטלען די טיר. מיר אַלע האָבן געמיינט, מי יודע וואָס. די מאַמע האָט אַלע מינוט געכאַפּט אַ קוק צום אויוון. אַפּנים, זי האָט מורא געהאַט, דער אויוון זאָל ניט צעפּאַלן ווערן אַף שטיקלעך. נאָכדעם האָט מען אַרײַנגעקאַטשעט אין שטוב אַרײַן דאָס פעסל פון קוואַס. נאָכדעם האָט מען פּאַוואָלינקע אַרויסגענומען דעם טאָפּ פונעם אויוון און מע האָט פּאַוואָלינקע אַרײַנגעגאָסן דאָס געמי־שעכץ אין פעסל אַרײַן. נאָכדעם האָט מען אָנגעהויבן גיסן אין פעסל אַרײַן וואַסער. אַז דאָס פעסל איז געוואָרן אָנגעפילט העכער האַלב, האָט מײַן ברודער אליהו אַ זאָג געטאָן: „גענוג!״ און האָט זיך גענומען צום בוך וואָס „פאַר אַ רובל — הונדערט״. געקוקט און געהייסן שטי־לערהייט זיך ברענגען אַ פרישע פּען מיט אַ ווײַסן בויגן פּאַפּיר. „וואָס מע שרײַבט פּראַשעניעס״ — האָט ער אַ זאָג געטאָן שטילערהייט דער מאַמען אַפן אויער. אײַנגעטונקען די פּען אין פּאַס און געגעבן אַ שרײַב עפּעס אַפן ווײַסן בויגן פּאַפּיר מיט אַ דריידל און מיט אַ צוק. דאָס אָנ־געשריבענע האָט ער צוגעטראָגן פריִער צו דער מאַמען, נאָכדעם צו מײַן שוועגערן ברכה. די ביידע האָבן געגעבן אַ קוק־אַרײַן און אַ זאָג צו אים:

— סע שרײַבט!

באַלד נאָכדעם האָט מען זיך גענומען ווידער צו דער פריִערדיקער אַרבעט. אָנגעגאָסן נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער, האָט מײַן ברודער אליהו אויפגעהויבן די האַנט: „גענוג!״ ווידער אַ מאָל אײַנגעטונקען די פּען אין פּאַס, ווידער אַ מאָל געגעבן אַ שרײַב־אַרײַן אין ווײַסן פּאַפּיר אַרײַן און ווידער אַ מאָל צוגעטראָגן דאָס אָנגעשריבענע פריִער צו דער מאַמען און נאָכדעם צו מײַן שוועגערן ברכה. די ביידע האָבן ווידער געגעבן אַ קוק־אַרײַן אין פּאַפּיר אַרײַן און אַ זאָג:

— סע שרײַבט!

אָט אַזוי עטלעכע מאָל, ביז דאָס פּאַס איז געוואָרן פול ווי אַן אויג. עס איז שוין ניט געווען וווּהין צו גיסן וואַסער. דעמאָלט האָט מײַן ברודער אליהו געגעבן אַ הייב־אויף די האַנט „גענוג!״ — און מיר אַלע פיר האָבן זיך געזעצט עסן.

— ג —

נאָכן עסן האָבן מיר זיך גענומען צום צעגיסן די טינט אין פלעשער. פלעשער האָט מײַן ברודער אליהו צונויפגעבראַכט פון דער גאַנצער וועלט. אַלערלײי פלעשער און פלעשלעך. גרויסע און קליינע. פלעשער פון ביר, פלעשער פון ווײַן, פלעשער פון קוואַס, פלעשער פון בראָנפן. און גלאַט פלעשער. אויך פּראָבקעס האָט ער אײַנגעהאַנדלט אַלטע, ס'זאָל קאָסטן וועלוועלער, און אַ „לייקע" האָט ער געקויפט אַ נײַע, און אַ קווערטל אַ בלעכנס, אַף צו גיסן די טינט פון פאַס אין די פלעשער. דאָ האָט ער ווידער אײַנגערוימט דער מאַמען אַ סוד, זי זאָל פאַרקייטלען די טיר. נאָכדעם האָט מען זיך אַלע פיר גענומען צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז געווען אײַנגעטיילט דווקא גוט. מײַן שוועגערן ברכה האָט די פלעשער דורכגעשווענקט און איבערגעגעבן צו דער מאַמען. די מאַמע האָט אַרײַנגעקוקט אין יעדער פלאַש און איבערגעגעבן צו מיר אין די הענט אַרײַן. איך האָב נאָר באַדאַרפט אַרײַנשטעקן אין פלאַש אַרײַן די „לייקע" און צוהאַלטן מיט איין האַנט די לייקע, מיט דער אַנדערער די פלאַש. און מײַן ברודער אליהו האָט געהאַט איין אַרבעט: אָננעמען מיטן קווערטל פון פאַס און גיסן צו מיר איבער דער „לייקע". אַן אַרבעט איז דאָס זייער אַ ווילע, אַ פריילעכע. איין חסרון נאָר: ס'איז טינט — עס פלעקט די פינגער, די הענט, די נאָז, דאָס גאַנצע פּנים. מיר בײדע, איך און מײַן ברודער אליהו, האָבן זיך געמאַכט שוואַרץ ווי די שדים. דאָס ערשטע מאָל זע איך, מײַן מאַמע זאָל לאַכן. פון מײַן שוועגערן ברכה שמועסט מען ניט: יענע איז שיער צעזעצט געוואָרן פאַר געלעכטער. מײַן ברודער אליהו האָט פײַנט, אַז מע לאַכט פון אים, בייזערט ער זיך אַף מײַן שוועגערן ברכה, און פרעגט זי, וואָס זי לאַכט. לאַכט זי נאָך שטאַרקער. ווערט ער נאָך מער אין כעס, לאַכט זי נאָך מער. אַלע מינוט כאַפּט זי אָן אַ ספּאַזמע. ממש זי נעמט אײַן אַ מיתה משונה! ביז די מאַמע הייבט זיך אָן בעטן, עס זאָל האָבן אַ סוף, און אונדז זאָגט זי, מיר זאָלן זיך אײַנוואַשן. מײַן ברודער אליהו האָט אָבער קיין צײַט נישט. אים קריכט נישט אין קאָפּ וואַשן זיך. אים ליגט דער קאָפּ אין פלעשער. ניטאָ קיין פלעשער! ווּ קריגט מען נאָך פלעשער? ער רופט־אָפּ מײַן שוועגערן ברכה אַף אַ זײַט, גיט איר געלט און רוימט איר אײַן אַ סוד, זי זאָל גיין נאָך פלעשער. הערט זי אים אויס, טוט אים

א קוק אין פּנים אַרײַן און שיסט אויס אַ געלעכטער. ווערט ער אין כעס און רופט אַוועק די מאַמע אַפן זעלבן סוד. די מאַמע גייט אַוועק קויפן פלעשער, און מיר נעמען זיך גיסן וואַסער אין פאַס אַרײַן. פאַרשטייט זיך, ניט מיט אַמאָל — ביסלעכווײַז. נאָך יעדן עמער וואַסער טוט ער אַ הייב־אויף די האַנט און אַ זאָג צו זיך אַליין: „גענוג!" נאָכדעם טוט ער אַ טונק־אײַן די פֿעו אין פאַס און אַ שרײַב אַרײַן אין ווײַסן פּאַפּיר אַרײַן און אַ זאָג צו זיך אַליין:

— סע שרײַבט!

און אַזוי עטלעכע מאָל, ביז די מאַמע קומט צו גיין מיט אַ נײַעם טראַנספּאָרט פלעשער. מיר נעמען זיך ווידער צו דער פריִערדיקער אַר־בעט: גיסן טינט פון פאַס אין פלאַש. ביז מיר בלײַבן ווידער אָן פלע־שער.

— ביז וואַנען איז דער שיעור? — טוט אַ זאָג מײַן שוועגערן ברכה.

— קיין עין־הרע ניט! — מאַכט די מאַמע, און מײַן ברודער אליהו טוט אַף ברכהן אַ בייזן קוק, ווי איינער רעדט:

— ביסט מיר טאַקע אַ ווײַב, נאָר אַ בהמה ביסטו, זאָל זיך גאָט דערבאַרעמען!

— ד —

וויפל טינט מיר האָבן — קאָן איך אײַך ניט זאָגן. איך האָב מורא, אויב ניט טויזנט פלעשער! נאָר וואָס קומט אַרויס — ס'איז ניטאָ זיי ווו אַהינצוטאָן. מײַן ברודער אליהו איז געוועז שוין אומעטום. פאַר־קויפן לאַחדים, פלעשלעכווײַז — איז נישט קיין פּלאַן. אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו צו אונדזער שכנהס מאַן, משה דעם אײַנבינדער. אַז ער איז אַרײַנגעקומען צו אונדז און דערזען, קיין עין־הרע, אַזוי פיל פלעשער, האָט ער זיך דערשראָקן און זיך געגעבן אַזש אַ וואָרף צוריק. דערזעט מײַן ברודער אליהו, און עס קומט פאָר צווישן די צוויי אַ מאָדנער שמועס. איך גיב אײַך איבער דאָ דעם שמועס וואָרט בּאַ וואָרט:

אליהו: וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן?
אײַנבינדער: וואָס איז בּאַ דיר אין די פלעשער?
אליהו: וואָס זאָל זײַן? ווײַן!
אײַנבינדער: וואָסער ווײַן? ס'דאַך טינט!

אליהו: הײַנט וואָס זשע פרעגט איר?

אײַנבינדער: וואָס וועסטו טאָן מיט אַזוי פיל טינט?

אליהו: טרינקען.

אײַנבינדער: ניין, איך מיין אָן קאַטאָוועס. וועסט פאַרקויפן לאַחדים אויך?

אליהו: וואָס בין איך, אַ משוגענער? אַז פאַרקויפן, וועל איך פאַרקויפן צען פלעשער, צוואַנציק פלעשער, פופציק פלעשער. דאָס ווערט אָנגערופן „הורט". איר ווייסט, וואָס הייסט „הורט"?

אײַנבינדער: איך ווייס, וואָס הייסט הורט. וועמען וועסטו פאַרקויפן?

אליהו: וועמען? דעם רב!

און מײַן ברודער אליהו גייט־אַוועק צו די קרעמער. געקומען צו איינעם, אַ גרויסן הורטאָווניק, הייסט ער זיך ברענגען אַ פלעשל. ער וויל עם אָנקוקן. דעם אַנדערן האָט ער געבראַכט אַ פלאַש טינט, וויל ער נישט נעמען אין די הענט אַרײַן, ווײַל ס'איז אָן אַ קוויטל. אַפן פלעשל דאַרף זײַן, זאָגט ער, אַ שיין קוויטל מיט אַ צאַצקע. זאָגט אים מײַן ברודער אליהו: „איך מאַך נישט קיין צאַצקעס, איך מאַך טינט". ענטפערט ער אים: „מאַכט געזונטערהייט". האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו יודל דעם שרײַבער. האָט אים יודל דער שרײַבער געזאָגט עפּעס זייער אַ מיאוס וואָרט. ער האָט שוין, זאָגט ער, זיך אָנגעקויפט מיט טינט אויף אַ גאַנצן זומער. פרעגט אים מײַן ברודער אליהו: „וויפל פלעשער טינט האָט איר דאָס אײַנגעהאַנדלט?" זאָגט אים יודל דער שרײַבער: „פלעשער? איך האָב געקויפט אַ פלאַש טינט, וועל איך האָבן און האָבן, ביז ס'וועט אויס־גיין, וועל איך קויפן נאָך אַ פלאַש"... אָט האָסטו דיר אַ געשעפט! אַ שרײַבערוק קאָן! פריִער האָט ער געזאָגט, אַז אַף טינט גייט בא אים אַוועק אַ פאַרמעגן; איצט קויפט ער אַ פלאַש טינט, וועט ער האָבן און האָבן!... מײַן ברודער אליהו איז נעבעך אויס מענטש. ער ווייס נישט, וואָס זאָל ער טאָן מיט אַזויפיל טינט? פריִער האָט ער געזאָגט, אַז לאַחדים פאַרקויפט ער נישט קיין טינט, נאָר הורט. איצט איז ער בעסער געוואָרן. ער וועט שוין אָנהייבן, זאָגט ער, פאַרקויפן לאַחדים. איך וואָלט שוין אַ בעלן זײַן וויסן, וואָס הייסט „לאַחדים"?

אָט וואָס „לאַחדים" הייסט. איר מעגט דאָס האָרכן.

— ה. —

מײַן ברודער אליהו האָט געבראַכט צו טראָגן אַ גרויסן בויגן פּאַפּיר. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן מיט גרויסע סדור־אותיות:

דאָ פאַרקויפט מען טינט הורט
און לאחדים גוט און וואָלוול.

די צוויי ווערטער „לאחדים" און „וואָלוול" זײַנען געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן פאַרנומען כמעט דעם גאַנצן בויגן. אַז דאָס אָנגעשריבענע האָט זיך אויסגעטריקנט, האָט ער דאָס פּאַפּיר אויסגעהאַנגען באַ אונדז אַף דער טיר פון יענער זײַט. אַ סך מענטשן זײַנען דורכגעגאַנגען און האָבן זיך אָפּגעשטעלט קוקן. איך האָב עס געזען דורכן פענצטער. מײַן ברודער אליהו קוקט אויך אין פענצטער אַרײַן און ברעכט די פינגער. אַ סימן, אַז ער איז צעטראָגן. ער מאַכט צו מיר:

— ווייסטו וואָס? גיי אומיסטנע, שטעל זיך אַוועק באַ דער טיר און הער זיך צו, וואָס זאָגט מען?

מיך דאַרף מען לאַנג נישט בעטן. איך שטעל מיך אַוועק באַ דער טיר און הער זיך צו, וואָס זאָגט מען: ווער עס שטעלט זיך אָפּ און וואָס מע רעדט. אָפּגעשטאַנען אַקעגן אַ האַלבע שעה, קום איך אַרײַן צוריק אין שטוב. מײַן ברודער אליהו גייט צו צו מיר און פרעגט מיך שטיל:

— נו?

— וואָס נו?

— וואָס האָבן זיי געזאָגט?

— ווער?

— די מענטשן, וואָס זײַנען געגאַנגען פאַרבײַ.

— זיי האָבן געזאָגט, אַז ס'איז שיין אָנגעשריבן.

— און מער גאָרנישט?

— מער גאָרנישט.

מײַן ברודער אליהו זיפצט. וואָס זיפצט ער? די מאַמע פרעגט אים אויך דאָס זעלבע.

— וואָס זיפצסטו, נאַרעלע? וואַרט אויס אַ קאַפּ, אין איין טאָג ווילסטו זאָל אויספאַרקויפט ווערן די גאַנצע סחורה?

— כאַטש אַ פּעטשאַטעק!... — זאָגט איר מײַן ברודער אליהו מיט טרערן אין האַלדז.

— ביסט אַ גרויסער נאַר, זאָג איך דיר. וואַרט אויס, מײַן קינד, דו וועסט, אם ירצה השם, האָבן אַ פּעטשאַטעק אויך.

אַזוי זאָגט צו אים די מאַמע און גרייט צום טיש. מיר וואַשן זיך און גייען עסן. מיר שפּאַרן זיך צונויף אַלע פיר אינאײנעם. איבער די פּלעשער איז ענג אין שטוב — סכנות. נאָר וואָס מיר האָבן געמאַכט המוציא, לויפט אַרײַן אַ בחורל. אַ טשיקאַווע בחורל. ער איז שוין אַ חתן. איך קען אים. קאָפּל הייסט ער. דער טאַטע זײַנער איז אַ שנײַדער. אַ דאַמסקי שנײַדער.

— דאָ פאַרקויפט זיך טינט לאחדים?

— יאָ, וואָס איז דען?

— איך האָב געוואָלט אַ ביסל טינט.

— וויפל דאַרפסטו טינט?

— גיט מיר פאַר אַ קאָפּיקע טינט.

מײַן ברודער אליהו איז אויסער זיך. ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר דער מאַמען, וואָלט ער אָט דעם חתן קאָפּל פריער דורכגעפּאַטשט און נאָכדעם אַרויסגעוואָרפן פון שטוב. ער האַלט זיך אײַן און גיסט אים אָן פאַר אַ קאָפּיקע טינט. עס גייט נישט אַוועק קיין פערטל שעה, קומט אַרײַן אַ מיידל. דאָס מיידל קען איך נישט. זי קאַלופּעט מיטן פינגער די נאָז און רעדט צו מײַן מאַמען:

— דאָ מאַכט מען טינט?

— יאָ, וואָס איז דען?

— די שוועסטער האָט געבעטן, טאָמער קאָנט איר איר לײַען אַ ביסל טינט? זי דאַרף אָוועקשרײַבן אַ בריוול קיין אַמעריקע צו איר חתן.

— ווער איז דײַן שוועסטער?

— בתיה די נייטאָרן.

— אַ? זע נאָר, ווי זי איז אויסגעוואַקסן! קיין עין־הרע! איך האָב דיך גאָרנישט דערקענט. אַ טינטערל האָסטו?

— ווי קומט צו אונדז אַ טינטערל? מײַן שוועסטער האָט געבעטן,

טאָמער האָט איר אַ פּען, זי וועט נאָר אָנשרײַבן דאָס בריוועלע קיין אַמעריקע, גיט זי אײַך אָפּ צוריק די טינט און פּען.

מײַן ברודער אליהו איז נישטאָ באָם טיש. ער איז אין אַלקער. ער גייט אַרום מיט שטילע טריט, קוקט אַראָפּ און בײַסט די נעגל.

— ז. —

— וואָס האָסטו אָנגעמאַכט אַזויפֿיל טינט? האָסט, אַפּנים, געוואָלט פֿאַרזאָרגן די וועלט מיט טינט, טאָמער וועט זײַן אַ הונגער אויף טינט?

אַזוי האָט אים געזאָגט אונדזער שכנהס מאַן, משה דער אײַנבינדער. אַ מאָדנער ייִד אָט דער אײַנבינדער! ער האָט אײַך אַ טבע זאָלצן יענעם אויף די ווונדן. אַזוי איז ער, דאַכט זיך, נישקשה פֿון אַ מענטש, נאָר אַ ביסל אַ נודניק. האָט ליב זיך אײַנעסן יענעם אין דער גרגרת. מײַן ברודער אליהו האָט אים אָבער גוט געגעבן! ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל בעסער אַכטונג געבן אויף זיך אַליין, ער זאָל נישט פֿאַרבײַטן די יוצרות, נישט בינדן אַ הגדה מיט אַ סליחה אינאײנעם... משה דער אײַנבינדער ווייס שוין, וואָס דער שטאָך באַדײַט! ער האָט אַמאָל גענומען אַ שטיקל אַרבעט בײַ אַ ייִדן אַ בעל־עגלה. אַ הגדה האָט אים דער בעל־עגלה געגעבן אײַנבינדן. האָט זיך געטראָפֿן אַן אומגליק: על־פּי טעות, האָט דער אײַנבינדער אַרײַנגעבונדן אין דער הגדה אַ שטיק פֿון אַ פֿרעמדער סליחה. דער בעל־עגלה וואָלט זיך אפֿשר נישט כאַפּן, האָבן די שכנים דערהערט, אַז אָנשטאָט „שפֿוך המתך על הגויים" האָט דער בעל־עגלה געגעבן אַ זינג אויס מיט אַ וויינענדיקן ניגון פֿון סליחות „הנשמה לך והגוף פּעלך"... ס'איז געוואָרן זייער אַ גרויס געלעכטער. אויף מאָרגן איז דער בעל־עגלה געקומען צו אונדזער שכן דעם אײַנבינדער און האָט אים געוואָלט צערײַסן אויף צווייען.

— גזלן, וואָס האָט איר געהאַט צו מיר? למאי האָט איר אַרײַנגעהאַקט אין מײַן פּסחדיקער הגדה אַ חמצדיקע סליחה? אָט רײַס איך אײַך אַרויס די קישקעס פֿון בויך!...

יאָ, מיר האָבן געהאַט דעמאָלט אַ פֿריילעכן פּסח.

נאָר האָט קיין פֿאַריבל נישט, וואָס איך בין אַרײַן מיט אַ פֿרעמדער מעשה. איך קער מיך באַלד אום צוריק צו אונדזערע גאָלדענע געשעפֿטן.

IX

נאַכווייענישן פון דער טינט־פאַרפלייצונג

— א. —

מײַן ברודער אליהו גייט אַרום אין איינע צרות. וואָס טוט מען מיט דער טינט?

— ווידער אַמאָל טינט? — זאָגט אים די מאַמע.

— איך רייד נישט פון קיין טינט! — ענטפערט איר מײַן ברודער אליהו. — כאַפּט דער רוח די טינט! איך רייד פון די פלעשער! עס ליגט אַ קאַפּיטאַל אין די פלעשער! מע דאַרף זען אויסליידיקן די פלעשער און מאַכן פון זיי געלט!...

פון אַלצדינג מאַכט ער געלט! און עס בלײַבט, אַז מע דאַרף די טינט אויסגיסן צו אַלדי שוואַרצע יאָר! שלעכט איז נאָר איין זאַך: וווּהין גיסט מען אויס אַזויפיל טינט? עס איז פּשוט אַ בזיון!...

— עס וועט זיך ניט העלפן. — זאָגט מײַן ברודער אליהו. — מע וועט מוזן צווואַרטן ביז באַנאַכט. באַנאַכט איז פינצטער, וועט קיינער ניט זען.

קוים דערלעבט נאַכט. אַף צו־להכעיס, שײַנט די לבנה, ווי אַ לאַמ־טערן. דעמאָלט ווען מע דאַרף, וועט זי זיך באַהאַלטן. איצט איז זי דאָ. מע האָט געשיקט נאָך איר!... אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו, און מיר טראָגן־אַרויס אַ פלאַש נאָך אַ פלאַש — און פליוך אין דרויסן אַרויס. פון גיסן אַף איין אָרט ווערט אַ טײַך. מע דאַרף נישט גיסן כסדר אַף איין אָרט. אַזוי זאָגט צו מיר מײַן ברודער אליהו, און איך פאָלג אים. איך זוך אויס אַלע מאָל אַ פרישׂ אָרט. יעדע פלאַש האָט בײַ מיר אַן אַנדער אָרט. דער שכנהס וואַנט — פליוך! דעם שכנס פאַרקאַן — פליוך! צוויי ציגן ליגן אַקעגן דער לבנה און מעלה־גרהן — פליוך!

— הײַנטיקס מאָל געגוג! — זאָגט מײַן ברודער אליהו, און מיר גייען שלאָפן. שטיל און פינצטער. עס לאָזט זיך הערן דער טשירקון. פון אונטערן אויוון הערט זיך אַ מרוקען פון דער קאַץ. אַ גרויסע פּעפּערן: טאָג ווי נאַכט וואָלט זי זיך נאָר געוואַרעמט און געדרימלט. אין הויז אױף יענער זײַט טיר הערן זיך שטילע טריט. אפשר אַ ניט-גוטער?... די מאַמע שלאָפט נאָך ניט. זי שלאָפט, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט. איך הער זי שטענדיק, ווי זי קנאַקט די פינגער, זיפצט און קרעכצט און רעדט צו זיך אַליין. אַזאַ טבע בײַ איר. אַלע נאַכט טענהט זי זיך אויס אַביסל. זי דערציילט אירע גרויסע צרות. מיט וועמען רעדט זי דאָ? מיט גאָט?... אַלע מינוט לאָזט זי אויס מיט אַ קרעכץ:

— אוי, גאָט! גאָט!...

— ב. —

איך ליג נאָך אױף מײַן געלעגער, אױף דער ערד, און הער פונעם שלאָף אַ הו-האַ. עס לאָזן זיך הערן אַלערליי באַקאַנטע קולות. ביסלעכווײַז עפן איך אויף די אויגן — ס'איז שוין גרויסער טאָג. די שײַן פון דער זון האָט זיך אַרײַנגעריסן דורכן פענצטער. רופט מיך אין דרויסן אַרויס. איך וויל מיך דערמאָנען, וואָס איז געווען נעכטן — אַהאַ! טינט!... איך כאַפּ מיך אויף און טו זיך אָן אױף גיך. מײַן מאַמע איז פאַרוויינט (ווען איז זי ניט פאַרוויינט?). מײַן שוועגערן ברכה איז אין כעס (ווען איז זי ניט אין כעס?). און מײַן ברודער אליהו שטייט אין מיטן שטוב, דעם קאָפּ אַראָפּ, באַטש מעלק אים אויס. וואָס איז די מעשה? ניט איין מעשה, נאָר עטלעכע מעשיות! אונדזערע שכנים זײַנען אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה — מע האָט זיי געקוילעט. איינעם האָט מען אָפּגעשפּריצט די גאַנצע וואַנט מיט טינט. דעם אַנ־דערן האָט מען אָפּגעגאָסן דעם פּאַרקאַן, אַ נײַעם פּאַרקאַן. דער דריטער האָט געהאַט צוויי ווײַסע ציגן. האָט מען זיי אים געמאַכט שוואַרץ, ניט צו דערקענען. דאָס אַלץ וואָלט נאָך געווען צו דערלײַדן, ווען ניט דעם שוחטס זאַקן. אַ נײַע פּאָר זאַקן, ווײַסע זאַקן, האָט די שוחטקע אויסגע־האַנגען בײַ אונדזער שכנה אַפן פּאַרקאַן, האָט מען פון זיי געמאַכט אַ תל. עמעצער האָט זי געבעטן, זי זאָל אויסהענגען זאַקן אױף אַ פרעמדן פּאַרקאַן. די מאַמע האָט איר צוגעזאָגט אָפּקויפן אַ פּאָר נײַע זאַקן, אַבי

ס'זאָל זײַן שטיל. וואָס־זשע וועט זײַן מיט דער וואַנט? מיטן פּאַרקאָן? ס'איז געבליבן, אַז מײַן מאַמע מיט מײַן שוועגערן ברכה זאָלן מחילה זיך אָוועקשטעלן מיט צוויי בערשטלעך און מיט ווײַסער ליים און פֿאַר־שמירן די פֿלעקן.

— אײַער גליק, וואָס איר האָט אָנגעטראָפֿן אױף ערלעכע שכנים. ווען איר טרעפֿט מיט אײַער טינט אױף מנשה דעם רופֿאס גאָרטן, וואָלט איר געוווּסט וואָס פֿאַר אַ גאָט מיר האָבן!

אַזוי זאָגט אונדזער שכנה פּעסיע צו מײַן מאַמען.

— וואָס־זשע מיינט איר? צו שלים־מזל באַדאַרף מען אויך האָבן מזל! — ענטפֿערט איר די מאַמע און קוקט אױף מיר.

— וואָס מיינט זי, אַ שטייגער?...

— ג —

— איצט וועל איך שוין זײַן קליגער. — מאַכט צו מיר מײַן ברו־דער אליהו. — לאָז נאָר ווערן נאַכט, אַזוי טראָגן מיר אָפּ די פֿלעשלעך צום טײַך.

גערעכט, ווי איך בין אַ ייִד! וואָס קאָן זײַן נאָך קליגער דערפֿון? סײַ ווי סײַ גיסט מען אין טײַך אַרײַן כּל הפּאַסקודסטוועס! דאָרט וואַשט מען גרעט, דאָרט באָדט מען פֿערד, דאָרט פּאָליאָסקען זיך חזירים. איך בין מיטן טײַך אַ נאָענטער מחותּן. איך האָב אײַך שוין אַמאָל באַשריבן, ווי איך כאַפּ דאָרטן פֿיש. דערפֿון וועט איר לײַכט פֿאַרשטיין, ווי איך האָב אַרויסגעקוקט אױף דער מינוט, ווען מיר וועלן גיין צום טײַך. עס איז נאָר געוואָרן נאַכט, האָבן מיר אָנגעפּאַקט פֿולע קוישן מיט פֿלעשער און גענומען טראָגן זיי צום טײַך. אויסגעגאָסן די טינט, אָפּגעטראָגן די ליידיקע פֿלעשער אַהיים און אָנגענומען ווידעראַמאָל פֿולע פֿלעשער. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר אַזוי געאַרבעט. איך האָב שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ גוטע פֿרייִלעכע נאַכט. שטעלט אײַך פֿאָר: די שטאָט שלאָפֿט. דער הימל איז אויסגעשטערנט. די לבֿנה שײַנט אַראָפּ אין טײַכל אַרײַן. ס'איז שטיל־מחיה. דאָס טײַכל איז אַ לעבעדיק טײַכל. קומט נאָך פּסח, אַז עס צעגייט דאָס אײַז, אַרבעט דאָס מעשים! בלאָזט זיך אָן, צעשפּרייט זיך און צעגיסט זיך. וואָס ווײַטער ווערט דאָס קלענער, שמעלער און פֿלאַטשיקער. צום סוף זומער ווערט דאָס גאָר אַנטשוויגן. עס כאַפּט

א דרעמל. עמעצער אפֿן דנאָ אין בלאָטע מאַכט: בול־בול־בול. א פּאָר זשאַבקעס רופֿן זיך אָפּ פֿון יענער זײַט: קרוא־קרוא! ס׳איז א בזיון, ניט קיין טײַך! איר קאָנט פֿאַרשטיין, אַז איך קאָן אים איבערגיין צופֿוס פֿון ברעג צו ברעג, נישט אויסגעטאָן די הויזן!

פֿון אונדזער טײַכל איז דאָס טײַכל געוואָרן אביסל גרעסער. א קליי־ניקייט, אפֿשר טויזנט פֿלאַש טינט! דערפֿאַר אָבער האָבן מיר זיך אָנגע־האָרעוועט, ווי די אָקסן. אַנטשלאָפֿן געוואָרן זײַנען מיר, ווי די געהרגעטע. אויפֿגעוועקט האָט אונדז די מאַמע מיט א געוויין:

— פֿאַרפֿינצטערט בין איך געוואָרן און ווײ איז מײַן וועלט! וואָס האָט איר געטאָן אַזעלכעס מיטן טײַך?...

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיר האָבן אומגליקלעך געמאַכט א גאַנצע שטאָט: די וועשערנס האָבן ניט ווו צו וואַשן גרעט. די בעלי־עגלות האָבן ניט ווו אָנצוטרינקען די פֿערד. די וואַסער־פֿירער... אַט וועלן זיי זיך צונויפֿנעמען אַלע אינאיינעם און וועלן קומען זיך רעכענען מיט אונדז. אַזוי זאָגט אונדז אָן די מאַמע א בשורה. מיר אָבער ווילן אַף זיי ניט וואַרטן. מיר ווילן ניט זען, ווי־אַזוי וואַסערפֿירערס וועלן זיך מיט אונדז רעכענען. איך און מײַן ברודער אליהו נעמען די פֿיס אַף די פּלייצעס און — מאַרש צו זײַנעם א חבר פּיניע.

— דאָרט לאָזן זיי אונדז זוכן, אַז זיי באַדאַרפֿן!...

אַזוי זאָגט מיר מײַן ברודער אליהו, נעמט מיך פֿאַר א האַנט, און מיר לאָזן זיך גיך און געשווינט באַרג־אַראָפּ, צו זײַן חבר פּיניע. אַז מיר וועלן זיך זען, וועל איך אײַך אַמאָל באַקאַנט מאַכן מיט מײַן ברודער אליהוס חבר פּיניע. ס׳איז כדאי, איר זאָלט זיך מיט אים באַקענען: ער האָט אויך אין זיך גוטע געדאַנקען.

X

אַ גאַס גיסט

— א. —

ווייסט איר, וואָס פאַר אַ סדרה עס גייט בײַ אונדז הײַנט? — מײַז! מײַן ברודער אליהו האָט אַ גאַנצע וואָך געלערנט דאָס בוך, וואָס מע מאַכט דורך דעם געלט, „פאַר אַ רובל — הונדערט". ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט, זאָגט ער, אַרויסטרײַבן מײַז, טאַראַקאַנעס און אַנדערע מיאוסקייטן. שטשערעס אויך. לאָז מען אים נאָר אַרײַנלאָזן ערגעץ מיט זײַן פּראָשעק — אַזוי בלײַבט נישט איין מויז. זיי צעלויפן זיך. אַ סך פּגרן אַוועק. נישטאָ מער קיין מײַז! ווי/אַזוי ער מאַכט דאָס — ווייס איך ניט. ס'איז אַ סוד. פונעם סוד ווייס נאָר דאָס בוך און ער, ווײַטער קיינער ניט. דאָס בוך האַלט ער אין בוזעם־קעשענע. דעם פּראָשעק אין אַ פּאַפּיר. דער פּראָשעק איז רויטלעך און צעריבן דין, ווי שמעק־טאַבאַק. רופן רופט זיך עס „שעמעריצי".

— וואָס הייסט דאָס שעמעריצי?

— טערקישער פעפער.

— וואָס הייסט דאָס טערקישער פעפער?

— איך וועל דיר געבן אַ „וואָס־הייסט־דאָס", וועסטו בײַ מיר עפּע־נען מיטן קאָפּ די טיר!

אַזוי זאָגט צו מיר מײַן ברודער אליהו. ער האָט פײַנט, אַז מע פרעגט אים קשיות סאַמע בײַ דער רעכטער אַרבעט. איך קוק און שווײַג. איך זע, אַז חוץ דעם רויטן פּראָשעק, איז דאָ בײַ אים נאָך אַ פּראָשעק. אויך גוט צו מײַז. נאָר מע דאַרף זײַן מיט דעם געהיט!

— סם־המוות! — זאָגט מײַן ברודער אליהו אפשר הונדערט מאָל

דער מאַמען, ברכהן און מיר. דער עיקר — מיר, איך זאָל מיך חלילה צו דעם ניט צורירן — ס׳איז סם!

די ערשטע פּרווו האָבן מיר געמאַכט אַף אונדזער שכנה פּעסיעס מײַז. דאָרט האַלטן זיך מײַז אָן אַ שיעור. איר ווייסט דאָך, אַז איר מאַן איז אַן אײַנבינדער. משה רופט מען אים. תּמיד איז בײַ אים אַ פּולע שטוב מיט ספרים. מײַז האָבן ליב ספרים. און ניט אַזוי ספרים, ווי פּאַפּ. פּאַפּ איז דאָס, וואָס מע קלעפּט מיט דעם ספרים. צוליב דעם פּאַפּ עסן זיי שוין ספרים אויך. טוען אים אָן גרויסע שאָדנס. אַנומלטן האָבן זיי אים דורכגעלעכערט אַ מחזור. אַ שפּאָגל־נײַעם מחזור. סאַמע דאָרט, וווּ ס׳איז מיט גרויסע אותיות געוועזן אָפּגעדרוקט דער „המלך”. זיי האָבן זיך דאָס אַביסל צוגעכאַפּט צום „המלך”! איבערגעלאָזט נאָר דאָס אייבערשטע קעפּל פון דעם למ״ד.

— לאָזט מיך אַף איין נאַכט! — בעט זיך מײַן ברודער אליהו בײַם אײַנבינדער. דער אײַנבינדער וויל נישט. ער זאָגט:

— איך האָב מורא, זאָלסט מיר נישט איבערפּירן די ספרים.

— מיט וואָס וועל איך אײַך איבערפירן די ספרים? — פרעגט אים מײַן ברודער אליהו.

— איך ווייס אַליין נישט מיט וואָס, נאָר איך האָב מורא. ס׳איז פרעמדע ספרים.

נו, גייט רעדט מיט אַן אײַנבינדער! קוים געפּועלט, ער זאָל אונדז צולאָזן אַף איין נאַכט.

— ב. —

די ערשטע נאַכט איז אונדז נישט געראָטן. נישט געכאַפּט איין מויז אפילו! מײַן ברודער אליהו זאָגט אפילו, אַז ס׳איז אַ גוטער סימן. די מײַז, זאָגט ער, האָבן דערשמעקט דעם פּראָשעק, זײַנען זיי זיך צעלאָפן. דער אײַנבינדער דרייט מיטן קאָפּ און שמייכלט מיט איין ליפּ. אַפּנים, ער גלייבט נישט. פונדעסטוועגן, איז אַרויס אַ קלאַנג אין שטאָט, אַז מיר פאַרטרײַבן מײַז. דער קלאַנג האָט זיך גענומען פון אונדזער שכנה פּעסיע. זי איז אַוועק גאַנץ פרי אין מאַרק און האָט צעפּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט, „אַז אַזוי ווי מיר פאַרטרײַבן מײַז, פאַרטרײַבט קיינער נישט”. זי האָט אונדז געמאַכט אַ נאָמען. פריִער מיטן קוואַס האָט זי אויך גע־

פּויקט איבער דער גאַנצער שטאָט. נאָכדעם האָט זי אויסגעפּויקט, אַז מיר מאַכן אַזאַ טינט, וואָס סע עקט זיך די וועלט. וואָס האָט אָבער געהאָלפן איר פּויקן, אַז קיינער דאַרף נישט קיין טינט? מײַז איז נישט דאָס וואָס טינט. מײַז זײַנען פאַראַן אומעטום, כמעט אין יעדער שטוב. יעדער בעל־הבית האָט אַ קאַץ. נאָר וואָס העלפט איין קאַץ קעגן אַזויפיל מײַז? ובפרט שטשערעס! שטשערעס הערן אַ קאַץ, ווי המן דעם גרייגער. אַ סברה, אַז פאַר טשערעס האָט אַ קאַץ אַליין אויך מורא. אַזוי זאָגט בערע דער שוסטער. ער דערציילט זיך אָן פון שטשערעס אַזעלכע מעשיות, אַז אַ שרעק! מע האַלט אים אפילו פאַר אַ שטיקל בעל־מגזם. נאָר לאָז זײַן, אַז ס'איז נאָר האַלב אמת, איז דאָס אויך שיין. ער זאָגט, אַז די שטשערעס האָבן באַ אים אויפגעגעסן אַ פּאָר נײַע שטיוול. ער שווערט מיט אַזעלכע שבועות, אַז מע מעג גלייבן אַ משומד. ער זאָגט, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי צוויי גרויסע שטשערעס זײַנען אַרויס פון זייערע נאָרעס און האָבן פאַר זײַנע אויגן אויפגעגעסן אַ פּאָר שטיוול. באַנאַכט איז דאָס געווען. צוגיין נאָענט האָט ער מורא געהאַט — צוויי מוראדיקע שטשערעס, ווי קעלבלעך די גרויס. פון דערווײַטן האָט ער זיי געטריבן, געפּײַפט אויף זיי, געטופּעט מיט די פיס, געשריגן: קיש־קיש־קיש־קיש! עס האָט נישט געהאָלפן קיין זאַך. ער האָט זיי אַ וואָרף געטאָן אַ קאָפּיטע פון אַ שטיוול, האָבן זיי אַ קוק געטאָן אויף אים און געטאָן זייערס. נאָכדעם האָט ער זיי אַ שמיץ געטאָן אין פּנים די קאַץ. זײַנען זיי אַנגעפאַלן אויף דער קאַץ און האָבן זי אויך אויפגעגעסן. קיינער האָט אים נישט געוואָלט גלייבן, נאָר אַז אַ מענטש שווערט!

— לאָזט מיך קאָרשט אויף איין נאַכט, — זאָגט צו אים מײַן ברודער אליהו, — וועל איך אײַך אַרויסטרײַבן אַלע שטשערעס!

— אָך, מיטן גרעסטן כבוד! — זאָגט בערע דער שוסטער. — איך וועל אײַך נאָך זאָגן אַ דאַנק!...

— ג —

אַ גאַנצע נאַכט זײַנען מיר אויסגעזעסן באַ בערע דעם שוסטער. בערע אַליין איז אויך געזעסן מיט אונדז. אָך, וואָסערע שיינע מעשיות ער דערציילט זיך אָן! ער דערציילט פון דער טערקישער מלחמה (ער איז אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט). ער איז געווען אין אַזאַ אָרט, וואָס סע

הייסט „פלעוונע”. האָט מען דאָרט געשאָסן מיט האַרמאַטן. איר ווייסט, וויפל אַ האַרמאַט האַלט די גרויס? זײַט זיך משער, אַז איין קויל איז גרעסער פון דער גאַנצער שטוב. און וואַרפן וואַרפט זי אַרויס אין אַ מינוט אפשר טויזנט אַזעלכע קוילן. זײַט איר צופרידן? די קויל, אַז זי פליט, שרײַט זי אַזוי, אַז מע ווערט טויב. איינמאָל איז ער געשטאַנען אַף דער וואַך — אַזוי דערציילט בערע דער שוסטער. פלוצים דערהערט ער אַ קנאַק, און ס'ע טראָגט אים אין דער לופטן, הויך טראָגט דאָס אים, ביז אַריבער דער כמאַרע, און דאָרט צערײַסט זיך די קויל אַף טויזנט שטיקלעך. אַ גליק, זאָגט ער, וואָס ער איז געפאַלן אַף אַ ווייכן אָרט. אַנישט, וואָלט ער זיך צעשלאָגן דעם קאָפּ. מײַן ברודער אליהו הערט אויס די מעשה, און די ברעמען בײַ אים שמייכלען. דאָס הייסט, ער אַליין לאַכט נישט, נאָר די ברעמען לאַכן. אַ מאָדנער געלעכטער. בערע דער שוסטער באַמערקט דאָס נישט. ער הערט נישט אויף צו דערציילן זײַנע וווּנדערלעכע מעשיות. איין מעשה איז מוראַדיקער פון דער אַנדע־רער. אָט אַזוי זײַנען מיר אָפּגעזעסן ביז טאָג. און שטשערעס? איר זאָלט זאָגן — איין שטשער אפילו.

— איר זײַט אַ כישוף־מאַכער! — זאָגט בערע דער שוסטער צו מײַן ברודער אליהו. און ער גייט אַרויס אין שטאָט און דערציילט זיך אָן הדורשים, ווי אַזוי מיר האָבן בײַ אים מיט אַ שפּרוך צעטריבן אַלע שטשערעס אין איין נאַכט. ער שווערט, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי אַזוי מײַן ברודער אליהו האָט עפּעס געשעפּטשעט, זײַנען אַרויס די שטשערעס פון די נאָרעס און האָבן זיך געלאָזט לויפן באַרג־אַראָפּ, אַהין, צום טײַך צו, אַריבערגעשווומען דעם טײַך און אַוועק ווײַטער. ער ווייס נישט ווּהין...

— ד —

— דאָ טרײַבט מען מײַז? — אַזוי קומט מען אַלע מאָל צו אונדז מיט אַ נײַס און מע רופט אונדז, מיר זאָלן זיך מטריח זײַן קומען אַרויס־טרײַבן די מײַז מיט אונדזער שפּרוך...

מײַן ברודער אליהו איז אָבער אַן אמתער מענטש. ער האָט פײַנט „ליגינים”. ער זאָגט, אַז טרײַבן טרײַבט ער מײַז נישט מיט קיין שפּרוך, נאָר מיט אַ פּראָשעק. ער האָט אַ פּראָשעק אַזעלכן, וואָס אַז די מײַז דערשמעקן אים, צעלויפן זיי זיך.

— לאָז זײַן אַ פּראַשעק, לאָז זײַן אַ שוואַרץ יאָר, אַבי איר זאָלט מיר אַרויסטרײַבן די מײַז!... וויפל וועט דאָס קאָסטן?

מײַן ברודער אליהו האָט פּײַנט דינגען זיך. ער זאָגט, אַז פאַרן פּראַשעק קומט אים אַזויפיל, און פאַר דער טרחה אַזויפיל און אַזויפיל. געוויינלעך, זאָגט ער אַלעמאָל טײַערער. אַלע טאָג העכערט ער דעם פּרײַז. דאָס הייסט, נישט ער העכערט, נאָר מײַן שוועגערן העכערט.

— ממה־נפשך, — זאָגט זי — עסט מען חזיר, זאָל רינען איבערן באָרד. אַז דו ביסט שוין יאָ געוואָרן אַ מײַזנטרײַבער, נעם כאָטש געלט.

— נו, און יושר ווו איז? ווו איז גאָט? — אַזוי מישט זיך אַרײַן די מאַמע. און מײַן שוועגערן ברכה ענטפערט איר אָפּ:

— יושר? אָט איז יושר! (זי ווײַזט איר אָן אָפן אויוון). גאָט? אָט איז גאָט! (זי טוט זיך אַ פּאַטש איבער דער קעשענע).

— ברכה! וואָס האָסטו געזאָגט?! גאָט איז מיט דיר!!!

אַזוי שרײַט אויס די מאַמע און טוט אַ בראָך מיט די הענט.

— וואָס רעדסטו מיט אַ בהמה?! — זאָגט מײַן ברודער אליהו, שפּאַצירט איבער דער שטוב און ציפּעט זיך דאָס בערדל. ער האָט שוין אַ היפּש בערדל. סע וואַקסט באַ אים מיט רוחות. ער ציפּעט דאָס, און סע וואַקסט. מאָרגנע וואַקסט דאָס בערדל. אָפּן האַלדז גאָר האָט זיך עס באַ אים צעוואַקסן. דאָס פּנים איז גלאַט, נאָר דער האַלדז איז פול מיט באָרד. איר האָט געזען אַמאָל אַזאַ באָרד?

אַן אַנדערס מאָל וואָלט אים מײַן שוועגערן ברכה פאַרן וואָרט „בהמה" אָפּגעשפּילט אַ פּרימאַרגן, אַז עס וואָלט אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. איצט האָט זי אים פאַרשוויגן, ווײַל ער פאַרדינט געלט. אַלעמאָל, ווען מײַן ברודער אליהו פאַרדינט געלט, ווערט ער באַ איר אַ מיוחס. איך ווער אויך באַ איר טײַערער, וואָרעם איך העלף מײַן ברודער פאַרדינען געלט. אַזוי רופט זי מיך „שלעפּער" אָדער „שלים־מזל", אָדער „קבצנישע קישקע". איצט האָט זי מיך פאַרצויגן. איך הייס שוין באַ איר „מאָטעלע":

— מאָטעלע! דערלאַנג מיר די שיך.

— מאָטעלע! נעם מיר אָן אַ קוואָרט וואַסער.

— מאָטעלע! טראָג אַרויס דאָס מיסט.

אַז מע פאַרדינט געלט, איז גאָר אַנדערע ווערטער.

— ה. —

דער חסרון פון מײַן ברודער אליהו — וואָס ער האָט ליב אַ סך. קוואַס — אַ דײַזשקע. טינט — טויזנט פֿלעשער. אַ פּראָשעק פון מײַז — אַ פֿולער זאַק. אונדזער שכנהס מאַן, דער אײַנבינדער, האָט אים אָבער געזאָגט: „וואָס דאַרף מען אַזויפֿיל?" — האָט אים נאָך מײַן ברודער אליהו גוט מכבד געווען. וואָלט מען כאַטש דעם זאַק פֿאַרשלאָסן ערגעץ אין אַ שאַפֿע. גייען זיי אַלע אַוועק און לאָזן מיך איבער אײנעם אַליין מיטן זאַק. וואָס קומט מיר דערפֿאַר, וואָס איך האָב מיך אַוועקגע־זעצט אַף אים אַ ווײַלע רײַטנדיק? עלעהיי ס'איז אַ פֿערדל! זאָל איך זײַן אַ נביא, אַז דער זאַק וועט פּלאַצן, און עס וועט זיך געבן אַ שאָט אויס פון אים עפּעס אַ געלע זאַך! דאָס איז טאַקע דער פּראָשעק, וואָס מײַן ברודער אליהו פֿאַרטרײַבט מיט אים די מײַז. ער האָט אַזאַ שאַרפֿן ריח, אַז מע קאָן חלשן! איך בייג מיך אָן, איך וויל צונויפֿנעמען דאָס, וואָס האָט זיך צעשאָטן, פֿאַלט אָן אַף מיר אַ ניסערײַ. איך זאָל אַרײַנצײַען אין נאָז אַרײַן אַ גאַנצע פּושקע מיט שמעקטאַבעקע, וואָלט איך נישט באַדאַרפֿט אַזוי שטאַרק ניסן. איך נים אַזוי לאַנג, ביז איך כאַפּ מיך אַרויס אין דרויסן. טאָמער וועל איך אויפֿהערן ניסן. ווער־וואָס? עס קומט אָן די מאַמע און דערזעט, איך נים. פֿרעגט זי מיך: וואָס איז? איך קאָן איר ענטפֿערן נאָר טשכי! און טשכי! און ווידעראַמאָל טשכי!

— ווינד איז מיר, ווו האָסטו געכאַפּט אַזאַ קאַטאַר? — זאָגט צו מיר די מאַמע און ברעכט די הענט. איך הער נישט אויף צו ניסן און ווײַז איר מיט דער האַנט אַהין, אין שטוב אַרײַן. זי גייט אַרײַן און לויפֿט אַרויס צוריק נאָך מיט אַן ערגערער ניסערײַ, ווי איך. קומט אָן מײַן ברודער אליהו און דערזעט אונדז ביידע ניסן. פֿרעגט ער: וואָס איז דאָס? ווײַזט אים די מאַמע מיט דער האַנט אַהין, אין שטוב אַרײַן. ער כאַפּט זיך אַרײַן און לויפֿט אַרויס צוריק מיט אַ גוואַלד:

— ווער האָט דאָס צע — טשכי! טשכי! טשכי!...

איך האָב שוין לאַנג נישט געזען מײַן ברודער אליהו אין כעס, אַזוי ווי אַצינד. ער לאָזט זיך מיט ביידע הענט גלײַך אַף מיר. אַ גליק, וואָס ער ניסט, אַנישט — וואָלט איך פון זײַנע הענט אַרויס אַ קאַליקע. מײַן שוועגערן ברכה קומט אָן, טרעפֿט זי אונדז אַלע דרײַ האַלטן זיך באַ די זײַטן און ניסן.

— וואָס איז מיט אײַך? וואָס האָט איר זיך פּלוצים צעניסט?
וואָס זאָלן מיר איר זאָגן? מיר קאָנען דען אויסרעדן אַ וואָרט?
ווײַזן מיר איר מיט דער האַנט אַהין, אין שטוב אַרײַן. כאַפּט זי זיך אַרײַן, און לויפט באַלד אַרויס צוריק רויט, ווי העליש פֿײַער, און פֿאַלט אָן אויף מײַן ברודער אליהו:
— וואָס האָב איך דיר געטאָן — טשכי! טשכי! טשכי!...

קומט אָן אונדזער שכנה, פּעסיע די גראָבע. זי רעדט צו אונדז, נאָר קיינער קאָן איר נישט ענטפֿערן קיין וואָרט. מיר ווײַזן איר מיט דער האַנט אַהין, אין שטוב אַרײַן. זי גייט אַרײַן און לויפֿט אַרויס צוריק:
— וואָס האָט איר אָזעלכעס געטאָן — טשכי! טשכי! טשכי!...
אונדזער שכנה מאַכט מיטביידע הענט. עס קומט אַרויס איר מאַן, דער אײַנבינדער. דער אײַנבינדער קוקט אויף אונדז און לאַכט.

— וואָס איז דאָס אויף אײַך אָנגעפֿאַלן פּלוצים פּאַר אַ ניסערײַ?
— זײַט זיך מטריח אַהי — טשכי! טשכי! טשכי! — זאָגן מיר צו אים און ווײַזן אים אַלע אַהין, אין שטוב אַרײַן. דער אײַנבינדער גייט אַרײַן צו אונדז אין שטוב אַרײַן, און שפּרינגט אַרויס צוריק מיט אַ געלעכטער:

— איך ווייס שוין וואָס דאָס איז! איך האָב אַ שמעק געטאָן! דאָס איז שעמע — טשכי! טשכי!

און ער כאַפּט זיך מיט ביידע הענט בײַ די זײַטן און ניסט געשמאַק. נאָך יעדן ניס טוט ער אַ שפּרונג אונטער, בלײַבט שטיין אויף די שפּיץ פֿינגער און טוט אַ ניס, און ווידער אַ שפּרונג אונטער, און ווידער אַ ניס, און אַזוי ווײַטער. אין איין האַלבע שעה ניסן שוין אַלע אונדזערע שכנים און שכנות מיט זייערע פּעטערס און מומעס און גלידשוועסטער־קינדער און זייערע באַקאַנטע — די גאַנצע גאַס, פֿון איין עק ביזן אַנדערן, האַלט אין איין ניסן!

וואָס האָט זיך מײַן ברודער אליהו אַזוי דערשראָקן? אפֿנים, ער האָט מורא, מע זאָל נישט אויסלאָזן דעם כעס צו אים פֿאַרן ניסן, וואָס מע ניסט? ער נעמט מיך פֿאַר אַ האַנט, און ניסנדיק לאָזן מיר זיך ביידע גיין באַרג־אַראָפּ, צו זײַן חבר פּיניע. עס נעמט גוטע אַנדערהאַלבן שעה, ביז מיר זענען אימשטאַנד צו ריידן אַזוי ווי מענטשן. מײַן ברודער אליהו דערציילט זײַן חבר פּיניע די גאַנצע מעשה. זײַן חבר פּיינע הערט אים

אוים מיט קאָפּ, אַזוי ווי אַ דאָקטער הערט אוים אַ חולה. אַז מײַן ברודער אליהו האָט געענדיקט, מאַכט צו אים זײַן חבר פּיניע:

— אַנו, ווײַז נאָר אַהער דאָס בוך.

מײַן ברודער אליהו נעמט אַרויס דאָס בוך פון בוזעם־קעשענע און גיט דאָס איבער צו זײַן חבר פּיניע. זײַן חבר פּיניע לייענט איבער דאָס אויבערשטע בלעטל: „פּאַר איין רובל — הונדערט רובל! אַ סגולה ווי אַזוי פון גאָרנישט, מיט די פינף פינגער, מאַכן הונדערט רובל אַ חודש און מער”... ער נעמט דאָס בוך און טוט דאָס אַ וואָרף אַרײַן אין אויוון אַרײַן גלײַך אַפן פײַער. מײַן ברודער אליהו טוט זיך אַ לאָז מיטביידע הענט צום פײַער. זײַן חבר פּיניע שטעלט אים אָפּ:

— פּאַוואָליע, נישט געכאַפּט!

נאָך אַ פּאָר מינוט — און מײַן ברודער אליהוס בוך, וואָס לערנט, ווי אַזוי צו מאַכן הונדערט רובל אַ חודש און מער, איז געבליבן נישט מער ווי אַ בערגל אויפגעבלאָזענע אַש. פון איין זײַט איז פאַרבליבן אַ שטיקל נישט־פאַרברענט פּאַפּיר, קוים־קוים וואָס מע האָט געקאָנט איי־בערלייענען: ש־ע־מ־ע־ר־י־צ־י.

XI

אונדזער חבר פיניע

— א. —

געדענקט איר, איך האָב אײַך אַמאָל געזאָגט, אַז איך װעל אײַך באַקענען מיט מײַן ברודער אליהום חבר פיניע? איך האָב אײַך צוגעזאָגט באַקענען, װײַל ער האָט אין זיך גוטע געדאַנקען. נאָר אײדער איך װעל אײַך דערצײלן פון פיניען, מוז איך אײַך דערצײלן פריִער פון זײַן זײדן, נאָכדעם פון זײַן טאַטן, נאָכדעם פון זײַן פעטער, און ערשט נאָכדעם שוין פון פיניען אַלײן.

שרעקט אײַך נישט — איך װעל דאָס אײַך מאַכן בקיצור. איך הײב אָן פון זײדן.

פון רב העסיע דעם גלעזער האָט איר אַמאָל געהערט? דאָס איז פיניעס זײדע. ער איז אַ גלעזער, און אַ שפּיגל-מאַכער, און אַ פאַרבער, און קאָן מאַכן טאַבעקע. הײַנט האָט ער אָװעקגעװאָרפן אַלע אַרבעט און פאַרנעמט זיך נאָר דערמיט, װאָס ער רײַבט טאַבעקע און פאַרקױפט. כל זמן, זאָגט ער, אַ מענטש לעבט, דאַרף ער אַרבעטן, ניט אָנקומען צו קײנעם. ער איז אַ הױכער, אַ דאַרער, מיט רױטע אױגן און מיט אַ מוראדיקער נאָז, אונטן ברײט, אױבן שמאָל, און אױסגעבױגן װי אַ שופר. איך האָב מורא, אױב עס איז אים נישט געקומען פון דעם, װאָס ער שמעקט טאַבעקע. ער איז אַ זקן. ער איז אַלט אפשר הונדערט יאָר, און איז נאָך בא אַלע געדאַנקען. ס'איז אַ סברה, אַז ער האָט נאָך הײַנט מער שכל װי זײַנע צװײ זין: הערש-לײב דער מעכאַניק און שניאור דער זײגערמאַכער. הערש-לײב דער מעכאַניק איז אױך אַזױ דין און הױך, װי רב העסיע. ער האָט אױך אַ גרױסע נאָז, נאָר ער שמעקט נישט קײן

טאַבעקע. אפשר וועט ער אַמאָל שמעקן. דערווײַל נאָך נישט. ער איז אַ מעכאַניק פֿון אויוונס. ער מאַכט אויוונס. אַלע זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ קאָמפּעטענטש. ער האָט טאַקע אַ גרויסן שטערן. מע זאָל אים געווען זאָגט ער, לערנען אַ מלאכה, וואָלט ער זײַן איינער אין דער וועלט. עס איז גאָר נישטאָ קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל עס נישט פֿאַר־שטיין מיטן שכל. אַזוי זאָגט ער אַליין אויף זיך. אַלצדינג כאַפּט ער מיטן קוק. אויוונס מאַכן האָט ער זיך אויסגעלערנט פֿון זיך אַליין. ער האָט געזען אַ פּאָר מאָל, ווי איוואַן פּיטשקור מאַכט אויוונס, האָט ער זיך גע־האַלטן בײַ די זײַטן פֿון געלעכטער. ער האָט געזאָגט, אַז דער גוי הייבט נישט אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס הייסט אַן אויוון. ער איז געקומען אַהיים און האָט צעוואָרפֿן דעם אויוון און האָט אַוועקגעשטעלט, טאַקע פֿון די זעלבע ציגל, אַן אַנדער אויוון. די ערשטע צײַט האָט דער אויוון גע־רויכערט, מע האָט געקאָנט דערשטיקט ווערן. האָט ער צעוואָרפֿן דעם אויוון און געשטעלט אַ נײַעם אויוון. אַזוי עטלעכע מאָל, ביז ער איז געוואָרן אַ באַרימטער מעכאַניק. ער האָט מיט זײַן אייגענעם שכל דער־קלערט אַזאַ מין אויוון, וואָס ס'איז גענוג, מע זאָל אים הייצן איין מאָל אין אַכט טעג. דער גאַנצער חסרון, ער האָט נאָך ניט די ציגל, זאָגט ער, וואָס מע דאַרף דערצו האָבן. ווען מע גיט אים, זאָגט ער, „קאַכליאָווע" ציגל, שטעלט ער אײַך אויף אַן אויוון, וואָס מע דאַרף אים גיין זען אויף חידושים! ער זאָגט, אַז אין אַן אויוון ליגט מער שכל, ווי אין אַ זייגער. דאָס זאָגט ער שוין אויף צו־להכעיס זײַן ברודער שניאור. זײַן ברודער שניאור איז ייִנגער פֿון אים און העכער פֿון אים, און האָט אויך אַ לאַנגע נאָז, און איז אַ זייגערמאַכער. געוואָלט האָט ער גאָר זײַן אַ רב, אָדער אַ שוחט, אָדער אַ מלמד. אַזאַ קאָפּ האָט ער געהאַט צום לערנען! האָט ער בעסער געוואָלט זײַן אַ זייגערמאַכער. ווי קומט צו אים זייגערמאַ־כערײַ? וועט איר הערן.

אַז ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל און האָט געלערנט אין חדר, אַזוי דערציילט שניאור אַליין, האָט אים דער קאָפּ געטראָגן אויף גרויסע זאַכן. למשל, דערגיין דעם שכל פֿון אַ שלאָס, פֿאַרוואָס, אַז מע טוט אַ דריי רעכטס, עפֿנט עס זיך, און אַז מע טוט אַ דריי לינקס, פֿאַרשליסט עס זיך? אָדער ווי‍אַזוי גייט אַ זייגער? פֿאַרוואָס שלאָגט ער אַקוראַט דע־מאָלט, ווען דער גרויסער ווײַזער קומט צו צום צוועלף? דאָס ערשטע מאָל, אַז ער האָט, זאָגט ער, דערזען אַ זייגער מיט אַ פֿויגל, איז ער

שיער ניט אַראָפּ פון זינען. דעם זייגער מיטן פויגל האָט דער אַלטער רב העסיע באַקומען אַ מתנה פון אַן אויסגעדינטן פּאָלקאָווניק, וואָס פלעגט אים געבן אַרבעט. אַלע שעה, אַז דער זייגער האָט באַדאַרפט קלינגען, האָט זיך אויפגעעפנט אַ טירל, און ס'איז אַרויס אַ פויגל מיט אַ קו־קו! דער פויגל איז געווען נאַטירלעך, ווי לעבעדיק. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז אַפילו די קאַץ האָט געהאַט אַ טעות. אַלע מאָל ווען דער פויגל איז אַרויס מיט אַ קו־קו, פלעגט זיך די קאַץ אָנבלאָזן און פלעגט אים וועלן כאַפּן. שניאור האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז ער מוז דערגיין דעם שכל פונעם פויגל. איינמאָל, אַז קיינער איז ניט געווען אין דער היים, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צום זייגער. ער האָט אים אַראָפּגענומען פון וואַנט, אָפּגעדרייט אַלע שרייפלעך און אַרויסגענומען די געדערים. איז אָנגעקומען דער פאָטער, האָט ער אים אַזוי געשלאָגן, אַז מע האָט שוין נישט געהאַלטן פון זיין לעבן. עד היום, זאָגט ער, שטייען בא אים סימנים אויפן לייב. ער האָט אָבער אויסגעפירט זיינס — ער איז אַ זייגערמאַכער. איך ווייס ניט, צי ער איז פון די בעסטע, נאָר ער נעמט נישט טייער און מאַכט גיך. מיין ברודער אליהו האָט בא אים שוין וויפל מאָל צורעכט געמאַכט דעם זייגער. כמעט אַ וואָך איבער אַ וואָך פאַרריכט ער אים דעם זייגער. אַ מאָדנער זייגער בא מיין ברודער אליהו: אָדער ער לויפט משוגענערווייז, אָדער ער גייט איינגעהאַלטן מיט אַ שעה פיר, אָדער ער שטעלט זיך גאָר אַוועק — און טוט אים עפּעס! מיין ברודער אליהו וואָלט אפשר געגאַנגען צו אַן אַנדער זייגערמאַכער, פּאַסט אים ניט פאַר זיין חבר פּיניע. זיין חבר פּיניע זאָגט, אַז שולדיק איז מסתמא דער זייגער, ניט דער פעטער שניאור. וואָרעם ממה־נפשך: איז דער זייגער אַ זייגער, וועט דאָך אים יעדער זייגערמאַכער קאָנען צורעכט מאַכן. אַלאַ וואָס דען? דער זייגער אַליין איז קיין זייגער ניט, היינט וואָס וועט אים העלפן דער זייגערמאַכער?

גייט זאָגט, אַז ער איז אומגערעכט!

— ב. —

מיין ברודער אַליהוס חבר פּיניע איז אויך אַ קאָפּמענטש, אַזוי ווי זיין טאַטע הערש־לייב דער מעכאַניק און אַזוי ווי זיין פעטער שניאור דער זייגערמאַכער. אַ נאָז האָט ער אויך אַ לאַנגע, אַזוי ווי זיי. נעזעריק

זײַנען זיי אַלע, די גאַנצע משפּחה זייערע. זיי האָבן אַ מומע קריינע, האָט זי אַ טאָכטער מלכּה, האָט זי אַ נאָז, וואָס מע דאַרף גיין קוקן אױף חידושים. און ניט אַזוי די נאָז, ווי דאָס פּנים. ס'איז גאָרנישט קיין מענטשלעך פּנים. זעט אויס ווי אַ פֿויגל, אָדער ווי אַ חיה. זי שעמט זיך אַרויסגיין אױף דער גאַס. ס'איז אױף איר אַ גאָטס רחמנות! פּיניע איז אַביסל אין איר געראָטן, נאָר ער איז אַ מאַנצביל. אַ מאַנצביל מאַכט נישט אויס. ער זעט אַפֿילו אויס מאָדנע. אַז איר טוט אױף אים אַ קוק, מוזט איר זיך צעלאַכן. נישט געגנוג, וואָס ער איז דין און הויך, האָט ער אַ פּאָר לאַנגע אויערן, ־אַ לאַנגע נאָז, ווי אַ גאָנער, און אַ נידעריקע ראיה דערצו. ווו ער זאָל ניט גיין, מוז ער זיך מיט עמעצן צעבוצקען. שטעלט ער זיך אָוועק, מוז ער עמעצן אָנטרעטן אױפֿן פֿוס. איין הויז מוז בײַ אים זײַן פֿאַרקאַטשעט. איין זאָק מוז זײַן אַראָפּגעלאָזט. דאָס העמד מוז זײַן צעשפּיליעט. דאָס שניפּסל מוז זײַן פֿון יענער זײַט. און אַז ער רעדט, בּאַרכלט ער, און האָט ליב צוקערקעס. ווען איר זאָלט אים נישט באַגעגענען, האַלט ער עפּעס אין מויל און סמאַצקעט. דערפֿאַר איז ער אָבער אַ געראָטענע כּלי. ניטאָ איין זאַך אױף דער וועלט, וואָס ער זאָל ניט קאָנען. מיט זײַן לערנען האָט ער, זאָגט מען, אַריבערגעיאָגט דעם רב. מיט זײַן שרײַבן וועט ער פֿאַרשטעקן אין גאַרטל אַלע קענערס. אַחוץ וואָס ער האָט אַ זעלטענע האַנטשריפֿט, איז ער אַ גרויסער בריה אױף גראַמען. וואָס ער זאָל ניט שרײַבן, שרײַבט ער מיט גראַמען. ער האָט שוין באַשריבן די גאַנצע שטאָט: דעם רב, דעם שוחט, די גבאים, די יאַטקעס, זײַן אייגענע משפּחה — אַלעמען האָט ער שוין באַשריבן, און אַלעמען אין גראַמען. פּיניעס גראַמען זײַנען אַ צײַט אַרומגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט און מע האָט זיך געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער. אַנ־דערע האָבן זיי אויסגעלערנט אױף אויסנווייניק. למשל, איך געדענק אַ פּאָר פֿון זײַנע גראַמען:

אונדזער גבאי,
רב שמואל־אבא,
האָט אַ גרויסן בויך;
זיצט בײַם טישל,
לקחנט פֿון דער שיסל,
אַזש עס גייט אַ רויך!

זײַן װײַב נחמה,
אַ כשרע נשמה —
איך װיל פֿון איר ניט ריידן.
זי איז קליג,
װי דעם רבינס ציג —
כאַפּט דער רוח זיי ביידן...

די גאַנצע שטאָט האָט געקאָכט מיט די דאָזיקע גראַמען. איינער האָט צוגעמאַכט צו דעם אַ ניגון פֿון זמירות. די גאַנצע שטאָט האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן לידל, ביז ס'איז אָנגעקומען צום גבאי מיט דער גבאיטע. האָבן זיי געשיקט רופֿן צו זיך דעם פֿאָטער, הערש־לייב דעם מעכאַניק, און האָבן געװיינט פֿאַר אים מיט טרערן. זיי האָבן אים געפֿרעגט: װאָס האָט צו זיי זײַן פּיניע? ... געקומען אַהיים, האָט דער פֿאָטער, הערש־לייב, דער מעכאַניק, אַרײַנגערופֿן פּיניען אין שטוב אַרײַן, פֿאַרשלאָסן טיר און טויער און האָט אים גוט אַרײַנגעצימבלט. ער האָט אים אַזוי לאַנג געשמיסן, ביז פּיניע האָט אים געמוזט געבן תקיעת־כּף, אַז ער װעט שוין מער קיין גראַמען ניט שרײַבן, װײַל ער װעט לעבן.

— ג —

פֿון דעמאָלט אָן שרײַבט שוין פּיניע מער ניט קיין גראַמען. עס קריכן אים שוין ניט אין קאָפּ קיין גראַמען. ער איז אַף גרויסע צרות. אַזוי זאָגט אַף זיך פּיניע אַליין. עס האָט זיך אים פֿאַרגלוסט חתונה האָבן. דאָס הייסט, ניט אים, זײַן טאַטן הערש־לייב האָט זיך פֿאַרגלוסט, אַז פּיניע זאָל חתונה האָבן און װערן אַ „מענטש”. פּיניע האָט חתונה געהאַט פֿאַר אַ מילנערס אַ טאָכטער. דער מילנער האָט אים געעפּנט אַ קלייטל פֿון מעל. מײַן ברודער אליהו איז אים מקנא, װאָס ער האָט אַ געשעפֿט. פּיניע לאַכט פֿון אים. ער זאָגט: ס'איז אַ געשעפֿט, נאָר ניט פֿאַר אים. װאָס איז דאָס, זאָגט ער, פֿאַר אַן עובדא פּאַטשקען זיך מיט מעל? דאָס פּאַסט, זאָגט ער, פֿאַר אַ גראָבן יונג, פֿאַר אַ מילנער... װאָס איז ער, זאָגט ער, שולדיק, אַז ער קאָן ניט זיצן אין קלייט? ער קאָן ניט, זאָגט ער. דער קאָפּ טראָגט אים, דער קאָפּ פֿליט. ס'איז באַ זיי, זאָגט ער, אַזאַ משפּחה פֿון פֿלױענדיקע קעפּ...

אַזוי זאָגט פּיניע און וויל ניט גיין אין קלייט אַרײַן. ער וועט בעסער, זאָגט ער, זיצן איבער אַ ביכל, וועט ער מער הנאה האָבן. זײַן שווער, דער מילנער, איז דערפֿאַר גוט ברוגז, נאָר ער מוז שווײַגן. ער האָט מורא פֿאַרן איידעם, ער זאָל אים ניט באַשרײַבן, און אויסער דעם איז די טאָכטער בײַ אים זייער ציטעריק. זי איז אַ בת־יחידה. טײַבל הייסט זי. זי איז אַביסל קאַסאָקע אויף איין אויג, נאָר זייער אַ גוטע. מײַן מאַמע זאָגט אויף איר, אַז זי איז אָן אַ גאַל. איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס הייסט, זי איז אָן אַ גאַל? וווּ איז אַהינגעקומען איר גאַל?... גאַנצע טעג זיצט זי אין קלייט, און פּיניע איז אין דער היים. מיר קומען צו אים מיט מײַן ברודער אליהו כמעט אַלע טאָג. ער רעדט זיך אויס פֿאַר אונדז דאָס האַרץ. אַלע מאָל, ווען מיר קומען צו אים, זיפֿצט ער און קרעכצט און באַקלאָגט זיך אויף זײַן פֿינצטער מזל. ס'איז אים דאָ ענג, זאָגט ער, און דושנע. ער פֿילט, זאָגט ער, אַז ער ווערט דערוואָרגן. ער זאָל זײַן, זאָגט ער, אין אַן אַנדער שטאָט, וואָלט געווען גאָר אַנדערש. ווען מע לאָזט אים, זאָגט ער, אַרויס פֿון דאַנען כאָטש אויף איין יאָר, קערט ער איבער די וועלט! אַזוי זאָגט ער צו מײַן ברודער אליהו. קיינעם פֿאַרגלייבט ער נישט אַזויפֿיל, וויפֿל מײַן ברודער אליהו. ער ווײַזט אים בריוו, וואָס ער האָט. די בריוו זײַנען פֿון גרויסע מענטשן. די „גרויסע מענטשן" שרײַבן אים, אַז ער האָט אין זיך עפּעס אינעווייניק. פּיניע זאָגט, אַז ער אַליין פֿילט אויך, אַז ער האָט אין זיך עפּעס אינעווייניק. איך קוק אויף אים און טראַכט מיר: „רבונו של עולם! וואָס האָט ער אַזעלכעס אין זיך אינעווייניק?"...

— ד —

איינמאָל קומט צו אונדז פּיניע און רופֿט אַרויס מײַן ברודער אליהו אויף אַ סוד. ווײַבאַלד אַ סוד, מוז איך וויסן. איך האָב ליב וויסן אַלע סודות. איך גיי זיי נאָך פֿון הינטן און הער זיך אײַן און כאַפּ ווערטער. פּיניע רעדט, און מײַן ברודער אליהו רעדט. איך גיב אײַך איבער זייערע ביידנס ווערטער:

פּ י נ י ע: וואָס ווען מיר דאָ אויסזיצן?

א ל י ה ו: איך זאָג אויך דאָס אייגענע.

פּ י נ י ע: אָט האָב איך געלייענט, אַז איינער איז אַוועקגעפֿאָרן

אהין מיט פינף פינגער, א האַלב יאָר געשלאָפן אין דרויסן, געקערט די גאַסן פאַרן שטיקל ברויט.

א ל י ה ו : נו, און הײַנט?

פ י נ י ע : אַף אונדזביידן געזאָגט געוואָרן.

א ל י ה ו : אַזוי?

פ י נ י ע : אַזוי! אַזוי! וואָס־זשע? איך וועל דיך אָפּנאַרן? איך האָב שוין גערעדט מיט מײַן טײַבלען.

א ל י ה ו : וואָס־זשע זאָגט זי?

פ י נ י ע : וואָס זאָל זי זאָגן? זי פאַרט.

א ל י ה ו : זי פאָרט? נו, און דער שווער?

פ י נ י ע : ווער הערט אים? אַז איך וועל אַוועקפאָרן אַליין, וועט אים זײַן בעסער? ער זעט דאָך, אַז דער קאָפּ טראָגט מיך, איך קאָן דאָ ניט זײַן!

א ל י ה ו : און איך, מיינסטו, קאָן דאָ זײַן?

פ י נ י ע : טאָ לאָמיר זיך אויפהייבן און לאָמיר פאָרן.

א ל י ה ו : אויפהייבן און פאָרן? מיט וואָס?

פ י נ י ע : שיפסקאַרטן גיט מען דאָך אונדז אומזיסט, נאַרעלע.

א ל י ה ו : וואָס הייסט, אומזיסט?

פ י נ י ע : אַף אויסצאָלן. מיר וועלן זיי אַמאָל אויסצאָלן. דערווײַל האָבן מיר זיי אומזיסט.

א ל י ה ו : נו, און ביזן שיף? הוצאות? הײַנט בילעטן? באַן?

פ י נ י ע : וויפל בילעטן דאַרפן מיר דען האָבן, נאַרעלע?

א ל י ה ו : אדרבא, וויפל דאַרפן מיר האָבן?

פ י נ י ע : רעכן אוים: איך און מײַן טײַבל איז ניט צוויי. דו און דײַן ברכה צוויי, איז ניט פיר.

א ל י ה ו : און די מאַמע איז ניט פינף.

פ י נ י ע : איז פינף.

א ל י ה ו : נו, און מאָטל?

פ י נ י ע : פאַר אים איז גענוג א האַלבער בילעט. און אפשר קיין האַלבער אויך ניט... מיר וועלן זאָגן, אַז ער איז נאָך ניט אַלט קיין דרײַ יאָר.

א ל י ה ו : ביסט משוגע?

* * *

וואָס זאָל איך טאָן? איך קאָן מיך מער נישט איינהאַלטן. פאַר גרויס פרייד לאָז איך אַרויס אַ קוויטש. ביידע דרייען זיך אוים צו מיר.

— אַוועק, דו שייגעץ! וואָס פאַר אַ תנועה זיך אונטערהערן, אַז גרויסע ריידן צווישן זיך?

איך לאָז מיך לויפן, שפּרינג אונטער און פּאַטש מיך מיט ביידע הענט אין די ליטקעס פון די פּיס. אַ קלייניקייט — איך פאָר!... שיף!... באַן!... בילעט!... אַ האַלבער בילעט!... וווּהין אַ שטייגער, פאָרן מיר? איך וויל גאָרניט וויסן וווּהין. וואָס גייט עס מיך אָן וווּהין? איך פאָר — און געננוג! איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן? אַז מיר זאָלן זיך וועלן גוט אויסרעכענען, בין איך דאָך נאָך קיינמאָל אױף מײַן לעבן אין ערגעץ נישט געפאָרן. איך ווייס אפילו נישט דעם טעם, וואָס הייסט דאָס פאָרן? אביסל האָב איך יאָ פאַרזוכט דעם טעם. איך בין אַמאָל זיך דורכגעפאָרן אױף אונדזער שכנס ציג, האָט דאָס מיך געקאָסט טײַער. אַחוץ וואָס איך בין געפאַלן און צעבלוטיקט די נאָז, האָב איך נאָך געכאַפּט אַ פּאָר פּעטש אויך. דערפאַר רעכן איך ניט די נסיעה.

איך בין דעם גאַנצן טאָג ווי אַ צעמישטער. איך האָב פאַרלאָרן דעם אַפּעטיט צום עסן. באַנאַכט חלומט זיך מיר, אַז איך פאָר. ניט איך פאָר, נאָר איך פלי. איך האָב פליגל, ווי אַ טויב, און איך פלי. לעבן זאָל אונדזער חבר פיניע! ער באַקומט אין מײַנע אויגן טויזנט מאָל מער חן, ווי פריִער. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים געקושט און געהאַלדזט. אַ טײַערער פיניע דאָס איז!

נו, האָב איך אײַך נישט געזאָגט, אַז ער האָט אין זיך גוטע געדאַנקען?

XII

שאט, מיר פארן קיין אמעריקע!

— א. —

שאט, מיר פארן קיין אמעריקע! ווו איז אמעריקע? — ווייס איך ניט. איך ווייס נאר, אז ס'איז ווייט, שרעקלעך ווייט. מע דארף אהין פארן און פארן אזוי לאנג, ביז מע קומט. און אז מע קומט, איז פאראן א „קעסטל־גארטל". דארט, אין „קעסטל־גארטל", טוט מען אייך אויס נאקעט און מע קוקט אייך אין די אויגן. האט איר געזונטע אויגן, איז גוט. אלא ניט, פארט, זייט מוחל, צוריק! דאכט זיך, איך האב געזונטע אויגן. איינמאל נאר האב איך געהאט צו טאן מיט די אויגן. יינגלעך פון דער שקאלע האבן מיך דערטאפט, אוועקגעלייגט און ארייַנגעבלאזן מיר אין די אויגן אריין טאבאק. אי, האט זיי מיין ברודער אליהו גע־פאטשט! איצט זייַנען בא מיר די אויגן לויטער, ווי קרישטאל. זעט איר, מיט מיין מאמען איז ניט פריילעך. אזוי זאגט מיין ברודער אליהו. ווער איז שולדיק? אז טאג ווי נאכט וויינט זי. זייט דער טאטע איז געשטארבן האט זי נאך גארניט אויפגעהערט צו וויינען.

— אום גאטעס ווילן! דו האסט קיין רחמנות ניט אף אונדז! אי־בער דיר וועלן מיר חלילה אלע דארפן פארן צוריק!

אזוי טענהט מיט איר מיין ברודער אליהו, און זי ענטפערט אים:

— נאריש קינד וואס דו ביסט! איך וויין דען? עס וויינט זיך אליין, אן מיר!...

אזוי זאגט די מאמע, ווישט די אויגן אין פארטעך און נעמט זיך צום בעטגעוואנט, צו די קישנס. מע דארף איבערשיטן אלע קישנס. אמעריקע איז א לאנד, ווו ס'איז ניטא קיין קישנס. אלצדינג איז דארט דא, נאר ניט קיין קישנס. וואזוי שלאפן דארט די מענטשן — פארשטיי

איך ניט. עס דאַרף זיי זײַן האַרט צוקאָפּנס! מײַן שװעגערן ברכה העלפֿט איר איבערשיטן די קישנס. מיר האָבן, ניט צו פֿאַרזינדיקן, היפּשע עט־לעכע קישנס. דרײַ גרויסע איבערבעטן מיט זעקס קישנס מיט פֿיר קליינע קישעלעך. ממזרימלעך הייסן זיי. פֿון אַלע פֿיר ממזרימלעך מאַכט די מאַמע איין קישן. אַן עבֿירה. איך האָב ליב די קליינע ממזרימלעך בעסער פֿון די גרויסע. איך שפּיל זיך מיט זיי אַמאָל אינדערפֿרי. איך מאַך פֿון זיי אַ המן־טאַש, אַ ספּאָדיק...

— מיר װעלן קומען, אם ירצה השם, געזונטערהייט אַהין, װעלן מיר זיי צוריק איבערשיטן אין קליינע ממזרימלעך.

אַזוי זאָגט די מאַמע צו מיר און צו מײַן שװעגערן ברכה און גיט איר אָנצוהערעניש, אַז זי זאָל אויך אַזוי טאָן. מײַן שװעגערן ברכה מוט אויך אַזוי, כאָטש זי איז פֿון דער נסיעה ניט צופֿרידן. ס'איז איר שװער זיך שיידן מיט איר טאַטע־מאַמע. מע זאָל איר געװען, זאָגט זי, זאָגן פֿאַראַיאָרן אין דער צײַט, אַז זי װעט פֿאָרן קיין אַמעריקע, װאָלט זי יענעם, זאָגט זי, אָנגעשפּיגן אַ פֿולן פּנים.

— מע זאָל מיר געװען זאָגן פֿאַראַיאָרן, אַז איך װעל זײַן אַן אַלמנה...

אַזוי זאָגט די מאַמע און צעװיינט זיך. דערזעט מײַן ברודער אליהו און מאַכט אַ גװאַלד:

— װידעראַמאָל געװיינט? װילסט אונדז, אַפּנים, אַלעמען אומגליק־לעך מאַכן?!...

— ב. —

טאָמער איז קאַרג, טראָגט עס אַן אונדזער שכנה פּעסיע. דערזען אונדז באַ דער אַרבעט, װי מיר שיטן איבער די קישנס, שטעלט זי זיך אװעק אונדז אויסריידן אַביסל דאָס האַרץ. זי לייענט אונדז אַ גאַנצע תּחינה:

— פֿאָרט איר, הייסט עס, טאַקע קיין אַמעריקע? הלװאַי דער אייבערשטער זאָל געבן, איר זאָלט קומען געזונטערהייט און זאָלט דאָרט באַגליקן. באַ גאָט איז אַלץ מעגלעך. אָט איז פֿאַראַיאָרן אװעקגעפֿאָרן מײַנע אַן אייגענע, ריװל הייסט זי, מיט איר מאַן הילע. שרײַבן זיי, אַז

זיי מוטשען זיך, נאָר זיי מאַכן אַ לעבן... וויפל מע בעט זיך באַ זיי, זיי זאָלן שרײַבן ווי מענטשן: וואָס און ווען און ווי אַזוי? ענטפערן זיי: אַמעריקע איז אַ לאַנד פאַר אַלעמען. יעדער מוטשעט זיך און מאַכט אַ לעבן... האָט איר עפעס צו זיי? נאָך גוט, וואָס זיי שרײַבן כאָטש. די ערשטע צײַט האָבן זיי גאָרנישט געשריבן, פאַרגעסן דעם זײַגעזונט. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז זיי זײַנען חלילה אַרײַנגעפאַלן אין ים אַרײַן. ערשט העט ווייס איך ווען, קומט אָן אַ ידיעה, אַז זיי זײַנען שוין, אַ דאַנק גאָט, אין אַמעריקע. זיי מוטשען זיך און מאַכן אַ לעבן!... אוודאי, זאָג איך אײַך, איז כדאי דער גאַנצער טאַרעראַם, מיטן ברעכן זיך, מיטן איבערשיטן דאָס בעטגעוואַנט, מיטן פאָרן איבערן ים, מיט נאָך אַזעלכע זאַכן!

— איך בעט אײַך, איר וועט אַמאָל אויפהערן לייגן קנייטלעך?

אַזוי פאַלט אָן מײַן ברודער אליהו אױף אונדזער שכנה פּעסי און באַקומט פון איר אַ פּאַרציע:

— לייגן קנייטלעך? זע נאָר, אַ גאַנצער חכם פון דער מה־נשתּנה! ער פאָרט קיין אַמעריקע זיך מוטשען און מאַכן אַ לעבן! ווי לאַנג האָב איך דיך געהאַלטן אױף די הענט, זיך געניאַנטשעט, געהאַט צו טאָן? אַנו, פרעג נאָר די מאַמע דײַנע, וואָס איך האָב געהאַט מיטן ביינדל, וואָס דו האָסט קינדווײַז אײַנגעשלונגען איינמאָל פּרייטיק צונאַכטס באַ די פּיש. ווען נישט איך טו דיך אַ כאַפּ פון הינטן איינס־צוויי־דרײַ, וואָלסטו שוין איצטער נישט געפאָרן קיין אַמעריקע זיך מוטשען און מאַכן אַ לעבן!...

אונדזער שכנה פּעסיע וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט. אַ גליק, וואָס די מאַמע מישט זיך אַרײַן און הייבט אָן צו איר מיט גוטן:

— איך בעט אײַך, פּעסעניו, נשמהניו, האַרצעניו, ליובעניו, זאָלט איר מיר זײַן געזונט און שטאַרק!...

מער קאָן די מאַמע נישט ריידן. זי צעוויינט זיך. דערזעט מײַן ברודער אליהו, אַז זי וויינט, ווערט ער אָנגעצונדן. ער טוט אַ וואָרף די אַרבעט און לויפט אַרויס פון שטוב מיט אַ קלאַפּ די טיר:

— לאָז דאָס גיין אין דר׳ערד אַרײַן!

— ג —

אין שטוב איז שוין בײַ אונדז פּוסט — אַ חורבה. דער אַלקער איז פֿול מיט פּעקלעך און מיט בעטגעוואַנט. דאָס בעטגעוואַנט פֿאַרנעמט כמעט ביז דער סטעליע. אַז קיינער איז נישטאָ, דראַפּע איך מיך אַרויף אַף אַלע קישנס און גליטש מיך אַראָפּ, ווי אַף אַ שליטן. מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי גוט, ווי איצט, איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געווען. קאָכן קאָכט מען שוין נישט בײַ אונדז פֿון לאַנג. מײַן ברודער אליהו ברענגט פֿון מאַרק אַ געטריקנט פֿישל, עסן מיר דאָס מיט ציבעלע. פֿישל מיט ציבעלע — וואָס קאָן זײַן נאָך בעסער פֿון דעם? אונדזער חבר פּיניע עסט אויך מיט אונדז. ער איז דאָך פֿון תמיד אַ פֿאַרטראָגענער. דער קאָפּ פֿליט בײַ אים. נאָר פֿון זינט מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע, איז ער גאָר צעדולט. אַזוי זאָגט אַף אים די מאַמע. איין הויז איז בײַ אים פֿאַרקאַטשעט אַרויף, איין זאָק אַראָפּ. דאָס האַלדזטיכל שפּאַרט שוין אָן אַף יענער זײַט. און קומט ער אַרײַן צו אונדז אין שטוב, אַזוי מוז ער כאַפּן אַ זעץ אין שטערן. אַלעמאָל האָט צו אים די מאַמע די זעלבע טענה:

— דו זעסט דאָך, אַז דו ביסט הויך אויסגעוואַקסן, בייגט מען זיך אײַן אַ ביסל.

— ער האָט אַ נידעריקע ראיה, מאַמע!

אַזוי פֿאַרענטפֿערט אים מײַן ברודער אליהו, און ביידע גייען זיי מאַכן אַן עק מיט אונדזער האַלבער דירה. מע דאַרף זיך צעשרײַבן. מיר האָבן אונדזער האַלבע דירה שוין לאַנג פֿאַרקויפֿט. אונדזער האַלבע דירה האָט אָוועקגעקויפֿט זיליע דער שנײַדער. אַזוי גיך קויפֿט אַ שנײַדער אַ דירה! אַ גרויסער נודניק אָט דער זיליע דער שנײַדער! פֿריִער איז ער דרײַ מאָל אַ טאָג געקומען אָנקוקן אונדזער האַלבע דירה איינער אַליין. געשמעקט די ווענט, געטאַפּט דעם קוימען, געקראָכן אַפֿן בוידעם, באַטראַכט דעם דאָך. נאָכדעם האָט ער געבראַכט דאָס ווײַב. מעני הייסט זי. ווען איך קוק אַף איר, מוז איך מיך צעלאַכן. אונדזער שכנהס קעלבל האָט אויך געהייסן „מעני”. ביידע „מענים” האָבן איין פּנים. מעני דאָס קעלבל האָט געהאַט אַ ווײַסע מאָרדע מיט קײַלעכיקע אויגן. מעני דעם שניידערס אויך אַזוי... שפּעטער האָט זיליע דער שנײַדער אָנגעהויבן פֿירן מבינים אָנקוקן די דירה. צום מיינסטן, שנײַדערס. יעדער האָט געפֿונען אַף אונדזער האַלבער דירה אַן אַנדער חסרון. ביז ס'איז געבליבן,

מע זאָל אראָפּבּרענגען פּיניעס טאַטן, הערש־לייב דעם מעכאַניק. הערש־לייב דער מעכאַניק איז אַ מבין אַף דירות. ער איז אַן ערלעכער מענטש. אַף אים קאָן מען זיך פאַרלאָזן. הערש־לייב טוט צוליב. ער באַטראַכט אונדזער האַלבע דירה פון אַלע זײַטן. ער הייבט אויף דעם קאָפּ ווי הויך ער איז, פאַרקאַטשעט דאָס היטל, טוט זיך אַ קראַץ אונטערן האַלדז און אַ זאָג:

— אַט די דירה קאָן שטיין, בלי גוזמא, אַ יאָר הונדערט, אויב נישט מער.

כאַפּט זיך אַרויס איינער אַ שנײַדער, פון זיליע דעם שנײַדערס מבינים.

— געוויס! אַבי מע זאָל זי נאָר איבערשיטן מיט ציגל, אונטער־שפּאַרן מיט אַ פּאָר גוטע אַבּאַפּאָלקעס, אַרײַנכמאַליען פיר נײַע ווענט און אַרויפצימבלען אַ בלעכענעם דאַך, וועט זי שטיין און שטיין, אם ירצה השם, ביז משיח וועט קומען!

מע זאָל געוועזן הערש־לייב דעם מעכאַניק, אַ שטייגער, אויסשילטן אין טאַטן אַרײַן, אָדער אָפּגיסן מיט אַ טאָפּ זודיק וואַסער, וואָלט ער נישט באַדאַרפט ווערן מער אין כעס. ער האָט נאָר געוואָלט וויסן איין זאַך: „ווי האָט דאָס אין זיך אַ ייִד אַ פּאַרך, אַ שנײַדער, אַ גנב, אַ פּאַ־ליקע, אַזאַ פּאַטעפּאַלנאַסט צו ריידן מיט אים, מיט הערש־לייב דעם מע־כאַניק, אַזעלכע ווערטער, מיט אַזעלכע רייד, מיט אַזעלכע דיבורים, מיט אַזאַ שפּראַך, און מיט אַזאַ לשון?!" איך בין אומזיסט געווען פריילעך: איך האָב געמיינט, אָט־אָט פּלַיען פּעטש. צום סוף האָבן זיך אַרײַנגעלייגט מענטשן (אומעטום וואַקסן אויס „מענטשן"!) און מע האָט זיי צעגומען, און מע האָט געמאַכט שלום, און מע האָט זיך אָנגעהויבן דינגען, און מע האָט זיך אויסגעגלײַכט מיטן מקח, און מע האָט געשיקט נאָך בראָנפן, און מע האָט געטרונקען לחיים. מע האָט אונדז געווינטשעוועט, מיר זאָלן פאָרן געזונט, און קומען געזונט, און מאַכן גוטע געשעפטן, און פאַרדינען אַ סך געלט, און קומען צוריק, אם ירצה השם...

— פּאַוואָליע! נישט אַזוי גיך קומט מען צוריק פון אַמעריקע! — זאָגט מײַן ברודער אליהו, און עס פאַרבינדט זיך אַ שמועס וועגן אַמע־ריקע. הערש־לייב דער מעכאַניק ווינטש זיך אַזאַ שטיק גאָלד, ווי מיר וועלן אַלע, אם ירצה השם, קומען צוריק פון אַמעריקע. ווען נישט דער „פּריזיוו", וואָלט ער זײַן פּיניען, זאָגט ער, ניט געלאָזט פאָרן קיין אַמע־

ריקע. אַמעריקע, זאָגט ער, איז פע! פרעגט אים זיליע דער שנײַדער: ער זאָל קיין פּאַראיבל נישט האָבן, מיט וואָס איז אַמעריקע פע? ענטפערט אים הערש־לייב: דערפאַר, ווײַל אַמעריקע איז אַ פּאַסקודנע לאַנד. פרעגט אים ווידעראַמאָל זיליע דער שנײַדער: ער זאָל קיין פּאַראיבל נישט האָבן, פונוואַנען ווייס ער, אַז אַמעריקע איז אַ פּאַסקודנע לאַנד? ענטפערט אים הערש־לייב, אַז ער פאַרשטייט דאָס אַל־פּי שכל. זאָגט אים זיליע, ער זאָל אים געבן צו פאַרשטיין דעם שכל. הייבט אָן הערש־לייב מעכאַ־ניק צו שטאַמלען מיט דער צונג, געבן צו פאַרשטיין על־פּי שכל. נאָר עס קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט, מחמת ער איז שוין אַ ביסל אונטערן גלעזל. אַלע זײַנען אונטערן גלעזל. אַלע פילן זיך גוט, אויס־געצייכנט גוט. איך אויך. נאָר די מאַמע מײַנע באַהאַלט אַלע מינוט דאָס פּנים אין פאַרטוך און ווישט די אויגן. מײַן ברודער אליהו קוקט אַף איר און זאָגט צו איר שטילערהייט:

— גזלנטע! דו האָסט קיין רחמנות נישט אַף די אויגן! דו קווי־לעסט אונדז!...

— ד —

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע חתונה — געזעגענען זיך. פון שטוב צו שטוב גייען מיר זיך געזעגענען. מיר זײַנען שוין געווען בײַ אַלע אונדזערע קרובים, שכנים און באַקאַנטע. בײַ אונדזער מחותן, יונה דעם בעקער, האָבן מיר פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג. אונדזערע מחותנים האָבן געמאַכט פאַר אונדז אַ וואַרמעס, צונויפגערופן די משפּחה, גע־שטעלט ביר צום טיש. מיך האָט מען אָוועקגעזעצט באַזונדערס מיטן מיין שווענגערנס שוועסטערל. אַלטע הייסט זי. איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט פון איר. זי איז עלטער פון מיר מיט אַ יאָר און טראָגט צוויי צעפּלעך, צונויפגעדרייט פון אונטן ווי אַ בייגל. מע האָט זי מיר אַמאָל גערעדט פאַר אַ כלה. פון דעמאָלט אָן, אַז מע זעט אונדז ביידן, רופט מען אונדז: „די חתן־כלה”. פונדעסטוועגן, שעמען מיר זיך נישט ריידן צווישן זיך. זי פרעגט בײַ מיר, אויב איך וועל נאָך איר בענקען? — געוויס וועל איך נאָך איר בענקען! נאָכדעם פרעגט זי מיך, אויב איך וועל איר שרײַבן בריוולעך פון אַמעריקע? — געוויס וועל איך שרײַבן בריוולעך פון אַמעריקע!

— ווי אַזוי וועסטו שרײַבן? דו קאָנסט דען שרײַבן?

— אַ טײַערע מציאה אין אַמעריקע זיך אויסלערנען שרײַבן! — זאָג איך און האַלט די הענט אין די קעשענעס. אַלטע קוקט אַף מיר און שמייכלט. איך ווייס, וואָס זי שמייכלט. זי מאַכט זיך אַ האַרץ. זי איז מיר מקנא, וואָס איך פֿאָר און זי נישט. אַלע זײַנען מיר מקנא, אפילו יאָסיע דעם נגידס יינגל, הענעך מיטן אויגל, זאָל מיך קענען דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער! ער שטעלט מיך אָפּ און מאַכט צו מיר מיטן אויגל:

— הער נאָר, דו, דו פֿאָרסט קיין אַמעריקע!

— יאָ, איך פֿאָר קיין אַמעריקע.

— וואָס וועסטו דאָרטן טאָן? גיין איבער די הײַזער?

זײַן גליק, וואָס מײַן ברודער אליהו איז דערבײַ נישטאָ. ער וואָלט אים געגעבן אַ „גיין איבער די הײַזער"!... איך וויל זיך מיט אים נישט אָנהייבן, מיט אַזאַ לאָבוס. איך ווײַז אים נאָר אַ צונג און לויף אוועק צו אונדזער שכנה פּעסיע זיך געזעגענען מיט דער כאַליאַסטרע. אַ היפּשע כאַליאַסטרע. איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט פֿון זיי. אַכט שטיק, איינס אין איינס. אַלע אַכט רינגלען מיך אַרום. זיי פֿרעגן מיך, צי בין איך צופֿרידן, וואָס איך פֿאָר קיין אַמעריקע? אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע! וואָס טויג מיר גרוים — זיי זײַנען מיר גוט מקנא. מער פֿון אַלע איז מיר מקנא הערשל. אָט דער, וואָס מע רופֿט אים „ושתי", דערפֿאַר וואָס ער האָט אַ גאָלי אָפּן שטערן. ער לאָזט פֿון מיר קיין אויג נישט אַראָפּ. ער זיפֿצט און זאָגט צו מיר: „דו וועסט זיך עס אָנזען אַ וועלט!"

יאָ, איך וועל זיך אָנזען אַ וועלט! ווי דערלעבט מען שוין!...

— ה. —

שוין געקומען לייזער מיט די „אָדלערס". דרײַ ברענענדיקע פֿערד! זיי קאָנען נישט אײַנשטיין אַף איין אָרט. אָדער זיי טופּען מיט די פֿיס, אָדער זיי פֿאָרשקען מיט די נאָזלעכער און באַשפּריצן מיר דאָס פּנים. איך ווייס נישט, וואָס איך זאָל טאָן פֿרײַער: צי איך זאָל קוקן אַף די פֿערד, צי איך זאָל העלפֿן טראָגן די פּעקלעך מיט די קישנס אין וואָגן אַרײַן? איך קאָן באַשטיין ביידע זאַכן: איך שטיי בײַ די פֿערד און זע, ווי מע טראָגט די פּעקלעך מיט די קישנס. אַ פֿולער וואָגן מיט פּעקלעך און מיט קישנס. אַ גאַנצער באַרג מיט בעטגעוואַנט. שוין צײַט

אויפצוזעצן זיך און פֿאָרן. מיר האָבן פּינה און פּערציק וויאָרסט צו דער באַן. אַלע זײַנען שוין דאָ: איך, און מײַן ברודער אליהו, און מײַן שוועגערן ברכה, און אונדזער חבר פּיניע, און זײַן ווײַב טײַבל, און די גאַנצע משפּחה זייערע: פּיניעס טאַטע, הערש־לייב דער מעכאַניק, שניאור דער זייגערמאַכער, פּיניעס שווער און שוויגער, דער מילנער מיט דער מילנערקע, און דער מומע קריינים טאָכטער מיטן פּויגלש פּנים, און אַפילו דער אַלטער זיידע רב העסיע איז אויך געקומען אָנזאָגן פּיניען, וואָזוי ער זאָל זיך פירן אין אַמעריקע. פֿון אונדזער משפּחה זײַנען געווען נאָר אונדזערע מחותנים, יונה דער בעקער מיט זײַנע בנים. אָן עבֿירה, וואָס איך האָב אײַך ביז אַהער נאָך נישט באַקענט מיט זיי. איצט איז נישט די צײַט. מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע. אַלע דרייען זיך אַרום אונדז, קוקן אָף אונדז, געבן אונדז עצות, מיר זאָלן זײַן געהיט פֿאַר גנבֿים.

— אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין גנבֿים.

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו און טאַפּט זיך באַ דער קעשענע, וואָס די מאַמע האָט אים אײַנגענייט אין אַזאַ אָרט, וואָס קיין גנבֿ אין דער וועלט וועט נישט אײַנפֿאַלן, אַז דאָרט זאָל זײַן אַ קעשענע. דאָרט ליגט דאָס גאַנצע געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פֿאַר אונדזער האַלבע דירה. אַפּנים, ס'איז דאָרט אַ היפּשע אַפּטייקע. וואָרעם אַלע פֿרעגן אים, צי האָט ער כאָטש גוט באַהאַלטן דאָס געלט?

— גוט! גוט! האָט קיין יסורים נישט! — זאָגט מײַן ברודער אליהו. עס איז אים שוין פּשוט נמאס געוואָרן איטלעכן באַזונדערס אָפּגעבן דין־וחשבון פֿאַרן געלט. דער עולם הייבט אָן זאָגן, מע זאָל זיך געזעגענען. אַלע הייבן אָן זיך גרייטן צום געזעגענען. מע טוט זיך אַ כאַפּ — נישטאָ די מאַמע! וווּ איז די מאַמע? קיינער ווייס נישט. וווּ איז די מאַמע! מײַן ברודער אליהו איז אויסער זיך. אונדזער חבר פּיניע האָט אינגאַנצן פֿאַרלאָרן דאָס האַלדזטיכל. לייזער טרײַבט האַלדז און נאַקן. ער זאָגט, אַז מיר קאָנען פֿאַרשפּעטיקן די באַן. שאַט! אָן גייט די מאַמע. דאָס פּנים איז איר רויט. די אויגן פֿאַרשוואָלן. מײַן ברודער אליהו פֿאַלט צו צו איר.

— וואָס איז מיט דיר? וווּ ביסטו געווען?

— אַפֿן הייליקן אָרט, זיך געזעגענען מיטן טאַטן...

מײַן ברודער אליהו קערעוועט זיך אָפּ אָן אַ זײַט. אַלע בלײַבן שטיין אָן לשון. זינט מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע איז דאָס דאָס ערשטע מאָל, וואָס

דער טאַטע קומט מיר אַפֿן זינען. עס טוט מיר אַ צופּ באַם האַרצן. איך טראַכט מיך: „אַלע פֿאָרן קיין אַמעריקע, און דער טאַטע נעבעך בלײַבט דאָ, אַפֿן הייליקן אָרט, איינער אַליין”... לאַנג טראַכטן לאָזט מען מיך נישט. מע טוט אַף מיר אַ הוק און מע הייסט מיר קריכן אַפֿן וואָגן. ווי אַזוי קאָן איך קריכן אַף אַזאַ הויכן וואָגן מיט אַזאַ באַרג מיט בעטגעוואַנט? ס'איז דאָ אַן עצה: לייזער שטיילט מיר אונטער זײַנע ברייטע פּלייצעס. פּלוצים ווערט אַ קושערײַ מיט אַ געוויין, אַ יללה. ערגער ווי תשעה־באָב. מער פֿון אַלע וויינט די מאַמע. זי פֿאַלט אונדזער שכנה פּעסיע אַפֿן האַלדז און זאָגט: „איר זײַט מיר געווען אַ שוועסטער, געטרײַער פֿון אַ שוועסטער!”... אונדזער שכנה פּעסיע וויינט נישט, נאָר איר גראָבער גיידער טרייסלט זיך, און גרויסע טרערן, ווי באָב, קײַקלען זיך איבער אירע פעטע גלאַנצנדיקע באַקן. אַלע האָבן זיך שוין צעקושט, נאָר פּיניע נאָך נישט. זען פּיניען קושן זיך — דאַרף מען נישט קיין טעאַטער. מחמת ער האָט אַ נידעריקע ראיה, טרעפֿט ער נישט ווו מע דאַרף. אָדער ער קושט אין באָרד אַרײַן, אָדער אין שפּיץ נאָז, אָדער ער טוט זיך גאָר אַ בוצקע אין שטערן. דערצו האָט ער אַ טבע, אַז ער גייט, שפּרינגט ער אונטער און פֿאַרטשעפּעט זיך באַ זײַנע אייגענע פֿיס. איך זאָג אײַך, פֿון פּיניען קאָן מען בלײַבן אָן אַ בויך לאַכנדיק. דאַנקען השם יתברך, מיר זיצן שוין אין וואָגן. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגן: אַפֿן וואָגן. אויבן־אָן, אַף די קישנס און צווישן די קישנס, זיצן: די מאַמע, ברכה און טײַבל. פֿאָריטש (אַקעגן) — מײַן ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיניע; איך מיט לייזערן — אַף דער קעלניע. די מאַמע וויל אפֿילו, איך זאָל מיך אַוועקזעצן באַ איר צופֿוסנס. זאָגט אָבער מײַן ברודער אליהו, אַז אַף דער קעלניע וועט מיר זײַן בעסער. געוויס וועט מיר זײַן בעסער! אַף דער קעלניע זע איך פֿאַר זיך די גאַנצע וועלט, און די גאַנצע וועלט זעט מיך. לייזער נעמט זיך צו דער בײַטש. דער עולם געזעגנט זיך נאָך. די ווײַבער וויינען.

— זײַט געזונט!

— פֿאָרט געזונט!

—שרײַבט אונדז פֿון אײַער געזונט!

— זײַט מצליח!

— פֿאַרגעסט אונדז נישט!

— שרײַבט אַלע וואָך! למען השם, יעדע וואָך אַ בריוו!

— לאָזט גריסן משהן, מיט בתיהן, מיט מאירן, מיט זלאַטען, מיט חנה־פּערלען, מיט שׂרה־רחלען, מיט זייערע קינדער.

— גאָר פֿרײַנטלעך! זײַט געזונט! זײַט געזונט!

אַזוי שרײַען מיר אַלע פֿונעם וואָגן אַרויס, און איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז מיר פֿאָרן שוין. לייזער האָט געשענקט אַלע דרײַ אָדלערס צו רעכטע שמיץ. איינעם האָט ער מכבד געווען מיטן שטעקן אחרון. די רעדער קאַטשען זיך. מיר שאָקלען זיך און העצקען זיך. איך שפּרינג אונטער אַף דער קעלניע און פֿאַל שיער נישט אַראָפּ פֿאַר פֿרייד. עס קיצלט מיך, עס גענדזלט מיך אין האַלדז. עס גלוסט זיך מיר זינגען. מיר פֿאָרן, מיר פֿאָרן, מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע!

XIII

מיר גנבֿענען די גרענעץ

— א. —

פֿאָרן מיט דער באַן איז אַ גן־עדן! מיט דער פֿור איז אויך נישט שלעכט, נאָר סע טרייסלט, און די זײַטן טוען נאָכדעם ווײ סכנות. לייזערס פֿערד פֿליִען טאַקע ווי די אָדלערס, פֿונדעסטוועגן האָבן מיר זיך גענוג געשלעפּט, ביז מיר זײַנען געקומען צו דער סטאַנציע. און אַז מיר זײַנען געקומען צו דער סטאַנציע, האָבן מיר נישט געקאָנט אַרויס. מיר איז געווען גרינגער פֿון אַלעמען. איך בין דאָך געזעסן מיט לייזערן אויף דער קעלניע. האַרט איז טאַקע געווען, און די ביינער האָבן גוט ווײ געטאָן. דערפֿאַר האָט מען געקאָנט אַראָפּשפּרינגען אין איין מינוט. זיי האָבן שוין נישט געקאָנט שפּרינגען. איר ווייסט דאָך ווער: מײַן ברודער אליהו מיט מײַן שוועגערן ברכה, אונדזער חבֿר פּיניע מיט זײַן ווײַב טײַבל, און די מאַמע מײַנע. ערגער פֿון אַלע איז געווען די ווײַבער. זיי זײַנען אַרײַן און פֿאַרהרוזנעט געוואָרן! מע האָט פֿריִער באַדאַרפֿט אַרויסוואַרפֿן פֿונעם וואָגן אַלע פּעקלעך מיטן גאַנצן בעטגעוואַנט, און ערשט נאָכדעם שלעפּן די ווײַבער איינציקווײַז. און דאָס האָט אַלץ געטאָן לייזער. ער איז טאַקע אַ בייזער ייִד און שילט מיט טויטע קללות. ער איז אָבער אַן ערלעכער, אַ געטרײַער בעל־עגלה. אַן עבֿירה, וואָס ער האָט אונדז אָפּגעוואָרפֿן מיט די פּעקלעך און מיטן בעטגעוואַנט אויף דער סטאַנציע פֿון דער באַן, און אַליין איז ער אוועק זוכן פֿאַרשווינען אויף צוריק. מיר זײַנען געבליבן אָן אים עלנט, ווי אויפֿן וואַסער. ערשטנס, האָט אונדז דער גוי פֿון דער באַן אָנגעטאָן צרות. ער האָט זיך געטשעפּעט צו אונדז פֿאַר די פּעקלעך. און נישט אַזוי פֿאַר די פּעקלעך, ווי פֿאַרן בעטגעוואַנט. זײַן עסק, וואָס מיר פֿירן אַ סך קישנס. די מאַמע רעדט צו אים מיט גוטן.

זי זאָגט אים, אַז מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע. ווערט ער גזלן און זאָגט אונדז, אַז מיר זאָלן פֿאָרן אין אַזאַ אָן אָרט, וואָס איך שעם מיך אויסצוזאָגן.

— מע דאַרף מיטן ערל שלאָגן בלאָט, אים עפּעס נתנען אַף דער יד...

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו צו אונדזער חבר פּיניע. אונדזער חבר פּיניע איז אונדזער פּירער, אונדזער קאָפּ. ער קאָן ריידן גוט רוסיש. אַ חסרון, וואָס ער איז אַ ביסל צו אַ היציקער. מײַן ברודער אליהו איז אויך אַ גוטער כעסן, אָבער נישט אַזוי היציק, ווי פּיניע. באַלד צינדט ער זיך אָן, ווי אַ פֿײַער, און זידלט זיך. ער גייט צו צום גוי און טוט מיט אים אַ שמועס אַף רוסיש. איך גיב עס אײַך איבער מיט זײַן רוסישער שפּראַך און זעץ עס אײַך באַלד איבער אַף אונדזער לשון:

— סלוכיי נאַ, טשאַלאָוויקו! טשאָרט טאָבי נע ווזיאַוו קאַק מי פּאָיעכאַלי וו׳אַמעריקו איז מנאָזשעסטווענע טשיסלאָ פּאָדושקי אי פּאָדושעטשקו קאַטאָרע מי טאָבי דאַל נאַ וואָדקע אי מאָלטשי סוויניאַ!

אַף ייִדיש קומט דאָס אויס אַ סך שענער:

— הער נאָר, דו מענטשל! דער שוואַרץ־יאָר וועט דיך נישט נעמען, וואָס מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע מיט אַ סך קישנס און קישעלעך, פֿאַר וועלכע מיר געבן דיר אַ טרונק בראָנפֿן — און שווײַג, חזיר!

אוודאי האָט אים דער גוי ניט אָפּגעשוויגן. ער האָט אים אָנגערופֿן מיט אַלערליי נעמען: „זשיד כאַלאַמייז", „הינטישע מאָרדע", „חזירשער אויער", „פּאַהאַנער גלויבן". מיר האָבן מורא געהאַט פֿאַר אַ סקאַנדאַל, פֿאַר פּאָליציע. מײַן מאַמע האָט שוין געבראָכן די הענט, געוויינט פֿאַר פּיניען:

— ווער האָט דיך געבעטן, זאָלסט אָרוים מיט דײַן צונג, באַווײַזן, אַז דו קענסט?

— האָט קיין מורא נישט, דער ערל וועט נעמען אַ חצי רו"ב, און מע וועט זיך איבערבעטן.

כך הוה. זיי האָבן זיך טאַקע איבערגעבעטן. פּיניע האָט נישט אויפֿגעהערט צו שיטן מיט רוסיש. דער ערל האָט נישט אויפֿגעהערט צו שילטן און האָט איבערגעטראָגן אַלע פּעקלעך מיט אַלע קישנס אין אַ גרויסע שטוב מיט הויכע פֿענצטער, וואָס מע רופֿט דאָס „וואָקזאַל". און ערשט דאָ הייבט זיך אָן די רעכטע התונה. וואָס איז שוין ווײַטער? דער

גוי זאָגט, אז מע וועט אונדז נישט אריינלאָזן אין וואַגאָן אריין מיט אַזויפיל קישנס און מיט אַזויפיל שמאַטעס (דאָס מיינט ער, אפנים, די קאָלדרעס: אַ ביסל צעריסן דער אונטערשלאַג, זעט זיך אַרויס די וואַטן, הייסט דאָס שוין בא אים שמאַטעס!). עס בלייבט, מע זאָל גיין צום „נאַטשאַלניק”. ווער זאָל גיין? געווייינלעך, פיניע! פיניע גייט מיטן גוי צום „נאַטשאַלניק”. איך גיי זיי נאָך. מיטן „נאַטשאַלניק” שטעלט זיך אוועק פיניע אויסטענהן שוין גאָר מיט אַן אַנדער לשון. ער בייזערט זיך שוין נישט אַזוי שטאַרק, נאָר ער רעדט און מאַכט מיט די הענט. ער זאָגט אים עפּעס מאָדנע ווערטער. וואָס איך האָב זיי קיינמאָל נישט גע־הערט: „קאָלומבוס”... „ציוויליזאַציע”... „אַלעקסאַנדער פאָן הומ־באָלד”... „סלאָנימסקי”... „מאַטעמאַטיקע”... די איבעריקע ווער־טער האָב איך שוין פאַרגעסן. דער „נאַטשאַלניק” האָט אים גוט אויסגע־הערט, אָנגעקוקט און אָפּגעשווינגן. אפנים, אַז פיניע האָט אים גוט דערלאַנגט! פונדעסטוועגן, האָט דאָס אויך נישט געהאָלפן. מע האָט געמוזט אוועקגעבן דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט אין באַגאַזש און אַרויסנעמען אַ קוויטאַנציע. די מאַמע איז געוועזן אויסער זיך: אַף וואָס וועלן מיר שלאָפן?

— ב. —

די מאַמע האָט זיך אומזיסט געזאָרגט: אַף וואָס וועלן מיר שלאָפן? איך בין אייך שוין מוחל דאָס שלאָפן. איך וואָלט אַ בעלן געווען, ס'זאָל כאָטש זיין וווּ צו זיצן. ווי אַף צו־להכעיס, איז אין וואַגאָן אַזוי ענג, אַז מע קאָן דערשטיקט ווערן. אַחוץ אונדז, פאָרן נאָך אַ סך פּאַרשוינען, ייִדן און קריסטן, און מע שלאָגט זיך פאַר די ערטער. איבערן בעטגע־וואַנט האָבן מיר פאַרשפּעטיקט אַלע בעסטע ערטער. מיר האָבן קוים בא־זעצט די ווייבער מיט די פּעקלעך אַף דער ערד. די מאַמע אין איין זייט וואַגאָן, ברכה און טייבל אין דער אַנדערער זייט וואַגאָן. אַז זיי ווילן ריידן, מוזן זיי שרייען הויך איבערן גאַנצן וואַגאָן. לאַכט מען פון זיי. מיין ברודער אליהו און אונדזער חבר פיניע זיינען געבליבן הענ־גען ווי אין דער לופטן, ניט אַהין, ניט אַהער. פיניע איז בלינד, כאַפּט ער אַלע מאָל אַ קלאַפּ אין שטערן. און איך? פאַר מיר זאָרגט אייך נישט. מיר איז גוט. מיר איז אויסגעצייכנט. מע קוועטשט מיך מאַקע פון אַלע זייטן. איך שטיי אָבער בא אַ פענצטער. דאָס, וואָס איך זע,

האָט איר געווים קיינמאָל ניט געזען. פאַר מײַנע אויגן פלי̇ען שטיבער, וויאָרסטן, ביימער, מענטשן, פעלדער, וועלדער — ס'איז ניט צו באַשרײַבן! און וויאַזוי פליט די באַן! און וויאַזוי קלאַפן די רעדער! וויאַזוי טראַסקעט דאָס! וויאַזוי פײַפט דאָס! וויאַזוי קוויטשעט דאָס! די מאַמע האָט מורא, איך זאָל ניט אַרויספאַלן דורכן פענצטער, שרײַט זי אַלע מינוט אַף אַ קול: „מאָטל! מאָטל?" און עפּעס איינער אַ פּריצל מיט בלויע ברילן קרימט איר איבער און זאָגט איר נאָך מיטן אייגענעם ניגון: „מאָטל! מאָטל?" אַלע קריסטן לאַכן. די ייִדן מאַכן זיך ניט וויסנדיק. די מאַמע הערט זיי אוודאי ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי. זי הערט ניט אויף צו שרײַען: „מאָטל! מאָטל?" וואָס וויל זי ווײַטער? זי וויל, איך זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. מיר פירן מיט זיך פון כל טוב: רעטעך, און ציבעלעס, און קנאָבל, און גרינע אוגערקעס, און האַרטע אייער, אַף יעדן איינציקן אַן איי. איך האָב שוין לאַנג נישט אַזאַ הנאה געהאַט פונעם עסן. אַביסל האָט אונדז פאַרשטערט די סעודה טאַקע פיניע אַליין. ער דאַרף זיך אָננעמען דעם ייִדנס קריוודע. ער קאָן ניט לײַדן, למאי די קריסטן לאַכן, וואָס מיר עסן ציבעלקעס מיט קנאָבל. ער ציט זיך אויס, ווי לאַנג ער איז, און רופט זיך אָן צום פּריצל, וואָס מיט די בלויע ברילן, אַף זײַן רוסישער שפּראַך:

— אַ קאַק ווי קושאַיעטע סווינינאַ? (און אַז איר עסט חזיר?)

די דאָזיקע ווערטער האָבן דערלאַנגט די קריסטן ביזן ביין אַרײַן. איינעם פון זיי האָט דאָס, אַפּנים, אָנגענומען באַ דער לעבער. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און האָט אַראָפּגעלאָזט אונדזער חבר פיניען אַ פּאַטש, אַז עס האָט געגעבן אַ קלונג. פיניע האָט פּײַנט אָפּשווײַגן. ער האָט אים געוואָלט געבן צוויי צוריק. איז ער דאָך אָבער בלינד. טרעפט ער אין אַן אַנדער קריסט. אַ גליק, וואָס עס קומט אַרײַן דער קאָנדוקטאָר מיטן אָבער־קאָנדוקטאָר, און עס ווערט אַ טומל, אַ מהומה. אַלע ריידן. די ייִדן קלאָגן זיך אַף די קריסטן. איינעם האָט מען אָפּגעקוועטשט אַ פינגער פון פּוס מיט אַ טשעמאָדאַן. איינעם האָט מען אַרויסגעוואָרפן דאָס היטל דורכן פענצטער. די קריסטן שרײַען: ס'אַ ליגן! ס'אַ בילבול! די ייִדן שטעלן עדות, און דווקא צוויי קריסטן. איינער פון זיי איז אַ גלח. אַ גלח וועט ניט זאָגן קיין ליגן. די קריסטן זאָגן, אַז די ייִדן האָבן אונטערגעקויפט דעם גלח. דער גלח האַלט אַ גאַנצע דרשה. עס לויפן אָפּ אַזוי עטלעכע סטאַנציעס. אַף יעדער סטאַנציע ליידיקט אויס דער וואַגאָן

א פּאָר פאַרשווינדלעך. עס ווערט אַלע מאָל גראָמער. אונדזערע ווײַבער זיצן שוין, ווי די פּריצות, אַף די בענק מיט זייערע פּעקלעך. מײַן ברו־דער אליהו און אונדזער חבר פּיניע האָבן זיך מחיה געווען. זיי האָבן די בעסטע ערטער. ערשט דאָ דערזעט טײַבל, אַז בײַ איר מאַן פּיניע איז אויפגעלאָפן א באַק, און מע קאָן דערקענען פינגער. טײַבל איז אויס מענטש. זי האָט אַף אים רחמנות. פּיניע שווערט איר, אַז ער פילט ניט קיין זאַך. ער פילט נאָר, ווי סע שמאַרצט. ס׳וועט באַלד איבערגיין. ער האָט פײַנט ריידן פון אַזעלכע זאַכן. ער רעדט בעסער מיט די יידן. ער פרעגט זיי, וווהין זיי פאָרן. א סך פון זיי פאָרן קיין אַמעריקע. דערהערט, אַז קיין אַמעריקע, ווערט אַף אונדז א גדולה.

— סטײַטש, וואָס־זשע האָט איר געשוויגן ביז אַהער? מיר פאָרן דאָך אויך קיין אַמעריקע!

אַזוי זאָגט זיי פּיניע, און מיר ווערן גיך באַקאַנט. מיר ווייסן אַלע, פון וואָסער א שטאָט איטלעכער פאָרט און צו וועמען.

— איר קיין ניו־יאָרק? מיר קיין פילאַדעלפיע!

— וואָס איז דאָס פילאַדעלפיע?

— אויך א שטאָט, ווי ניו־יאָרק.

— פּאַוואָליע, האַלט זיך אײַן! פילאַדעלפיע קעגן ניו־יאָרק איז אַזוי ווי איישישאָק קעגן ווילנע, דראַזשנע קעגן אַדעס, אָטוואָצק קעגן וואַר־שעווע, סעמיאָנעווקע קעגן פּעטערבורג, קאַזעלעץ קעגן כאַרקאָוו...

— טע־טע־טע! איר זײַט דאָך עפּעס אויסגעוווען א וועלט, קיין עין־הרע!

— לאָס איך עס פאַרמאָגן! אויב איר ווילט, וועל איך אײַך אויס־רעכענען אַלע שטעט, וואָס איך בין דאָרט געווען...

דאָס לאָזט איבער אַף שבת. זאָגט בעסער, יידן, וואָס טו איך מיט דער גרענעץ?

— איר וועט טאָן דאָס, וואָס מיר טוען, דאָס וואָס אַלע טוען.

דאָ רוקן זיך צונויף אַלע יידן אינאיינעם, און מע שמועסט וועגן גנבענען די גרענעץ. איך פאַרשטיי ניט, וואָס הייסט דאָס „גנבענען די גרענעץ"? מיר זײַנען דען גנבים?... וועמען פרעגט מען? די מאַמע איז א יידענע. וואָס ווייס א יידענע? מײַן ברודער אליהו האָט פײַנט, אַז מע דולט אים א קאָפּ. א יינגעלע ווי איך, זאָגט ער, דאַרף זיך ניט אַרײַנמישן צווישן גרויסע. פּיניע איז פאַרטראָגן. ער רעדט. אַלע ריידן.

איטלעכער דערציילט אן אנדער מעשה פון אן אנדער גרענעץ. איינער זאגט, אז די בעסטע גרענעץ אף צו גנבענען איז נאוואסעליץ. דער אנ־דערער זאגט, אז אף בראד איז בעסער ווי אומעטום. קומט צו גיין א דריטער און זאגט, אז אונגעני איז אויך ניט שלעכט. ווערט א געלעכטער: „אונגעני אויך מיר א גרענעץ! רומעניע אויך מיר א לאנד! ימח שמם זאלן זיי ווערן מיט זייער לאנד און מיט זייער גרענעץ!"...

— שאט! מיר זײַנען שוין באַ דער גרענעץ!

— ג —

„די גרענעץ", האב איך געמיינט, איז מיט הערנער. צום סוף — גארנישט: די אייגענע הײַזער, די אייגענע יידן מיט די אייגענע גויים, וואס באַ אונדז. אפילו א מארק מיט קלייטן, מיט שטעלעכלעך — אלצ־דינג ווי באַ אונדז. מײַן שוועגערן ברכה און אונדזער חבר פיניעס ווײַב טײַבל זײַנען געגאנגען אין מארק אײַנקויפן. איך וויל אויך מיט זיי גיין — לאזט מיך די מאמע ניט אפּ פון זיך אף איין מינוט. זי האט מורא, מע זאל מיך ניט אוועקגנבענען סאמע באַ דער גרענעץ. מײַן ברודער אליהו און אונדזער חבר פיניע זײַנען נישטא. זיי דרייען זיך ארום מיט פרעמדע יידן, וואס איך קאן זיי ניט. די מאמע זאגט, אז דאס זײַנען אגענטן. די אגענטן וועלן מיט אונדז גנבענען די גרענעץ. איינער זעט טאקע אוים ווי א גנב. א גרינע קאפּאטע, א ווײַסער שירעם, און אויגן גנבעשע. דער אנדערער איז דווקא א פײַנער מענטש מיט א קאפּעליוש. און א יידענע דרייט זיך אויך ארום אין קאן. די יידענע ווײַזט אוים א פרומע, אן ערלעכע. זי טראגט א שייטל אפן קאפּ און רעדט מיט גאט. זי פרעגט די מאמע, ווו וועט זי בענטשן ליכט, אויב מיר האלטן דא שבת? די מאמע זאגט, אז מיר האלטן דא ניט קיין שבת. שבת וועלן מיר שוין, זאגט זי, מיט גאטס הילף זײַן אף יענער זײַט. די יידענע מאכט א פרום פּנים און זאגט: אמן, רבונו־של־עולם! זי האט אבער מורא, זאגט זי, אז מע פירט אונדז אין באד ארײַן. די אגענטן, זאגט זי, וואס מיר האנדלען מיט זיי, זײַנען פּראסטע גנבים. זיי וועלן אויסנארן באַ אונדז דאס געלט, זאגט זי, און וועלן אונדז ארײַנפירן אין א בלאטע ארײַן. אויב מיר ווילן, זאגט זי, גנבענען די גרענעץ, זאלן מיר גנבענען מיט איר, וועט אונדז זײַן, זאגט זי, אז ווויל און גוט!... אזוי? איז

זי, הייסט עס, אויך אַ גנבטע? הײַנט וואָס טראָגט זי אַ שייטל און רעדט מיט גאָט?...

שוין געקומען מײַן ברודער אליהו מיט אונדזער חבר פּיניע. ביידע זײַנען עפּעס שטאַרק צעטראָגן. אַפּנים, זיי האָבן זיך צעקריגט? איינער זאָגט אַפּן אַנדערן, אַז איבער אים וועלן מיר דאָ מוזן שבת האַלטן. שבת האַלטן אַליין איז נאָך גאָרנישט. מיר ווערן געוואָר, אַז ביידע אַגענטן האָבן זיך באַרימט, אַז מע וועט אונדז מסרן, אַז מיר ווילן גנבענען די גרענעץ. ביז עפּעס וואָס — די מאַמע וויינט דערוויַילע. מײַן ברודער אליהו בייזערט זיך אַף איר, וואָס זי מאַכט אַ תל פון די אויגן. איבער אירע אויגן, זאָגט ער, וועט מען אונדז אַלעמען נישט אַרײַנלאָזן קיין אַמעריקע! מײַן ברודער אליהו און פּיניע הערן אויף צו האַנדלען מיט די אַגענטן. זיי זאָגן: אַן עק, מיר פאָרן ניט קיין אַמעריקע און גנבענען ניט די גרענעץ! מיר רײַסט זיך אַף אין האַרצן. איך מיין, ס'איז טאַקע אַן אמת. צום סוף, איז דאָס נאָר אַ מאַניפאַרגע. פּיניס קאָפּ! דאָס האָבן זיי אומיסטנע אַזוי געזאָגט, בכדי זיך אָפּטשעפּען פון די אַגענטן. און מיר האָבן גענומען האַנדלען מיט דער ייִדענע. די ייִדענע האָט גענומען אַן אויפגאָב און האָט אונדז געזאָגט, מיר זאָלן זײַן גרייט אַף הײַנט אַרום האַלבע נאַכט. די נעכט זײַנען פינצטערע נעכט. סוף חודש. אויס־געצייכנט גוט אַף צו גנבענען די גרענעץ. איך וואָלט שוין געוואָלט דער־לעבן זען, וואָס הייסט דאָס „גרענעץ" און וויאַזוי וועלן מיר דאָס גנבענען?

— ד —

אַ גאַנצן טאָג זײַנען מיר געווען באַשעפטיקט מיט די זאַכן. מיר האָבן אַלצדינג באַדאַרפט אײַנפּאַקן און אוועקגעבן דאָס דער ייִדענע. די זאַכן וועט זי אונדז איבערפירקלען נאָכדעם. דער עיקר איז באַ איר, זאָגט זי, די נפשות. און זי זאָגט אונדז אָן, וויאַזוי מיר זאָלן זיך פירן. אַז ס'וועט ווערן, זאָגט זי, האַלבע נאַכט, זאָלן מיר אַרויסגיין הינטער דער שטאָט. דאָרט איז פאַראַן, זאָגט זי, אַ בערגל. זאָלן מיר, זאָגט זי, דאָס בערגל דורכלאָזן, און נעמען זיך לינקס, און גיין און גיין, ביז מיר וועלן דערזען נאָך אַ בערגל. פון דעם בערגל זאָלן מיר זיך נעמען, זאָגט זי, רעכטס, און גיין אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן קומען צו אַ שענקל. אין שענקל זאָל אַרײַנגיין נאָר איינער פון אונדז, ניט אַלע. אין שענקל וועלן

מיר טרעפֿן, זאָגט זי, צוויי ערלים טרינקען בראָנפֿן בײַ איין טישל, זאָלן מיר צוגיין, זאָגט זי, צו די ערלים און אַ זאָג טאָן „חנמאָווא" — איז שוין גענוג. ווײַבאַלד זיי וועלן דערהערן, זאָגט זי, דאָס וואָרט „חנמאָווא" (ס'איז איר נאָמען), אַזוי וועלן זיי אויפֿשטיין און גיין מיט אונדז ביזן וועלדל. אין וועלדל וועלן מיר אײַך וואַרטן נאָך פֿיר גויִים. טאָמער וועלן זיי שלאָפֿן, זאָלט איר זיי אויפֿוועקן. אין וועלדל אַז איר וועט גיין, זאָלט איר, זאָגט זי, זײַן שטיל, קיין פּיפּס ניט אַרויסלאָזן, מע זאָל חלילה ניט דערהערן און אויסשיסן. אויף יעדן טריט, זאָגט זי, איז דאָ אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס און שיסט... פֿון וועלדל, זאָגט זי, וועלן אײַך שוין די ערלים אַרויספֿירן אויפֿן רעכטן וועג, באַרג־אַראָפּ, און אַט זײַט איר שוין אויף יענער זײַט...

מיר איז די מעשׂה מיטן בערגל, מיטן שענקל, מיטן וועלדל שטאַרק געפֿעלן. די מאַמע האָט אַביסל מורא. ברכה און טײַבל — אויך. מיר לאַכן פֿון זיי. נקבֿות ציטערן פֿאַר אַ קאַץ אויך!...

קוים דערלעבט נאַכט. אָפּגעדאַוונט מעריבֿ, אָפּגעגעסן וועטשערע, האָבן מיר אָפּגעוואַרט ביז עס וועט ווערן רעכט פֿינצטער. פּונקט צוועלף דעם זייגער האָבן מיר זיך אַלע, זאַלבעזעקסט, געלאָזט אין וועג אַרײַן. פֿריִער זײַנען געגאַנגען מיר, מאַנצבילן. נאָך אונדז זײַנען נאָכגעגאַנגען די ווײַבער, ווי געוויינלעך. אַזוי ווי די ייִדענע האָט נבֿיאות געזאָגט, אַזוי איז טאַקע געווען. אַרויסגעגאַנגען פֿון שטאָט, האָבן מיר דערזען אַ בערגל. האָבן מיר דורכגעלאָזט דאָס בערגל און זיך גענומען לינקס. פֿון דאָרטן זײַנען מיר געגאַנגען און געגאַנגען און דערזען נאָך אַ בערגל. פֿון דעם בערגל האָבן מיר זיך גענומען, ווי זי האָט אונדז אָנגעזאָגט, רעכטס און זײַנען געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז מיר האָבן דערזען אַ שענקל. אין שענקל איז אַרײַן איינער פֿון אונדז. ווער? געוויינלעך, פּיניע. מיר וואַרטן אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צוויי שעה — נישטאָ פּיניע. הייבן אָן די ווײַבער זאָגן, מע זאָל גיין זען, וווּ איז פּיניע? ווער זאָל גיין? מײַן ברודער אליהו. זאָגט די מאַמע: זי וויל ניט. זאָג איך: „אַט־אָ גיי איך". זאָגט די מאַמע: זי האָט מורא. שאַט! אַט איז פּיניע. „וווּ ביסטו געווען אַזוי לאַנג?" — „אין שענקל". — „וווּ זײַנען די ערלים?" „זיי שלאָפֿן". — „פֿאַרוואָס האָסטו זיי נישט געוועקט?" — „פֿונוואַנען ווייסט איר, אַז איך האָב זיי ניט געוועקט?" — „פֿאַרוואָס האָסטו זיי

ניט געזאָגט „חײמאָווא?" — „פונוואַנען ווייסט איר, אַז איך האָב זיי ניט געזאָגט?" „נו?" — „נו־נו!" — „איז דאָך שלעכט!" — „ווער זאָגט דען, אַז ס'איז גוט?"...

— ה. —

מײַן ברודער אליהו איז טאַקע אַ חכם. ער זאָגט, זיי זאָלן גיין ביידע אין שענקל אַרײַן, פּרוּוון זיך נאָכמאָל אויפוועקן די ערלים. כך הווה. עס האָט ניט גענומען קיין האַלבע שעה, מיר טוען אַ קוק, זיי גייען מיט די צוויי ערלים. די ערלים זײַנען נאָך פאַרשלאָפן, אַביסל שיכורלעך און שפּײַען און שילטן זיך — סכנת נפשות. דאָס וואָרט „טשאָרט" ווערט איבערגעחזרט אפשר הונדערט מאָל. די ווײַבער הייבן אָן, דאַכט מיר, מורא האָבן. איך דערקען נאָך זייער זיפצן און זייער קרעכצן און נאָך דעם „רבונו־של־עולם", וואָס די מאַמע דערמאָנט אַלע מינוט שטילער־הייט. הײַנט האָט זי מורא. מע הערט ניט פון אונדז קיין פּיפּס. מיר גייען און גייען, און מער קיין גויִים זעען מיר ניט. וווּ זײַנען די איבעריקע פיר? פּלוצים שטעלן זיך אָפּ אונדזערע צוויי ערלים און רופן זיך אָפּ צו אונדז, מיר זאָלן זיי זאָגן, וויפל געלט מיר האָבן. עס פאַלט אָן אויף אונדז אַזאַ פּחד, אַז מיר קאָנען ניט ריידן קיין וואָרט. שטעלט זיך אַרויס די מאַמע און זאָגט, אַז מיר האָבן נישט קיין געלט. זאָגן זיי: ס'אַ ליגן. אַלע ייִדן האָבן געלט. און נעמען אַרויס צוויי לאַנגע מעסערס און טראָגן אונדז צו גלײַך צום פּנים און זאָגן: „וועט איר אונדז נישט אָפּגעבן באַלד אינגאַנצן וואָס איר האָט, זײַט איר געקוילעטע!"... אַלע שטייען אָן לשון און ציטערן, ווי די לעמעלעך. רופט זיך אָפּ די מאַמע צו מײַן ברודער אליהו, ער זאָל אויפבינדן די קעשענע און אָפּ־געבן דאָס געלט (דאָס איז דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פאַר אונדזער האַלבע דירה). אין דער מינוט געפעלט מײַן שוועגערן ברכה צו פאַלן חלשות. דערזעען, אַז ברכה איז געפאַלן, שרײַט די מאַמע: גוואַלד! אויף איר קוקנדיק, שרײַט טײַבל אויך: גוואַלד! פּלוצים — טראַך־טאַרע־ראַך!!!... דאָס האָט מען אויסגעשאָסן. דער שאָס צעטראָגט זיך מיט אַ ווידערקול איבערן גאַנצן וואַלד. די ערלים זײַנען אויסגעטריקנט געוואָרן. ברכה האָט זיך אויפגעכאַפּט. די מאַמע כאַפּט מיך מיט איין האַנט און מײַן ברודער אליהו מיט דער אַנדערער האַנט:

— קינדער! לאָמיר לויפן!... דער שומר ישראל איז מיט אונדז!...

איך ווייס ניט, ווו עס נעמט זיך צו איר אַזויפיל כוח אַף צו לויפן? אַלעמאָל פאַרטשעפּען מיר זיך אָן אַ בוים און פאַלן. מיר שטייען אויף און לויפן ווײַטער. אַלעמאָל דרייט אוים די מאַמע דעם קאָפּ און טוט אַ פרעג שטילערהייט:

— פיניע, דו לויפסט? ברכה, דו לויפסט? טײַבל, דו לויפסט? לויפט, לויפט, דער שומר ישראל איז מיט אונדז!

וויפל מיר זײַנען אַזוי געלאָפן — קאָן איך אײַך ניט זאָגן. פונעם וואַלד זײַנען מיר שוין לאַנג אַרוים. עס הייבט אָן ווערן ווי טאָגלעך. עס בלאָזט אַ קיל ווינטל. נאָר אונדז איז היים סכנות. מיר דערזעען פאַר זיך אַ גאַס, און נאָך אַ גאַס. אַ ווײַסן קלויסטער, גערטנער, הויפן, שטיב־לעך. אַפּנים, דאָס איז דאָס שטעטל, וואָס די יידענע האָט אונדז געזאָגט נביאות. ווײַבאַלד אַזוי, זײַנען מיר דאָך שוין פון „יענער זײַט". מיר באַ־געגענען אַ יידן, מיט אַזעלכע פּאות, וואָס איך האָב אַף מײַן לעבן ניט געזען. אַ קאַפּאָטע טראָגט ער אַ לאַנגע, אַ צעפּליקטע. אָפּן האַלדז אַ גרוי־נעם שאַל. ער טרײַבט אַ ציג. מיר שטעלן אים אָפּ מיט דער ציג און גיבן אים „שלום". דער ייד פון דער ציג באַטראַכט אונדז פון קאָפּ ביז פיס. פיניע פאַרבינדט מיט אים אַ שמועס. דער ייד פון דער ציג רעדט עפּעס מאָדנע. טאַקע אונדזער לשון, נאָר מיט פּתחן. פיניע פרעגט אים, צי ס'איז נאָך עפּעס ווײַט צו דער גרענעץ? דער ייד פון דער ציג קוקט אים אָן: „וואָסער גרענעץ?"... עס לאָזט זיך אוים אַ מעשה, אַז מיר זײַנען שוין לאַנג אַף דער זײַט. מיר זײַנען שוין ווײַט פון דער רוסישער גרענעץ.

— ווײַבאַלד אַזוי, הײַנט וואָס־זשע לויפן מיר, ווי די משוגעים?

עס פאַלט אָן אַף אונדז אַלעמען אַ מוראדיק געלעכטער. די ווײַבער פאַלן אַזש צו דער ערד לאַכנדיק. נאָר די מאַמע הייבט אויף די הענט אַרויף: „איך דאַנק דיר, גאָטעניו!" — און צעוויינט זיך.

XIV

מיר זײַנען שוין אין בראָד!

— א. —

װײסט איר, װוּ מיר שפּאַרן אָן? אַזש אין בראָד! איך מײן, אַז מיר זײַנען שוין נאָענט צו אַמעריקע. אַ שײנע שטאָט אָט דאָס בראָד! ס׳איז גאָרניט די שטאָט, די גאַסן, די מענטשן, װאָס בײַ אונדז. אַפּילו די ייִדן זײַנען דאָ ניט די ייִדן, װאָס בײַ אונדז. דאָס הײסט, די ייִדן זײַנען די אײגענע ייִדן, װאָס בײַ אונדז. און אויב איר װילט, זײַנען זײ נאָך מער ייִדן, װי אונדזערע ייִדן. די פּאות אַ סך לענגערע, װי בײַ אונדזערע. די קאַפּאָטעס בײַ זײ זײַנען כמעט ביז דער ערד. זײ טראָגן מאָדנע קאַפּעליושלעך, גאַרטעלעך, מיט שיך און זאָקן, און די װײַבער — פּאַריקן. נאָר דאָס לשון זײערס — אוי, דאָס לשון! דײַטש רופט מען דאָס. ס׳איז גאָרניט דאָס, װאָס בײַ אונדז. דאָס הײסט, די װערטער זײַנען די אײגענע װערטער, װאָס בײַ אונדז, נאָר מיט פּתחן. למשל: „װאָס״ איז „װאַס״, „דאָס״ איז „דאַס״, „שלאָפן״ איז „שלאַפן״, „ברױט״ איז „ברײַט״, „פלײש״ איז „פלײַש״, „מאיר״ איז „מײַער״, אַ „בהמה״ איז „בעהײַמע״, אַ „שײגעץ״ איז „שײַגעץ״, „מילך״ איז „מעלך״, „ליכט״ איז „לעכט״, אַ „ייִד״ איז אַ „יאַיד״, אַ „ייִדענע״ — אַ „יאַידענע״, „קינד״ איז „קונד״, אַ „טינטערל״ איז אַ „טונטירל״, אַ „ציבעלע״ איז אַ „צײבעלע״, אַ „סירניקל״ — אַ „שװיבעלע״. הײַנט דאָס רײדן זײערס! אַז זײ רײדן, זינגען זײ. עס קומט אויס גלײַך, װי זײ װאָלטן שטענדיק מעביר געװען די סדרה. מיר האָבן באַלד געכאַפּט דעם שניט. דער ערשטער איז געװען אונדזער חבר פּיניע. ער האָט אָנגעהויבן רײדן דײַטש כמעט פונעם ערשטן טאָג, װאָס מיר זײַנען געקומען. אים איז געװען גרינגער, װײַל דײַטש האָט ער געלערנט נאָך אינדערהײם. מײַן ברודער

אליהו זאָגט, אַז כאָטש ער האָט קיין דײַטש קיינמאָל ניט געלערנט, פּונ־דעסטוועגן פאַרשטייט ער נישט ווינציקער פון אים. איך הער מיך צו, ווי מע רעדט אויף דײַטש, און לערן מיך. אין אַ פרעמד לאַנד מוז מען קענען די שפּראַך. אַזוי זאָגט פּיניע. זײַן ווײַב טײַבל רעדט שוין אויך האַלב דײַטש, האַלב יידיש. מײַן שוועגערן ברכה, אליהוס ווײַב, וואָלט אפשר אויך וועלן ריידן דײַטש, קאָן זי נעבעך ניט. אַ גראָבער קאָפּ בײַ איר! זעט איר, די מאַמע וויל ניט הערן פון קיין דײַטש. זי וועט, זאָגט זי, ריידן אַזוי ווי זי האָט גערעדט אינדערהיים. ברעכן זיך די צונג צו־ליב די דײַטשן איז זי ניט מחויב. זי איז גאָר אויף זיי ברוגז. זי האָט געמיינט, אַז די דײַטשן זײַנען ערלעכע מענטשן. צום סוף, איז זי געוואָר געוואָרן, אַז זיי זײַנען אויך ניט קיין גרויסע צדיקים. אַנומלט איז זי געווען אין מאַרק, האָט מען זי אָפּגענאַרט אויף דער וואָג. זי האָט געזאָגט, מע זאָל איר געבן אַ פונט, און געגעבן האָט מען איר — זי ווייס אַליין ניט וויפל.

אַזוי דערציילט די מאַמע און לאָזט אויס, אַז צווישן די דײַטשן זײַנען, אַפּנים, אויך דאָ גנבים. דערהערט מײַן שוועגערן ברכה, כאַפּט זי זיך אויף און פײַערט און מאַכט מיט די הענט:

— גנבים זאָגט איר, שוויגער? אַ גנב אויף אַ גנב! איין גנב גרע־סער פונעם אַנדערן! מע דאַרף זיך פאַר זיי היטן ערגער ווי בײַ אונדז! בײַ אונדז ווייס מען כאָטש, אַז אַ גוי איז אַ גנב.

— בײַ אונדז, נאַרעלע, ווייס דער גוי אַליין, אַז ער איז אַ גנב.

אַזוי זאָגט די מאַמע און דערציילט אַ מעשה מיט כימקען. ס'איז געווען בײַ אונדז אַ שיקסע כימקע. דער טאַטע, עליו השלום, האָט נאָך דעמאָלט געלעבט. איז די כימקע געווען זייער אַ ווילע שיקסע, נאָר אַ ביסל אַ גנבטע. אַז אַלע זײַנען אַוועקגעגאַנגען פון שטוב, פלעגט זי נישט וועלן בלײַבן אַליין. זי האָט מורא געהאַט פאַר זיך אַליין, זי זאָל עפּעס נישט אַוועקגנבענען...

— ב. —

אַלצדינג איז בײַ די דײַטשן אַנדערש. אפילו דאָס געלט איז אויך נישט, ווי בײַ אונדז. דאָ ווייס מען נישט פון קאָפּיקעס, גריווניעס, צוואַנ־ציקער, פערציקער. דאָ ווייס מען נאָר גרײַצערס. אַלצדינג פאַרקויפט זיך דאָ אויף גרײַצער. פאַר אונדזערן אַ רובל גיט מען אײַך אָן אַ שיעור

גרײַצערס. מײַן מאַמע געפינט, אַז ס'איז נישט קיין געלט. ס'איז קנעפּ־לעך. מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז זיי צעגייען זיך עפּעס אונטער די פינגער, אַזוי ווי שניי. אַלע טאָג זעצט ער זיך אַוועק אין אַ ווינקעלע, און טרענט אויף די קעשענע, און נעמט אַרויס אַ רובל, און פאַרנייט די קעשענע צוריק. אַף מאָרגן טרענט ער ווידער אויף די קעשענע, נעמט אַרויס אַ רובל און פאַרנייט צוריק. אַט אַזוי אַלע טאָג. און די טעג גייען אַוועק, און אונדזערע פּעקלעך מיט אונדזער בעטגעוואַנט זײַנען נאָך אַלץ נישטאָ. די ייִדענע, וואָס האָט מיט אונדז געגנבעט די גרענעץ, האָט אונדז, אַפּנים, אָנגעטאָן אַ רעכטן ספּאָדיק. אַ חוץ וואָס מען איז אונדז באַפּאַלן אין וואַלד, טאַקע אירע שומרים אַליין, וועלן מיר נאָך אפשר בלײַבן אָן זאַכן. די מאַמע הערט נישט אויף צו ברעכן די הענט און צו וויינען אַף די זאַכן. „דאָס בעטגעוואַנט! די קישנס! ווי אַזוי וועלן מיר זיך רירן קיין אַמעריקע אָן בעטגעוואַנט, אָן קישנס?"... פּיניע פּאַלט אַלעמאָל אַף אַן אַנדער פּלאַן. ער וועט גיין, זאָגט ער, מיט אַ „זאַיאַוולע־ניע" דורך דער באַן, מיט אַ „פּראָשעניע" צום „נאַטשאַלניק" פון דער גרענעץ. ער וועט זיך אַריבערכאַפּן אַהין צו דער ייִדענע און וועט איר מאַכן אַ פינצטערן סוף. ער וועט זי פרעגן: היתכן?!... ס'איז אָבער קאַלטע פּריפּאַרקעס! עס וועט ניט העלפן קיין „זאַיאַוולעניעס" מיט קיין „פּראָשעניעס". אַריבערכאַפּן זיך צו דער ייִדענע וועט אים טײַבל נישט לאָזן, ס'איז בלאָטע, מע זאָל איר אָנשיטן די שטוב מיט גאָלד. אַזוי האָט זי געזאָגט בפירוש. עס ליגט איר נאָך אין טעם דאָס „גנבענען די גרע־נעץ". מיר אַלע געדענקען נאָך דעם טעם פון דער גרענעץ. מיר דערציילן איטלעכן די מעשה, ווי אַזוי מיר האָבן געגנבעט די גרענעץ, ווי אַזוי די ייִדענע האָט אונדז געגעבן ערלים אַף אַריבערצופּעקלען אונדז, ווי אַזוי די ערלים האָבן אונדז געפירט און פאַרפירט אין אַ וואַלד און געוואָלט אונדז קוילען. אַ גליק, וואָס מײַן שוועגערן ברכה האָט אַ טבע פון הלשן און וואָס מײַן מאַמע האָט געמאַכט אַ גוואַלד. האָבן דערהערט די סאָל־דאַטן און האָבן אָנגעהויבן שיסן. זײַנען זיך די ערלים צעלאָפן, און מיר זײַנען געבליבן גערעטעט. אַזוי דערציילט די מאַמע. מײַן ברודער אליהו דערציילט די אייגענע מעשה, נאָר אַ ביסל אַנדערש. שלאָגט אים ברכה איבער און דערציילט טאַקע דאָס אייגענע, נאָר אַ ביסל אַנדערש. זאָגט אונדזער חבר פּיניעס ווײַב, טײַבל, אַז ברכה געדענקט נישט אַקוראַט, וואָרעם ברכה האָט געחלשט. און טײַבל וויל אָנהייבן דערציילן די מעשה

פון אָנהייב אָן, האָט איר פיניע איבער און זאָגט, אַז זי וויים גאָרנישט. אַט וועט ער דערציילן נאָכאַמאָל פון אָנהייב ביזן סוף. אַלע טאָג און איטלעכן באַזונדער דערציילן מיר די מעשה, ווי אַזוי מיר האָבן געגנבעט די גרענעץ. אַלע די, וואָס הערן, שאָקלען מיט די קעפּ, שמוצערן מיט די ליפּן. זיי זאָגן, אַז מיר זײַנען גליקלעכע! מיר דאַרפן בענטשן גומל!

— ג —

אַף דער זײַט גרענעץ איז אונדז גוט, בעסער ווי אינדערהיים. טאָן טוען מיר נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער. אָדער מיר זיצן אַף דער אכסניה, אָדער מיר גייען אַפּן שפּאַציר, אָנקוקן בראָד. אַ שיינע שטאָט. איך וויים נישט, וואָס מײַן שווגערן ברכה האָט צו דער שטאָט. אַלע טאָג געפינט זי אַן אַנדערן חסרון אַף דער שטאָט. דאָס געפעלט איר נישט — ס'איז בלאָטיק. דאָס זאָגט זי — סע שטינקט, ערגער ווי בײַ אונדז. איינמאָל באַנאַכט כאַפּט זי זיך אויף מיט אַ געוואַלד: מע האָט זי באַ־פאַלן. מיר זײַנען אַלע אַראָפּ פון די געלעגערס:

— ווער האָט דיך באַפאַלן? גזלנים?

— וואָסערע גזלנים? וואַנצן!...

אינדערפרי דערציילן מיר דעם בעל־הבית פון דער אכסניה, וויים ער ניט מיט וואָס מען עסט דאָס. גיט אים פיניע צו פאַרשטיין אַף דײַטש, וואָס דאָס איז. זאָגט ער, אַז בײַ זיי וויים מען נישט דערפון. אין זייער דײַטשעס לאַנד זעט מען דאָס נישט. דאָס האָבן מיר, זאָגט ער, מסתמא געבראַכט מיט זיך פון דער היים... אײַ, איז ברכה געוואָרן אין כעס! זי האָט פײַנט, זאָגט זי, דעם יידן, ערגער ווי אַ משומד! איך וויים נישט, פאַרוואָס. דאַכט זיך, זייער אַ פײַנער מענטש. אַז ער רעדט, האַלט ער אַ ביסל דאָס מויל אַף אַ זײַט און שמייכלט. הײַנט האָט ער ליב געבן עצות. וווּהין מיר זאָלן גיין, בײַ וועמען מיר זאָלן קויפן און בײַ וועמען נישט. און אַז מיר גייען עפּעס קויפן, גייט ער מיט. און קויפן קויפן מיר, צום מיינסטן, מלבושים. מיר האָבן אָנגעהויבן צו ביסלעך אויסקליידן זיך. אונדזער חבר פיניע זאָגט, אַז ס'איז ניט שיין, וואָס מיר גייען, ווי די שלעפּערס. אין אַ פרעמדער שטאָט דאַרף מען, זאָגט ער, אַרויסגיין ווי מענטשן. ובפרט דאָ, אין אויסלאַנד, ווו עס איז האַלב אומזיסט. דאָס איז דאָך באַוווּסט אַף דער גאַנצער וועלט. קודם כל האָט ער זיך געקויפט

אַ קאַפּעליושל, ווי מע טראָגט באַ די דײַטשן, און אַ פּידזשאַק אַ קורצן ביז די קני מיט אַ נײַעם שניפּס. אָנקוקן פּיניען אין זײַנע דײַטשע מלבושים דאַרף מען זײַן שטאַרקער פון אײַזן. לאַנג און דין איז ער. אַ נידעריקע ראיה האָט ער. און אַז ער גייט, שפּרינגט ער. הײַנט די נאָז? די מאַמע זאָגט, אַז ער האָט אַ פּנים פון חוזק. מײַן ברודער אליהו גע־פינט, אַז ער זעט אויס ווי אַ „וויינגער" אָדער ווי אַ „קאַטערינשטשיק". פּיניע זאָגט, אַז ער ווייס נישט וואָס איז שענער: צי אַ „וויינגער", צי אַ „קאַטערינשטשיק", צי גאָר אַ „שלעפּער"? דאָס מיינט ער טאַקע אונדז. מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז ער זאָל וועלן, קאָן ער זיך אויך אויסקליידן ווי אַ דײַטש. ס'איז אָבער נישט קיין גרויסע קונץ, זאָגט ער, אויסברענגען געלט, טרענצלען קערבלעך. מע דאַרף, זאָגט ער, דאָס קערבל היטן קיין אַמעריקע... זאָגט אים פּיניע: אין אַמעריקע דאַרפן מיר קיין געלט נישט. דאָרטן, זאָגט ער, זײַנען מיר אַליין געלט! ער רעדט איבער אונדז אַזוי לאַנג, ביז מײַן ברודער אליהו קויפט זיך אויך אַ קאַפּעליוש מיט אַ פּידזשאַק, און מיר אויך אַ קאַפּעליושל מיט אַ רעקל. מיר גייען אַלע דרײַ איבער די גאַסן און ריידן דײַטש. איך בין זיכער, אַז אַלע מיינען, אַז מיר זײַנען דײַטשן. איין חסרון נאָר, וואָס אונדז גייען נאָך די ווײַבער. איך מיין טאַקע די מאַמע, מײַן שוועגערן ברכה און פּיניעס ווײַב טײַבל. זיי טרעטן נישט אָפּ פון אונדז אַף קיין ווײַלע. די מאַמע האָט מורא, איך זאָל צווישן די דײַטשן נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן, און יענע גייען גלאַט נאָך, ווי די קעלבלעך. וואָס האָבן זיי מורא — ווייס איך נישט. מחמת מיר דרייען זיך אַרום זאַלבעזעקסט, קוקט די גאַנצע וועלט אַף אונדז. וואָס האָבן זיי נישט געזען?

— די גרעסטע נאַראָנים אין דער וועלט זײַנען דײַטשן. — אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו. אַ סימן, וואָס איר זאָלט נישט זאָגן, גלייבן זיי אײַך אַף נאמנות.

— אחוץ געלט. געלט איז באַ זיי טײַערער, ווי באַ אונדז! אַ „גרײַצער" איז באַ זיי די נשמה. פאַר אַ „קרוין" וועלן זיי אײַך פאַר־קויפן דעם טאַטן, און פאַר אַ „גולדן" — גאָט אַליין!

אַזוי זאָגט ברכה, און טײַבל האַלט זי אונטער. אַלע דרײַ ווײַבער, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, זײַנען עפּעס נישט צופרידן מיט די דײַטשן. איך ווייס נישט, פאַרוואָס. מיר זײַנען זיי דווקא געפעלן. ווען נישט אַמעריקע, וואָלט איך דאָ געוואָלט זײַן אייביק און אייביק. ווו

האָט איר אַזעלכע הײַזער, ווי דאָ? הײַנט די מענטשן? אַזעלכע גוטע מענטשן! אַלצדינג פאַרקויפן זיי אײַך! אפילו די בהמות זײַנען נישט די בהמות, וואָס בײַ אונדז. שכל, קאָן זיין, האָבן זיי נישט מער ווי אונ־דזערע, נאָר זיי זעען אויס לײַטישער. אַלצדינג האָט דאָ אַן אַנדער פּנים. און רעדט מיט די ווײַבער, זאָגן זיי, אַז בײַ אונדז איז בעסער. קיין זאַך געפעלט זיי נישט, אפילו די אכסניה אויך נישט. און נישט אַזוי די אכסניה, ווי די בעלי־בתים. זיי רײַסן די הויט, זאָגט ברכה. פאַר אַ גלעזל וואַרעם וואַסער הייסן זיי זיך באַצאָלן. אַ ביסל זאַלץ וועלן זיי אײַך נישט געבן אומזיסט. אַז מיר וועלן נישט אָפּפאָרן פונדאַנען באַצײַטנס, וועלן מיר דאַרפן גיין איבער די הײַזער.

אַזוי זאָגט מײַן שוועגערן ברכה. נאָר וואָס מײַן שוועגערן ברכה קאָן זאָגן! למאי זי זאָגט אויף מײַן ברודער אליהו, אַז ער איז אַ יודענע? און אויף אונדזער חבר פּיניע זאָגט זי, אַז ער איז כל־בו, וואָס אין דער קאָרט. אַן אַנדערע אויף טײַבלס אָרט וואָלט איר געגעבן אַ וויסטן פּעטשאַ־מעק. טײַבל איז אָבער, ווי די מאַמע זאָגט, אַ מענטש אָן אַ גאַל. זי שווײַגט איר אָפּ. אַלע שווײַגן איר אָפּ. איך אויך. אויף מיר איז זי גזלן. מיך רופט זי דער „ווישקראַבעק", אָדער „מאַטל מיט די פּיסקעס". איך האָב זיך אויסגעהאָדעוועט, זאָגט זי, אין וועג אַ פּאָר גוטע פּיסקעס. מיך הייבט דאָס אפילו נישט אָן צו אַרן. נאָר די מאַמע וויל נישט לײַדן, למאי זי רעדט פון מײַנע פּיסקעס. הייבט אָן די מאַמע וויינען. און מײַן ברודער אליהו האָט פײַנט, אַז די מאַמע וויינט. ער זאָגט, אַז זי מאַכט זיך קאַליע די אויגן, און מיט קאַליעדיקע אויגן לאָזט אַמעריקע נישט אַרײַן.

— ד —

איך קאָן אײַך איבערגעבן אַ נײַס. מיר האָבן אַ גרוס פון אונדזערע זאַכן. די יודענע, וואָס האָט מיט אונדז געגנבעט די גרענעץ, האָט מען אײַנגעזעצט אין טורמע. אונדזער חבר פּיניע קוועלט. ער זאָגט, אַז ס'איז אַ גרויסע מצווה. זאָגט די מאַמע: „ס'טײַטש, און מײַנע זאַכן?" זאָגט פּיניע: „נו, און מײַנע זאַכן?"... אַצינד ווייסן מיר שוין פאַר געוויס, אַז אונדזערע זאַכן זײַנען פאַרפאַלן. וואָס טוט מען? מע דאַרף פאָרן ווײַטער. אַ ברירה האָבן מיר? מײַן ברודער אליהו גייט אַרום אָן אַ קאָפּ. דאָ מאַמע רעדט אים אויס דאָס האַרץ. זי זאָגט אים: וואָס וואָלטן מיר

געטאָן, נאַרעלע, ווען מע זאָל געווען צונעמען בא אונדז דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פאַר דער האַלבער דירה, און נאָך קוילען אויך? אונדזער חבר פיניע גיט אָפּ דער מאַמען דעם גערעכט. ער זאָגט, אַז אַ ייִד דאַרף שטענדיק זאָגן: „גם זו לטובה". ברכה לייגט אויך צו אַ קנייטל. זי זאָגט, אַז נישט אומזיסט האָט זי אים אַ נאָמען געגעבן „ייִדענע". מיר גרייטן זיך אין וועג אַרײַן. מיר צעפרעגן זיך בא מענטשן, ווי אַזוי פאָרט מען קיין אַמעריקע? מענטשן הערן אויס און געבן אונדז עצות. איטלע־כער אַן אַנדער עצה. איינער זאָגט: אַף פּאַריז. דער אַנדערער — אַף לאָנדאָן. אַ דריטער דרינגט, אַז אַף אַנטווערפּן איז נעגנטער. מע פאַרדולט אונדז אַזוי דעם קאָפּ, אַז מיר ווייסן שוין אַליין נישט, וואָס צו טאָן. פאַר פּאַריז האָט די מאַמע מורא. אַ צו גרויסער טומל, זאָגט מען. אַנט־ווערפּן געפעלט נישט ברכהן. עפּעס אַנטווערפּן — אַ מאָדנער נאָמען. זי האָט אַזעלכן נישט געהערט. עס בלײַבט לאָנדאָן. פּיניע זאָגט, אַז לאָנדאָן איז דאָס בעסטע. ער האָט געלייענט וויפל מאָל אין דער געאָ־גראַפיע (אַזאַ בוך), אַז לאָנדאָן איז אַ שאַרפע שטאָט. הײַנט קומט אַרויס פון דאָרטן משה מאָנטעפיאָרע, און רויטשילד, זאָגט ער, איז אויך פון לאָנדאָן.

— רויטשילד איז גאָר פון פּאַריז!

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו. דאָס איז דאָך בא זיי אַ כלל. וואָס איינער זאָגט, זאָג דער אַנדערער פאַרקערט. אַז דער זאָגט: טאָג, זאָגט יענער: נאַכט. דאָס הייסט, מע זאָל זיך קריגן — דאָס נישט, נאָר מע שפּאַרט זיך. זיי קאָנען זיך אַמאָל אַזוי אָוועקשפּאַרן אַ שעה כסדר, ביז מע צענעמט זיי. אַנומלט האָבן זיי זיך צעאַמפּערט איבער אַ דײַטש וואָרט: „כריין". איינער האָט געזאָגט, אַז כריין איז אַף דײַטש: „כראָן". דער אַנדערער האָט געדרונגען, אַז כריין דאַרף מען זאָגן אַף דײַטש: „כראַן". אַ שעה צוויי האָט מען זיך אָוועקגעריסן, ביז ס'איז געבליבן, מע זאָל קויפן אַ ווערצל כריין און מע זאָל דאָס ווײַזן דעם בעל־הבית פון דער אכסניה. געבראַכט דאָס ווערצל כריין, פרעגט מען אים: „רב דײַטש! מיר האָבן צו אײַך אַ בקשה, נאָר איר זאָלט אונדז זאָגן דעם ריינעם אמת. ווי אַזוי הייסט בא אײַך אַף אײַער לשון אָט די דאָזיקע פּרי — „כראָן", אָדער „כראַן"?" רופט זיך אָפּ דער בעל־הבית: „אַף אונדזער דײַטשער שפּראַכע הייסט דיעזע פרוכט נישט „כראָן" און נישט „כראַן", נאָר „מערעטיך"... נאָט אײַך אַזאַ משוגעת! קירע־דײַטש

איז אַ גוטער צו־להכעיסניק. ער קאָן אײַך אַמאָל געבן אַ זאָג אַ וואָרט, זאָל זײַן וואָס צו הערן. למשל, נעמט, אַשטייגער, אַ זייגערל. דאַכט זיך, וואָס קאָן שוין זײַן מער פּשוט פון אַ זייגערל? הייסט דאָס בײַ קירע־דײַטש נישט אַ זייגערל, נאָר „אַ האַר". און אַ האָר איז בײַ אים „אַ האַר". אַ האַר איז בײַ אים אַ „הער". אַהער איז בײַ אים „היר—היר". אַז מע זאָגט קירע־דײַטש, זאָל מען גלייבן!

— ה. —

האָט קיין פאַראיבל נישט, איך האָב מיך פאַררעדט וועגן די נאַרישע דײַטשן מיט זייער משוגענער שפּראַך, און האָב פאַרגעסן, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע. דאָס הייסט, נישט גלײַך קיין אַמעריקע — דערווײַל פאָרן מיר קיין לאָנדאָן. און נישט גלײַך קיין לאָנדאָן, נאָר קיין לעמבערג. דאָרט, אין לעמבערג, איז פאַראַן, זאָגט מען, אַ קאָמיטעט פאַר עמיגראַנטן. אפשר וועלן מיר קאָנען דורכן קאָמיטעט עפּעס באַהילפיק ווערן. מיט וואָס זײַנען מיר ערגער פון אַלע אַנדערע עמיגראַנטן? ובפרט, מיר האָבן נאָך געהאַט אַזאַ שאָדן — אונדזערע אַלע פּעקלעך מיט אונדזער גאַנצן בעטגעוואַנט. די מאַמע גרייט זיך שוין, ווי אַזוי זי זאָל זיי זאָגן, ווי אַזוי זי זאָל פאַר זיי וויינען. מײַן ברודער אליהו בעט זיך בײַ איר: „נאָר נישט געוויינט! מע דאַרף אינזינען האָבן די אויגן. אָן אויגן לאָזט אַמעריקע נישט אַרײַן"...

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו און גייט אַרײַן צום בעל־הבית זיך צעצאָלן פאַר דער אַכסניה. אין עטלעכע מינוט אַרום קומט אַרײַן מײַן ברודער אליהו אַ טויטער. וואָס איז? דער בעל־הבית האָט אים אַוועק־געלייגט אַ חשבון, איז אים, זאָגט ער, פינצטער געוואָרן אין די אויגן. פאַר אַלצדינג רעכנט ער אונדז געלט. פאַר לײַכטער אַף ליכט־בענטשן רעכנט ער זעקס לײַכטער — זעקס גרײַצערס. פאַר הבדלה — פיר גרײַ־צערס. וואָסער הבדלה? ער, דער בעל־אכסניה, האָט געמאַכט הבדלה און מיר האָבן געהערט, קומט אים פיר גרײַצערס. פרעגן מיר אים: „וואָס עפּעס פיר?" — זאָגט ער: „ווילט איר פינף, לאָז זײַן פינף". הײַנט רעכנט ער אונדז עפּעס אַ מין זאַך מיטן נאָמען „קאָמיסיאָן". וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק? דאָס קומט אים, זאָגט ער, פאַר דער טרחה, וואָס ער איז געגאַנגען מיט אונדז קויפן מלבושים.

דערהערט אַזאַ מעשה, כאַפּט זיך אויף מײַן שוועגערן ברכה מיט אַ פּלעסק אין די הענט.

— שוויגער! וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? זײַנען די דײַטשן נישט ערגער ווי די נאַכט־גזלנים אין וואַלד? זײַנען אונדזערע רוסישע כוליגאַנעס נישט קיין צדיקים אַקעגן זיי? מיר זײַנען דען אין בראָד? מיר זײַנען דאָך אין סדום!!!...

דאָס פאַרגלײַכן אים מיט די רוסישע כוליגאַנעס, ווײַזט אויס, האָט דעם בעל־הבית נישט אַזוי פאַרדראָסן, ווי דאָס פאַרגלײַכן בראָד מיט סדום. ער איז געוואָרן אָנגעצונדן! ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ס'איז זייער רעכט, וואָס די רוסישע „כוליגאַנעס" מאַכן אַף אונדז פּאָגראָמען. ער געפינט, אַז ס'איז נאָך ווינציק, וואָס מע טוט אונדז. ווען ער זאָל זײַן, זאָגט ער, דער רוסישער „קײַזער", וואָלט ער „געהײסן", מע זאָל אונדז אַלעמען „אויסקײַלן" ביז „אײנעם"!

מיר דאַכט, איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז אונדזער חבר פּיניע איז אַ היציקער פּאַרשוין. ביז מע רירט אים נישט שטאַרק אָן, קאָן ער אײַך שווײַגן און שווײַגן. נאָר טאָמער דערלאַנגט מען אים מיט אַזאַ וואָרט, וואָס ער האָט פײַנט, איז חיות נישט זיכער! פּיניע האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעצויגן זיך ווי לאַנג ער איז, צוגעגאַנגען גלײַך צום בעל־הבית פון דער סטאַנציע און האָט אים אויסגעשריִען אַפן קול גלײַך אין פּנים אַרײַן:

— קירע־דאַאַאַטש!!!... אַ רוח אין דײַן טאַאַאַטן אַרײַן!

אמת, דער „קירע־דײַטש" האָט אונדזער חבר פּיניען געקאָסט טײַער. דער בעל־הבית האָט אים פאַרן „קירע־דײַטש" אויפגעוואָרפן צוויי שווערע, געשמאַקע פּעטש, אַז פונקען זײַנען געפלויגן. עס האָט אָבער געהאַט דעם זיבעטן חן. גאַנץ בראָד האָט זיך צונויפגעלאָפן. ס'איז געווען „ליהודים". איך האָב ליב, אַז ס'איז פריילעך.

דעם זעלבן טאָג זײַנען מיר אַנטלאָפן קיין לעמבערג.

XV

קראָקע מיט לעמבערג

— א. —

לעמבערג, זעט איר, איז שוין גאָרנישט דאָס, וואָס בראָד. ערשטנס, די שטאָט אַליין. ריין, ברייט, ציכטיק, שיין — פאַרנעמט אַן אויג! דאָס הייסט, ס'איז פאַראַן אין לעמבערג אויך אַזעלכע גאַסן, ווי אין בראָד, וואָס אַז מע גייט אין מיטן זומער, דאַרף מען אָנטאָן טיפע קאַלאָשן און פאַרשטעלן די נאָז. דערפאַר אָבער איז פאַראַן אין מיטן שטאָט אַ גאָרטן, וואָס אַלע מעגן דאָרטן גיין שפּאַצירן, אפילו ציגן. אַ פרײַע מדינה. שבת גייען ייִדן מיט שטרײַמלעך פראַנק און פרײַ אַף אַלע גאַסן, און קיינער זאָגט זיי נישט אַ וואָרט. הײַנט די מענטשן? גאָלד און זילבער! מײַן מאַמע זאָגט, אַז פון בראָד ביז לעמבערג איז אַזאַ חילוק, ווי פון טאָג צו נאַכט. מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז עס טוט אים באַנג, וואָס באַ דער גרענעץ שטייט פרִיער בראָד און נאָכדעם לעמבערג. עס וואָלט באַדאַרפט, זאָגט ער, זײַן פאַרקערט. גיט אים אונדזער חבר פּיניע צו פאַרשטיין, אַז דערפאַר איז לעמבערג בעסער פון בראָד, ווײַל עס שטייט ווײַטער פון דער גרענעץ און נענטער צו אַמעריקע. זאָגט אים אליהו: „אַ פּאָלג מיך אַ גאַנג! ווו איז לעמבערג און ווו איז אַמעריקע!" זאָגט אים פּיניע, אַז וואָס ס'איז שײַך צו שטעט, מעג ער זיך נאָך דערוויילע לערנען באַ אים, וואָרעם ער האָט געלערנט געאָגראַפיע. זאָגט אים מײַן ברודער אליהו: „אַז דו האָסט געלערנט געאָגראַפיע, זאָג זשע מיר, ווו איז דער קאָמי־טעט?" — „וואָסער קאָמיטעט?" — „דער עמיגראַנטן־קאָמיטעט!" — „אַ סמיכות־הפּרשה! וואָס געהער זיך עס אָן מיט געאָגראַפיע?" — „דער וואָס ווייס געאָגראַפיע, דער דאַרף וויסן אַלצדינג".

אזוי זאָגט צו אים מײַן ברודער אליהו, און מיר פרעגן זיך נאָך אַפּן קאָמיטעט. ווען מיר פרעגן, ווייס קיינער נישט. א מאָדנע שטאָט.

— זיי ווייסן, נאָר זיי ווילן נישט זאָגן!

אזוי פּסקנט מײַן שוועגערן ברכה. איר געפעלט קיין זאַך נישט. אַף לעמבערג האָט זי אויך אַ חסרון: צו ברייטע גאַסן. אַ חסרון — די כלה איז צו שיין. אונדזער חבר פיניעס ווײַב טײַבל האָט אַן אַנדער חסרון אַף לעמבערג. דהײַנו? למאי זאָגט מען בײַ אונדז „קראָקע מיט לעמבערג"? אַז מען עסט אַ זויערע זאַך, זאָגט מען: „ס'איז אזוי זויער, אַז מע קאָן דערזען קראָקע מיט לעמבערג". אָדער אַז מע דערלאַנגט איינעם אַ גוטן פּאַטש, זאָגט מען, אַז „ער האָט דערזען קראָקע מיט לעמבערג".

בקיצור, די ווײַבער האָבן שוין אַזאַ טבע. זעלטן זיי זאָל עפּעס געפעלן!...

— ב. —

מיר האָבן זיך שוין דערפרעגט צום קאָמיטעט. אַ הויכע שטוב מיט אַ רויטן דאַך. פריִער דאַרף מען שטיין אַ ביסל אינדרויסן. דאָס הייסט, נישט אַ ביסל, נאָר אַ סך. נאָכדעם עפנט מען די טיר. דאַרף מען גיין אַף טרעפּ. אַז מע קומט אַרויף, טרעפט מען אַ סך מענטשן. צום מײַנסטן, אונדזערע רוסישע, עמיגראַנטן רופט מען זיי. כמעט אַלע זײַנען זיי הונגעריק און אַלע האָבן קליינע זייגעדיקע קינדער. די וואָס האָבן נישט קיין זייגעדיקע קינדער זײַנען אויך הונגעריק. מע הייסט זיי קומען מאָרגן. מאָרגן זאָגט מען זיי ווידעראַמאָל, זיי זאָלן קומען מאָרגן. מײַן מאַמע באַקענט זיך מיט אַ סך ווײַבער. איטלעכע פון זיי האָט אַף זיך אַן אַנדער אומגליק. פאַרגלײַכן, זאָגט זי, איר אומגליק מיט זייערע אומגליקן, קומט אויס, אַז זי איז נאָך איינע אַ גליקלעכע! אַ סך פון זיי זײַנען אַנטלאָפן פון פּאָגראָמען. וואָס זיי דערציילן זיך אָן איז אַ גוואַלד! אַלע פאָרן זיי קיין אַמעריקע, און קיינער האָט נישט מיט וואָס. אַ סך פון זיי האָט מען אָפּגעשיקט צוריק. אייניקע גיט מען אַרבעט. אייניקע שיקט מען אַפּ קיין קראָקע. דאָרט איז, זאָגט מען, דער אמתער קאָמיטעט. וואָס זשע איז דאָ? — זיי ווייסן אַליין נישט. מע הייסט זיי קומען מאָרגן, קומען זיי. ווו איז דער קאָמיטעט? אָט דאָס איז דאָך דער קאָמיטעט. ווער איז דער קאָמיטעט? זיי זאָלן אַזוי וויסן פון בייז! עס קומט אַרײַן אַ הויכער פאַרשוין מיט אַ געשטופּלט פּנים און מיט גוטע לאַכנדיקע אויגן.

— אַט דאָס איז איינער פונעם קאָמיטעט. ער איז אַ דאָקטער.

דער דאָקטער מיט די גוטע לאַכנדיקע אויגן זעצט זיך אַוועק אויף אַ שטול. אַלע מינוט גייט צו צו אים אַן אַנדער עמיגראַנט און טענהט עפּעס, מאַכט מיט די הענט. דער דאָקטער הערט אים אויס און ענטפערט אים, אַז ער איז איין מענטש אַליין. ער קאָן גאָרנישט העלפן. פאַראַן, זאָגט ער, בא אונדז אַ קאָמיטעט פון עטלעכע און דרײַסיק פּאַרשוין, נאָר קיינער וויל נישט קומען. וואָס קאָן איך, איין מענטש אַליין, טאָן?

די עמיגראַנטן ווילן נישט וויסן, וואָס ער איז איין מענטש אַליין. זיי קאָנען דאָ מער נישט זיצן. זיי האָבן שוין אויפגעגעסן פון זיך וואָס זיי האָבן געהאַט. זיי זאָגן, אָדער מע זאָל זיי געבן בילעטן קיין אַמעריקע, אָדער מע זאָל זיי אָפּשיקן צוריק. דער דאָקטער טענהט, אַז ער קאָן זיי נאָר שיקן קיין קראָקע, אויב זיי ווילן. דאָרט איז דאָ אַ קאָמיטעט. אפשר וועט זיי יענער קאָמיטעט עפּעס קאָנען העלפן. די עמיגראַנטן הערן דאָס אויס און זאָגן, אַז זיי האָבן נישט דערוויַיל פונוואַנען אַ טאָג איבערצו־לעבן. דער דאָקטער נעמט אַרויס דאָס בײַטעלע און שענקט אַ מטבע. די עמיגראַנטן באַטראַכטן די מטבע און גייען אַוועק. עס קומען אָן נײַע עמיגראַנטן. זיי פאַלן, זאָגן זיי, מיטן פּנים צו דער ערד.

— וואָס ווילט איר? — טענהט נעבעך דער דאָקטער.

— מיר ווילן עסן! — זאָגן די עמיגראַנטן.

— אַט האָט מען מיר געבראַכט עסן, עסט.

אַזוי זאָגט זיי דער דאָקטער מיט די גוטע לאַכנדיקע אויגן און ער ווײַזט זיי אָפּן אָנבײַסן, וואָס מע האָט אים געבראַכט: קאַווע מיט ווײַסע בולקעלעך. ער זאָגט, אַז ער מיינט דאָס ערנסט. ער גיט זיי אַוועק זײַן אָנבײַסן. וואָס זאָל ער טאָן, איין מענטש אַליין? די עמיגראַנטן באַ־דאַנקען אים. זיי זאָגן, אַז נישט פאַר זיך בעטן זיי, פאַר זייערע קינדער נעבעך.

— נו, ברענגט אהער די קינדער! — זאָגט דער דאָקטער און טוט אַ ווונק צו אונדז מיט זײַנע גוטע לאַכנדיקע אויגן.

— וואָס ווילט איר?

— ג —

טרעט אַרויס די מאַמע' צום גוטן דאָקטער מיט די לאַכנדיקע אויגן און הייבט אים אָן דערציילן אַ מעשה פונעם אַנהייב, ווי אַזוי זי האָט געהאַט אַ מאַן. דער מאַן איז געווען אַ חזן און האָט געקרענקט און גע־

קרענקט. נאָכדעם איז ער געשטאָרבן, איבערגעלאָזט זי אַן אַלמנה מיט צוויי קינדער, איינעם אַן עלטערן און איינס נאָך כמעט אַן עופהלע (דאָס מיינט מען מיך). האָט זי דעם עלטערן חתונה געמאַכט, אַרײַנגעגעבן אים אין אַ שמאַלץ־גרוב. די שמאַלץ איז אויסגערונען, די גרוב איז געבליבן. דער שווער האָט זיך געשטעלט, און דער זון דאַרף שטיין צום פּריזיוו...

— מאַמע, וווהין ביסטו פאַרפאָרן?

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו און שטעלט זיך אַוועק דערציילן די אייגענע מעשה, נאָר אין אַן אַנדער אופן. ער הייבט אָן אַזוי:

— יאָ פּריזיוו, נישט פּריזיוו — מיר פאָרן, הייסט עס, קיין אַמע־ריקע. דאָס הייסט, איך, און מײַן מאַמע, און מײַן ווײַב, און אַ קליין ברודערל (דאָס מיינט מען מיך), און אָט דער יונגערמאַן (ער ווײַזט אַף פּיניען) פאָרט אויך, הייסט עס, מיט אונדז. האָבן מיר באַדאַרפט אַריבער די גרענעץ, זײַנען מיר, הייסט עס, געקומען צו דער גרענעץ. און אַזוי ווי קיין פּעסער, הייסט עס, האָבן מיר נישט, וואָרעם מיר דאַרפן בײדע שטיין צום פּריזיוו...

— אָט דאָ לאָז מיך! — רופט זיך אָן אונדזער חבר פּיניע און שטופּט אָפּ מײַן ברודער אליהו און דערציילט די אייגענע מעשה, נאָר אַ ביסל אַנדערש. כאָטש אליהו איז מיר אַ ברודער, פונדעסטוועגן מוז איך מודה זײַן, אַז פּיניע רעדט אַ סך שענער פון אים. ערשטנס, איז בײַ אים נישטאָ קיין „הייסט עס", ווי בײַ מײַן ברודער אליהו. הײַנט קען ער רוסיש זייער גוט. אַ סך ווערטער זײַנען בײַ אים רוסישע, און גלאַט שיינע ווערטער, מחיהדיקע. אַ סך פון זיי פאַרשטיי איך נישט וואָס ער מיינט, נאָר זיי זײַנען שיין. אָט ווי אַזוי אונדזער חבר פּיניע האָט אָנגעהויבן:

— איך וועל אײַך געבן אין קורצן אַ ווזגליאַד אַף דער גאַנצער פּאָלאָזשעניע, וועט איר האָבן אַ טאָטשקע זרעניע. מיר פאָרן קיין אַמע־ריקע ניט אַזוי צוליב וואָזנסקי פּאָווינגאָסט, ווי צוליב סאַמאָסטאָיאַטעל־נאָסט און ציוויליזאַציע, וואָרעם מיר זײַנען דאָרט זייער סטיעסניטעלני נישט נאָר אין פּראָגרעס, נאָר אַפילו אין וואָזדוך, ווי טורגעניעוו זאָגט — און וואָוטאָריך, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן בײַ אונדז דער יעווריייסקי וואָפּראָס מיט די פּאָגראָמען, קאָנסטיטוציע און טאָמו פּאָדאָבנע, ווי באָקל זאָגט אין זײַן היסטאָריאָ ציוויליזאַציאָ...

אַן עבירה! דאָ האָבן ערשט אָנגעהויבן גיין די שיינע ווערטער. אונדזער חבר פּיניע האָט זיך ערשט רעכט צעשאָקלט. ער האָט זיך פאַר־

קאַטשעט ריידן און ריידן — צום סוף האָט אים איבער דער דאָקטער סאַמע אינמיטן, טוט אַ זופ די קאַווע און רופט זיך אָן צו אים מיט אַ שמייכל:

— זאָגט: וואָס ווילט איר?

טרעט אַרויס ווידער מײַן ברודער אליהו און מאַכט צו פּיניען:

— למאַי זאָלסטו האָבן אַ טבע צו ריידן נישט צו דער זאַך?

דאָס פּאַרדריסט, אַפּנים, אונדזער חבר פּיניען, מחמת ער טרעט אָפּ אויף אַ זײַט, פּאַרטשעפּעט זיך פּאַר זײַנע אייגענע פּיס, און רופט זיך אָן ברוגזלעך:

— דו רעדסט בעסער? רייד דו!

און מײַן ברודער אליהו גייט צו צום טיש און דערציילט נאָכאַמאָל די מעשה בקיצור.

— ד —

— זײַנען מיר, הייסט עס, געקומען צו דער גרענעץ. געקומען צו דער גרענעץ, האָבן מיר אָנגעהויבן האַנדלען, הייסט עס, מיט די אַגענטן. און די אַגענטן, ווייסט איר דאָך, זײַנען גרויסע ממזרים. האָבן זיי אָנגע־הויבן לויפן איינער איבערן אַנדערן, גראָבן, מסרן, יאַבעדען, ביז ס׳האָט זיך אונטערגעכאַפּט איינע אַ יידענע, הייסט עס, אַ לײַטישע, אַן ער־לעכע, אַ פרומע, אַ כשרע, און האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט אונדז פאַרן מקח, הייסט עס, זיך אונטערגענומען אונדז אַלעמען אַריבערפעקלען, פריִער אונדז, און נאָכדעם די זאַכן. האָט זי אונדז געגעבן, די יידענע, הייסט עס, צוויי ערלים, שומרים, הייסט עס...

— אָט אַזוי גיך? זע נאַר! ער איז שוין פאַרטיק מיט די ערלים.

אַזוי שפּרינגט אַרויס מײַן שוועגערן ברכה, שטופּט־אָפּ מײַן ברו־דער אליהו און דערציילט בעסער אַליין די מעשה. טאַקע די אייגענע מעשה, נאָר אַביסל אַנדערש: וויאַזוי די יידענע האָט אונדז געהייסן גיין און גיין, ביז מיר וועלן דערזען אַ בערגל. פונעם בערגל זאָלן מיר זיך נעמען רעכטס און גיין און גיין, ביז מיר וועלן קומען צו נאָך אַ בערגל. זאָלן מיר זיך פון יענעם בערגל נעמען לינקס און גיין און גיין, ביז מיר וועלן קומען צו אַ שענקל. זאָל אַרײַנגיין איינער פון אונדז אין שענקל, וועט ער טרעפן צוויי ערלים טרינקען בראָנפן. זאָל מען צוגיין צו די

ערלים און זאָגן זיי נאָר איין וואָרט „הײמאָווא״, וועלן זיי שוין וויסן און וועלן אונדז פירן איבער א וועלדל. א גליק, וואָס איך האָב א טבע פון חלשן...

רופט זיך אָן דער דאָקטער:

— ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, מײַנע ליבע ווײַבער? איך האָב אויך א טבע פון חלשן. זאָגט מיר אין קורצן, וואָס ווילט איר?

טרעט ארויס די מאַמע ווידראַמאַל, און עס קומט פאָר צווישן איר און צווישן דאָקטער אזא מין געשפּרעך:

מ א מ ע : איר ווילט וויסן אין קורצן? מע האָט בא אונדז צו־גענומען די זאַכן.

ד אָ ק ט ע ר : וואָסערע זאַכן?

מ א מ ע : דאָס בעטגעוואַנט: צוויי איבערבעטן, פיר קישנס גרוי־סע, און נאָך צוויי גרויסע קישנס, און דרײַ קליינינטשקע ממזרימלעך איבערגעשאָטן.

ד אָ ק ט ע ר : דאָס איז גאָר?

מ א מ ע : און קאָלדרעס דרײַ, צוויי אַלטע, איינע א נײַע. און מלבושים א פּאָר, און א פאַטשיילע א זײַדענע, און...

ד אָ ק ט ע ר : נישט דאָס פרעג איך. מער קיין אומגליק האָט איר ניט געהאַט?

מ א מ ע : וואָסער אַן אומגליק ווילט איר נאָך?

ד אָ ק ט ע ר : איך מיין, וואָס פעלט אײַך?

מ א מ ע : בעטגעוואַנט.

ד אָ ק ט ע ר : דאָס איז גאָר?

מ א מ ע : ס'איז אײַך קאַרג?

ד אָ ק ט ע ר : און בילעטן האָט איר? געלט האָט איר?

מ א מ ע : נישט צו פאַרזינדיקן. מיר האָבן שיפסקאַרטן, מיר האָבן אַף בילעטן.

ד אָ ק ט ע ר : זײַט איר דאָך, דאַנקען גאָט! איך בין אײַך מקנא. לאָמיר זיך בײַטן. מיינט ניט, איך שפּאַס. איך זאָג עס אײַך אָן ליצנות. נאָט אײַך מײַן אָנבײַסן, נאָט אײַך מײַנע עמיגראַנטן, נאָט אײַך

מײַן קאָמיטעט, און גיט מיר אַנדערע שיפסקאַרטן מיט אַנדערע בילעטן, פֿאַר איך אַוועק קיין אַמעריקע הײַנטיקן טאָג. וואָס קאָן איך דאָ טאָן, איין מענטש אַליין, מיט קיין עין־הרע אַזויפֿיל אָרעמעלײַט?

דער דאָקטער איז עפּעס — מיר ווייסן אַליין ניט וואָס! — אַזוי האָבן מיר אָפּגעפּסקנט, און מיר ווילן נישט מאַכן דאָ קיין לאַנגע שהיות. מײַן ברודער אליהו זאָגט: אַן עבירה די הוצאות. לאָמיר בעסער פֿאָרן קיין קראָקע. אַ סך עמיגראַנטן פֿאָרן קיין קראָקע, לאָז זיך אונדז דאַכטן, עלעהיי מיר זײַנען אויך עמיגראַנטן.

— אַז מיר זײַנען אין לעמבערג, מוזן מיר שוין זײַן אין קראָקע אויך. — זאָגט אונדזער חבר פּיניע.

— בכדי ס'זאָל אויסקומען אַפּנים, קראָקע מיט לעמבערג? — כאַפּט אונטער זײַן ווײַב טײַבל.

זײַט געזונט, מיר פֿאָרן קיין קראָקע.

XVI

מיט די עמיגראַנטן

— א. —

אַז איר ווילט פֿאָרן קיין אַמעריקע, זאָלט איר פֿאָרן נאָר מיט עמי־גראַנטן. אַז איר פֿאָרט מיט עמיגראַנטן, איז אײַך גוט. קומט איר אין אַ שטאָט, פֿאַרשפּאָרט איר זוכן אַן אַכסניה. מע האָט אײַך אָנגעגרייט אַן אַכסניה פֿון פֿריִער. דערויף איז דאָך געמאַכט געוואָרן אַ קאָמיטעט. אַ קאָמיטעט זעט, אַז איר זאָלט האָבן אַלצדינג גרייט. מיר, אַז מיר זײַנען אָנגעקומען די ערשטע נאַכט קיין קראָקע, האָט מען אונדז באַלד פֿאַרטריבן אין אַזאַ מין שטוב, אָדער אַ קאַמער, אָדער אַ שטאַל. דאָרט האָבן מיר אָפּגעוואַרט ביז אינדערפֿרי. אינדערפֿרי איז מען געקומען צו אונדז פֿונעם קאָמיטעט און מע האָט אונדז פֿאַרשריבן אַלע באַ די נע־מען. די מאַמע האָט אַפֿילו ניט געוואָלט זאָגן אונדזערע נעמען. זי האָט מורא געהאַט פֿאַרן פּריזיוו. אַ קשיא אַף אַ מעשה? האָבן די עמיגראַנטן זי אויסגעלאַכט: וואָס גייט אָן קירע־דײַטש אונדזער רוסישער פּריזיוו? נאָכדעם האָט מען אונדז געבראַכט אַלעמען אַף אַ גרויסער אַכסניה. אַ גאַנצע שטוב מיט אַ סך בעטלעך מיט אָן אַ שיעור עמיגראַנטן. „עס זעט דאָ אויס ווי באַ אונדז אַ הקדש". אַזוי געפֿינט מײַן מאַמע. און מײַן שוועגערן ברכה זאָגט: „שוויגער, לאָמיר בעסער פֿאָרן ווײַטער". איך האָב אײַך שוין געזאָגט אַמאָל, אַז די ווײַבער האָבן אַ טבע — עס געפֿעלט זיי ניט קיין זאַך. אַף אַלצדינג מאַכן זיי אײַך אַ חסרון. אַף דער שטאָט קראָקע האָבן זיי גלאַט געוואָרפֿן אַן אומחן פֿון דער ערשטער מינוט. אַפֿילו מײַן ברודער אליהו איז אויך אין כעס אַף קראָקע. קראָקע, זאָגט ער, איז ניט לעמבערג. אין לעמבערג איז כאָטש דאָ ייִדן, און אין קראָקע איז ניטאָ קיין ייִדן. דאָס הייסט, ס'איז דאָ ייִדן, נאָר משונה־

מאָדנע ייִדן — אנדרוגינוסן, האַלב ייִד און האַלב פּליאַקע, פּאַרדרייט די וואָנצעס און פראַשע פּאַניע!״... אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו. נאָר אונדזער חבר פּיניע וויל אים איבערשפּאַרן. ער זאָגט, אַז דאָ איז פאַראַן מער „ציוויליזאַציע״. איך וואָלט וועלן וויסן, וואָס איז דאָס אַזעלכעס „ציוויליזאַציע״, וואָס אונדזער חבר פּיניע קאָן זיך אָן דעם ניט באַגיין?

— ב. —

אױף דער אַכסניה, וואָס מע האָט אונדז אײַנגעגרייט פונעם קאָמיטעט, איז אויסגעצייכנט גוט. דאָס הייסט, עס איז ניט אַזוי גוט, ווי פרייִ־לעך. מע באַקענט זיך אַלעמאָל מיט נײַע עמיגראַנטן. מע זיצט אײַנ־איינעם, מען עסט אינאײנעם, מע דערציילט מעשיות. אַך, וואָסערע שייִ־נע מעשיות! נסים ונפלאות! נסים פון פּאָגראָם. נסים פונעם פּריזיוו. נסים פון דער גרענעץ. איטלעכער דערציילט אַן אַנדער מעשה פון זײַן אַגענט. איינער פרעגט באַם אַנדערן: „ווער איז געווען אײַער אַגענט באַ דער גרענעץ — אַ רויטער, צי אַ שוואַרצער?״ ענטפערט אים דער אַנדערער: „ניט קיין רויטער, ניט קיין שוואַרצער, נאָר אַזוי אַ גנב״...

געוויינלעך, דערציילן מיר אונדזער נס אויך, וויאַזוי גאָט האָט מיט אונדז געפירט, וויאַזוי מיר האָבן געגנבעט די גרענעץ, וויאַזוי די אַגענטן האָבן אונדז באַפאַלן, וויאַזוי מיר האָבן זיך באַקענט מיט אַ ייִדענע, וויאַזוי די ייִדענע האָט באַ אונדז אויסגענאַרט די זאַכן, וויאַזוי אירע שומרים, צוויי ערלים, האָבן אונדז פאַרפירט אין אַ וואַלד, געפרעגט אונדז, וויפל געלט מיר האָבן, און אַרויסגענומען מעסערס אױף צו קוילען. אַ גליק, וואָס אונדזער ברכה האָט אַ טבע פון חלשן און וואָס די מאַמע האָט געמאַכט אַ גוואַלד, — האָט זיך דערהערט אַ שאָס, זײַנען די ערלים אַנטלאָפן און מיר זײַנען דערוויַיל אַריבער אױף יענער זײַט... אַלע הערן אויס אונדזער מעשה, שאָקלען מיט די קעפּ און שמוצערן מיט די ליפּן. איינער אַ הויכער עמיגראַנט מיט אַ בייזן קוק און מיט וואַטע אין די אויערן טוט אונדז אַ פרעג:

— וויאַזוי זעט זי אויס, די ייִדענע? אַ פרומע, אַ כשרע, מיט אַ שייטל אָפן קאָפּ?

דערהערט, אַז אונדזער ייִדענע איז אַ פרומע, אַ כשרע, מיט אַ

שייטל אפן קאפ, — טוט דער הויכער עמיגראנט מיטן בייזן קוק זיך א כאפ אויף און א זאג צו זײַן ווײַב, וואס זי הייסט שרה:

— שרה, דו הארכסט? ס'איז דאך די אייגענע יידענע!

— א כאליערע זאל קומען אף איר און אף אלע אגענטן, רבונו של עולם!

אזוי זאגט זײַן ווײַב שרה, און זי דערציילט אונדז אויך א שיינע מעשה, וויאזוי די אייגענע יידענע מיטן שייטל האט זי אפגענארט, באַנומען פון קאפ ביז פיס און געוואלט אַרײַנרוקן זיי שיפסקארטן קיין אמעריקע.

דערהערט דאס ווארט „שיפסקארטן", כאפט זיך אויף אן עמיגראנט, א שנײַדער, מיט שווארצע אויגן און מיט א בלאס פנים, און רופט זיך אן:

— שיפסקארטן? לאזט מיך, וועל איך אײַך דערציילן א מעשה פון שיפסקארטן.

און דער שנײַדער מיט די שווארצע אויגן און מיטן בלאסן פנים וויל אנהייבן דערציילן א מעשה פון שיפסקארטן, שטייט אויף נאך אן עמיגראנט, וואס מע רופט אים טאפאלינסקי. ער זאגט, אז ער האט א שענערע מעשה מיט שיפסקארטן, וויאזוי אין שטעטל בא זיי איז דא א קאמפאניע, וואס פארקויפט בלומרשט שיפסקארטן פון ליבאווע קיין אמעריקע, האבן זיי דערטאפט א יונגנמאן און האבן בא אים אויסגענארט עטלעכע און זעכציק קארבן און האבן אים אַרײַנגערוקט עפעס א סוכה־שער מיט א רויטן אדלער. דער יונגערמאן קומט קיין ליבאווע, וויל זיך זעצן אפן שיף, נעמט ארויס און באווײַזט דעם סוכה־שער, מיטן רויטן אדלער. ווער? וואס? א נעבעכיקער טאג! ס'איז ניט קיין שיפסקארטע, ס'איז גאר א שיר־המעלות!

— ג —

די מעשה מיט די שיפסקארטן הייבט מיר אן ווערן נמאס. איך האב ליב עמיגראנטן. איך האב מיך בעסער באקענט, אין וואגאן זיצנדיק, מיט א יינגל פון די עמיגראנטן אין מײַנע יארן. מע רופט אים קאפל, און ער האט א צעשפאלטענע ליפ. די ליפ איז אים געקומען פון א פאל. ער איז געקראכן אף א לייטער און איז געפאלן אף א שטײַט האלץ. ער

שווערט, אז ס'האָט אים גאָר ניט ווי געטאָן, נאָר בלוט איז געגאַנגען אַ סך. ניט געגוג, זאָגט ער, ער האָט זיך צעשפּאָלטן די ליפּ, האָט ער נאָך געכאַפּט קלעפּ פונעם טאַטן. אָט דער הויכער, וואָס מיטן בייזן קוק און מיט וואַטע אין די אויערן, דאָס איז טאַקע זײַן טאַטע. און די ייִדענע, וואָס מע רופט זי שרה, דאָס איז זײַן מאַמע. זיי זײַנען געווען, זאָגט ער, אַמאָל גרויסע נגידים. דאָס הייסט, ניט אַמאָל, טאַקע אָט דאָ ניט לאַנג, פאַרן פּאָגראָם. איך פרעג אים, וואָזוי איז דאָס אַ פּאָגראָם? איך הער אַלץ פון די עמיגראַנטן, מע זאָגט: „פּאָגראָם", „פּאָגראָם", נאָר וואָס דאָס איז — ווייס איך ניט. רופט זיך אָן צו מיר קאָפּל:

— אַ פּאָגראָם ווייסטו ניט? ע! ביסטו דאָך גאָר אַ ניונקעלע! אַ פּאָגראָם איז אַ זאַך, וואָס איז הײַנט אומעטום. הייבן הייבט זיך עס אָן כמעט פון גאָרניט, און אַז עס הייבט זיך אָן, ציט זיך עס אַוועק דרײַ טעג...

— וואָס־זשע, זאָג איך, איז דאָס? אַ יאַריד?

— וואָסער יאַריד? אַ שיינער יאַריד! מע שלאָגט פענצטער! מע ברעכט מעבל! מע טרענט קישנס! פעדערן פליִען, אַזוי ווי שניי!

— אַקעגן וואָס?

— נאַ דיר גאָר אַקעגן וואָס! אַקעגן שמערלען! אַ פּאָגראָם איז ניט נאָר אויף הײַזער אַליין. אַ פּאָגראָם איז אויף קלייטן. מע צעשלאָגט אַלע קלייטן, און מע וואַרפט אַרויס פון דאָרטן די סחורה אויף דער גאַס, און מע צעטראָגט, און מע צעראַבעוועט, און מע צעשיט, און מע באַגיסט מיט גאַז, און מע צינדט אונטער, און מע ברענט.

— גיי שוין, גיי!

— וואָס דען מיינסטו? איך וועל דיר אויסטראַכטן? נאָכדעם, אַז ס'איז נישטאָ שוין וואָס צו ראַבעווען, גייט מען איבער די הײַזער מיט העק, מיט אײַזנס און מיט שטעקנס, און פּאָליציע גייט נאָך פון הינטן. מע זינגט און מע פײַפט און מע שרײַט: „עי, רעביאַטאַ, בעי זשידאָוו!" און מע שלאָגט, מע האַרגעט, מע קוילעט, מע שטעכט מיט שפּיזן...

— וועמען?

— וואָס הייסט וועמען? ייִדן!

— פאַרוואָס?

— נאַ דיר גאָר פאַרוואָס! ס'איז דאָך אַ פּאָגראָם!

— און אַז אַ פּאָגראָם, איז וואָס?

— גיי אוועק, דו ביסט אַ קעלבל! איך וויל מיט דיר נישט ריידן!

אַזוי זאָגט צו מיר קאַפּל, שטופּט מיך אָפּ פון זיך און לייגט אַרײַן די הענט אין די קעשענעס, ווי אַ גרויסער. מיר שטייט נישט אָן די מעשה. סע פאַרדריסט מיך אַף קאַפּלען, וואָס ער האַלט זיך אַזוי גרויס אַקעגן מיר. נאָר איך מאַך אַ שווײַג. „וואַרט אויס, גדלניוק! וועסט אַמאָל אָנקומען צו מיר!”... אַזוי טראַכט איך מיר, און לאָז דורך עטלעכע מינוט. איך גיי צו ווידעראַמאָל צו קאַפּלען און מאַך מיט אים אַ שמועס. שוין נישט פון פּאַגראָמען — פון אַנדערע זאַכן. איך פרעג אים, צי ער קאָן ריידן אַף דײַטש. צעלאַכט ער זיך: „ווער קאָן דאָס נישט קיין דײַטש? דײַטש איז דאָך ייִדיש!”...

— אַזוי? אַז דו קאָנסט יאָ דײַטש, זאָג זשע מיר, ווי אַזוי זאָגט מען כריין אַף דײַטש?

צעלאַכט זיך קאַפּל נאָך שטאַרקער, קוים וואָס ער קאָן אויסריידן אַ וואָרט.

— וואָס הייסט, ווי אַזוי איז כריין? כריין איז כריין!

— אויב אַזוי, זאָג איך, ווייסטו טאַקע נישט!

— ווי אַזוי זשע דען איז כריין?

אַף צו־להכעיס, האָב איך אַליין אויך פאַרגעסן, ווי אַזוי מע זאָגט אַף דײַטש כריין. איך האָב געוווּסט, נאָר איך האָב פאַרגעסן. גיי איך צו צו מײַן ברודער אליהו און פרעג אים: ווי אַזוי איז אַף דײַטש כריין? זאָגט ער: ער וועט מיר געבן אַ כריין, וועט מיר פאַרגיין אין די ציין... מײַן ברודער אליהו איז, אַפּנים, אין כעס. אַלעמאָל, ווען ער גייט צו דער קעשענע נעמען געלט, איז ער אין כעס. אונדזער חבר פיניע לאַכט פון אים. זיי ווערטלען זיך. איך זוך אויס אַן אָרט אַף דער ערד צווישן די פּעקלעך און לייג מיך שלאָפן.

— ד —

מיר האָבן אין קראָקע נישט געמאַכט גאָרנישט ניט. אין קאָמיטעט זײַנען מיר נישט געווען. די עמיגראַנטן האָבן אונדז געזאָגט, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן. אַז איר קומט, זאָגן זיי, אין קאָמיטעט, הייבט זיך אָן אַ דולעניש. קודם פאַרשרײַבט מען אײַך די יאָרן. נאָכדעם שיקט מען אײַך אָפּ צו אַ דאָקטער, ער זאָל אײַך באַטראַכטן. נאָכדעם הייסט מען אײַך

ווארטן. נאָכדעם הייסט מען אײַך קומען. קומט איר צו גיין, פרעגט מען אײַך: וואָס זײַט איר געקומען? זאָגט איר, אַז מע האָט אײַך געהייסן קומען, זײַט איר געקומען. הייבט מען אײַך אָן זאָגן מוסר, לָמאי איר פאָרט קיין אַמעריקע. פרעגט איר: ווּהין דען זאָלן מיר פאָרן? זאָגט מען אײַך: ווי שטייט דאָס געשריבן, אַז איר דאַרפט פאָרן? דערציילט איר זיי אַ מעשה מיט אַ פּאָגראָם. זאָגן זיי: איר זײַט אַליין שולדיק. אַ סימן, אָט האָט נעכטן אַ יִינגל פון אײַערע עמיגראַנטן אַוועקגעגנבעט אַ בולקע אין מיטן מאַרק. זאָגט איר: אפשר איז ער געווען הונגעריק? זאָגן זיי: אָט האָט זיך נעכטן צעשלאָגן פון אײַערע עמיגראַנטן אין מיטן גאַס אַ מאַן מיט אַ ווײַב, מע האָט געמוזט אַראָפּברענגען זשאַנדאַר־מען. זאָגט איר: דאָס ווײַבל איז געווען גערעכט; זי האָט דערקענט איר מאַן, וואָס האָט זי אַוועקגעוואָרפן אינדערהיים, געוואָלט אַנטלויפן קיין אַמעריקע. האָט זי אים דערזען דאָ אומגעריכט און האָט אים געפּאַקט. האָט ער זיך געוואָלט אַרויסרײַסן און אַנטלויפן. האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד... זאָגן זיי: לָמאי גייען אײַערע עמיגראַנטן, צום מיינסטנס, אָפּגעריסן? זאָגט איר: זיי זײַנען אָרעם; לאָז מען זיי געבן קליידער, וועלן זיי נישט גיין אָפּגעריסן. בקיצור, מוסר זאָגן זיי, און קיין געלט גיבן זיי נישט.

אזוי קלאָגן זיך פאַר אונדז די עמיגראַנטן. זיי זאָגן, אַז מיר זײַנען גליקלעכע מענטשן, וואָס מיר האָבן ביז אַהער נישט באַדאַרפט אָנקומען צו דער לאַסקע פונעם קאָמיטעט. די מאַמע זאָגט: זי וואָלט איצטער אויך נישט אָנגעקומען צו זיי, ווען נישט דאָס בעטגעוואַנט. ווען מע נאַרט נישט אויס בײַ אונדז די זאַכן אויף דער גרענעץ, וואָלט זי איצטער געווען אַ „קייסערינע". איך דערמאָן מיך אָן דער מאַמעס זײַדענע געלע פאַטשיילע, וואָס זי פלעגט טאַקע אויסזען אין איר ווי אַ „קייסערינע". די מאַמע זאָגט אָבער, אַז קיין זאַך טוט איר נישט אַזוי באַנג, ווי דאָס בעטגעוואַנט. וואָס וועלן מיר טאָן אין אַמעריקע אָן בעטגעוואַנט?

אזוי זאָגט די מאַמע, ברעכט די הענט און צעוויינט זיך. דערהערט מײַן ברודער אליהו, צעשרײַט ער זיך אויף איר:

— שוין? דו וויינסט שוין ווידער? האָסט פאַרגעסן, אַפּנים, אַז מיר זײַנען שוין נאָענט צו אַמעריקע, און מע דאַרף היטן די אויגן?

מיינט איר אוודאי, אַז מיר זײַנען טאַקע נאָענט צו אַמעריקע? עס הייבט זיך גאָרנישט אָן! מיר דאַרפן נאָך פאָרן און פאָרן! ווּהין פאָרן

— ווייס איך נאך נישט אקוראט. איך הער פון די עמיגראנטן נעמען פון שטעט: האמבורג, ווין, פאריז, לאנדאן, ליווערפול... אף האמבורג זאגן אלע, אז עס מעג זיך אנצינדן היינטיקן טאג. האמבורג, זאגן זיי, איז סדום. דארטן טרייבט מען די עמיגראנטן אין א באד אריין, ערגער ווי ארעסטאנטן. אזעלכע רשעים, ווי אין האמבורג, איז נישטא אין ערגעץ.

אזוי זאגן די עמיגראנטן, און מיר קלייבן זיך דערווייל קיין ווין. דארטן, זאגט מען, איז פאראן א קאמיטעט, טאקע וואס א קאמיטעט הייסט!

יא קאמיטעט, נישט קאמיטעט — איך ווייס דערווייל, אז מיר פארן קיין ווין. איר האט אמאל געהערט פון דער שטאט ווין? ווארט צו א ביסל, אט וועלן מיר קומען קיין ווין, וועל איך אייך דערציילן אלצדינג, וואס אין ווין טוט זיך.

XVII

ווין איז אַ שטאָט און גאָט איז אַ פאָטער

— א. —

— ווין איז אַ שטאָט!

אַזוי האָט געפסקנט מײַן ברודער אליהו, און אונדזער חבר פיניע האָט צוגעבאָמקעט:

— נאָך אַ מין שטאָט! פון שטאָטנלאַנד אַ שטאָט!

אפילו די ווײַבער, וואָס זיי געפעלט נישט קיין זאַך אין דער וועלט, האָבן אויך צוגעגעבן, אַז ווין איז אַ שטאָט. צוליב דער שטאָט ווין האָט די מאַמע אַרויסגענומען די שבתדיקע זײַדענע פאַטשיילע. מײַן שוועגערן ברכה האָט זיך אויסגעפוצט, ווי צו דער חתונה. זי האָט אָנגעטאָן איר שבתדיק מלבוש און האָט אויסגעזען אינעם פאַריק מיט די לאַנגע באָמבלדיקע אויערינגלעך און מיט איר רויט קלײַענדיק פנים, אַזוי ווי אַ רויטע קאַץ אין אַ שוואַרצן שלייער? איר האָט אַמאָל געזען אַ רויטע קאַץ אין אַ שוואַרצן שלייער? איך האָב שוין געזען. אונדזער שכנה פעסיעס קינדער האָבן ליב מאַכן מיט דער קאַץ אַלערליי אָנשטעלן און טעאַטער־שטיק. די קאַץ האָט בײַ זיי, ווי איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט, אַ מאָדנעם צונעמעניש: „פייגע־לאה די גבאיטע". זיי האָבן שוין אַמאָל אָנגעטאָן „פייגע־לאה די גבאיטע" אַ יאַרמלקע. עס פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן איר די יאַרמלקע אונטערגעבונדן מיט צוויי בענדלעך און האָבן זי געלאָזט לויפן. אַ חוץ דעם, האָבן זיי איר אָנגעהאָנגען אַפן עק, אַפנים, פון שיינקייט וועגן, אַ פלעדערוויש. די יאַרמלקע איז געווען פאַר איר, ווײַזט אויס, אַביסל צו גרויס, האָט דאָס איר פאַר־

שטעלט די אויגן, און דעם פלעדערוויש קאָן זי נישט ליידן. האָט זיך „פייגע־לאה די גבאיטע" געלאָזט לויפן משוגענערווייז, דראַפּען זיך אַף די גלייכע ווענט, און האָט אָנגעמאַכט באַ אַלע שכנים מוראדיקע שאָדנס. אַי, האָט מען זיי דעמאָלט געקאַטעוועט! מער פון אַלע האָט געהאַט ושתי, הערשל הייסט דאָס, אָט דער, וואָס מיט דער גאָלי אַפּן שטערן. אַ מאָדנער יונג, אָט דער ושתי! וויפל מע זאָל אים נישט שלאָגן, איז דאָס ווי אין אַ וואַנט. איך בענק נאָך אים מער ווי נאָך אַלעמען! עס קאָן זיין, אַז מיר וועלן זיך איינגיבן זען מיט אים אין אַמעריקע. מיר האָבן געהאַט אַ ידיעה, אַז אונדזער שכנה פּעסיע מיט איר מאַן משה דעם איינבינדער מיט דער גאַנצער כאַליאַסטרע פאָרן היינט קיין אַמעריקע. פריִער האָט זי געלייגט קנייטלעך, וואָס מיר פאָרן אין אַזאַ ווייט לאַנד, און איצט פאָרט זי אַליין אויך אַהין. אַלע פאָרן היינט קיין אַמעריקע. אַזוי שרייבט אונדז אונדזער מחותן יונה דער בעקער. ער פאָרט אויך קיין אַמעריקע. ער איז שוין אַף דער גרענעץ. נישט אַף דער גרענעץ, וואָס מיר האָבן געגנבעט. אַף אַן אַנדער גרענעץ. אונדזער גרענעץ טויג נישט. אַף אונדזער גרענעץ גנבעט מען אַוועק דאָס בעטגעוואַנט. אַף אַנדערע גרענעצן גנבעט מען אויך בעטגעוואַנט, נאָר מע פאַלט נישט אָן אין מיטן וואַלד מיט שאַרפע מעסערס, ווי מען איז אָנגעפאַלן אַף אונדז, למשל. עמיגראַנטן דערציילן, אַז ס'איז פאַראַן אַזעלכע גרענעצן, ווו מע טוט אויס נאַקעט און מע נעמט צו וואָס מע האָט. נאָר שלאָגן שלאָגט מען נישט. אונדז האָט מען אויך נישט געשלאָגן, נאָר מע האָט אונדז געוואָלט שלאָגן. מיר זיינען שיער נישט געשטאָרבן פאַר שרעק. אַ גליק, וואָס מע האָט אויסגעשאָסן פון אַ ביקס. איך האָב דאָך אייך שוין דערציילט אַמאָל, ווי אַזוי מיר האָבן געגנבעט די גרענעץ. מיר האָבן עס שוין לאַנג פאַרגעסן. מיר האָבן פיינט געדענקען אַ זאַך. אמת, די ווייבער דערציילן נאָך היינט אויך די נסים, וואָס מיט אונדז האָט געטראָפן בשעת גנבענען די גרענעץ. עס מישן זיך אָבער אַריין די מאַנצבילן, איך מיין דאָס מיין ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיניע, און לאָזן נישט, אַז די ווייבער זאָלן דערציילן. זיי וועלן דאָס אַליין דערציילן אַ סך בעסער. אונדזער חבר פּיניע זאָגט: ער מוז דאָס באַשרייבן אַף די גאַזעטן. ער האָט שוין אפילו אָנגעהויבן דאָס צו באַשרייבן אין אַ לידל. איך האָב אייך, דאַכט מיר, אַמאָל דערציילט, אַז פּיניע שרייבט לידלעך. דאָס לידל פון דער גרענעץ הייבט זיך אָן באַ אים אַזוי:

ראַדזיוויל איז נישט גרעסער ווי אַ גענעץ,
דאָרט גנבעט מען די גרענעץ,
און מע ווערט באַגנבעט פון קאָפּ ביז פוס,
און מע ווערט באַהאַנדלט זייער מיאוס;
מע גיט אַוועק וואָס מע האָט,
און מע זאָגט נאָך דאַנקען גאָט!
מע איז גליקלעך, ווי די ראַבע קעץ,
וואָס מען איז אַריבער אָן אַ זעץ,
און אָן אַ קלאַפּ, און אָן אַ שטורך,
און אָן אַ מעסער דורך און דורך...

דאָס איז ערשט אָן אָנהייב, זאָגט פּיניע. ווײַטער גייט בײַ אים, זאָגט ער, נאָך פיל שענער! ער האָט געמאַכט, זאָגט ער, אַ באַשרײַבונג פון בראָד אויך. און פון קראָקע מיט לעמבערג אויך. און אַלצדינג אין גראַ־מען. פּיניע איז דערויף אַ מזיק. אַלצדינג גראַמט זיך בײַ אים. אַפילו אויף זײַן אייגן ווײַב טײַבל האָט ער אויך געמאַכט אַ לידל. איך קען עס אויף אויסנווייניק:

איך האָב אַ ווײַבל,
הייסט זי טײַבל,
גוט און שיין
און מלא חן,
קיין עין־הרע זאָל נישט שאַטן!
איין חסרון —
וויל נישט פאָרן
צוריק אַהיים צום טאַטן...

וואָס זאָגט איר אויף דעם לידל? זאָלט איר אָבער זען, ווי טײַבל בלאָזט זיך! (זי האָט אַ טבע פון בלאָזן זיך). מײַן שווועגערן ברכה נעמט זיך אָן איר קריוודע. זי רופט פּיניען „שמדילניק". די מאַמע רופט אים „שלים־מזל". זיי קאָנען נישט לײַדן, למאי ער מאַכט לידלעך. מײַן ברודער אליהו, פאַרקערט, איז אים מקנא. ער זאָגט, אַז אין אַמעריקע איז גראַמען און לידער אַ סחורה. מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז אין אַמע־ריקע וועט ער די סחורה פאַרצוקערן. מע וועט אים אין אַמעריקע, זאָגט ער אָפּגילטן. אין אַמעריקע זײַנען דאָ אַ סך בלעטער מיט אַ סך ייִדישע

גאזועטן. פיניע זאָגט, אַז ער וויים אַליין, אַז אין אַמעריקע וועט ער מאַכן גוט. ער פּילט, זאָגט ער, אַז ער איז באַשאַפן פאר אַמעריקע און אַמעריקע איז באַשאַפן פאר אים. ער וואָלט שוין געַרן, זאָגט ער, מיר זאָלן שוין זיצן אַפן שיף און שווימען אַפן ים. דערוויַיל זיצן מיר נאָך אַף דער טרור־קעניש און זיַינען אין ווין.

— ב. —

וואָס טוען מיר אין ווין? גאָרנישט. מיר שפּאַצירן איבער די גאַסן. אַי, גאַסן! אַי, שטיבער! איר זאָלט זען פענצטער! שפּיגלען, נישט קיין פענצטער! היַינט זאַכן! צאַצקעס! מלבושים! כלים! צירונג! כמעט באַ יעדן פענצטער שטעלן מיר זיך אָוועק שאַצן, וויפל סע קאָן אָנטרעפן. מיר, מאַנצבילן, שאַצן, און די וויַיבער ווינטשעווען זיך פאַר־מאָגן כאָטש האַלב פון דעם, וואָס סע טרעפט אָן די שטאָט ווין מיט די היַיזער און מיט די געוועלבן און מיט די סחורות. צעלאַכט זיך פּיניע און זאָגט:

— איר מעגט זיך ווינטשן כאָטש אַ צענט־חלק, איז אויך גענוג.

— וואָס אַרט דיך, אַז האַלב? דו פאַרגינסט זיי נישט?

אַזוי זאָגט צו אים מיַין ברודער אליהו און דרייט זיך דאָס בערדל. אין דער ציַיט פון אונדזער נסיעה קיין אַמעריקע האָט דאָס בערדל באַ מיַין ברודער אליהו שטאַרק אַ וואַקס געטאָן. און מאָדנע אַ וואַקס געטאָן. עפּעס ווי אַ בעזעם. איך בין אַ בעלן געווען אים געבן אַ נעם אַראָפּ אַף פּאַפּיר. איך האָב אַנומלטן פּיניען אויך אָפּגעמאָלט אַף אַ שטיקל פּאַפּיר. און מיַין שוועגערן ברכה האָב איך אויך אַראָפּגעכאַפּט מיט אַ שטיקל קריַיד אַפן טיש. האָב איך געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק. זי אַליין, ברכה הייסט עס, האָט דערזען און האָט זיך דערקענט ווי אין אַ שפּיגל. האָט זי צוגע־רופן מיַין ברודער אליהו. האָב איך פון אים געהאַט! ווען נישט די מאַמע, וואָלט ער מיר געמאַכט דעם טויט. ער שלאָגט מיך אַלעמאָל, ווען ער דערזעט מיך מאָלן. מאָלן האָב איך ליב פון קינדוויַיז אָן. פריִער פלעג איך מאָלן מיט שוואַרצע קויל אַף די וויַיסע ווענט, האָט מען מיך גע־שלאָגן. נאָכדעם — מיט קריַיד אַף דער טיר, האָט מען מיך אויך גע־שלאָגן. איצט מאָל איך שוין מיט אַ בליַישטיפטל אַף פּאַפּיר — וויל מען מיך וויַיטער שלאָגן.

— האָסט שוין ווידער גענומען זיך צו די „מענטשעלעך״?...

פאַר מאָלן שלאָגט מען מיך נישט אַזוי, ווי פאַר קנעטן. איך האָב אַ טבע קנעטן ווייך ברויט און מאַכן פון דעם חזירימלעך. מײַן ברודער אליהו אַז ער דערזעט, גיט ער מיר איבער די פינגער. אונדזער חבר פּיניע וויל זיך אײַנשטעלן פאַר מיר. ער זאָגט:

— וואָס האָסטו צו אים? לאָז ער קנעטן, לאָז ער מאָלן! אפשר איז אים באַשערט זײַן אַמאָל אַ מאָלער!

מײַן ברודער אליהו דערהערט און שיט מיט ווערטער:

— וואָס? אַ מאָלער? אַ מולגעטש? ער וועט שמירגעווען קלויס־טערס? וואַלגאַזשען ווענט? פלאַסקען דעכער? אַרומגיין מיט פאַרפּאַטש־קעטע הענט, ווי אַ בעל־עגלה מיט סמאָלע? לאָז ער מיר בעסער זײַן אַ זינגערל באַ אַ חזן. אַז מיר וועלן קומען, אם ירצה השם, קיין אַמעריקע, באַשטעל איך אים באַ אַ חזן. ער האָט אַ סאָפּראַנאָ־שטימע.

— פאַרוואָס נישט באַ אַ בעל־מלאכה? אין אַמעריקע זײַנען אַלע בעלי־מלאכות. אין אַמעריקע אַרבעטן אַלע!

אַזוי טוט זיך אָפּ אַ מינוט זאָג אונדזער חבר פּיניע. כאַפּט זיך אַרויף אויף אים די מאַמע:

— אַזוי? אַ בעל־מלאכה? מײַנע שונאים וועלן נישט דערלעבן, אַז פּייסי דעם חזנס יינגל זאָל זײַן אַ בעל־מלאכה!

איך זע, אַז די מאַמע וויל שוין אָנהייבן וויינען. פּיניע וויל זיך פאַרענטפערן. ער זאָגט:

— אַ מאָדנע ייִדענע איר זײַט! למאי אַט לערנען מיר אין דער גמרא, אַז דער תנא רב יוחנן איז געווען אַ שוסטער. דער תנא רב יצחק איז געווען אַ שמיד. אָדער וואָס דאַרפט איר אַ סך? אַט איז מײַן פעטער אַ זייגערמאַכער און מײַן טאַטע אַ מעכאַניק!

פּיניע מיינט, אַז ער האָט פאַרריכט. צום סוף האָט ער געמאַכט אַ סך ערגער. די מאַמע הערט נישט אויף צו וויינען:

— אוודאי האָט מײַן מאַן באַדאַרפט זײַן אַ כשרער ייִד, אַ חזן, און גיין יונגערהייט פון דער וועלט, בכדי זײַן מיזיניקל זאָל זײַן חלילה אַ שנײַדער אָדער אַ שוסטער, און נאָך אין אַמעריקע דערצו?...

— שוין? דו ווייסט שוין ווידער? האָסט פאַרגעסן, אַז אין אַמעריקע דאַרף מען אויגן?

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו, און די מאַמע הערט באַלד אויף צו וויינען.

— ג —

וואָס איך זאָל נישט זײַן אין אַמעריקע — אַבי איך זאָל שוין זײַן. עס ציט מיך אַהין — סכנות. באַ זיך האָב איך אָפּגעמאַכט, אַז אין אַמעריקע לערן איך מיך אויס דרײַ זאַכן: שווימען, שרײַבן און רייכערן ציגאַרן. די אַלע דרײַ זאַכן קען איך איצט אויך, נאָר נישט אַזוי גוט, ווי מע קאָן עס קענען אין אַמעריקע. אַף שווימען ווייס איך, אַז איך וואָלט געוועז א בריה, האָב איך נישט געהאַט ווו צו שווימען. באַ אונדז אין טײַך איז אוממעגלעך. באַ אונדז אין טײַך, אַז איר לייגט זיך אַוועק מיטן בויך אַף דער בלאָטע, זײַנען די פיס אין דרויסן. אויך מיר אַ טײַך! אין אַמעריקע, זאָגט מען, איז אַ ים. דאָרט, אַז איר לייגט זיך אַפּן וואַסער מיט אַ פּענבער, טראָגט דאָס אײַך אַוועק צו אַלדי רוחות! שרײַבן קען איך אויך, כאָטש קיינער האָט מיך נישט געלערנט. איך שרײַב געדרוקטע אותיות פון סידור. איך שרײַב אַזוי, אַז ס'איז שווער צו דערקענען. איך מאָל, נישט איך שרײַב. איך וואָלט אָבער אַ בעלן געווען שרײַבן גיך — קאָן איך נישט. אין אַמעריקע, זאָגט מען, שרײַבט מען גיך. אַלצדינג ווערט דאָרטן געטאָן, זאָגט מען, גיך און געשווינט, כאַפּנדיק. מע האָט דאָרט קיין צײַט נישט. אַזוי האָב איך געהערט דערציילן אונטערוועגנס פון די עמיגראַנטן. איך ווייס כמעט אַלצדינג, וואָס אין אַמעריקע טוט זיך, נאָך איידער איך בין דאָרט געווען. דאָרט פאָרט מען, זאָגט מען, אונטער דער ערד און מע מאַכט אַ לעבן. וויאַזוי מע מאַכט דאָס — ווייס איך נאָך ניט. נאָר איך וועל דאָס גיך וויסן. איך נעם איבער אַ זאַך זייער גיך. אַז איך זע אַ מענטשן איין מאָל, מאַך איך אים נאָך מיט אַלע פּיטשעווקעס. איך האָב אַנומלטן נאָכגעמאַכט אונדזער חבר פּיניע, וויאַזוי ער גייט מיט אַ טענצל, און ווי ער קוקט מיט די קורצזיכטיקע אויגן, און ווי ער רעדט גיך, זופּט הייסע לאָקשן, האָט זיך מײַן שוועגערן ברכה געהאַלטן באַ די זײַטן, און די מאַמע האָט אַזש אָנגעהויבן וויינען פאַר געלעכטער. מײַן ברודער אליהו אָבער האָט דאָס פײַנט.

ער לאָזט מיך נישט אַ קאַפּ אויפהייבן. אַ מאָדנע זאַך מיט מײַן ברודער אליהו! ער האָט מיך ליב — און שלאָגט מיך, מאַכט מיר דעם טויט. די מאַמע דערלאָזט אים נישט, ער זאָל מיך שלאָגן. זי זאָגט צו אים:

— האָב פרוער אייגענע קינדער, וועסטו זיי נאָכדעם שלאָגן...

לאָז אָבער פּרוּוון אַ פרעמדער מיך אָנרירן מיט אַ פינגער, וועט ער יענעם די אויגן אַרויסנעמען. אַנומלטן האָט אַן עמיגראַנטס אַ יִנגל מיר געשטעלט אַ גובערנאַטאָר. איר ווייסט, וואָס הייסט שטעלן אַ גובערנאַטאָר? אָט וועל איך אײַך אויסלערנען, ווי‌אַזוי: מע טוט אַ נעץ־אײַן דעם גראָבן פינגער אין מויל און מע דערלאַנגט אײַך אין זײַט צווישן די ריפּן און צווישן בויך, דערזעט איר זיך מיטן מלאך־המוות. דאָס יִנגל, וואָס האָט מיר געשטעלט אַ גובערנאַטאָר, איז אַ יונגאַטש פון אַ יאָר עלף מיט געשוואָלענע באַקן. האָט ער אַ פּאָר ידים — מעגן זיי אים אָפּדאַרן! ער האָט זיך געוואָלט מיט מיר באַקענען, איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך אַ פרעג געטאָן, ווי‌אַזוי הייס איך? זאָג איך: מאָטל. זאָגט ער: מאָטל קאַפּאָטל, דראָבל דראָטל, יוסף סאָטל, אַרץ קאָנאָטל. זאָג איך: וואָס הייסט דאָס? זאָגט ער: דאָס הייסט, אַז דו ביסט אַ יאָלד, כאָטש איך אַליין הייס אויך מאָטל. אפשר ביסטו אַ בעלן אַף אַ גובערנאַטאָר? זאָג איך: פאַרוואָס נישט? זאָגט ער: קום אַהער אַביסל נענטער, וועל איך דיר ווײַזן. בין איך צוגעגאַנגען. האָט ער מיר געוויזן. בין איך אַנידערגעפאַלן. האָט דערזען די מאַמע און געמאַכט אַ גוואַלד. איז געקומען צולויפן מײַן ברודער אליהו און האָט אים געגעבן!

פון דעמאָלט אָן זײַנען מיר געוואָרן מיט אים חבר. ער האָט מיך אויסגעלערנט, אַ חוץ דעם „גובערנאַטאָר", נאָך אַ סך זאַכן. אַ שטייגער, בויכריידערײַ. איר קענט דאָס? אויסלערנען אײַך איז אוממעגלעך. דערצו דאַרף מען זײַן געבאָרן. מע דאַרף האַלטן דאָס מויל צו, נישט רירן מיט קיין אבר, און בילן ווי אַ הונט, אָדער כרוקען ווי אַ חזיר, אַזוי, אַז אַלע זאָלן זוכן אונטערן טיש. איך האָב געגנוג איבערגעשראָקן אונדזערע לײַט. מײַן שווענערן ברכה, ווייסט איר דאָך, האָט אַ טבע פון חלשן. אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אונטערן טיש און אונטער די בעטן. איך האָב מיך אויך אָנגעבויגן זוכן דעם הונט און האָב נישט אויפגעהערט צו בילן. עס איז געווען, זאָג איך אײַך, אַ ריינע קאָמעדיע! מײַן ברודער אליהו

האָט זיך אָבער סוף־כּל־סוף געכאַפּט, אַז דאָס וואַקסט פון מיר. האָט ער מיר אײַנגעטיילט! פון דעמאָלט אָן האָב איך אָוועקגעוואָרפן די קונץ פון בויכריידערײַ.

— ד —

מיר וואָלטן פון ווין שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן, ווען נישט דער „אַליאַנץ". וועד איז דאָס דער „אַליאַנץ" — קאָן איך אײַך ריכטיק ניט זאָגן. איך הער נאָר, אַז מע רעדט פונעם „אַליאַנץ". אַליאַנץ! אַליאַנץ! אַלע עמיגראַנטן זײַנען אָפּן „אַליאַנץ" בייז! זיי זאָגן, אַז דער „אַליאַנץ" טוט גאָרנישט ניט. דער „אַליאַנץ", זאָגן זיי, האָט קיין רחמנות נישט אויף אַ מענטשן. דער „אַליאַנץ" האָט פֿײַנט אַ ייִדן. אַלע טאָג גייען צום „אַליאַנץ" מײַן ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיניע. און קומען צוגיין פון דאָרטן אַלעמאָל ווי פון אַ שוויץ־באָד.

— לאָז ער זיך אָנצינדן! — זאָגט אליהו.

— לאָז ער ברענען, ווי אַ ליכט! — זאָגט פּיניע.

— לאָזט בעסער מיך זיך אויסשמועסן מיטן „אַליאַנץ"! — זאָגט די מאַמע און זי נעמט מיך פאַר אַ האַנט.

מיר גייען אַלע צום „אַליאַנץ": די מאַמע און איך, און אליהו, און פּיניע, און ברכה, און טײַבל. מיר שטעלט זיך פאַר דער „אַליאַנץ" מיט אַ באָרד און מיט אַ גאָרטל און מיט אַ רויטער נאָז. פאַרוואָס עפּעס מיט אַ רויטער נאָז — ווייס איך אַליין נישט. למאי דער „ונתנה־תוקף"? דעם „ונתנה־תוקף" האָב איך דען געזען אַמאָל? פונדעסטוועגן, מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך קען אים: ער האָט בייזע גלאַנצנדיקע אויגן, טראָגט אַ ברייטן דאַשעק און האַלט אַ קאַנטשיק אין דער האַנט.

אוי, זײַנען מיר זיך אָנגעגאַנגען! מײַן שווער ברכה האָט גע־ווינטשעוועט דעם „אַליאַנץ", ס'זאָל אים אַזוי שטעכן אין דער רעכטער זײַט, ווי עס שטעכט איר אין דער לינקער, וואָלט ער זיך נישט פאַר־קליבן צו אַלדי שוואַרצע יאָר אין עק שטאָט! קוים מיט צרות זײַנען מיר געקומען צום „אַליאַנץ". ער זיצט אין אַ שטוב — „אַף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן". נאָר אָן אַ הויף. ווין האַלט נישט פון קיין הויפן. ווין האָט ליב משונה־ברייטע פענצטער מיט אומגעלומפּערטע טירן. נאָר זיי האַלטן די טירן פאַרשלאָסן. „זיי האָבן מורא, אפנים, מע זאָל זיי נישט אַוועקגנבענען?" אַזוי זאָגט מײַן שווער ברכה. שוין, זי האָט שוין

געוואָרפֿן אַן אומחן אַף ווין אויך! עס געפֿעלט איר נישט, וואָס אַז מע קומט צו צו אַ שטוב, דאַרף מען פֿרוּער קלינגען. וואָס אַרט מיך, אַז מע קלינגט? אבי מע זאָל עפֿענען. דער „אַליאַנץ״ אָבער עפֿנט נישט אַזוי גיך. איר מעגט קלינגען צעזעצטערהייט — ער האָט צײַט. איר מיינט, מיר זײַנען די איינציקע? אַ הויז אונדז שטייען דאָ נאָך עמיג־ראַנטן. זיי דאַרפֿן אויך צום „אַליאַנץ״. די עמיגראַנטן קוקן אַף אונדז, ווי מיר קלינגען. „קלינגט נאָך אַביסל, אפשר וועט מען אײַך עפֿענען, אפשר האָט איר מער גליק?״... אַזוי זאָגן זיי, די עמיגראַנטן, און לאַכן. אַפּנים, ס׳איז זיי גוט אַפֿן הארצן. אַלע מאָל קומען צו נײַע עמיג־ראַנטן. עס שטייען אַף דער גאַס שוין אַ היפּש ביסל עמיגראַנטן: ייִדן און ווײַבער און קליינע קינדער. איך האָב ליב, אַז ס׳איז אַ סך מענטשן. די קליינע קינדער זאָלן נישט איבערשלאָגן מיט זייער געוויין, און די מאַמעס זאָלן זיי נישט שילטן און פֿאַרשטופּן די מײַלער, וואָלט דאָ געווען גאַנץ פֿריילעך. דאַנקען גאָט, מע האָט געעפֿנט די טיר. אַלע האָבן זיך געגעבן אַ לאָז אַרײַן אַף דערשטיקט צו ווערן. אַ גליק, וואָס אַף דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ נפֿש אַן אַ היטל, מיט אַ רויט פּנים און מיט אַ געגאָלטער מאָרדע, און האָט אונדז גענומען שלײַדערן איינציקווײַז אין דרויסן אַרויס, אַזוי ווי די האָלעשקעס. איינע, אַ ווײַבל מיט אַ קינד, האָט ער דערלאַנגט אַזאַ וואָרף אַרויס, אַז ווען נישט איך מיט מײַן ברו־דער אליהו, וואָלט זי געקליבן די ציין. זי האָט זיך אַזוי אויך איבערגע־קערט דרײַ מאָל. עס האָט לאַנג געדויערט, ביז מיר זײַנען אַרײַן אַלע איינציקווײַז אינעווייניק אין שטוב אַרײַן. און ערשט דאָ האָט זיך אָנגע־הויבן אַ חתונה — טאַטעניו! אַלע ווילן ריידן פֿרוּער. אַלע קריכן גלײַך צו די טישן. בײַ די טישן זיצן מענטשן מיט נאַקעטע קעפּ און מיט גע־גאָלטע בערד און לאַכן, און רייבערן ציגאַרן. ווער פֿון זיי איז דער „אַליאַנץ״ — ווייס איך נישט. מײַן מאַמע ווייס אויך נישט. זי שטייט און טענהט צו זיי:

— זאָגט מיר, ווער פֿון אײַך איז דאָ דער „אַליאַנץ״? איך האָב געהאַט אַ שאָדן, דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט האָט מען בײַ מיר צוגענומען אַף דער גרענעץ, און שיער נישט אומגעבראַכט מיך מיט מײַנע קינדער, אָט דאָס זײַנען זיי, יתומים נעבעך, מײַן מאַן איז געשטאָרבן יונגערהייט. געווען אַ חזן כל ימיו...

און ווײַטער לאָזט מען זי נישט ריידן אַ וואָרט. איינער ציט זי

באַ דער שאַל און ווײַזט איר צו דער טיר. ער רעדט אַף אַ לשון, וואָס סע שווער צו פאַרשטיין. די מאַמע וויל נישט אָפּטרעטן ביז זי וועט נישט באַקומען איר רעכט. זי זאָגט:

— וואָס רעדט איר צו מיר אַף דײַטש? איר רעדט בעסער מיט מיר אַף אונדזער אייגן לשון, וועל איך אײַך אויסדערציילן מײַן ביטער האַרץ... איר זאָגט מיר נאַר, ווער פון אײַך איז דאָ דער „אַליאַנץ”?...

— שוויגער! פאָלגט מיך, קומט לאָמיר גיין. דער אייבערשטער האָט אונדז אויסגעפירט ביז אַהער אָן דעם „אַליאַנץ”, און אָן דער שטאָט ווין, וועט ער אונדז ווײַטער אויך מסתמא אויספירן. גאָט איז אַ פאָטער.

אַזוי זאָגט מײַן שוועגערן ברכה צו דער מאַמע, און די מאַמע ענט־פערט איר:

— ביסט גערעכט, מײַן קינד! קומט לאָמיר גיין! ווין איז אַ שטאָט און גאָט איז אַ פאָטער...

XVIII

וווּנדער פון אַנטווערפּן

— א. —

איר האָט געהערט אַמאָל, אַ שטאָט זאָל הייסן אַנטווערפּן? פאַראַן אַזאַ שטאָט אַף דער וועלט. פאָרן מיר אַהינצוצו. ווי קומען מיר קיין אַנטווערפּן? ווײַל אונדזער מחותן, מײַן ברודער אליהום שווער, יונה דער בעקער, פאָרט קיין אַמעריקע אַף אַנטווערפּן. דערהערט, אַז איר טאַטע איז אין אַנטווערפּן, האָט מײַן שוועגערן ברכה גענומען שלאָגן האַלדז און נאַקן, מיר זאָלן אויך פאָרן אַף אַנטווערפּן. פריִער האָט זי פון דער שטאָט ניט געוואָלט הערן אַפילו. דער נאָמען איז איר נישט געפעלן. איצט האָט זי זיך פאַרליבט אין אַנטווערפּן! אונדזער חבר פּיניע זאָגט, אַז ער וועט זיך מוזן אָפּטיילן פון אונדז. ער וויל בעסער פאָרן פון ווין גלײַך קיין לאָנדאָן. עס ציט אים, זאָגט ער, קיין לאָנדאָן. לאָנ־דאָן, זאָגט ער, שמעקט שוין מיט אַמעריקע: ענגלענדער... געלע האָר... קעסטלדיקע הויזן... ס'איז גאָר אַן אַנדער וועלט!

— פאָר־זשע דיר געזונטערהייט צו דײַנע ענגלענדער מיט די קעסטלדיקע האָר און מיט די געלע הויזן, און מיר וועלן זיך פאָרן קיין אַמעריקע אַף אַנטווערפּן.

אַזוי זאָגט מײַן שוועגערן ברכה, און פּיניעס ווײַב טײַבל בלאָזט זיך אָן, ווי אַן אינדיטשקע. איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז זי האָט אַ טבע, באַלד עפּעס — בלאָזט זי זיך אָן און רעדט ניט. פרעגט בײַ איר פּיניע: וואָס ביסטו ברוגז? זאָגט זי, אַז זי האָט פײַנט ענגלענדער. זאָגט צו איר פּיניע: דו קענסט זיי דען? וווּ האָסטו געזען אַן ענגלענדער? זאָגט זי: נו, און דו, וווּ האָסטו געזען אַן ענגלענדער?

בקיצור, עס בלײַבט, אַז מיר פאָרן אַלע קיין אַמעריקע אַף אַנט־

ווערפֿן. בײַ מיר מאַכט נישט אויס, מע זאָל פֿאָרן אַפֿילו איבער האָצע־
פּלאַץ — אַבי קיין אַמעריקע. איך און אונדזער חבר פּיניע — מיר ביידע
רײַסן זיך קיין אַמעריקע מער פֿון אַלעמען. מיר פֿילן, אַז אונדז וועט
דאָרטן זײַן גוט, ווי די וועלט. פּיניע האָט טענות צו מײַן ברודער אליהו.
ער זאָגט: מיר פֿאָרן און פֿאָרן און שטייען אױף איין אָרט. זאָגט אים
אליהו: נו, ווער האַלט דיך צו? פֿאָר! לויף! פֿלי! זאָגט פּיניע: ווי
קאָן איך פֿליִען, אַז דײַן מאַמע וויל זיך באַקענען מיט אַלע קאָמיטעטן
פֿון דער גאַנצער וועלט?... דערהערט די מאַמע און זאָגט צו פּיניען:
אַז דו ביסט יאָ אַזאַ חכם, טאָ גיב מיר אַן עצה, ווי אַזוי זאָלן מיר קומען
קיין אַמעריקע אָן בעטגעוואַנט?... דאָ בלײַבט שוין פּיניע אָן לשון, און
מע ווערט ווידער חבר. אונדזער חבר פּיניע קאָן זיך מיט אונדז נישט
צעשיידן. די ווײַבער קאָנען אויך נישט לעבן איינע אָן דער אַנדערער.
דאָס הייסט, מע קריגט זיך אַפֿילו גאַנץ אָפֿט, מע זאָגט זיך שטעכווערט־
לעך. עס דערגייט אַמאָל כמעט צו פּעטש אויך. מע בעט זיך אָבער באַלד
איבער. ווען נישט די מאַמע, וואָלט מײַן שוועגערן ברכה מיט פּיניעס
ווײַב טײַבל קיין לאַנגע גוטפֿרײַנטשאַפֿט נישט אויסגעהאַלטן. עס וואָלט
בײַ זיי געווען אַלע טאָג צוויי שלייערס אַ גראָשן. איבערהויפּט, מײַן
שוועגערן. זי זאָגט אַליין אױף זיך, אַז זי איז אַ שוועבעלע. איר אַז עס
קומט אָן די שלעכטע מינוט, וועט זי אײַך מאַכן מיט דער בלאָטע. אין
אַ ווײַלע אַרום ווערט זי ווייך, כאָטש לייגט זי צו צו אַ מכה. מיט מיר
„וואָיעוועט" זי פֿון דער ערשטער מינוט נאָך דער חתונה. זי ווייס, אַז
איך האָב זי נישט ליב. ערגער פֿון אַלצדינג איז בײַ איר, למאי איך
לאַך פֿון איר. עס ווײַזט זיך איר רק, אַז איך לאַך זי אויס. אַז איך קוק
אױף איר, הייסט בײַ איר, אַז איך לאַך. איך האָב אײַך שוין דערציילט,
אַז איך האָב ליב מאָלן, און אַז מײַן ברודער אליהו שלאָגט מיך דער־
פֿאַר. האָב איך אַנומלטן אויסגעמאָלט אַ פּוס. אַ מוראדיק גרויסן פּוס.
מיט קרײַד אױף דער ערד האָב איך אים אויסגעמאָלט. האָט איר באַדאַרפֿט
זען וואָס ס'האָט זיך געטאָן! זי, ברכה הייסט עס, האָט זיך אָנגעטשע־
פּעט, אַז דאָס האָב איך אויסגעמאָלט איר פּוס. פֿאַרוואָס עפּעס איר פּוס?
ווײַל קיינער האָט נישט אַזעלכע גרויסע פֿיס, ווי ברכה. קאַלאָשן טראָגט
זי נומער דרײַצן. איר זאָלט זען אַ פּאָר קאַלאָשן!... האָט זי מיר צו־
געשטעלט אַ בענקעלע צו מײַן ברודער אליהו. האָט זיך מײַן ברודער
אליהו אױף מיר צעשריִען, ווי געוויינלעך:

— מענטשעלעך? האָסט זיך שוין ווידער גענומען צו דײַנע אַלטע שטיק, מאַלן מענטשעלעך?...

שוין! פֿון אַ פּוס איז שוין בײַ אים געוואָרן אַ מענטש! און פֿון איך מוז מיך מודה זײַן, אַז וואָס ווײַטער ווערט בײַ מיר דאָס חולאת פֿון מאָלן מענטשעלעך גרעסער און שטאַרקער. איך האָב דערטאַפּט אַ פּאָר־ביק בלײַשטיפֿטל. מיר האָט דאָס אָוועקגעשענקט אַן עמיגראַנטס אַ יונגל. אַ מענטש — „מענטשעלעך!... מע קאָן פֿון זיי משוגע ווערן!... אָט דער אייגענער, וואָס האָט מיר באַוויזן, וויאַזוי מע שטעלט אַ „גור־בערנאַטאָר", און אויסגעלערנט מיך די קונץ פֿון בויכריידערײַ. איך האָב אײַך שוין דערציילט פֿון אים. ער הייסט אויך מאָטל. רופֿן מיר אים מאָטל דער גרויסער, און מיך רופֿט מען מאָטל דער קליינער. מיר זײַנען געוואָרן חבר גאָר אַף אַן אַנדער אופֿן! דערפֿאַר, וואָס ער האָט מיר אָוועקגעשענקט דאָס פֿאַרביקע בלײַשטיפֿטל, האָב איך, פֿאַרנדיק אין וואַגאָן, אים אָפּגעמאָלט אַף פּאַפּיר, אינגאַנצן זײַן געשטאַלט מיט די געשוואָלענע באַקן. איך האָב אים באַשוואָרן, ער זאָל דאָס קיינעם נישט ווײַזן, וואָרעם טאָמער דערוויסט זיך מײַן ברודער אליהו, וועל איך האָבן אַ וויסטן סוף. ווי מיינט איר? אוודאי האָט ער דאָס גלײַך אָפּגעטראָגן צו מײַן ברודער אליהו און האָט אים געגעבן אַ טו־אָ־ווײַז דאָס געמאָ־לעכץ גלײַך אין פּנים אַרײַן.

— דאָס דאַרף זײַן מאָטלס אַרבעט! וווּ איז ער ערגעץ, דער מוג־לעטש מיט די „מענטשעלעך"?

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו און זוכט מיך און קאָן מיך נישט געפֿינען. איך זיץ אונטער דער מאַמעס פּלייצעס און ווער שיער נישט דערשטיקט פֿאַר געלעכטער. קיין בעסערער אָרט אַף צו באַהאַלטן זיך, ווי בײַ דער מאַמען, איז נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט!

— ב. —

דאַנקען גאָט, מיר זײַנען שוין אין אַנטווערפּן. מיר האָבן זיך גוט אָנגעהעצקעט, גענוג אויסגעריסן געוואָרן, אָבער מיר זײַנען געקומען! וואָס זאָל איך אײַך זאָגן — איז דאָס אַ שטאָט! דאָס הייסט, צו ווין קומט דאָס נישט. מע דאַרף זאָגן „להבדיל"! וואָרעם ווין איז פֿיל גרע־סער, און אפֿשר שענער אויך. און מענטשן אויך מערער. דערפֿאַר איז

אָבער דאָ אין אַנטווערפּן ריין, אַזוי ווי גאָלד. וואָס איז דאָס הידוש? אַז די גאַסן וואַשט מען, די טראָטואַרן פּוצט מען, און די הײַזער צוואָגט מען. איך האָב אַליין געזען, ווי מע צוואָגט זיי און מע זייפּט זיי מיט זייף. דאָס הייסט, נישט אומעטום. למשל, דאָרט, אַף די אַכסניות, ווו מיר שטייען מיט אַלע עמיגראַנטן, איז אַזוי ווי עס דאַרף צו זײַן. דאָס הייסט: בלאָטיק, און רייכיק, און נאַס, און גליטשיק, און ענג, און אַ יאַריד מיט אַ טומל מיט אַ האַרמידער. פרייליך. אויסגעצייכנט. אַזוי ווי איך האָב ליב. אונדזער מחותן יונה דער בעקער איז נאָך נישטאָ. אונדזער שכנה פּעסיע מיט דער כאַליאַסטרע — אויך נישט. זיי פאָרן נאָך. שלעפּן זיך ערגעץ איבער דײַטשלאַנד. „דײַטשלאַנד איז סדום!" אַזוי זאָגן די עמיגראַנטן און דערציילן זיך אָן מוראדיקע מעשיות! אונדזער אומגליק מיטן בעטגעוואַנט, וואָס מע האָט בײַ אונדז אַוועקגעלקחנט אַף דער גרענעץ, איז אַ הונט אַקעגן די אומגליקן, וואָס מע הערט זיך אָן פון די עמיגראַנטן. מיר האָבן זיך באַקענט דאָ אַף דער סטאַנציע מיט אַ ייִדענע פון מעזשביזש, דווקא נישט קיין אלמנה. זי האָט דווקא אַ מאַן, און דווקא אין אַמעריקע שוין. זי פאָרט דאָס צו איר מאַן. שוין באַלד אַ יאָר, אַז זי שלעפּט זיך מיט צוויי קינדער. זי איז אויסגעווען ווו די וועלט האָט אַן עק. נישטאָ איין שטאָט, זי זאָל דאָרט נישט זײַן. זי האָט זיך איבערגעקריגט מיט אַלע קאָמיטעטן. קוים מיט צרות האָט זי זיך פאַרשלעפּט אַהער, קיין אַנטווערפּן, און וויל זיך זעצן אַפן שיף, לאָזט מען זי נישט. איר מיינט, זי האָט קאַליעדיקע אויגן? חלילה! געזונט און שטאַרק. נאָר זי איז אַביסל געריררט פונעם זינען. דאָס הייסט, אַזוי, אַז איר וועט מיט איר ריידן, רעדט זי אַלצדינג, ווי אַ מענטש. נאָר אַמאָל טוט זי אײַך אַ זאָג אַ וואָרט, קאָן מען בלײַבן אָן אַ בויך לאַכנדיק. למשל, איר פרעגט בײַ איר: ווו איז אײַער מאַן? זאָגט זי: אין אַמעריקע. וואָס טוט ער דאָרטן? זאָגט זי: ער איז דאָרט קייסער... זאָגט איר דאָך איר: ווי קאָן אַ ייִד זײַן אַ קייסער? ענטפערט זי אײַך, אַז אין אַמעריקע מעג מען... נו, האָט איר עפּעס צו איר?... נאָך אַ זאַך האָט זי זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן: זי עסט נישט! אונדז הייסט זי אויך נישט עסן. זי זאָגט אונדז אָן, מיר זאָלן זיך נישט צורירן צו קיין מילכיקס, מחמת דאָס מילכיקס איז דאָ פליישיק. פרעגט בײַ איר די מאַמע: נו, און דאָס פלייש? זאָגט זי: דאָס פלייש איז דאָ נישט פליישיק, נישט מילכיק, נאָר פּאַרעווע... שיסן מיר אַרויס אַ געלעכ־

טער אַלע. אַלע, אויסער די מאַמע. די מאַמע וויל נישט לאַכן. די מאַמע וויל בעסער וויינען. זי זאָגט: „אַז אָך און ווי איז צום געלעכטער!“ — און זי צעוויינט זיך טאַקע.

— שוין? האָסט שוין לאַנג נישט געוויינט? דו ווילסט, אַז פֿון אַנטווערפּן שוין זאָל מען אונדז אָפּשיקן צוריק אַהיים איבער דײַנע אויגן?...

אַזוי זאָגט צו איר מײַן ברודער אליהו — און באַ דער מאַמע ווערן אין איין מינוט די אויגן טרוקן. מער ווי אַף דער יעדנע אַליין האָט די מאַמע רחמנות אַף אירע צוויי קינדער נעבעך. איך ווייס נישט, וואָס די מאַמע באַוויינט אַזוי די קינדער? די קינדער זײַנען, דאַכט זיך, גאַנץ פֿריילעך! אַז זייער מאַמע הייבט אָן ריידן נאַרישקייטן, צעלאַכן זיי זיך. איך האָב מיך מיט זיי גיך באַקענט. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז מע שיקט זיי צוריק אַהיים, נאָר זייער מוטער וויל נישט פֿאָרן. זי וויל קיין אַמעריקע, צו זייער פֿאָטער, צום קייסער (כי־כי־כי!). נאָרט מען זי אָפּ און מע זאָגט איר, אַז מע שיקט זי מיט דער באַן קיין אַמעריקע (כי־כי־כי!). מע האָט איר אײַנגערעדט, אַז עס גייט אַ באַן פֿון דאַנען גלײַך קיין אַמעריקע (כי־כי־כי!).

— ג —

די חידושים, וואָס מע זעט זיך אָן אין דעם אַנטווערפּן, איז גאָרניט צום באַשרײַבן! אַלע טאָג קומען צו נײַע פֿאַרשוינען. צום מיינסטן, מיט קאַליעדיקע אויגן. „טראַכאָמעס“ רופֿט מען דאָס. אַמעריקע לאָזט נישט אַרײַן קיין „טראַכאָמעס“. איר מעגט אײַך האָבן טויזנט שלאַפֿקייטן, איר קאָנט אײַך זײַן קרום און שטום און וואָס איר ווילט, אַבי נישט קיין „טראַכאָמעס“ אַף די אויגן. פֿונוואַנען נעמען זיך „טראַכאָמעס“? פֿון דעם, וואָס מע נעמט זיך אָן. אַמאָל מאַכט זיך, אַז מע ווייס אַליין נישט, פֿונוואַנען עס האָט זיך גענומען. אַזוי האָב איך געהערט טאַקע דאָ אין אַנטווערפּן. פֿון אַ מיידל האָב איך עס געהערט. גאָלדעלע הייסט דאָס מיידל. זי איז אין מײַנע יאָרן, אפֿשר עלטער פֿון מיר מיט אַ יאָר. מיט דער גאָלדעלע איז אַ שיינע געשיכטע. זאָל איך אײַך דערציילן? באַקענט האָב איך מיך מיט איר אין דער „עזרה“. נאָר איר ווייסט דאָך נישט וואָס איז „עזרה“. דאַרף מען אײַך קלאָר מאַכן. די „עזרה“ אין אַנטווערפּן

איז דאָס אייגענע, וואָס דער „אַליאַנץ" אין ווין. געמאַכט געוואָרן פון אונדזערטוועגן, פאַר די עמיגראַנטן. דער חילוק איז, וואָס דער „אַליאַנץ" איז אַ זכר און די „עזרה" אַ נקבה. איר הערט דאָך, אַז מע זאָגט ד ע ר „אַליאַנץ", די „עזרה". דאַרפט איר שוין אַליין פאַרשטיין דעם אונטערשייד... הכלל, וויבאַלד מיר זײַנען אָנגעקומען קיין אַנטווערפּן, זײַנען מיר געגאַנגען גלײַך אין דער „עזרה". די „עזרה" איז נישט דאָס, וואָס דער „אַליאַנץ". דער „אַליאַנץ" וואַרפט מענטשן, אַזוי ווי האָלעשקעס, און די „עזרה" טרײַבט אײַך נישט. איר קאָנט קומען צו איר ווען אירווילט און קאָנט זיך אויסריידן פאַר איר דאָס האַרץ וויפל איר ווילט. אַלצדינג, וואָס איר רעדט, ווערט אַרײַנגעטראָגן אין אַ בוך. סע זיצט אַ מיידל, וואָס מע רופט זי פרײַלן זײַטשיק, און פאַרשרײַבט. זייער אַ וווויל מיידל. זי האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי איך הייס, און האָט מיר געשענקט אַ צוקערקע. נאָר פון דער פרײַלן זײַטשיק וועל איך אײַך דערציילן אַן אַנדערש מאָל. איצט דאַרף איך אײַך זאָגן, ווער איז גאָלדעלע. זי איז פון קוטנע. געקומען איז זי אַהער פאַראַיאָרן מיט איר טאַטע־מאַמע, שוועסטער און ברידער. סוכות־צײַט איז דאָס געווען. האָבן זיי געהאַט, זאָגט זי, אַ יום־טוב — אַף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן. דאָס הייסט, קיין גליקן האָבן זיי נישט געזוכט, און קיין האָניק האָבן זיי נישט געלעקט. געוואַלגערט זיך גלײַך מיט אַלע עמיגראַנטן. נאָר דערפאַר האָבן זיי געהאַט שיפסקאַרטן ביז אַמעריקע אַף דער גאַנצער משפחה, און אויסגעקליידט איז מען געווען בגדי־מלכות. אַלע האָבן געהאַט צו צוויי העמדער און גאַנצע שיך. הײַנט איז זי געבליבן אינגאַנצן מיט איין העמד און אָן שיך. ווען נישט דאָס פרײַלן זײַטשיק, זאָגט זי, וואָלט זי גאָר געגאַנגען באָרוועס. דאָס פרײַלן זײַטשיק האָט איר אַוועקגעשענקט, זאָגט זי, אַ פאָר שיך פון אירע אייגענע פיס. נאָך גאַנץ גוטע שיך. אַזוי האָט מיר דערציילט גאָלדעלע און האָט מיר באַוויזן די שיך, וואָס דאָס פרײַלן זײַטשיק האָט איר אַוועקגעשענקט. גאַנץ שיינע שיך, נאָר אַ ביסל צו גרויס אַף איר... בקיצור, ס'איז אַוועקגעגאַנגען די ערשטע טעג סוכות און שמחת־תורה, ס'איז געקומען די צײַט, וואָס מע דאַרף זיך זעצן אַפן שיף. זאָגט מען צו זיי, אַז זיי זאָלן זיך דורכגיין צום דאָקטער. זײַנען זיי געגאַנגען צום דאָקטער. האָט זיי דער דאָקטער באַטראַכט און געפונען, אַז זיי זײַנען אַלע געזונט און שטאַרק און קאָנען פאָרן קיין אַמעריקע. נאָר זי, גאָלדעלע הייסט עס, קאָן נישט פאָרן, ווײַל זי האָט „טראַכאָמעס"

אױף די אױגן. פֿריִער האָבן זײ גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, מיט װאָס מען עסט דאָס. ערשטע שפּעטער האָבן זײ דאָס רעכט צעקײַט. דאָס האָט געהײסן, אַז אַלע פֿאָרן אַװעק קײן אַמעריקע, נאָר זי, גאָלדעלע, בלײַבט איבער דאָ, אין אַנטװערפּן. איז געװאָרן אַ געװײן, אַ יאָ־מער, אַ קלאָג. די מאַמע האָט געחלשט דרײַ מאָל. דער טאַטע האָט גע־װאָלט בלײַבן דאָ, האָט מען נישט געקאָנט. די גאַנצע שיפֿסקאַרטע װאָלט געגאַנגען פֿאַרלאָרן. איז געבליבן, אַז זײ פֿאָרן אַװעק קײן אַמעריקע, און זי, גאָלדעלע, בלײַבט איבער דאָ ביז עס װעלן זיך אױסשטײן די „טראַכאָ־מעס" פֿון אירע אױגן... און אָט אַזױ, שױן באַלד אַ יאָר, אַז זי הײלט זיך און האָט זיך נאָך נישט אױסגעהײלט. דאָס פֿרײַלן זײַטשיק זאָגט, אַז דערפֿאַר הײלן זיך נישט אױס אירע אױגן, װײַל זי װײנט כּסדר. נאָר זי, גאָלדעלע, זאָגט, אַז איבער אַן אַנדער זאַך הײלן זיך איר נישט אױס די אױגן. איבערן בלױשטײן! אַלעמאָל, װען זי קומט צום דאָקטער, שמירט ער איר די אױגן, זאָגט זי, מיטן זעלבן בלױשטײן, װאָס ער שמירט אַלע איבעריקע קראַנקע. װען זי, גאָלדעלע, פֿאַרמאָגט צו קױפֿן אַן אײגע־נעם בלױשטײן, װאָלט זי זיך שױן לאַנג, זאָגט זי, אױסגעהײלט.

— נו, און דײַנע טאַטע־מאַמע? — פֿרעג איך זי.

— זײַנען אין אַמעריקע. זײ מאַכן דאָרט אַ לעבן. איך האָב פֿון זײ בריװ. אַלע חודש כּמעט האָב איך פֿון זײ אַ בריװל. נאָ זע, קאָנסט לײענען? לײען מיר!

און זי נעמט אַרױס פֿון בוזעם אַ גאַנצן פּאַק מיט בריװלעך און גיט מיר, איך זאָל זײ איר לײענען הױך אױף אַ קול. איך װאָלט דאָס איר געװױס געטאָן. קאָן איך אָבער נישט לײענען קײן געשריבענעס. ס'זאָל זײַן געדרוקט, װאָלט איך עס געלײענט. לאַכט זי פֿון מיר און זאָגט, אַז אַ ייִנגל איז נישט קײן מײדל. אַ ייִנגל דאַרף קאָנען אַלץ אױף דער װעלט! איך האָב מורא, אַז זי איז גערעכט. אײ, װאָלט איך אַ בעלן זײַן קאָנען לײענען געשריבענעס! אײ, בין איך מקנא מײַן חבר מאָטל דעם גרױסן, װאָס ער קאָן לײענען און שרײַבן (איך האָב אײַך שױן דערצײלט פֿון אים)! האָט אים גאָלדעלע געגעבן איבערלײענען די בריװלעך, װאָס מע שרײַבט איר פֿון אַמעריקע. האָט זײ מאָטל דער גרױסער געלײענט װי אַ װאַסער. די בריװלעך זײַנען אַלע געשריבן מיט אײן לשון און מיט די זעלביקע װערטער:

„טײַערע גאָלדעלע, האַרציקע גאָלדעלע, לעבן זאָלסטו! אַז מיר

דערמאָנען זיך דאָ, אין דעם אַמעריקע, אַז אונדזער קינד האָט מען אַרויס־געריסן פון אונדזערע הענט און דו וואַלגערסט זיך דאָרטן אין דער פרעמד צווישן אומבאַקאַנטע מענטשן, גייט אונדז נישט אַיַן דאָ דער ביסן. טאָג ווי נאַכט טוען מיר דאָ קלאָגן און וויינען אויף אונדזער ליכטיקן שטערן, וואָס איז צוגענומען געוואָרן פון אונדזערע אויגן..." און אַזוי ווײַטער.

מאָטל דער גרויסער לייענט און לייענט, און גאָלדעלע וויינט, ווישט זיך די אויגן. דערזעט דאָס פּרײַלן זײַטשיק, הייבט זי אָן זיך בייזערן אויף אונדז, וואָס מיר מאַכן זי וויינענדיק. און צו גאָלדעלען זאָגט זי, אַז זי האָט קיין רחמנות נישט אויף זיך אַליין. זי מאַכט זיך אַ תל פון דעם איבעריקן ביסל אויגן! ענטפערט איר דערויף גאָלדעלע מיט אַ געלעכ־טער, און טרערן גיסן זיך איר פון די אויגן:

— אַ תל פון די אויגן מאַכט מיר דער דאָקטער מיט זײַן בלוישטיין, ערגער ווי איך מיט מײַן געוויין...

מיר געזעגענען זיך מיט גאָלדעלען, און איך זאָג איר צו, אַז מאָרגן אין דער צײַט וועלן מיר זיך דאָ ווידעראַמאָל זען.

— אם ירצה השם! — ענטפערט גאָלדעלע מיט אַ פרום פּנים, ווי אַן אַלטע. און מירביידע, מאָטל דער קליינער און מאָטל דער גרויסער, לאָזן זיך גיין שפּאַצירן איבער אַנטווערפּן.

— ד. —

מיר, דאָס הייסט, איך מאָטל דער קליינער, און מײַן חבר מאָטל דער גרויסער, זײַנען נישט אַליין. מיר האָבן דאָ נאָך אַ חבר. ער איז אַ יונגל פון אַ יאָר דרײַצן און הייסט מענדל. ער איז אויך פאַרבליבן אין אַנטווערפּן, פאַרנדיק קיין אַמעריקע, נישט איבער די אויגן, נאָר איבער אַן אַנדער זאַך. אים האָט מען פאַרלוירן אויפן וועג, ערגעץ אין דײַטשלאַנד. אַ גאַנצן וועג, דערציילט ער, האָבן זיי זיך דערהאַלטן די נשמה נאָר מיט הערינג. האָט אים געברענט אויפן האַרצן. האָט ער זיך אַראָפּגעכאַפּט אויף אַ סטאַנציע כאַפּן אַ טרונק וואַסער, און איז געבליבן שטעקן אָן בילעט און אָן אַ קאָפּיקע געלט און אָן אַ העמד אויפן לײַב. און מחמת ער האָט נישט געקענט זייער שפּראַך, האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שטומען. האָט מען אים אויסגעפירט ווו די וועלט האָט אַן עק, ביז ער האָט דערזען אַ פּאַרטיע עמיגראַנטן, ייִדן. איז ער צוגעגאַנגען צו זיי און האָט זיי

דערציילט די גאַנצע מעשה. האָבן זיי אַף אים רחמנות געהאַט און האָבן אים גענומען מיט זיך און געבראַכט צו פירן אַהער, קיין אַנטווערפּן. דאָ האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער „עזרה״. האָט די „עזרה״ אַוועקגעשריבן אַ בריוו קיין אַמעריקע, טאָמער וועט מען אויפזוכן זײַנע עלטערן. וואַרט ער דאָס אַף אַן ענטפער און אַף אַ שיפסקאַרטע. דאָס הייסט, אַף אַ האַלבע שיפסקאַרטע, מחמת ער איז נאָך אַ קליינער. דאָס הייסט, ער איז נישט זוי קליין, ווי ער האַלט זיך קליין. ס׳איז אַ סברא, אַז ער איז שוין בר־מצווה, כאָטש קיין תפילין לייגט ער נישט. ער האָט נישט. זײַנען געוואָר געוואָרן עמיגראַנטן, אַז מענדל איז אַ בר־מצווה־בחורל און האָט נים קיין תפילין, איז געוואָרן אַ גוואַלד: פאַרוואָס זעט מען אים נישט קיין תפילין? זאָגט מענדל: „פאַרוואָס זעט מען מיר נישט קיין שטיוול?״... רופט זיך אָן צו אים איינער אַן עמיגראַנט מיט שאַרפע אויגן: „אַ דו, שייגעץ! נישט גענוג מע זאָרגט זיך פאַר דיר, ביסטו נאָך אַן עזות־פּנים?״... דער עמיגראַנט מיט די שאַרפע אויגן האָט אַזוי לאַנג גע־אַרבעט, ביז די איבעריקע עמיגראַנטן האָבן זיך צונויפגעלייגט און האָבן אים געקויפט אַ פּאָר תפילין. אַלצדינג איז צו קריגן אין דעם אַנטווערפּן. אפשר מיינט איר, ס׳איז נישטאָ קיין בתי־מדרשים מיט קיין שולן? אַהאַ, נאָך וואָסערע שולן! איין שול איז דאָ אַ טערקישע. איר מיינט, דאָרטן דאַווענען טערקן? ניין! דאָרטן דאַווענען יידן, די אייגענע יידן, וואָס מיר, נאָר אַף טערקיש. דאָס הייסט, פאַרקערט. מע פאַרשטייט נישט איין וואָרט! געפירט האָט אונדז אַהינצו אונדזער נײַער חבר מענדל. מיר אַלע דרײַ, איך און מאָטל דער גרויסער און מענדל, זײַנען געוואָרן חבר. גאַנצע טעג גייען מיר אַרום איבער דער שטאָט. דאָרט, אין בראָד, אין קראָקע מיט לעמבערג, אָדער אין ווין, פלעגט מיך די מאַמע מורא האָבן אָפּלאָזן פון זיך אַף אַ טריט. דאָ אין אַנטווערפּן האָט זי קיין מורא נישט. דאָרט, זאָגט זי, זײַנען סאַמע דײַטשן, און דאָ, אין אַנטווערפּן, זײַנען מיר, זאָגט זי, צווישן מענטשן, צווישן אייגענע. מע הערט ריידן אַ יידיש וואָרט. דאָס מיינט זי די עמיגראַנטן. לעבן זאָלן די עמיגראַנטן! צווישן עמיגראַנטן פילן מיר זיך טאַקע היימיש. ובפרט צווישן אייגענע! אָט באַלד וועלן מיר האָבן געסט. אם ירצה השם, נאָך שבת קומט אונדזער מהותן, יונה דער בעקער, מיט זײַן הויזגעזינד. מיר וואַרטן, הײַנט־מאָרגן זאָל קומען אונדזער שכנה פעסיע מיט איר כאַליאַסטרע. אָט דאָ וועט ערשט ווערן אַ שמחה. איך וועל אײַך, אם ירצה השם, באַשרײַבן אַלצדינג.

XIX

די כאַליאַסטרע

— א. —

איר זײַט דאָך שוין באַקאַנט מיט דער כאַליאַסטרע. דאָס איז אונדזער שכנה פּעסיע מיט איר מאַן דעם אײַנבינדער (ער הייסט משה), מיט זייערע אַכט קינדערלעך, וואָס יעדער האָט באַ זיי, ווי איך האָב אײַך שוין אַמאָל דערציילט, אַן אַנדער צונעמעניש. דער קלענערער פון אַלע איז אין מײַנע יאָרן (נײַן, דאָס צענטע). מע רופט אים „ושתי". דאָס הייסט, דער אמתער נאָמען זײַנער איז הערשל, נאָר מחמת ער האָט אַ גאָלי אַפּן שטערן, האָבן אים די עלטערע אַ נאָמען געגעבן „ושתי". איך האַלט פון „ושתין". איך האָב אים ליב דערפאַר, וואָס ער וויינט נישט. וויפל איר זאָלט אים נישט שלאָגן, נעמט ער צו ווי אַ שוואָם. עס נעמט אים נישט קיין קויל. איינמאָל האָט ער צעריסן אַ פרעמדן סדור, האָט אים זײַן טאַטע, משה דער אײַנבינדער, געשלאָגן מיטן ברעטל, וואָס מע שנײַדט אַף דעם פּאַפּיר. „ושתי" האָט נאָך דעם גוט געקרענקט צוויי טאָג כסדר. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון בולקע. מע האָט שוין ניט געהאַלטן פון זײַן לעבן. די מאַמע זײַנע, אונדזער שכנה פּעסיע האָט אים שוין באַוויינט, און דער פּאָטער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. אַלע האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַן עק, אויס „ושתי"! צום סוף — גאָרנישט. אַפן דריטן טאָג האָט „ושתי" געבעטן ברויט און געגעסן ווי נאָך אַ תענית. עסן האָבן זיי ליב אַלע, זיי האַלטן פון דער אכילה. „די הונגעריקע טשערעדע" — אַזוי רופט זיי די מוטער אַליין, פּעסיע הייסט עס. פּעסיע איז אַ יידענע זייער אַ ווילע, נאָר אַ ביסל צו דיק. זי האָט דרײַ גוידערס. איך האָב זי שוין עטלעכע מאָל אַראָפּגעכאַפּט אַף פּאַפּיר. האָט איינמאָל דערזען „ושתי", האָט ער אַרויסגעכאַפּט באַ מיר דאָס געמאָ־

לעכטס און האָט דאָס באַוויזן אַף טשיקאַוועס דער מאַמע זײַנער. האָט זי געלאַכט. איז געוואָר געוואָרן מײַן ברודער אליהו, האָט ער מיר גע־וואָלט אײַנטיילן פאַר די „מענטשעלעך”, ווי זײַן שטייגער איז. אַ גליק, וואָס פּעסיע אַליין האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר מיר. „אַ קינד, זאָגט זי, מאַכט זיך נאַריש, נישט כדאי זיך אָפּעסן דאָס האַרץ”. לאַנג לעבן זאָל זי, פּעסיע. איך האָב זי ליב. איך האָב נאָר פײַנט, אַז זי קושט זיך. אַז זי איז געקומען קיין אַנטוועפּן, האָט זיך מיך אַרומגעכאַפּט קושן, ווי אַן אייגן קינד. מיט אַלעמען האָט זי זיך געקושט. מער פון אַלע, געוויינטלעך, מיט דער מאַמען. די מאַמע אַז זי האָט זי דערזען, איז גלײַך ווי דעם טאַטן פון יענער וועלט: זי האָט זיך אַזוי צעוויינט, אַז מײַן ברודער אליהו איז אָנגעפאַלן אַף פּעסיען, אַז איבער איר מאַכט די מאַמע אַ תל פון די אויגן און קאָן נישט גיין צום דאָקטער... גיין צום דאָקטער — דאָס מוז יעדער, ווער עס קומט אַהער קיין אַנטוועפּן. דאָס ערשטע, וואָס איינער פרעגט באַם אַנדערן, איז: „זײַט איר שוין געווען באַם דאָק־טער?”... „וואָס האָט אײַך געזאָגט דער דאָקטער?”... אפילו די „עזרה”, אַז מע קומט צו איר צו גיין, שיקט זי באַלד אָפּ צום דאָקטער.

אַז מיר זײַנען געקומען אַהין דאָס ערשטע מאָל, האָט די מאַמע נאָר וואָס געוואָלט אָנהייבן דערציילן די מעשה: ווי אַזוי איר מאַן איז געווען כל ימיו אַ חזן אין דער קצבישער שול... ווי אַזוי ער האָט זיך פאַרקילט און קראַנק געוואָרן... ווי אַזוי זי האָט אַלצדינג פאַרקויפט, אַבי ראַ־טעווען דעם טאַטן... ווי אַזוי דער טאַטע איז געשטאָרבן און זי איז געבליבן אַן אלמנה מיט צוויי קינדער יתומים... איינעם האָט זי, ברוך השם, חתונה געמאַכט, אַרײַנגעגעבן אין אַ שמאַלץ־גרוב... די שמאַלץ איז אויסגערונען, די גרוב איז געבליבן... נאָכדעם, ווי אַזוי מיר האָבן פאַרקויפט דאָס לעצטע שטיקל חיות, אונדזער האַלבע שטוב, און געלאָזט זיך קיין אַמעריקע... נאָכדעם וויאַזוי מיר האָבן געגנבעט די גרענעץ הינטער בראָד, שיער ניט געהרגעט געוואָרן אין אַ פינצטערער נאַכט, און האָבן פאַרלאָרן דאָס גאַנצע ביסל גוטס, דאָס בעטגעוואַנט — וואָס וועלן מיר טאָן איצט אָן בעטגעוואַנט אין אַזאַ ווײַט לאַנד?...

— אַזוי טענהט די מאַמע פאַר דער „עזרה”, און די „עזרה” הערט, און דאָס מיידל, וואָס זיצט באַם טיש (פרײַלן זײַטשיק הייסט דאָס מיידל), פאַרשרײַבט איטלעכס וואָרט, וואָס די מאַמע זאָגט, אין אַ בוך אַרײַן.

די מאַמע האָט נאָך צו דערציילן און צו דערציילן, רופט זיך אָן צו איר איינער פון דער „עזרה״:

— אַלזאָ, פאָרט איר קיין אַמעריקע?

זאָגן מיר:

— פאַרשטייט זיך, נישט קיין יעהופּעץ, קיין אַמעריקע.

רופט זיך אָן צו אונדז יענער, וואָס פון דער „עזרה״:

— זייט איר שוין געוועזן באַם דאָקטער?

זאָגן מיר:

— וואָסער דאָקטער?

רופט זיך אָן צו אונדז יענער, וואָס פון דער „עזרה״:

— אָט האָט איר אַן אַדרעס. גייט זיך דורך, ראשית חכמה, צום דאָקטער, וועט ער באַטראַכטן אַיערע אויגן.

דערהערט דאָס וואָרט „אויגן״, טוט מײַן ברודער אליהו אַ קוק אַף דער מאַמען און ווערט טויט ווי די וואַנט...

וואָס האָט ער זיך אַזוי דערשראָקן?...

— ב. —

שוין, דאַנקען גאָט. מיר זײַנען שוין אַלע געווען באַם דאָקטער, נאָר די מאַמע נאָך נישט. די מאַמע וועט זײַן שפּעטער. מײַן ברודער אליהו האָט מורא. זי האָט די לעצטע צײַט צופיל געוויינט... דער דאָקטער האָט אונדז אַרײַנגעקוקט אין די אויגן אַרײַן און אָנגעשריבן אונדז עפּעס אַף אַ פּאַפּיר און פאַרחתמעט אין אַ קאָנווערט. האָבן מיר זיך תּהילת זייער דערשראָקן. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס האָט ער אונדז פאַרשריבן אַ רפואה צו די אויגן. פרעגן מיר אים: וואָס האָט ער אונדז פאַרשריבן? ווײַזט ער אונדז מיט דער האַנט אַף דער טיר. שטויסן מיר זיך, אַז מע הייסט אונדז גיין... קומען מיר צו דער „עזרה״ און ווײַזן איר דאָס געשריפטס פונעם דאָקטער. נעמט דאָס מיידל (פרײַלן זײַטשיק) און עפנט אויף דאָס קאָנווערטל און לייענט איבער און מאַכט צו אונדז:

— איך קאָן אײַך אָנזאָגן אַ בשורה: דער דאָקטער זאָגט, אַז איר האָט געזונטע אויגן.

אוודאי איז דאָס פאַר אונדז אַ בשורה! וואָס טוט מען אָבער מיט דער מאַמע? זי הערט ניט אויף צו וויינען. טענהן מיר מיט איר:

— וואָס טוסטו? טאָמער חלילה וועט דער דאָקטער פאַרבראַקע־ווען דיר די אויגן?

— הערסטו? אָט דאָס וויין איך דאָך!...

אַזוי ענטפערט די מאַמע און לייגט צו צו די אויגן אַ פלעסטערל. דאָס פלעסטערל האָט איר געגעבן אַן עמיגראַנט אַ פעלדשער. ער איז זייער נישט קיין שיינער. ער האָט משונה־מאָדנע ציין, נאָר ער בחורט זיך. ער טראָגט אַ מעשענעם זייגער מיט אַ זילבערנער קייט מיט אַ רוקער, און אַ גאָלדן רינגל אויף דער האַנט. ער הייסט נישט קיין שיינעם נאָמען: „ביבער!" געקומען איז ער אַהער קיין אַנטווערפּן מיט דער כאָליאַסטרע. אויפן וועג האָט ער זיך מיט זיי באַקענט. זיי האָבן אײנאײנעם געגנבעט די גרענעץ. קיין נסים ונפלאות, ווי מיט אונדז, האָט זיך זיי נישט געטראָפן. הרגענען האָט מען זיי נישט געוואָלט, קיין בעטגעוואַנט האָט מען בײַ זיי נישט צוגענומען, נאָר זיי זײַנען גלאַט פאַרשוואַרצט געוואָרן. זיי האָבן געהאַט, זאָגן זיי, צו זינגען און צו זאָגן. זיי זײַנען דורכגעגאַנגען, זאָגן זיי, אַ שוויץ־באָד אין האַמבורג. וואָס זיי דערציילן זיך אָן פון דעם האַמבורג! די האָר שטעלן זיך קאַפּויר! סדום איז אַ הונט אַקעגן האַמבורג! מע באַגייט זיך דאָרטן, זאָגן זיי, מיט די עמיגראַנטן אַ סך ערגער ווי בײַ אונדז מיט אַרעסטאַנטן. ווען נישט אָט דער פעלדשער (ביבער), וואָלטן זיי דאָרטן אומגעקומען. ער איז זיי געשטאַנען אין זייערע נויטן. ער, ביבער, איז אַ גרויסער עזות־פּנים. ער דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך גערעכנט מיט די דײַטשן, איז אַ שרעק! ער האָט זיך, זאָגט ער, אויסגעשמועסט מיט זיי דווקא אויף רוסיש. רוסיש, זאָגט ער, קאָן ער גוט. אַ סברא, אַז נאָך בעסער פון אונדזער פּיניען. פּיניע דרינגט, אַז אַלצדינג, וואָס דער ביבער דערציילט אונדז, וואָלט געוווען זייער שיין, ווען ס'זאָל זײַן אמת. אונדזער חבר פּיניע האָט פון דער ערשטער מינוט אָנגעוואָרפן אַן אומחן אויף דעם פעלדשער ביבער. ער האָט געמאַכט אויף אים אַ לידל. אַז פּיניע האָט ניט ליב אַ מענטשן, מאַכט ער אויף אים אַ לידל. אויב איר ווילט, קאָן איך עס אײַך איבערזאָגן:

אונדזער פעלדשער ביבער
איז אַ גרויסער גבור
אַף דערציילן זאַכן.
ס'קאָן זיך אַמאָל מאַכן
(פּופּציק מאָל אַ טאָג),
טוט ער זיך אַ זאָג
אַ גרויסן ליגן
פון דרך־שלום וועגן.

— ג —

ביבער, אַט דער פעלדשער, וואָס איך דערצייל אײַך, האָט זיך אונ־טערגענומען צו־רעכט מאַכן דער מאַמע די אויגן. ער זאָגט, אַז קיין דאָקטער אין דער וועלט וועט נישט געפינען אַף זיי קיין חסרון. ערשטנס, ווייס ער די קונץ נאָך פון דער היים. ער איז אַ פעלדשער, און אַ פעלדשער איז דאָך אַ האַלבער דאָקטער. און חוץ לזה, איז ער געווען אין „דײַטשנ־לאַנד" און האָט זיך צוגעקוקט, וואָס מען טוט מיט די עמיגראַנטן, זיי זאָלן האָבן געזונטע אויגן. ער זאָגט, אַז מע מאַכט ממש פון בלינד זעענ־דיק. פרעגט אים פּיניע: „אפשר פאַרקערט?"... ווערט ער אין כעס (ביבער איז אַ גרויסער כעסן). ער שיט אַף פּיניען מיט ווערטער. ער זאָגט, אַז ער איז צו אַ גרויסער חכם! צו קלוג פאַר אַמעריקע! אין אַמעריקע, זאָגט ער, האָט מען פײַנט כיטראַקעס! אַמעריקע איז אַ לאַנד, וווּ מע ווייס ניט פון קיין חכמות. אין אַמעריקע איז געזאָגט — געמיינט, גע־מיינט — געזאָגט. אין אַמעריקע איז אַ וואָרט אַ וואָרט. אַמעריקע איז, זאָגט ער, געבויט אַף אמת, און אַף יושר, און אַף גערעכטיקייט, און אַף כבוד, און אַף ערלעכקייט, און אַף סאָוועסט, און אַף מענטשלעכקייט, און אַף נאמנות, און אַף רחמנות... פרעגט אים פּיניע: „און אַף וואָס נאָך?"... ווערט ביבער נאָך מער אין כעס! אַן עבירה, וואָס מע האָט זיי איבערגעשלאָגן סאַמע אינמיטן שמועס! מען איז אונדז געקומען זאָגן, אַז עמעצער פרעגט זיך נאָך אַף אונדז אינדרויסן. ווער קאָן עס זײַן? מיר גייען אַרויס — געסט! געסט! געסט! אונדזערע מחותנים זײַנען גע־קומען! יונה דער בעקער מיט דער גאַנצער משפּחה. אַ נײַע כאַליאַסטרע!

ווידעראַמאָל אַ גדולה: מײַן שוועגערן ברכה קושט זיך מיט טאַטע־מאַמע, מײַן ברודער אליהו קושט זיך מיט זײַן שווער און מיט די שוואָגערס. אַף אים קוקנדיק, כאַפּט זיך פּיניע אויך קושן מיט אונדזערע מחותנים, און אַף אים קוקנדיק, קושט זיך מיט זיי דער פעלדשער אויך. פרעגן זיי: ווער איז דאָס? זאָגט ער: איך בין ביבער. שיסט אוים פּיניע אַ געלעכ־טער... און די מאַמע מײַנע? די מאַמע טוט זיך אירם: זי וויינט!... מײַן ברודער אליהו עקט זיך. ער קוקט אַף איר און צופּט זיך באַם בערדל. ער קאָן איר אָבער איצטער גאָרנישט זאָגן: ס'איז דאָך אייגענע, נישט קיין פרעמדע, מחותנים, און פון איין שטאָט. פאַרוואָס זאָל מען זי ניט לאָזן אַ ביסל זיך אויסוויינען?...

— ווי אַזוי האָט איר געגנבעט די גרענעץ און ווו האָט מען אײַך באַנומען?

דאָס איז געווען דאָס ערשטע, וואָס מיר האָבן געפרעגט באַ אונדזע־רע מחותנים. און אונדזערע מחותנים האָבן פון דעם צו דערציילן גאַנצע פּעק! מיר קריכן אָבער נישט אין קאָפּ אַרײַן זייערע מעשיות. איך האָב מיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע מיט מײַן שוועגערנס אַ שוועסטערל. איך האָב אײַך אַמאָל דערציילט פון איר. זי הייסט אַלטע און טראָגט צוויי צעפּלעך, פון אונטן צונויפגעדרייט, ווי אַ בייגל. איר דאַרפט געדענקען, אַז מע האָט זי מיר אַמאָל גערעדט פאַר אַ כלה (באַ מײַן ברודער אליהו אַף דער חתונה). דעמאָלט איז זי אַלט געווען נײַן יאָר. איצט איז זי שוין אַלט צען, דאָס עלפטע. אין איינע יאָרן מיט גאָלדעלען, מיט דער מיידל, וואָס איז נעבעך געבליבן זיצן אין אַנטוועראַפּן איבער די אויגן. איך דערצייל אַלטען פון גאָלדעלען, און פון אירע קראַנקע אויגן נעבעך, און פון מײַן חבר מאָטל דעם גרויסן, און פון מײַן חבר מענדלען, און פון דער „עזרה", און פון דעם פרייליין זײַטשיק, וואָס שרײַבט אין אַ בוך, און פונעם דאָקטער, וואָס קוקט אין די אויגן. און פון ווין דערצייל איך איר, פונעם „אַליאַנץ", וואָס האָט פײַנט אַ יידן, און פון קראָקע מיט לעמבערג דערצייל איך איר. און פון דער גרענעץ, ווי אַזוי מיר האָבן געגנבעט, און ווי אַזוי מיר זײַנען קוים אַרוים מיטן לעבן. איך לאָז נישט דורך קיין זאַך. אַלטע הערט מיך אוים מיט גרויסע אויגן. נאָכדעם דער־ציילט זי מיר, וואָס זיי האָבן געהאַט. וויאַזוי איר טאַטע האָט שוין לאַנג געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע, האָט איר מאַמע נישט געוואָלט. און נישט אַזוי די מאַמע, ווי די משפחה. די משפחה זאָגט, אַז אין אַמעריקע דאַרף

מען האָרעווען, און איר מאַמע איז דערצו נישט געוווינט געוואָרן. איר מאַמע האָט אַ רעטאָנדע. די רעטאָנדע האָט איר דער טאַטע געמאַכט נאָך אין די גוטע יאָרן, אַז זיי האָבן נאָך געהאַט אַ סך געלט. איצט, אַז ס'איז זיי געוואָרן שלעכט, און די בעלי־חובות האָבן אָנגעהויבן צו דערקוטשען, איז געבליבן, מע זאָל פאַרקויפן אַלצדינג און פאָרן קיין אַמעריקע. אַז ס'איז געקומען צו דער רעטאָנדע, מע זאָל פאַרקויפן די רעטאָנדע, זאָגט די מאַמע: אַלצדינג וועט זי פאַרקויפן, נאָר נישט די רעטאָנדע. פרעגט זי דער טאַטע: אַף וואָס דאַרפסטו די רעטאָנדע? אין אַמעריקע דאַרף מען נישט קיין רעטאָנדע! זאָגט אים די מאַמע: וואָס הייסט, אַף וואָס דאַרף איך די רעטאָנדע? וויפל יאָר האָב איך, זאָגט זי, געבעטן גאָט, איך זאָל מיך דערשלאָגן צו אַ רעטאָנדע, קוים דערלעבט אַ רעטאָנדע, זאָל איך איצט נעמען און פאַרקויפן די רעטאָנדע? טאָג ווי נאַכט האָט מען געהערט בײַ אונדז נאָר רעטאָנדע און רעטאָנדע! די גאַנצע משפּחה (פון דער מאַמעס צד) איז זיך צונויפגעקומען. מע האָט זיך געקריגט און געזידלט. עס האָט שוין געהאַלטן כמעט בײַ צעגיין זיך, דאָס הייסט, דער טאַטע זאָל זיך גטן מיט דער מאַמען, אַלץ איבער דער רעטאָנדע. ווער האָט אויסגעפירט? געווייינלעך, די מאַמע! מע האָט די רעטאָנדע ניט פאַרקויפט! מע האָט מיטגענומען די רעטאָנדע, אײַנגעפּאַקעוועט די רעטאָנדע באַזונדער אין אַ פּעקל, און ביז מיר זײַנען געקומען צו דער גרענעץ איז שוין ניט געווען קיין רעטאָנדע...

אַזוי דערציילט מיר אַלטע, און ווײַטער וויל איך שוין ניט הערן. מיר איז נאָר געגאַנגען צו וויסן, אויב ס'איז נאָך דאָ אַ רעטאָנדע? דערהערט, אַז ס'איז שוין ניטאָ קיין רעטאָנדע, בין איך צופרידן. איך נעם אַלטען און גיי מיט איר שפּאַצירן. איך באַווײַז איר די שטאָט אַנטווערפּן. זי ווערט ניט נתפּעל. זי האָט, זאָגט זי, געזען גרעסערע שטעט. וואָס זאָגט איר אַף איר טאַטן? איך פיר זי אַף די סטאַנציעס, ווו סע שטייען עמיגראַנטן. איך מאַך זי באַקאַנט מיט מײַנע חברים. אַלטע ווערט נישט נתפּעל פון קיין זאַך. זי האַלט זיך גרויס. זי איז אַ גדלנטע. זי איז פון תמיד אָן אַזוי... שפּעטער גייען מיר אַלע אינאיינעם, אונדזער כאַליאַסטרע און זייער כאַליאַסטרע, אין דער „עזרה". דאָרט באַגעגענען מיר זיך מיט אונדזער שכנה פּעסיע מיט איר כאַליאַסטרע. אויך גאָלדעלען זעען מיר דאָרטן. גאָלדעלע וויל זיך באַקענען נענטער מיט אַלטען. אַלטע האַלט זיך פון איר פון דער ווײַטן. גאָלדעלע פירט מיך אָפּ אַף אַ זײַט און פרעגט

מיך, וואָס איז מיט דעם מיידל אַזוי דער יחוס, וואָס סע שטייט איר נישט אָן מיט איר צו ריידן? דערציילט איך איר, אַז מע האָט מיר פֿאַראיאָרן באַ מײַן ברודער אַף דער חתונה גערעדט אַלטען פּאַר אַ כלה. ווערט זי רויט, אַזוי ווי פֿײַער, און קערעוועט זיך אָפּ אַף אַ זײַט און ווישט זיך די אויגן...

— ד —

וואָס זאָגט איר אַף דעם אומגליק, וואָס אונדז האָט געטראָפֿן? מיר זײַנען געווען מיט דער מאַמע באַם דאָקטער, ער זאָל איר באַטראַכטן די אויגן, האָט ער איר באַטראַכט די אויגן און נישט געזאָגט גאָרנישט. ער האָט נאָר אָנגעשריבן אַ צעטעלע און אַרײַנגעלייגט אין אַ קאָנווערט. האָבן מיר דעם קאָנווערט אַוועקגעטראָגן צו דער „עזרה". געקומען צו דער „עזרה", האָבן מיר דאָרט נישט געטראָפֿן קיינעם נאָך, נאָר איין פֿריילן זײַטשיק, אָט די, וואָס זי פֿאַרשרײַבט אַלע עמיגראַנטן אין בוך אַרײַן. האָט זי מיך באַגעגנט מיט אַ געלעכטער. תמיד לאַכט זי, ווען זי זעט מיך. אַלעמאָל גיט זי מיר איבער אַ גרוס פֿון גאָלדעלען און לאַכט. עפֿנט זי אויף דאָס קאָנווערטל, טוט אַ קוק אין צעטל אַרײַן און הערט אויף צו לאַכן, און פֿאַרברעכט די הענט. פֿרעגט באַ איר די מאַמע: וואָס הערט זיך? זאָגט זי: וואָס זאָל זיך הערן, מײַן ליבע ייִדענע? ס'איז שלעכט! דער דאָקטער זאָגט, אַז איר קאָנט נישט פֿאָרן קיין אַמע־ריקע... מײַן שווענערן ברכה, ווייסט איר דאָך, האָט אַ טבע פֿון חלשן, איז זי באַלד געפֿאַלן חלשות. מײַן ברודער אליהו איז געבליבן שטיין אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. די מאַמע אַליין איז געבליבן אַ פֿאַרשטיינערטע. זי קאָן שוין אפֿילו נישט וויינען... דאָס מיידל (פֿריילן זײַטשיק) האָט זיך אַ וואָרף געטאָן נאָך וואַסער. זי האָט אָפּגעמינטערט ברכהן, געטרייסט אליהון, אויסגערעדט דאָס האַרץ דער מאַמע און געהייסן קומען מאָרגן. אַפֿן וועג זאָגט איר מײַן ברודער אליהו מוסר, למאַי זי האָט געוויינט די גאַנצע צײַט, און ער דערמאָנט איר, וויפֿל מאָל ער האָט איר געזאָגט, זי זאָל נישט וויינען!... די מאַמע וויל אים ענטפֿערן, האָט זי נישט קיין ווערטער... זי קוקט אַרויף און בעט גאָט: „טו מיט מיר, רבונו של עולם, אַ חסד און מיט מײַנע קינדער, און נעם מיך צו פֿון דער וועלט!"... אונדזער חבר פּיניע דרינגט, אַז איינגאַנצן איז דאָ שולדיק

אָט דער ליגנער, אָט דער פּעלדשער ביבער. אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצע נאַכט הערט מען ניט אויף צו עסן איינס דאָס אַנדערע, ביז עס קומט מאָרגן. אַף מאָרגן גייען מיר ווידער צו דער „עזרה". גיט אונדז די „עזרה" אַן עצה, אַז מיר זאָלן זיך פּרוּוון פאָרן איבער לאָנדאָן. אפשר וועט לאָנדאָן דורכלאָזן די מאַמע מיט אירע פּאַרווייַנטע אויגן קיין אַמע־ריקע. אָדער אויב נישט קיין אַמעריקע, איז כאָטש קיין קאַנאַדע... ווו איז קאַנאַדע — ווייסן מיר נישט. מע זאָגט, אַז ס'איז נאָך ווייַטער פון אַמעריקע... מייַן ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיניע האָבן דערווייַל איבער וואָס צו קריגן זיך. אליהו פרעגט אים: „פּיניע! זאָג נאָר, ווו איז דאָס אָט דאָס קאַנאַדע? ביסט דאָך עפּעס אַמאָל געווען אַ מענטש פון געאָגראַפיע"... זאָגט אים פּיניע, אַז קאַנאַדע איז אין קאַנאַדע, דאָס הייסט, נישט אין קאַנאַדע, נאָר אין אַמעריקע. דאָס הייסט, ער וויל זאָגן, אַז קאַנאַדע איז טאַקע דאָס אייגענע וואָס אַמעריקע, נאָר פאָרט נישט אַמעריקע. פרעגט אים אליהו: „ווי קאָן דאָס זייַן?" זאָגט אים פּיניע: „נו, זעסטו דאָך!"... דערווייַל דאַרף מען גיין צום שיף באַגלייטן גוטע פרייַנט, אונדזער שכנה פּעסיע מיט איר מאַן דעם אייַנבינדער (משה הייסט ער) מיט איר גאַנצער כאַליאַסטרע. וויי־וויי, וואָס סע טוט זיך באַם שיף! ייִדן, ווייַבער, קינדער, קלומקעס, פּעקלעך, קישנס, זעק מיט בעטגעוואַנט. דער לויפט. דער שרייַט. דער וויינט. דער שוויצט. דער עסט, דער שילט. פּלוצים הערט זיך אַ קול פון אַ ווילדע חיה, פון אַ וויזל־טיר: ה־ה־ה־ה־ה־ו־ו־ו!!!...

דאָס הודעט מען פון שיף, מע זאָל זיך שוין געזעגענען. עס ווערט אַ לויפערייַ מיט אַ קושערייַ מיט אַ געוויין — אַ טעאַטער און גענוג! אַלע געזעגענען זיך. מיר געזעגענען זיך אויך. אַלע קושן זיך. מיר קושן זיך אויך. מיר קושן זיך מיט דער כאַליאַסטרע. די מאַמע קושט זיך מיט אונדזער שכנה פּעסיע. פּעסיע רעדט איר אויס דאָס האַרץ, בעט, זי זאָל גאָרניט זאָרגן, זיי וועלן זיך, אם ירצה השם, זען אין גיכן אין אַמע־ריקע... די מאַמע מאַכט מיט דער האַנט און שלינגט די טרערן... די לעצטע צייַט וויינט זי אַ סך ווינציקער, ווי פריִער. זי האָט עפּעס אייַנ־גענומען אַזעלכעס אַף נישט וויינען... דער גאַנצער עולם איז שוין אַפן שיף. מיר זייַנען אינדרויסן. אַי, זייַנען מיר זיי מקנא! אַי, בין איך מקנא „ושתין"! אַמאָל האָט ער מיר מקנא געווען. הייַנט בין איך אים

מקנא! ... און „ושתי" שטייט מיט אַ צעריסן מיצל אַפן שיטל. ער האַלט די הענט אַרונטער און ווײַזט מיר אַ צונג. דאָס הייסט, ער וויל מיר געבן אָנצוהערעניש, אַז ער פֿאַרט און איך נישט. פֿאַרדריסט דאָס מיך זייער, נאָר איך נעם מיך אָן מיט האַרץ און שטעל אים אַרויס אַ פֿײַג: „נאַ דיר!"... דאָס הייסט אַזוי גרויס, ווי איך וואָלט אים זאָגן: „ושתי! אַזאַ מכה דיר און אַזאַ שטיק גאָלד מיר, ווי איך וועל אינגיכן זײַן אין אַמעריקע!"...

אַ! איר זאָלט גאָרנישט זאָרגן — איך וועל אינגיכן זײַן אין אַמע־ריקע!

XX

די כאַליאַסטרע ווערט צעקראָכן

— א. —

וואָס א טאָג, וואָס א טאָג ווערט די כאַליאַסטרע עמיגראַנטן קלענער, און אַנטווערפּן ווערט א פּוסטקע. שבת מיטן שיף פאָרן אַפּ א גוזמא עמיגראַנטן, אַלע קיין אַמעריקע. מיט זיי פאָרט אַוועק אויך מײַן חבר מאָטל, דאָס איז מאָטל דער גרויסער, אָט דער, וואָס האָט מיך אויסגע־לערנט שטעלן א גובערנאַטאָר, די קונץ פון בויכריידערײַ און נאָך אַזעלכע זאַכן. איך ווייס נישט, וואָס האָט אין אים דערזען אַזעלכעס מײַן ברודער אליהו, וואָס ער האָט אים פײַנט. איך מיין, אַז דאָס וואַקסט פון ברכהן. מײַן שווענערן ברכה האָט א טבע זיך אונטערהערן, וואָס מע רעדט, און צוקוקן זיך, וואָס מע לאַכט. ס'איז איר עסק, וואָס מיר לאַכן. אפשר לאַכן מיר פון אונדזער פּיניען, אליהוס חבר, וואָס ער שלעפּט לעקעך פון די קעשענעס מיט צוקערקעס און עסט? אָדער אפשר גאָר פון ביבער דעם פעלדשער, ווי אַזוי ער באַרימט זיך פאַר דער כאַליאַסטרע עמי־גראַנטן, האַקט אַזעלכע שקרים, אַז מע קאָן בלײַבן אָן א בויך לאַכנדיק?

מאָלט אײַך, איצטיקס מאָל איז זי געטראָפן געוואָרן. מיר האָבן גע־מאַכט א גאַנצע קאָמעדיע פון איר מאַמע, ריוועלע די בעקערן מיט דער רעטאָנדע. טאָג ווי נאַכט רעדט זי פון דער רעטאָנדע, וואָס מע האָט בײַ איר אַוועקגענבעט אַף דער גרענעץ, דאָס מויל מאַכט זיך איר נישט צו!

מאָלט אײַך, אַז מײַן מאַמע קאָן זיך שוין נישט אײַנהאַלטן און זאָגט צו איר:

— אוי, מחותנתטע! ווען איך זאָל וועלן אַזויפיל ריידן פון מײַן בעטגעוואַנט, פון מײַנע קישנס, וואָס מע האָט בײַ מיר צוגענומען אַף דער גרענעץ, ווי איר פון אײַער רעטאָנדע!...

זאָגט ריוועלע די בעקערן מיט איר מאַנצבילשער שטים:
— זאָגט כאָטש להבדיל!
זאָגט איר די מאַמע:
— בײַ מיר איז דען גנבהשע קישנס?
זאָגט ריוועלע די בעקערן:
— גנבהשע נישט גנבהשע, איך בין צוקאָפּנס נישט געשטאַנען.
זאָגט איר די מאַמע:
— איך פֿאַרשטיי נישט, מחותנתטע, וואָס איז בײַ אײַך פֿאַר אַ לשון?
זאָגט ריוועלע די בעקערן:
— וואָסער אַ גוט־מאָרגן, אַזאַ גוט־יאָר.
זאָגט איר די מאַמע:
— מחותנתטע! מיט וואָס האָב איך דען אָנגעריִרט אײַער האָנאָר?
זאָגט ריוועלע די בעקערן:
— ווער זאָגט דען, אַז איר האָט מיר אָנגעריִרט דעם האָנאָר?
זאָגט איר די מאַמע:
— וואָס זשע זאָגט איר „להבדיל”?
זאָגט ריוועלע די בעקערן:
— פֿאַרשטייט זיך, להבדיל! אַז איך רייד פֿון מײַן רעטאָנדע, פֿאָרט איר מיר אַרײַן מיט אײַער בעטגעוואַנט, מיט אײַערע קישנס!
זאָגט איר די מאַמע:
— בײַ מיר איז דען גנבהשע קישנס?
זאָגט ריוועלע די בעקערן:
— גנבהשע נישט גנבהשע, איך בין צוקאָפּנס נישט געשטאַנען.
און ווידער אַמאָל דאָס אייגענע און אָבער אַמאָל דאָס אייגענע!
דאַרף מען טעאַטער?

— ב. —

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר ביידע, דאָס הייסט, איך מאָטל דער קליי־נער, און מײַן חבר מאָטל דער גרויסער, האָבן זיך דעם זעלבן אָפּדערנאַכט אוועקגעזעצט און האָבן געמאַכט אַזאַ מין אָנשטעל: ווייסטו וואָס? איך וועל זײַן ריוועלע די בעקערן, און דו וועסט זײַן די מאַמע דײַנע, און

לאָמיר מאַכן די אייגענע שפּיל, וואָס זיי. נאָר וואָס דען? מיטן אייגענעם לשון און מיטן אייגענעם קול: איך וועל ריידן גראָב, ווי ריוועלע די בעקערן, און דו — מיט אַ וויינענדיק קול, ווי די מאַמע דײַנע.

און ביידע מאָטלעך האָבן זיך פאַרשטעלט. איינער האָט אָנגעטאָן אַ פּאַריק, דער אַנדערער אַ פּאַטשיילע. צונויפגערופן חברה: מענדל דאָס בר־מצווה־יינגל, אונדזער מחותנס טעכטערל אַלטע, גאָלדעלע מיט די קאַליע אויגן, און נאָך יינגלעך און מיידלעך פון דער כאַליאַסטרע עמיגראַנטן. און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט:

מאָטל דער קליינער (מיט אַ וויינענדיק קול): אוי, מחותנת־טע! ווען איך זאָל וועלן אַזויפיל ריידן פון מײַן בעטגעוואַנט און פון מײַנע קישנס, וואָס מע האָט בײַ מיר צוגענומען אויף דער גרענעץ, ווי איר פון אײַער רעטאַנדע! ...

מאָטל דער גרויסער (מיט אַ גראָבער שטימע): זאָגט כאָטש „להבדיל".

מאָטל דער קליינער: בײַ מיר איז דען גנבהשע קישנס?

מאָטל דער גרויסער: גנבהשע נישט גנבהשע, איך בין צו־קאָפּנס נישט געשטאַנען.

מאָטל דער קליינער: איך פאַרשטיי נישט, מחותנתטע, וואָס איז בײַ אײַך פאַר אַ לשון?

מאָטל דער גרויסער: וואָסער אַ גוט־מאָרגן, אַזאַ גוט־יאָר.

מאָטל דער קליינער: מחותנתטע! מיט וואָס האָב איך אָנגערירט אײַער האָנאָר?

מאָטל דער גרויסער: ווער זאָגט דען, אַז איר האָט מיר אָנגערירט דעם האָנאָר?

מאָטל דער קליינער: וואָס זשע זאָגט איר „להבדיל"?

מאָטל דער גרויסער: פאַרשטייט זיך, להבדיל! אַז איך רייד פון מײַן רעטאַנדע, פאַרט איר מיר אַרײַן מיט אײַער בעטגעוואַנט!

מאָטל דער קליינער: בײַ מיר איז דען גנבהשע קישנס?

מאָטל דער גרויסער: גנבהשע נישט גנבהשע, איך בין צו־קאָפּנס ...

— ג —

גיי ריכט זיך, אז אקוראט אפן ווארט „צוקאפנס" וועט זיך עפענען די טיר און עס וועלן זיך באווייזן געסט: מיין שוועגערן ברכה מיט איר מאמע ריוועלע די בעקערן, מיט איר טאטן יונה דעם בעקער, מיט זייערע „בנים", מיין מאמע, מיין ברודער אליהו, אונדזער חבר פיניע מיט זיין ווייב טייבל, ביבער דער פעלדשער מיט די געלע ציין און נאך יידן און ווייבער — א גאנצע כאליאסטרע! דאס ערשטע האט מיין שוועגערן ברכה מיר צוגעשטעלט א בענקעלע פאר אלעמען, אז איך מאך נאך דער גאנצער וועלט. זי האט געוואלט, אז די גאנצע וועלט זאל זיך אין מיר נוקם זיין. די גאנצע וועלט האט זיך אבער נישט געוואלט נוקם זיין אין מיר. פאר מיר איז געווען גענוג מיין ברודער אליהו אליין. מיין ברודער אליהו האט א טרוקענע האנט מיט דארע פינגער. אז ער ווארפט אייך אויף א פאטש היינט פארנאכט, בלייבט בא אייך א סימן אף דער באק ביז איבערמארגן אינדערפרי.

„מע דארף אט די צוויי מאטלס צעשיידן!" — אזוי האט געפסקנט ברכה, און מיין ברודער אליהו האט מיר אנגעזאגט מיטן הארבן ווארט, אז טאמער דערזעעט ער אונדז אינצווייען, מאכט ער פון מיר א מאצינקע! איך וואלט וועלן זען, ווי אזוי ער וועט דאס מאכן פון מיר א מאצינקע? ער פארגעסט, אז ס'איז דא א מאמע אף דער וועלט, וואס וועט גיכער לאזן זיך ארויסנעמען די קאליע אויגן, איידער דערלאזן, מע זאל פון מיר מאכן א מאצינקע.

— ד —

מיט דער מאמעס אויגן איז נישט אין בעסטן. דאס הייסט, נישט גוט. זייער נישט גוט! מע זאגט, אז מע וועט זי נישט ארויפלאזן אפן שיף פאר קיין מיליאן אפילו. מע דארף אנטלויפן פון אנטווערפן. אין אנט־ווערפן זיינען דאקטוירים רשעים! זיי קוקן אין די אויגן אריין. וויבאלד זיי געפינען בא אייך אף די אויגן „טראכאמעס", אזוי כאפט זיי אוועק דער רוח. נישטא בא זיי נישט קיין כבוד, נישט קיין רחמנות! מיר וועלן מוזן פארן קיין אמעריקע דורך אן אנדער וועג. דורך וואסער א וועג — ווייסן מיר נאך נים. ס'איז דא וועגן גענוג. הלוואי וואלט נאר געווען

מיט וואָס צו פאָרן. ס'איז אַ סברא, אַז בײַ מײַן ברודער אליהו אין קעשענע טאָגט שוין. דער גאַנצער מאַיאָנטעק פון אונדזער האַלבער דירה איז בײַ אונדז אַוועק אַף דאָקטוירים מיט די פעלדשערס — אַלץ צוליב דער מאַ־מעס אויגן. איך האָב געכאַפּט אַ וואָרט פון מײַן ברודער אליהו און פון זײַן חבר פיניע: „הלוואי מיר זאָלן זיך כאָטש דערשלעפּן ביז לאָנדאָן!"... אוודאי וואָלט איך בעסער וועלן גלײַך קיין אַמעריקע, איידער קיין לאָנ־דאָן. אונדזער שכנה פּעסיע די גראָבע מיט איר גאַנצער כאַליאַסטרע איז שוין לאַנג אין אַמעריקע. זיי מאַכן שוין דאָרט אַ לעבן. ושתי (הערשל מיט דער גאָלי) גייט שוין דאָרט אַרום שפּאַצירן מיט די הענט אין די קעשענעס איבער אַלע גאַסן און קנאַקט ניסלעך. אונדזערע מחותנים — יונה דער בעקער, ריוועלע די בעקערן, מיט די „בנים", מיט מײַן כלה אַלטע — האָבן זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן אַף מײַן מאַמעס אויגן און זײַנען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע אָן אונדז. אוי, אוי, אוי, וואָס סע האָט זיך אָפּגעטאָן יענעם טאָג אין אַנטוווערפּן! מיר האָבן נישט געלאָזט די מאַמע, זי זאָל זײַן בײַם שיף, וואָרעם אַז זי וועט זיך דאַרפן געזעגענען מיט די מחותנים, וועט זי וויינען און דערוויַיל באַגראָבן דאָס איבעריקע ביסל אויגן. וואָס האָבן מיר געפּועלט? האָט זי נאָך מער געוויינט. זי טענהט, אַז מע נעמט צו בײַ איר דאָס איינציקע שטיקל חיות — כאָטש אויסוויינען זיך די צרות, גרינגער מאַכן דאָס האַרץ!... נאָר ווער הערט זי?

— ה. —

ווייסט איר, ווער ס'איז צופרידן מיטן אָפּפאָרן פון אונדזערע מחות־נים? איר וועט קיינמאָל נישט טרעפן — גאָלדעלע! אָט דאָס מיידל, וואָס מיט די קאַליע אויגן, וואָס איר פאָטער און מוטער זײַנען אין אַמע־ריקע שוין העכער אַ יאָר און זי זיצט דאָ, אין אַנטוווערפּן, צוליב די אויגן. דערהערט, אַז אונדזערע מחותנים פאָרן אַוועק, האָט זי געוואָלט גיין טאַנצן. וואָס איז די מעשה? זי האָט פײַנט אַלטען, אָט די, וואָס מע האָט זי מיר גערעדט אַמאָל פאַר אַ כלה. זי האָט זי פײַנט פאַר איר גדלות. גאָלדעלע האָט פײַנט אַ מענטשן, וואָס בלאָזט פון זיך.

— דײַן כלה מיט די רויטע צעפּעלעך קאָן איך ניט אָנקוקן: זי איז אַ גדלנטע!

אזוי זאָגט צו מיר איינמאָל גאָלדעלע, און דאָס פּנים ברענט איר ווי אַן אויוון.

— פון וואַנען האָבן זיך גענומען באַ אַלטען רויטע צעפּעלעך, אַז זי האָט גאָר שוואַרצע?

אזוי זאָג איך צו גאָלדעלען. ווערט זי נאָך מער אין כעס, וויינט און זאָגט צו מיר:

— רויטע! רויטע! רויטע!...

גאָלדעלע, אַז זי איז בייז, דאַרף מען זי לאָזן צורו, ביז עס גייט איר אָפּ דער כעס. און אַז עס גייט איר אָפּ דער כעס — איז זי גאָלד און זילבער! מיט מיר איז זי טאַקע נאָר ווי אַ שוועסטער. אַלצדינג דערציילט זי מיר: וויאַזוי זי האָרעוועט אַף דער סטאַנציע, קערט די שטובן, האָדעוועט די עופות, פּאַרוויגט די קינדער (די בעל־הביתטע, ווי זי שטייט, האָט אַ צײַט נישט געהאַט קיין קינדער; איצט האָט זי גאָט געבענטשט מיט אַ צווילינג). הײַנט דערציילט זי מיר, ווי אַזוי זי גייט צום דאָקטער אַלע טאָג זיך קורירן די אויגן; ווי אַזוי דער דאָקטער שמירט זי מיטן זעלבן בלוישטיין, וואָס ער שמירט אַלע איבעריקע קראַנקע.

— אוי, ווען גאָט העלפט מיר אַן אייגענעם בלוישטיין, וואָלט איך אפשר קאָנען אַמאָל זען מײַן טאַטע־מאַמע...

אזוי זאָגט גאָלדעלע מיט טרערן אַף אירע קראַנקע אויגן. עס רײַסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ. איך קאָן נישט הערן, ווי זי רעדט פון טאַטע־מאַמע. איך קאָן ניט זען, ווי זי וויינט. איך זאָג צו איר:

— ווייסטו וואָס, גאָלדעלע? אָט פאָר איך קיין אַמעריקע. איך וועל מאַכן דאָרט אַ לעבן, וועל איך דיר צושיקן פון דאָרט אַ בלוישטיין.

— דו נאַרסט מיך נישט אָפּ? שווער מיר באַ דײַן הייליקע נאמנות.

אזו זאָגט צו מיר גאָלדעלע, און איך שווער איר באַ מײַן הייליקע נאמנות, אַז איך וועל זי נישט פאַרגעסן. אַז גאָט וועט מיר העלפן, איך וועל נאָר אָנהייבן מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע, אַזוי שיק איך איר באַלד אַרויס אַ בלוישטיין.

— ז. —

איך ווייס שוין פאר געווים, אז מיר פאָרן שבת אינדערפרי קיין לאָנדאָן. מיר גרייטן זיך שוין אין וועג אַרײַן. מײַן מאַמע מיט מײַן שוועגערן ברכה מיט אונדזער חבר פּיניעס ווײַב טײַבל גייען פון איין סטאַנציע אין דער אַנדערער זיך געזעגענען מיט דער כאַליאַסטרע עמיגראַנטן. נישט אַזוי דאָס געזעגענען, ווי אויסריידן זיך דאָס האַרץ פאַר מענטשן. וואָס לאָזט זיך אויס? מיר זײַנען גאָר מאַנאַרכן קעגן אַנדערע עמיגראַנטן. ס'איז פאַראַן אין דער כאַליאַסטרע אַזעלכע מאָדנע שלים־מזלען, וואָס זײַנען אונדז מקנא. זייערע צרות איז גאָרנישט איבערצודערציילן. אַלע זײַנען געווען אינדערהיים שיינע בעלי־בתים. אַלע האָבן פאַרמאָגט אַלדאָס גוטס. אַלע האָבן געהאַט שטענדיק אַ טיש פאַר אָרעמע לײַט. אַלע ווינטשן זיך פאַרמאָגן, וואָס מענטשן האָבן בײַ זיי צוגענומען. אַלע האָבן געטאָן די שענסטע שידוכים. הײַנט זײַנען זיי אַלע שלעפּערס. מאָדנע ברואים! מיר האָבן זיך שוין צוגעגעסן זייערע מעשׂיות. פריִער, אַז איך פלעג הערן, מע דערציילט פון אַ פּאָגראָם, האָב איך אָנגעשטעלט מויל און אויערן. הײַנט, אַז איך דערהער דאָס וואָרט פּאָגראָם, — אַנטלויף איך. איך האָב בעסער ליב פריילעכע מעשׂיות, איז אָבער נישטאָ ווער ס'זאָל דערציילן עפּעס פריילעכס. געווען איין פעלדשער ביבער אַ פריילעכער פאַרשוין, אַפילו אַ גרויסער ליגנער, איז ער שוין אויך אין אַמעריקע.

— ער האָקט דאָרט שקרים אָפּן פּוד! — אַזוי זאָגט אונדזער חבר פּיניע.

— מע וועט אים דאָרט לאַנג נישט לאָזן האַקן שקרים. האָב קיין מודא נישט. אין אַמעריקע האָט מען פײַנט אַזעלכע... אין אַמעריקע איז אַ ליגנער ערגער פון אַ משומד!...

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו, און ברכה פרעגט אים: פון וואַנען ווייסטו? הייבט זיך אָן בײַ אונדז אַ חתונה: איך און פּיניע האַלטן מיט אליהון, טײַבל האַלט מיט ברכהן. וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אַנדערער קאַפּויר.

מיר מאַנצבילן: אַמעריקע איז אַ לאַנד פון גאָלע אמת!...

זיי, די ווײַבער: אַמעריקע איז אַ לאַנד פון סאַמע ליגנערס!...

מ י ר מ א נ צ ב י ל ן: אמעריקע איז געבויט אױף אמת, יושר און רחמנות!...

ז ײ, ד י װ ײ ב ע ר: גנבה, גזילה, שארלאטאנעס!...

א גליק, װאָס סע מישט זיך אַרײַן די מאַמע. זי זאָגט:

— קינדערלעך, װאָס דאַרפֿט איר זיך קריגן איבער אַמעריקע, אַז מיר זײַנען נאָך אין אַנטװערפּן?

זי איז גערעכט. מיר זײַנען נאָך אין אַנטװערפּן. אָבער נישט אױף לאַנג. אָט־אָט פֿאָרן מיר אַװעק קײן לאָנדאָן. אַלע צעפֿאָרן זיך פֿון דאַנען, אַלע עמיגראַנטן, די גאַנצע כאַליאַסטרע.

װאָס װעט זײַן מיט אַנטװערפּן???!

XXI

זײַ געזונט, אַנטווערפּן!

— א. —

קיין שטאָט האָט מיר אַזוי נישט באַנג געטאָן אַוועקצופֿאָרן, ווי די שטאָט אַנטווערפּן. און נישט אַזוי די שטאָט, ווי די מענטשן. און נישט אַזוי די מענטשן פֿון אַנטווערפּן, ווי די כאַליאַסטרע עמיגראַנטן. און נישט אַזוי די כאַליאַסטרע אַליין, ווי מיינע חברים און חברטעס. אַ סך זײַנען זיך צעפֿאָרן פֿריִער. ושתי, אַלטע, מאָטל דער גרויסער — די זײַנען שוין לאַנג אין אַמעריקע, מאַכן אַלע אַ לעבן. געבליבן איז נאָר מענדל דער בר־מצווה־בחור (ברכה האָט אים געשענקט אַ צונעמעניש „דער לאָשעק"). און גאָלדעלע דאָס מיידל מיט די קאַליע אויגן איז געבליבן. ווײַטער קיינער נישט. וואָס וועט טאָן די „עזרה", די וואָס העלפֿט די עמיגראַנטן? וועמען וועט זי העלפֿן? עס טוט מיר באַנג אַנטווערפּן. איך וועל בענקען נאָך אַנטווערפּן. אַ ווילע שטאָט, ווילע מענטשן. אַלע האַנדלען מיט בריליאַנטן. אַלע טראָגן זיך אַרום מיט שטיינער. אַלע קענען די מלאכה: שנײַדן, קליוון, שלײַפֿן שטיינער. וועמען איר באַגעגנט, איז ער אָדער אַ שטיינשנײַדער, אָדער אַ קליווער, אָדער אַ שלײַפֿער. אַ סך יִנגלעך פֿון אונדזער כאַליאַסטרע זײַנען דאָ פֿאַרבליבן, געוואָרן שטיינשנײַדער. מיר זאָלן זיך אַזוי נישט רײַסן קיין אַמעריקע, וואָלט מען מיך אויך אַוועקגעגעבן צו דער אַרבעט, געמאַכט פֿון מיר אַ שטיינשנײַדער. מײַן ברודער אליהון איז געפֿעלן די מלאכה. אונדזער חבר פּיניען אויך. זיי זאָלן זײַן, זאָגן זיי, אַביסעלע יִנגער, וואָלטן זיי אַליין גענומען זיך צו דער אַרבעט — שלײַפֿן שטיינער. ברכה לאַכט פֿון זיי. זי זאָגט, אַז שטיינער איז גוט צו טראָגן, ניט צו שלײַפֿן. פּיניעס ווײַב טײַבל האַלט מיט איר. טײַבל איז אויך אַ בעלן אַף צו אָנטאָן שטיינער.

זיי גייען אַלע טאָג קוקן אין די פענצטער און קאָנען זיך נישט אָפּלויבן פון די בריליאַנטן מיט די דימענטן, וואָס וואַלגערן זיך, אַזוי ווי מיסט. עס דרייט זיך אַזש דער קאָפּ. עס שעמערירט זיי אין די אויגן. זיי זײַנען אוים מענטש. פּיניע לאַכט פון זיי. ער זאָגט, אַז די אַלע שטיינער האָבן פַּאַ אים אַ פּנים פון חוזק, און די, וואָס גיבן זיך אָפּ דערמיט, זעען אויס בַּאַ אים ווי משוגעים. איר מיינט, אַז ער האָט נישט געמאַכט אַף זיי קיין לידל? אַזוי הייבט זיך אָן דאָס לידל:

אַנטווערפּן איז אַ לאַנד
פון די בעסטע שטיינער,
מיליאַנערן אַלערהאַנד —
קיין אָרעמאַן נישט איינער.
דימענטן ווי מיסט,
העכער האַלב אומזיסט!
בריליאַנטן האָבן זיי אַ סך! אַ סך!
צירונג? — פאַר דער גאַנצער וועלט!
עס פעלט זיי נאָר איין זאַך:
— — — — — — — מזומן געלט...

און ווײַטער געדענק איך נישט.

— ב. —

אַנגעדענקען זיך אַלע לידלעך, וואָס פּיניע מאַכט, דאַרף מען האָבן אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. מײַן ברודער אליהו קוילעט זיך מיט אים דערפאַר. אליהו זאָגט, טאָמער ווערט מען געוואָר אין דער „עזרה", אַז מיר מאַכן לידלעך אַף אַנטווערפּן, טרײַבט מען אונדז אַרויס פון דאָרטן. און מיר קוקן אַרויס אַף דער „עזרה" פאַר אונדזער אָוועקפאָרן, זי זאָל אונדז עפּעס העלפן. מיר גייען צו איר אַלע טאָג. מיר זײַנען דאָרט היימישע מענטשן. דאָס מיידל, וואָס שרײַבט אין בוך, דאָס פרײַלן זײַטשיק, קען אונדז אַלע בַּאַ די נעמען. מיך האָט זי ליב, ווי אַ קינד. מיט דער מאַמע איז זי ווי אַ שוועסטער. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז אפילו ברכה זאָגט,

אַז פּרײַלן זײַטשיק איז אַ גלגול פֿון אַ ייִדיש מיידל מיט אַ ייִדישער נשמה. די גאַנצע כּאַליאַסטרע עמיגראַנטן האָט זיך פֿאַרליבט אין איר. און נאָר דערפֿאַר, וואָס זי רעדט צו זיי אויף ייִדיש, נישט אויף דײַטש. ווײַטער ריידן זיי אין אַנטוועדפּן אַלע דײַטש, כאָטש גיב זיי אַ קרענק! פּיניע זאָגט אַפֿילו, אַז דאָס לאַנד געהער נישט צו קיין דײַטשן, און די ייִדן וואָלטן געמעגט ריידן ייִדיש. נישקשה, עס וואָלט זיי גאָרנישט געשאַדט. אַלע ייִדן פֿון דער זײַט גרענעץ האָבן פּײַנט ייִדיש, האָבן ליב דײַטש. אַפֿילו די קבצנים זייערע ריידן דאָ אויך אויף דײַטש. ער וועט אײַך פֿגרן פֿון הונגער, אַבי אויף דײַטש! אַזוי זאָגט ברכה און טרײַבט אונדז אונטער, מיר זאָלן שוין פֿאָרן קיין לאָנדאָן. ס׳איז איר שוין נמאס געוואָרן דאָס אַנטווערפּן מיט זייער לשון. אַז ווו מע גייט און ווו מע שטייט, הערט מען נאָר: בריליאַנטן! דימענטן! אַלע טראָגן זיך אַרום מיט פֿולע קעשענעס, מיט גאַנצע פּעק בריליאַנטן. עס זאָל זיך דאָס אַפֿילו צוקלעפּן צו אונדז אַ בריליאַנטל! עמעצער פֿון זיי זאָל כאָטש וועלן פֿאַרלירן אַ פּאָר דימענטלעך, און איך זאָל זיי געפֿינען! אַזוי זאָגט ברכה, און די אויגן אירע ברענען. איך ווייס נישט, וואָס ברכה איז אַזוי פֿאַרקאָכט אין דימענטן מיט בריליאַנטן. איך וואָלט אײַך אוועקגעגעבן אַלע שטיינער פֿון דער גאַנצער וועלט פֿאַר איין קעסטל פֿאַרבן מיט אַ בערשטעלע אויף צו מאָלן. איך האָב אויסגעמאָלט אַ שיף נישט לאַנג מיט אַ שטיפֿטל אויף פּאַפּיר, אַ שיף מיט אַ כאַליאַסטרע עמיגראַנטן, קעפּ אויף קעפּ. איך האָב דאָס מאָלעכטס אוועקגעשענקט גאָלדעלען, דעם מיידל, וואָס מיט די קאַליע אויגן. גאָלדעלע האָט דאָס געוויזן דער פּרײַלן זײַטשיק. יענע האָט דאָס באַוויזן אין דער „עזרה״ פֿאַר דער גאַנצער וועלט. האָט דערזען אויך מײַן ברודער אליהו, האָב איך געהאַט פֿון אים: „מענטשעלעך! וועסט אויפֿהערן אַמאָל מאָלן מענטשעלעך, צי ניין?״ מײַן ברודער אליהו האָט מיך שוין לאַנג אַזוי נישט געשלאָגן. איך האָב עס דערציילט גאָלדעלען. האָט דאָס גאָלדעלע דערציילט דער פּרײַלן זײַטשיק. האָט דאָס פּרײַלן זײַטשיק פֿאַרגעהאַלטן מײַן ברודער אליהו, פֿאַר וואָס ער שלאָגט מיך. זי האָט אים באַוויזן דאָס מאָלעכטס און האָט איבער אים געטענהט און געטענהט. מײַן ברודער אליהו האָט זי אויסגעהערט, און אַז ער איז געקומען אַהיים, האָב איך ערשט דעמאָלט פֿון אים געהאַט. מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז ער מוז מיר אַרויסשלאָגן דעם שגעון פֿון מאָלן מענטשעלעך...

— ג —

הײַנט זײַנען מיר געװוען דאָס לעצטע מאָל בײַ דער „עזרה". װאָס מיר האָבן דאָרט געטאָן — װײס איך נישט. מײַן ברודער אליהו האָט עפּעס געטענהט. פּיניע האָט געמאַכט מיט די הענט. ברכה האָט זיך אַרײַנגעמישט אין מיטן. די מאַמע האָט געװײנט. די װאָס זיצן אין דער „עזרה" האָבן עפּעס גערעדט צו אונדז, געװײנטלעך, אױף דײַטש. דרײַ זײַנען דאָרטן געזעסן, און אַלע דרײַ האָבן זיך פֿאַרהערט, װער קאָן בעסער ריידן דײַטש... פֿרעגט מיך בחרם, װאָס זײ האָבן דאָרטן גערעדט? אַז מײַן קאָפּ איז מיר גאָר דאָרטן, אױפֿן שיף, אױפֿן ים, אין לאָנדאָן, אין אַמעריקע. און דאָ קומט צו לױפֿן גאָלדעלע אין אײן אָטעם:

— דו פֿאָרסט שױן טאַקע?

— איך פֿאָר.

— װען?

— מאָרגן.

— װוּהין?

— קײן לאָנדאָן.

— און פֿון דאָרטן?

— קײן אַמעריקע.

— און איך בלײַב דאָ מיט מײַנע קאַליע אױגן, און מײַן טאַטע־מאַמע — גאָט װײס, װען איך װעל זײ זען!

אַזױ זאָגט גאָלדעלע און װײנט מיר אױף דעם קאָפּ. עס טוט מיר װײ דאָס האַרץ. איך װיל זי טרײסטן, האָב איך נישט קײן װערטער. איך קוק אױף איר און טראַכט מיר: „רבונו של עולם! װאָס האָסטו צו אָט דעם מײדל? װאָס האָט זי דיר געטאָן?"... איך נעמט זי בײַ דער האַנט. איך גלעט זי:

— װײן נישט, גאָלדעלע. אָט װעסטו זען, איך װעל קומען קײן אַמעריקע און װעל מאַכן אַ לעבן, איז דאָס ערשטע — שיק איך דיר אַרױס אַ בלױשטײנדל אױף צו שמירן די אױגן. נאָכדעם װעל איך דיר שיקן אַ שיפֿס־קאַרטע, אַ האַלבע שיפֿס־קאַרטע, ביסט דאָך נאָך נישט אַלט קײן צען יאָר. װעסטו קומען צו פֿאָרן קײן אַמעריקע. דאָרט װעט אױף דיר

וואָרטן אין „קעסטל־גאָרטל" דײַן טאַטע מיט דײַן מאַמע. איך וועל אויך זײַן אין „קעסטל־גאָרטל". אַז דו וועסט צופאָרן מיטן שיף קיין אַמעריקע, זאָלסטו קוקן אין „קעסטל־גאָרטל" און זאָלסט מיך זוכן מיט די אויגן. איך וועל האַלטן אָט דאָס בלײַשיפּטל אין די הענט — זעסטו? אַז דו וועסט דערזען אין אַמעריקע אַ יינגל מיט אָט אַזאַ בלײַשטיפטל — זאָלסטו וויסן, אַז דאָס בין איך, מאָטל פּייסים. נאָכדעם, אַז דו וועסט אַראָפּ פון שיף, וועסטו זיך צעקושן מיט דײַן טאַטע־מאַמע. אַהיים וועסטו נישט גיין מיט זיי. דו וועסט זיי נאָר איבערגעבן די זאַכן דײַנע און בעסער גיין אָנקוקן מיט מיר אַמעריקע. איך וועל דיר ווײַזן גאַנץ אַמעריקע, מחמת איך וועל דאָך שוין זײַן קלאָר אין דעם אויף אויסוויי־ניק. נאָכדעם וועל איך דיר ברענגען אַהיים צו דײַן טאַטע־מאַמע, וועסטו עסן מיט זיי וועטשערע, אַ פרישע יויך...

גאָלדעלע האָט נישט געוואָלט הערן ווײַטער. זי איז מיר געפאַלן אויפן האַלדז און געקושט מיך. איך זי אויך.

— ד —

אָט די ברכה, הערט איר, האָט אַ טבע: ווו מע פאַרזייט זי נישט, דאָרט וואַקסט זי אויס. זי דאַרף אָנקומען אַקוראַט אין דער מינוט, ווען איך געזעגן זיך מיט גאָלדעלען! געזאָגט האָט זי מיר גאָרנישט. קיין האַלב וואָרט אפילו. זי האָט נאָר אויסגעצויגן מיט איר מאַנצבילשער שטים אפשר אויף דרײַ קלאַפּטער: „אַז־וויי־וויי?..."

נאָכדעם האָט זי עפּעס מאָדנע צונויפגענומען די ליפּן, פאַרדרייט די נאָז. אַ הוסט האָט זי אויך געטאָן בשעת מעשה: „ע־העם!" און איז אַוועק גלײַך צו מײַן ברודער אליהו. וואָס זי האָט אים געזאָגט, ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פון דער „עזרה", האָט מיר אליהו אָפּגעשטעקט אַ געשמאַקן פּאַטש. עס האָט מיר געקלונ־גען אין ביידע אויערן.

— פאַר וואָס? — פרעגט אים די מאַמע. — פאַר ווען?

— ער ווייס שוין, פאַר וואָס!... — ענטפערט איר מײַן ברודער אליהו, און מיר גייען אַלע אויף דער סטאַנציע. דאָרט איז אַ מהומה, אַ טאַרעראַם. מע דאַרף זיך פּאַקן. איך האָב ליב זען, ווי מע פּאַקט זיך. אויף פּאַקן זיך איז מײַן ברודער אליהו איין בריה. אַז עס קומט צו פּאַקן זיך,

וואַרפט ער אַראָפּ די קאַפּאָטע און הייבט אָן קאָמאַנדעווען: „גיט אַהער דאָס קויטיקע גרעט!... מאַמע, דעם טשײַניק!... דאָס היטעלע, ברכה, דאָס היטעלע, גיכער!... די קאַלאָשן, פּיניע, דו בלינדער יאַצקאָ, דו סליפּאַק איינער, דו זעסט נישט? אָט שטייען די קאַלאָשן בײַ דיר אונטער דער נאָז!... מאַטל, וואָס שטייסטו, ווי אַ ליימענער גולם? העלף עפּעס טאָן! ער וויים נאָר מאַלן מענטשעלעך! מענטשעלעך!..."

דאָס מיינט ער שוין מיך. איך טו מיך אַ וואָרף און הייב אָן העלפן טראָגן און וואַרפן וואָס עס קומט מיר אין די הענט. ווערט מײַן ברודער אליהו אין כעס, למאי איך וואַרף, און וויל מיך שלאָגן. שטעלט זיך אײַן פאַר מיר די מאַמע: „וואָס ווילסטו האָבן פונעם קינד?"... געפעלט נישט ברכהן, למאי די מאַמע רופט מיך „קינד", און צעקריגט זיך מיט דער מאַמע. דערמאָנט איר די מאַמע, אַז איך בין אַ יתום, און וויל אָנהייבן וויינען. זאָגט איר אליהו: וויין, וויין! וויין אויס דאָס לעצטע ביסל אויגן!...

אָט באַלד פאַרלאָזן מיר אַנטווערפּן.

זײַ געזונט, אַנטווערפּן!

XXII

לאָנדאָן, פאַרוואָס ברענסטו נישט?

— א. —

זינט איך לעב, בין איך נישט געווען אף אזא יריד, ווי אין לאָנדאָן. נישט אין לאָנדאָן איז אַ יריד, נאָר לאָנדאָן אַליין איז אַ יריד. סע קלאַפּט און סע קלינגט און סע פּײַפט און סע טראַסקעט, און מענטשן — מענטשן אַזוי ווי מאָן, אַזוי ווי מערעשקעס! פון וואַנען נעמען זיך אַזוי פיל מענטשן, און וווהין לויפן זיי? אַפנים, זיי זײַנען הונגעריק, אָדער האַלטן באַ אוועקפאָרן. אַנישט, וואָס דאַרף מען זיך אַזוי שטופּן, שלאָגן זיך מיט די עלנבויגנס, אומוואַרפן אַ מענטשן און טרעטן אים מיט די פיס. איך רייד פון פיניען. אונדזער חבר פיניע, אויב איר געדענקט, האָט אַ נידעריקע ראיה. דערצו האָט ער אַ טבע, ער האַלט דעם קאָפּ אַרויף און פּלאָנטעט מיט די פיס. אַ פאַרטראַגענער מלאך. דער קאָפּ פליט באַ אים. דעם ערשטן ברוך־הבא האָט ער געכאַפּט אף דער באַן. מיר זײַנען נאָר אַרויסגעקראָכן פון וואַגאָן, האָט זיך שוין געטראָפן אַן אומגליק. דער ערשטער איז אַרויסגעפלויגן פיניע. איין הויז פאַרקאַטשעט, איין זאָק אַראָפּגעלאָזט, דעם האַלדזטיכל פון יענער זײַט — אַזוי ווי תמיד. איך האָב נאָך פיניען קיינמאָל נישט געזען אַזוי האָפּעדיק. ער האָט געברענט, ווי אף פאָקן. ער האָט אָנגעהויבן שיטן מיט מאָדנע ווערטער, ווי זײַן שטייגער איז: „לאָנדאָן! ענגלאַנד! דיזראַעלי! באָקל! היסטאָריע ציוויליזאַציע!...״ עס איז אוממעגלעך געווען אים אײַנצושטילן. עס האָט ניט געדויערט קיין צוויי מינוט, איז אונדזער חבר פיניע שוין געלעגן אף דער ערד, און מענטשן האָבן געשפּאַנט איבער אים, ווי מע שפּאַנט איבער אַ שייט האָלץ. אַ גליק, וואָס זײַן ווײַב טײַבל האָט געמאַכט אַ גוואַלד: „פיניע, ווו ביסטו?״ האָט זיך מײַן ברודער

אליהו געגעבן א ווארף און האָט אים אַרויסגעשלעפּט אַ צעקנייטשטן און אָן אָפּגעבליאַקעוועטן, ווי אַן אַלטן קאַפּעלוש. דאָס איז געווען נומער איינס. דעם צווייטן פּסק האָט ער געכאַפּט דעם זעלבן טאָג אין שטאָט, און דווקא אַף דער יידישער גאַס, וואָס מע רופט זי מיט אַ מאָדנעם נאָמען „ווייטשעפּעל", דאָרט ווו מע פאַרקויפט פיש און פלייש, סדורים, ציצית, עפּל, קוואָס, טאָרט מיט צוקערלעקעך, מיט אָנגעשניטענע שטיקלעך הערינג, טליתים, לימענעס, ווּלוטשקע, אייער, גלעזלעך, טעפּ, קאַלאָשן, לאָקשן, בעזעמער, פּײַפּעלעך, פעפער, שטריק — פּונקט דאָס אייגענע, וואָס בא אונדז. ס'זאָל פעלן אַ האָר. אַפילו בלאָטע אויך, ווי בא אונדז. און שמעקן שמעקט אויך ווי בא אונדז. אַמאָל נאָך ערגער. מיר האָבן זיך דערפרייט, אַז מיר האָבן דערזען דעם ווײַטשעפּעל. פיניע האָט זיך שוין צופיל דערפרייט. „באַרדיטשעוו! — האָט ער זיך צעשריגן. — גוואַלד, יידישע קינדער! מיר זײַנען נישט אין לאָנדאָן, מיר זײַנען אין באַרדי־טשעוו!" אוי, האָט ער געכאַפּט אַ באַרדיטשעוו! איך האָב געמיינט, מע וועט אים דאַרפן אַוועקפירן אין שפּיטאָל. פון דעמאָלט אָן לאָזט אים טײַבל אַליין נישט גיין איבער לאָנדאָן אַפילו אַ טריט. איך קוק אַף דעם ווייטשעפּעל און טראַכט: רבונו של עולם, אַז אין לאָנדאָן איז אַזוי, הײַנט וואָס קאָן שוין זײַן אין אַמעריקע?!...

רעדט־זשע אָבער מיט ברכהן, זאָגט זי, אַז לאָנדאָן וואָלט געמעגט פאַרברענט ווערן נאָך איידער. מיר זײַנען געקומען. פון דער ערשטער מינוט, וואָס מיר זײַנען געקומען קיין לאָנדאָן, האָט מײַן שוועגערן ברכה געוואָרפן אַן אום־חן אַף דער שטאָט — סכנות! ס'איז דען אַ שטאָט? — זאָגט זי. — ס'איז נישט קיין שטאָט, ס'איז אַ גיהנם! עס וואָלט געמעגט קומען אַף איר אַ שרפה נאָך פאַראיאָרן! אַזוי זאָגט ברכה, און מײַן ברודער אליהו פרוּווט זיך פאַרענטפערן די שטאָט, זוכן מעלות. נאָר עס העלפט אים, ווי אַ טויטן באַנקעס. ברכה הערט נישט אויף צו שיטן פעך און שוועבל אַף דער שטאָט און ווינטשעווען, זי זאָל אָפּברענען. קיין אַנדער שטראָף ווינטשט זי איר נישט, נאָר ברענען. פיניעס ווײַב טײַבל האַלט זי אונטער. די מאַמע זאָגט: „אפשר וועט גאָט רחמנות האָבן און דאָס לאָנדאָן וועט זײַן אונדזער לעצט אָפּקומעניש?" נאָר מיר אין דרײַען: איך און אליהו און פיניע האַלטן פון לאָנדאָן אַן עולם ומלואו. אונדז איז דווקא געפעלן אָט דער טומל, וואָס סע טומלט, מיט דעם קאָכעניש, וואָס סע קאָכט.

וואָס אַרט עס אונדז, אַז סע קאָכט? לאָז קאָכן. אונדז געפעלט נאָר נישט, וואָס מיר גייען אַרום אָן אַרבעט. מיר זוכן אַ קאָמיטעט און קאָנען נישט געפינען. ווען מיר פרעגן, איז אָדער מע ווייס נישט, אָדער מע וויל נישט ענטפערן. מע האָט קיין צייט נישט. מע איז פאַר־טראָגן. מע לויפט! מיר מוזן אָבער האָבן אַ קאָמיטעט. מיר קאָנען זיך אָן אַ קאָמיטעט נישט באַגיין. נישט מחמת קיין זאַך, נאָר מחמת דעם, וואָס מיר האָבן נישט מיט וואָס צו דערשלעפּן זיך קיין אַמעריקע. מיין ברודער אליהוס קעשענע האָט זיך אויסגעליידיקט. דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אָפּגעלייזט פאַר אונדזער האַלבער דירה, איז אַוועק ווי אַ רויך. פּיניע לאַכט פון אליהון: „וואָס וועסטו טאָן מיט דער קעשענע?"... אליהו איז אין כעס. ער האָט פיינט, אַז מע טרייבט קאַטאָוועס. ער איז פּונקט דער היפּך פון זיין חבר פּיניע. ער איז אַ פאַרוויינטע נשמה. פּיניע רופט אים: „דאָס פאַרזאָרגטע באַלעבעסל"... איך האָב פּיניען ליב נאָר דערפאַר, וואָס ער איז תמיד פריילעך. זינט מיר זיינען געקומען קיין לאָנדאָן איז ער נאָך געוואָרן פריילעכער. ער זאָגט, אַז דאָרט, אין קראָקע, לעמבערג, בראָד, אַנטווערפּן, ווין, מוז מען ריידן דייטש. דאָ אין לאָנדאָן איז אַ מחיה. מע קאָן ריידן יידיש, ווי אינדערהיים. דאָס הייסט: האַלב יידיש, האַלב־רוסיש.

דאָס לשון זייערס איז ערגער נאָך פון דייטש. ברכה זאָגט, אַז דריי ענגלענדער מעגן זיין אַ כפּרה פאַר איין דייטש. זי זאָגט: ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אין דער וועלט, אַז אַ גאַס זאָל הייסן ווייטשעפּעל, און געלט זאָל הייסן „אײפּעני", „טאַפּעני", „טריפּעני"? ס'איז דאָ נאָך אַ וואָרט, וואָס געהער זיך אָן מיט געלט, הייסט עס „פייף". מיט דעם דאָזיקן „פייף" האָט זיך געטראָפן באַ אונדז אַ גאַנצע מעשה. אויב איר ווילט, קאָן איך זי אייך דערציילן.

— ב. —

איר ווייסט דאָך שוין, אַז מיר זוכן אַ קאָמיטעט אין לאָנדאָן. גע־פינען אין לאָנדאָן אַ קאָמיטעט — איז פּונקט, ווי אין אַ וואָגן שטרוי אַ נאָדל. נאָר ס'איז דאָך אָבער דאָ אַ גאָט אַף דער וועלט, גייען מיר איינמאָל אַזוי איבערן ווייטשעפּעל. פאַרנאַכטלעך איז דאָס געווען. דאָס הייסט, נישט פאַרנאַכט, נאָר באַטאָג. אין לאָנדאָן איז נישטאָ נישט קיין

באַטאַג, נישט קיין אינדערפֿרי. אין לאָנדאָן איז שטענדיק פֿאַרנאַכט. באַגעגנט אונדז אַ ייִד מיט אַ קורץ ווייטיקל, מיט אַ טשודנעם קאַפּעלוש און מיט זוכנדיקע אויגן.

— איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איר זײַט ייִדן...

אַזוי זאָגט צו אונדז דער ייִד מיטן קורצן ווייטיקל, און פּיניע ענטפֿערט אים:

— קאָניעטשנאָ! נאָך וואָסערע ייִדן! פֿון ייִדנלאַנד!...

— ווילט איר אפֿשר פֿאַרדינען אַ מצווה?

אַזוי מאַכט ווידער דער ייִד, און פּיניע ענטפֿערט אים:

— למשל־נאַפּרימער?

— איך האָב יאָרצײַט, און קאָן נישט אָוועקגיין פֿון דערהיים. עס פֿעלט מיר אויס נאָך אַ פּאָר מענטשן צו אַ מנין... דאָס בחורל איז שוין בר־מצווה, צי נאָך נישט?

דאָס מיינט ער מיך. מיר איז דאָס דווקא געפֿעלן, וואָס ער רופֿט מיך „בחורל" און מיינט, אַז איך בין שוין בר־מצווה.

ארויפֿגעדראַפּעט זיך מיט אים אין דער פֿינסטער אַף די טרעפּ, זײַנען מיר אַרײַן אין אַ פֿינצטער חדרל, אָנגעפּאַקט מיט קליינע פֿאַרמורזעטע קינדער און אָנגעפֿילט מיט אַ געדיכטן ריח פֿון „געפּרייטע" פֿיש. קיין מנין איז נאָך נישט געווען. עס האָבן נאָך געפֿעלט זיבן. דער ייִד האָט אונדז געבעטן זיצן, און אַליין האָט ער געגעבן אַ שפּרונג אַף דער גאַס, טאָמער וועט ער כאַפּן נאָך אַ צוויי ייִדן. ער האָט געגעבן עטלעכע שפּרונג, ביז ער האָט צונויפֿגעשלאָגן אַ מנין. איך האָב מיך דערווײַל באַקענט מיט די פֿאַרמורזעטע קינדערלעך און געכאַפּט אַ קוק אין אויוון. דאָרט האָבן זיך „געפּרייט" פֿיש. באַ אונדז אינדערהיים זאָגט מען „געפּרעגלט". דאָ דאַרף מען זאָגן „געפּרייט". איך ווייס נישט, פֿאַרוואָס? אפֿשר דערפֿאַר, ווײַל ס'איז אַ פֿרײַ לאַנד, הייסט דאָס געפּרייטע פֿיש? אָדער דערפֿאַר, ווײַל די פֿיש פֿרייען זיך בשעת מע פּרעגלט זיי? סײַ־ווי־סײַ זײַנען געפּרייטע פֿיש גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווי מײַן שוועגערן ברכה מאַכט דעם אָנשטעל. ווען מע גיט מיר איצטער אַ שטיקל געפּרייטע פֿיש, וואָלט איך זיך מחיה געווען. איך מיין, אַז ברכה אַליין וואָלט זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט.. מיר האָבן אַלע אַ גאַנצן טאָג כמעט געפֿאַסט. מיר לעבן שוין עטלעכע טעג מיט אַ שטיקל הערינג און מיט רעטעך. אין ווייטשעפּעל קריגט איר גוטע שוואַרצע רעטעכער. דער ייִד

וואָלט געטאָן אַ שכל, ווען ער בעט אונדז, מיר זאָלן בלײַבן מיט אים עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. אָפּנים, ער הייבט נישט אָן צו פּילן, אַז מיר ווילן עסן. פון וואַנען ווייס איך דאָס? מחמת, ווײַבאַלד מיר האָבן אָפּגעדאַוונט מנחה און ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם קדיש, האָט ער אונדז באַלד אָפּגעדאַנקט פאַר דער טרחה און האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר קאָנען גיין. מײַן ברודער אליהו האָט אָבער געוואָלט האָבן דורך אים אַ שטיקל טובה. האָט ער געמאַכט אַ שמועס מיט אים וועגן קאָמיטעט, און געכאַפּט אַ קוק בשעת מעשה אױף די געפּרייטע פּיש און געגעבן אַ שלונג אַראָפּ. דער ייִד האָט מיט איין האַנט געהאַלטן באַ דער קליאַמקע פון דער טיר, און מיט דער אַנדערער האַנט האָט ער אונדז דערציילט פונעם קאָמיטעט עפּעס נישט קיין פריילעכע מעשיות. ערשטנס, האָט דער ייִד געזאָגט, אַז עס הייבט זיך גאָרנישט אָן — גאָר נישטאָ קיין קאָמיטעט. דאָס הייסט, ס׳איז דאָ אַ קאָמיטעט, עטלעכע קאָמיטעטן, נאָר די לאָנדאָנער קאָמיטעטן געבן נישט אַזוי גיך קיין געלט. אויב איר ווילט באַהילפיק זײַן פון אַ לאָנדאָנער קאָמיטעט, מוזט איר פרוּוער זיך גוט אָנלויפן, ברענגען פּאַפּירן און עדות, אַז איר זײַט אַן עמיגראַנט און פאָרט קיין אַמעריקע. מחמת ס׳איז דאָ אַ סך עמיגראַנטן, וואָס זאָגן נאָר, אַז זיי פאָרן קיין אַמעריקע. נאָכדעם, אַז איר ברענגט שוין אַלצדינג, קאָן מען אײַך פון קאָמיטעט געבן צושטײַער נאָר אױף צוריקוועגס, דאָס הייסט, איר זאָלט פאָרן צוריק אַהיים. מחמת די לאָנדאָנער קאָמיטעטן האַלטן נישט פון אַמעריקע. דערהערט אַזעלכע דבורים, איז מײַן ברודער אליהו באַלד געוואָרן אין כעס (איר ווייסט דאָך, אַז ער איז אַ כעסן). און פּיניע איז דאָך אוודאי אַ היציקער פּאַרשוין, האָט ער אָנגעהויבן צו פײַערן אױף זײַן לשון:

— קאַק מאָזשנע — ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? קאַקאָי פּאַלנע פּראַוו — ווי האָבן זיי דאָס רעכט אונדז הייסן פאָרן צוריק? קאַק אים נע סטידנאָ — ווי שעמען זיי זיך נישט אין אַ לאַנד פון ציוויליזאַציע?

שלאָגט אים איבער דער ייִד פונעם מנין, האַלט אָפן די טיר און זאָגט צו אים:

— רעד אַהער, רעד אַהין! אָט האָב איך אײַך געגעבן אַן אַדרעס פון אַ קאָמיטעט, פאָרט זיך דורך אַליין צום קאָמיטעט, וועט איר זען, אַז ס׳איז אַלרייט.

— ג —

אַרויסגעגאַנגען פונעם יאָרצײַט, איז אונדז נאָכגעלאָפן דער ריח פון די געפּרעגלטע פיש. מיר אַלע האָבן געקלערט וועגן זיי, נאָר ריידן האָט קיינער נישט גערעדט פון זיי, אַחוץ ברכה. זי האָט זיי אָנגעבענטשט אַ פולן קאָפּ. זי האָט זיי געווינטשעוועט, זיי זאָלן זיך דערווערגן, רבונו של עולם, מיט זייערע געפּרעגלטע פיש, וואָס זיי אוירן אַף אַ מײַל. מײַן מאַמע קאָן נישט לײַדן:

— וואָס האָסטו צו זיי? נעבעך ערלעכע מענטשן! זיצן אין אַזאַ גיהנם — פונדעסטוועגן, אַז עס קומט צו אַ יאָרצײַט, זוכט מען אַ מנין...

דערויף ענטפערט איר ברכה:

— שוויגער! לאָזן זיי אײַך ברענען אינאיינעם מיט זייערע יאָרצײַטן און מיט זייערע געפּרעגלטע פיש! מע שטעלט אָפּ פרעמדע מענטשן, מע רופט זיי אַרײַן צו זיך אין שטוב אַרײַן, — נעם גיב דעם קינד אַ שטיקל געפּרעגלטע פיש כאָטש פון יוצא וועגן...

דאָס מיינט זי מיך. אָט ערשט בין איך געווען באַם ייִדן אַ „בר־מצווה־בחורל", איצט בין איך שוין געוואָרן באַ ברכהן אַ „קינד"... גוטע יאָרן, אַז ברכה נעמט זיך אָן מײַן קריוודע! אַזוי טראַכט איך. מיר לאָזן זיך אַלע זאַלבעזעקסט צום קאָמיטעט. אָן עצה האָט אונדז דער ייִד געגעבן, אַ דאַנק אים, אַז מיר זאָלן נישט גיין צופוס — מיר זאָלן זיך בעסער אויפזעצן אָפן טראַמוויי און פאָרן גלײַך. האָט אָבער דער לאָנ־דאָנער טראַמוויי אַ טבע — ער האָט פײַנט זיך אָפּשטעלן. וויפל מע זאָל צו אים נישט מאַכן מיט די הענט, ער טוט זיך זײַנס — ער לויפט. נאָכלויפן אים וועט אײַך נישט העלפן — איר וועט אים נישט כאַפּן. אַ גליק, וואָס איינער האָט זיך אַף אונדז דערבאַרעמט, און דווקא אַן ענג־לענדער מיט אָפּגעגאָלטע וואַנצעס (טאָמער זעט איר אַ מענטשן מיט גע־גאָלטע וואָנצעס, זאָלט איר וויסן, אַז ס'איז אַן ענגלענדער). דער ענג־לענדער האָט געזען, אַז מיר מאַכן מיט די הענט צו די טראַמווייען, און די טראַמווייען לויפן, האָט ער אונדז צוגעפירט צו אַ קלויסטער און האָט אונדז אָנגעוויזן מיט די הענט, אַז דאָ זאָלן מיר שטיין. כך הוה. עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט, איז אָנגעלאָפן אַ טראַמוויי און האָט זיך אָפּגעשטעלט. זײַנען מיר אַלע אַרײַן — איך, און מײַן ברודער אליהו, און אונדזער חבר פּיניע, און די מאַמע, און ברכה, און טײַבל — און מיר

פּאָרן. גייט צו דער קאָנדוקטאָר און הייסט זיך, מע זאָל נעמען בילעטן. שטעלט זיך אַרויס פּיניע און פרעגט אים: סקאָלקאָ־וויפל? זאָגט אים דער קאָנדוקטאָר: „פּייף״. פרעגט אים פּיניע נאָכאַמאָל: סקאָלקאָ־וויפל? זאָגט אים דער קאָנדוקטאָר ווידעראַמאָל, שוין מיט כעס: „פּייף״. דרייט זיך אויס צו אונדז פּיניע און זאָגט: טשטאָ טאַקאָיע, איר הערט? ער הייסט מיר פּייפן! גייט צו מײַן ברודער אליהו און פרעגט אים מיט די הענט: וויפל קאָסט אַ פּאָר? זאָגט אים דער קאָנדוקטאָר, שוין רעכט אין כעס: „פּייף!״ צעלאַכט זיך פּיניע, און אליהו רופט זיך אָן צום קאָנדוקטאָר שוין אויך מיט כעס: „פּייף אַליין!״... ווערט דער קאָנדוקטאָר מלא גזלן, טוט אַ ציִ באַ אַ שטריק, שטעלט אָפּ דעם טראַמוויי און וואַרפט אונדז אַרויס מיט אַזאַ רציחה, גלײַך ווי מיר האָבן אים געוואָלט קוילען און צונעמען זײַן רײַזע־טאַש מיטן געלט. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז דאָס, וואָס דער קאָנדוקטאָר האָט „געפּייפט״, האָט ער דאָס געמיינט פינף.

— נו? זאָל נישט קומען אַ שרפה אַף לאָנדאָן?

אַזוי זאָגט ברכה און מיר גייען אין קאָמיטעט אַרײַן צופוס.

— ד —

אין לאָנדאָנער קאָמיטעט איז פריילעך, ווי אין אַלע קאָמיטעטן. אין הויף וואַלגערן זיך עמיגראַנטן, אַזוי ווי מיסט, און אינעווייניק אין שטוב זיצן מענטשן און רויכערן ציגאַרן און זאָגן זיך איינס דאָס אַנדערע: אָללרײַט. דער חילוק איז, וואָס די דײַטשע קאָמיטעטשיקעס טראָגן די וואָנצעס פאַרדרייט אַרויף אוןריידן אַף דײַטש, און די לאָנדאָנער קאָמיטעטשיקעס האָבן אָפּגעגאָלט די בערד מיט די וואָנצעס אינגאַנצן און ריידן: „אָללרײַט!״ אַ טעאַטער מיט זיי. די מאַנצבילן גייען געגאָלט, און די ווײַבער טראָגן אַלע פּאַריקן אַף די קעפּ. און נישט נאָר די ווײַבער — אפילו די מיידלעך טראָגן צוגעקלעפּטע האָר מיט אויסגעגרײַזלטע בוקלעס, האָבן אַלע גרויסע ציין און זײַנען אַזוי מיאוס, אַז סע שלאָגט צו דער גאַל. פונדעסטוועגן, לאַכן זיי פון אונדז אין די אויגן, טײַטן מיט די פינגער, און קוויטשען אַזוי, אַז ס׳איז אַ בזיון פאַר לײַטן. צוויי מיידלעך האָבן אונדז אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס און האָבן זיך צוגעטשעפּעט צו מײַן ברודער אליהו, ער זאָל גיין אין „באַרבער־שאָפּ״. פרײַער האָבן

מיר נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדײַט. איצט ווייסן מיר שוין: גיין אין באַרבעס־שאָפּ הייסט אָפּשערן זיך און אָפּגאָלן זיך. מאָדנע ברואים. אַליין גייען זיי פֿאַרדריפּעט ביזן האַלדז, פּרעסן אין מיטן גאַס געפּרייטע פּיש, וואָס לאָזן זיך הערן פֿאַר אַ מײַל, און האָבן פֿײַנט האָר. שכורים זײַנען זיי אויך גאַנץ נישקשהדיקע, נאָר זיי וואַלגערן זיך נישט אויף דער גאַס, אַזוי ווי בײַ אונדז. מע לאָזט זיי נישט. אַ לאַנד איז דאָס זייער אַ ווילדס, זאָגט ברכה, נאָר עס וויל נישט ברענען.

— וואָס וועט דיר אַרויסקומען, אַז ס'וועט ברענען?

אַזוי פֿרעגט בײַ איר מײַן ברודער אליהו, און כאַפּט פֿון איר אַ מיאוסן פּסק. ברכה אַז זי וויל, קאָן זי. אַמאָל, מאַכט זיך, זאָל זי אײַך שווײַגן, נישט רײדן אַ וואָרט צו קיינעם, און אַמאָל עפֿנט זיך אויף בײַ איר אַ קוואַל פֿון ווערטער, איז אָדער פֿאַרשטעלן זיך די אויערן מיט וואַטע, אָדער לויפֿן אין דער וועלט אַרײַן. איך גיב אײַך איבער אירע רייד, וואָרט בײַ וואָרט:

— וואָס שטעלסטו זיך אַזוי אײַן פֿאַר דעם געבענטשטן לאַנדאָן מיטן שוואַרצן הימל, מיט די געגאָלטע מאָרדעס, מיט דעם שיינעם ווײַ־טשעפּעל, מיט די געפּרייטע פּיש, מיט די אַלע מוידן, מיט די געדרייטע בוקלעס, מיט די פֿאַרדריפּעטע קליידלעך, מיט די קבצנים וואָס טרינקען דזשינדזשער־ביר, מיט די קאָנדוקטאָרן, וואָס הייסן פֿײַפֿן, מיט די יזדן, וואָס האָבן יאָרצײַט און זשאַלעווען אַ טרונק וואַסער? אַזאַ שטאָט מוז ברענען!

אַזוי זאָגט ברכה אין איין אָטעם, ווי די עשרת בני המן, און לאָזט אויס מיט צונויפֿגעלייגטע הענט:

— לאָנדאָן, פֿאַרוואָס ברענסטו נישט?!...

רבונו של עולם! ווען וועלן מיר שוין זײַן אין אַמעריקע????...

מאָטל פּייסי דעם חזנס

כתבים פון אַ יינגל אַ יתום

צווייטער טייל:

אין אַמעריקע

געשריבן אין יאָר 1916.

אינהאַלט:

	זייט
מזל־טוב, מיר זיינען שוין אין אַמעריקע !	205
קריעת ים־סוף	213
אין געפּענקעניש	220
אַ ים פון טרערן	228
מיטביידע פיס אויף דער ערד	235
אין ניו־יאָרק אויף דער סטריט	242
די כאָליאַסטרע אויף דער אַרבעט	249
מיר זוכן אַ דזשאָב	256
מיר אַרבעטן אין שאַפּ	263
מיר שטרייקן	270
כתרילעווקע אין ניו־יאָרק	277
מיר מאַכן אַ לעבן	283
די רפואה פאַר דער מכה	290
מיר קאָלעקטן	297
מיר גייען אין ביזנעס	305
העללאָו, לאַנדסמאַן !	311
מיר גייען פאַרגרעסערן די ביזנעס	317
מיר מופן	324
די וואַסערשטוב	328

I

מזל טוב, מיר זײַנען שוין אין אַמעריקע!

— א. —

אונדז קומט מזל־טוב — מיר זײַנען שוין אין אַמעריקע. דאָס הייסט, מע זאָגט, אַז מיר זײַנען אין אַמעריקע. אַמעריקע האָבן מיר נאָך נישט געזען, וואָרעם מיר זײַנען נאָך דערווײַל אין „קעסטל־גאַרטל". דאָס הייסט, אַמאָל האָט דאָס אַזוי געהייסן. הײַנט הייסט עס שוין מער נישט „קעסטל־גאַרטל", נאָר „עלים אײַלאַנד". פאַרוואָס עפּעס „עלים אײַלאַנד"? „ווײַל דאָס שטיקל לאַנד האָט אַמאָל געהערט צו איינעם אליהו, איז ער געווען אַ נאַר ביז דער סטעליע". אַזוי זאָגט אונדזער חבר פּיניע צום גראַם, ווי זײַן שטייגער איז. פּיניע איז אין כעס אַפֿן עלים אײַלאַנד מיט סכנות. למאי מע פאַרהאַלט די אָרעמע עמיגראַנטן און די רײַכע לאָזט מען אַרײַן גלײַך, ווי זיי קומען אָן מיטן שיף. דאָס פּאַסט, זאָגט ער, נאָר פאַר פּאָני־גנב, נישט פאַר אַזאַ פרײַע מדינה, ווי אַמעריקע. אַלע דאַרפֿן דאָ זײַן גלײַך. נישטאָ קיין אָרעם; נישטאָ קיין רײַך. און ער הייבט אָן שיטן מיט נעמען: קאָלומבוס, שעקספּיר, באָקל, ציוויליזאַציע... ער קלייבט זיך אָנצושרײַבן אַף זיי אַ ליד און אַוועקגעבן זיי אַ גאָב, אַז דער שוואַרצער יאָר זאָל זיי נעמען! האָט ער נישט קיין טינט און פעדער און קיין ברעקל פּאַפּיר. זאָגט אים מײַן ברודער אליהו, אַז אויב עס געפעלט אים נישט דאָס לאַנד, האָט ער אַ ברירה פאָרן צוריק. און דאָס געדענקט איר דאָך מסתמא פון אַמאָל, אַז די צוויי, פּיניע און אליהו, זײַנען זעלטן שווה בשווה. וואָס איינער זאָגט דרינגט דער אַנדערער קאַפּויר. „דער זומער מיטן ווינטער" — רופט זיי מײַן ברודער אליהוס ווײַב, ברכה, און כאַפּט אַ מיאוסן פּסק פון איר מאַן, פון אליהון. ער רופט זי אָן „בהמה", און סאָטע ציג".

און נאָך אַזעלכע נעמען, וואָס ס'איז נישט כדאי איבערצוחזרן. מישט זיך אַרײַן די מאַמע און זאָגט צו איר שנור, אַז קען רײַסן זיך, טאָר אַ מענטש נישט זײַן אינמיטן, וואָרעם ער קאָן כאַפּן אַ דראַפּ...

— ב. —

וואָס טוען מיר אין עלים אײַלאַנד? מיר וואַרטן ביז מע וועט קומען פון שטאָט, באַקאַנטע און פרײַנט, און מע וועט אונדז אויסשרײַבן. כאָטש שרײַבן האָט מען אונדז אויסגעשריבן שוין וויפל מאָל. מע האָט אונדז געשריבן, פאַרשריבן און אויסגעשריבן פאַרן אַרויפגיין אַפן שיף, און אַפן שיף גופא, און איצט, באַם אַראָפּגיין פון שיף. און אַלע מאָל די אייגענע חכמה: ווער זײַנען מיר? וווּהין פאָרן מיר? און וועמען מיר האָבן אין אַמעריקע?

דערציילן מיר זיי, אַז ס'איז געווען אַ ייִד פּייסי דער חזן — און ער איז געשטאָרבן. האָט ער איבערגעלאָזט אַן אַלמנה — דאָס איז די מאַמע. האָט זי אַ זון — הייסט ער אליהו. האָט ער אַ ווײַב — הייסט זי ברכה. האָט ער אַ חבר — הייסט ער פּיניע. האָט ער אַ ווײַב — הייסט זי טײַבל. און איך בין דער מיזינעק — הײם איך מאָטל. און דאָס איז מײַן חבר — הייסט ער מענדל. און ווײַל ער איז אַ גרויסער — האָט אים ברכה אַ נאָמען געגעבן לאָשעק.

וועמען האָבן מיר אין אַמעריקע? גאַנץ אַמעריקא איז אונדז באַקאַנט און אַלע ייִדן זײַנען אונדזערע פרײַנט. ראשית חכמה, משה דער אײַנבינדער און זײַן ווײַב פּעסיע די גראָבע — אונדזער שכנה, מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע קינדער. האָט זיך יעדער זײַן נאָמען מיט זײַן צונעמעניש. און מיר רעכענען זיי אויס אַף די פינגער: פּיניע קלעצל, וועלוול קאָטער, מענדל טשערנאָהוז, חיים בופלאַקס, פײַטל פּעטעלעלע און הערשל מיט דער גאָלי אַפן שטערן, וואָס מע רופט אים „ושתי"...

שלאָגט מען אונדז איבער אינמיטן און מע זאָגט אונדז: „גענוג, גענוג קליינוואַרג. עלטערע! גיט אַהער עלטערע!" גיבן מיר זיי עלטערע און רעכענען זיי אויס די נעמען: יונה דער בעקער, אַ ייִד אַ כעסן, איז נישט איינס. זײַן ווײַב ריוועלע די בעקערן, אַ ייִדענע מיט אַ רעטאָנדע, איז נישט צוויי. דאָס הייסט, זי האָט געהאַט אַ רעטאָנדע,

האָט מען זי אַוועקגעגנבעט אַף דער גרענעץ. דערהערט דאָס וואָרט „גרענעץ" דערמאָנט זיך די מאַמע אָן אונדזערע זאַכן, וואָס מען האָט אויך אַוועקגעגנבעט אַף דער גרענעץ. הייבט זי אָן בעטן, טאָמער איז מעגלעך, מע זאָל איר קריגן די זאַכן, — און הייבט אָן צו וויינען. פֿאַלט אָן אַף איר אליהו, למאי זי וויינט. זאָגט זי, אַז איצט איז זי שוין אין אַמעריקע און האָט שוין קיין מורא נישט פֿאַר די אויגן, מעג זי שוין, זאָגט זי, וויינען און וויינען.

— ג. —

וו:אַזוי מע האָט זי דורכגעלאָזט מיט די אויגן — איז טאַקע אַ נס מן השמים. למאי וו:אַזוי זײַנען מיר לעבן געבליבן פֿון דער נסיעה אַפֿן ים? איז עס דען נישט געווען קיין נסים ונפֿלאות? וויפֿל מאָל האָבן מיר געזען מיט אונדזערע אויגן דעם מלאך־המות, דעם טויט פֿאַר די אויגן? וויפֿל מאָל האָבן מיר זיך שוין געהאַט אָפּגעזעגנט מיטן לעבן.

תּחילת, אַז מיר זײַנען אַרויף אַפֿן שיף „פּרינץ אַלבערט", איז דווקא געווען גוט און פֿײַן. איך און מײַן חבֿר מענדל האָבן זיך געלאָזט אויס־מעסטן דעם „פּרינץ אַלבערט" אין דער לענג און אין דער ברייט. קיינעם איז נישט געווען אַזוי גוט, ווי אונדז. מיר האָבן קיינמאָל נישט געהאַט אַזאַ קוואַרטיר, ווי איצט. אַ וואַסער־שטוב. אַ דרייגאָרנדיקע שטוב אַפֿן וואַסער. איך האָב אײַך זי געהאַט שוין אַמאָל אויסגעמאָלט מיט אַלע פּיטשעווקעס. שטעלט אײַך פֿאָר — איר זיצט, דאַכט זיך, אין שטוב, אָדער איר שפּאַצירט אַרום, די הענט אין די קעשענעס, און — איר פֿאָרט! איר עסט און — איר פֿאָרט! איר טרינקט און — איר פֿאָרט! הײַנט די מענטשן, וואָס איר זעט זיך אָן, אַ וועלט מיט מענטשן. אַ גאַנצע שטאָט פֿאָרט מיט אײַך. און מחמת אַלע פֿאָרן אַף איין שיף און אַלע פֿאָרן אין איין אָרט אַרײַן, קיין אַמעריקע — באַקענט איר זיך מיט אַלעמען און אַלע באַקענען זיך מיט אײַך, און איר ווערט געוואָר אין איין טאָג אַזויפֿיל זאַכן, וואָס אין אַן אַנדער אָרט וואָלט איר עס נישט דערגאַנגען אין אַ יאָר.

— ד. —

ווײ־ווײ, וויפֿל באַקאַנטע מײַן מאַמע און מײַן שוועגערן ברכה מיט פּיניעס ווײַב טײַבל האָבן זיך געמאַכט צווישן די ווײַבער. נאָר דאָס איז געווען גאָרנישט קעגן די באַקאַנטע, וואָס מײַן ברודער אליהו און זײַן חבר פּיניע האָבן זיך געפֿונען צווישן די מאַנצבילן. וויפֿל מע האָט נישט גערעדט און גערעדט, האָט מען נישט געקאָנט זיך גענוג אָנריידן. ווײַבער האָבן גערעדט מער פֿון היימישע זאַכן, פֿון זאַכן, וואָס זײַנען שײַך צו דער קיך, צו דער שפּיזאַרניע, ווײַס גרעט, קויטיק גרעט, בעט־געוואַנט, זאָקן, ציכלעך, רעטאָנדעס. און די מאַנצבילן — די האָבן גע־רעדט פֿון אַמעריקע, פּרנסה, קאָלומבוס, גזירות, פּאָגראָמען.

אָן גזירות און אָן פּאָגראָמען קאָנען זיי זיך נישט באַגיין. און איך האָב אײַך שוין לאַנג געזאָגט, אַז איך האָב עס פֿײַנט. הייבט מען אָן ריידן פֿון גזירות אָדער פֿון פּאָגראָמען, גיי איך אַוועק. איך נעם מײַן חבר מענדל פֿאַר אַ האַנט, און מיר לאָזן זיך שפּאַצירן איבער די גאַסן פֿון „פּרינץ אַלבערט".

— ה. —

„פּרינץ אַלבערט" איז גענוג גרויס. און שיין. שטיינערנע טרעפּ. מעשענע פּאַרענטשעס. שטאָל און אײַזן ווו מע טוט זיך אַ ריר. הײַנט „מענטשן". איך מיין די באַדינער. מע רופֿט זיי „סטיוואַרדס". און „נוירסעס". הײַנט מאַטראָסן — אַזוי ווי די רוחות. לויפֿן אַרום הין און הער. איך און מענדל זײַנען זיי מקנא. מיר גיבן זיך דאָס וואָרט, אַז מיר וועלן אויסוואַקסן, ווערן גרויסע, זאָלן מיר זיך פֿאַרשרײַבן פֿאַר מאַטראָסן.

איין חסרון האָט דער „פּרינץ אַלבערט". מע לאָזט אונדז נישט אומעטום זײַן. קוים ווילן מיר געבן אַ קוק אַרײַן אַ ביסל ווײַטער פֿון צווי־שנדעק, ווו מיר פֿאָרן, אַזוי טרײַבט מען אונדז דורך. טאַקע די מאַטראָסן גופֿא. גרויסע רשעים. און די פּאַסאַזשירן אַליין, פֿון יענע העכערע קלאַסן, זײַנען אויך רשעים. וואָרעם זיי זאָלן נישט זײַן קיין רשעים, וואָלטן זיי פֿאַרזאָגט די מאַטראָסן, מע זאָל אונדז נישט טרײַבן. וואָס וועלן מיר זיי טאָן? מיר וועלן זיי אָפּבײַסן? מײַן חבר מענדל איז גלאַט נישט צו־פֿרידן. ער פֿאַרשטייט נישט, צו וואָס דאַרף מען קלאַסן? ער זאָגט, אַז

אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין קלאַסן. טאָמער גלייב איך אים נישט, קאָן איך אַ פרעג טאָן בײַ מײַן ברודער אליהו. האָט אָבער מײַן ברודער אליהו פּײַנט, אַז מע פרעגט בײַ אים פּוסטע זאַכן. איך וועל שוין בעסער פרעגן בײַ אונדזן חבר פיניע.

אונדזער חבר פיניע האָט דווקא ליב צו ריידן פון אַזעלכע זאַכן. ער קאָן אײַך אָפּשיטן מיט רייד. און האָט איר אים נאָר זאַטשעפּעט מיט אַ וואָרט, איז ווי אַן אָנגעדרייטער וועק־זייגער. ער וועט ניט אָנטשווייגן ווערן, ביז דאָס רעדל וועט זיך אַליין ניט אָפּשטעלן.

— ז. —

איך האָב געפּאַקט פיניען בעת ער איז געזעסן אויפן דעק. ער האָט אַרײַנגעטאָן זײַן שפּיץ נאָז אין אַ בוך. מחמת ער איז אַ קורצזיכטיקער, לייענט ער נישט מיט די אויגן, נאָר מיט דער שפּיץ נאָז. איך בין צוגע־גאַנגען צו אים נאָענט.

— רב פיניע, איך דאַרף אײַך עפּעס פרעגן.

פיניע האָט צוגענומען די נאָז פון בוך.

— וואָס׳טו זאָגן, קטנתי? — קטנתי הייסט בײַ אים אַ קליינטשי־קער. אַזוי רופט מיך פיניע בעת ער איז אויפגעלייגט. און אויפגעלייגט איז ער כמעט אַלעמאָל. אַפילו דעמאָלט, ווען ער קריגט זיך מיט מײַן ברודער אליהו. און אַפילו דעמאָלט, ווען זײַן טײַבל בלאָזט זיך. דערצייל איך אים אַזוי און אַזוי. צי ס׳איז אמת, וואָס מע זאָגט, אַז אין אַמעריקע זײַנען נישטאָ קיין קלאַסן?

האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן, ווי אַט דער פיניע האָט זיך אָנגעצונדן און צעפלאַקערט זיך און גענומען ריידן און קײַען און שפּײַען און שיטן מיט פײַערדיקע הויכע ווערטער: אַז אַמעריקע איז דאָס איינציקע לאַנד, זאָגט ער, פון אמתער פרײַהייט און פון אמתער גלײַכהייט. אין אַמעריקע זאָגט ער, קאָנסטו זיצן אָט־אָ־דאָ־אָ, און לעבן דיר זאָל זיצן דער „פּרעזי־דענט", און ווײַטער אַביסל זאָל זיצן אַ בעטלער, אַ שלעפּער, אַ ניקס שבניקס. און נאָך אַ ביסל ווײַטער — אַ גראַף, אַ שררה, אַ מיליאָנשטשיק! ציוויליזאַציע! פּראָגרעס! קאָלומבוס!... און דאָ הייבט ערשט פיניע אָן אַרויסצושיטן זײַנע שענסטע ווערטער. מישט זיך אַרײַן אַ ייִד אַן עמיגראַנט, אַ ווילד־פרעמדער:

— אז ס׳איז יאָ אַזאַ גליקלעכע מדינה, ווי איר זאָגט, וווּ אַלע זײַנען גלײַך, פונוואַנען זשע נעמען זיך דאָרטן שלעפּערס און גראַפּן און בעטלערס און שררות? ממה־נפשך...

נאָר מיר לאָזן איבער פּיניען מיטן ייִדן מיט נאָך ייִדן, זיי זאָלן זיך רײַסן — אַבי מיר זײַנען הערגאַנגען וואָס מיר דאַרפֿן, אַז אין אַמעריקע זײַנען קיין קלאַסן נישט פֿאַראַן. קומט אויס, אַז מענדל איז גערעכט. ער זאָגט, אַז קלאַסן דאַרף מען פֿײַנט האָבן. דאָס הייסט, אַז די פּאַסאַזשירן פֿון די העכערע קלאַסן דאַרף מען פֿײַנט האָבן. פֿאַרשטיי איך ניט, פֿאַר־וואָס? וואָס האָב איך צו זיי? זאָגט מענדל: וואָס האָבן זיי זיך פֿאַר־שלאָסן באַ זיך אין צווייטן און אין ערשטן קלאַס צווישן די שפּיגלען? וואָס שטייט זיי אַזוי נישט אָן, די גרויסע פּריצים, צו זיצן מיט אונדז אָט דאָ, צווישן דעק? מיר זײַנען דען קיין מענטשן נישט גלײַך מיט זיי? אונדזער גאָט איז דען נישט דער אייגענער, וואָס זייער גאָט? — דער־פֿאַר האָט ער דערלעבט אין זיי אַ נקמה. ס׳איז געקומען אַ נאַכט, וואָס די מיוחסים פֿון צווייטן און ערשטן קלאַס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו אונדז, אין דריטן קלאַס, און געוואָרן גלײַך מיט אונדז אַלעמען.

דאָס איז געווען אין דער נאַכט פֿון יום־כּפּור, צו כּל־נדרי.

— ז. —

מחמת דער „פּרינץ אַלבערט" איז אַרויסגעגאַנגען עשרת־ימי־תשובה, איז אונדז אויסגעקומען צו פּראַווען יום־כּפּור אויפֿן שיף. ערב יום־כּפּור האָבן מיר זיך פֿאַרפּאַסט מיט געבראָטענע קאַרטאָפֿל — „פּעטייטעס" רופֿט מען עס דאָ. קיין כּשרע קיך איז אויף „פּרינץ אַלבערט" נישט פֿאַראַן, לעבן מיר די גאַנצע צײַט פֿון פּעטייטעס. און ברויט גיט מען אונדז לרוב. און טיי און צוקער אַלע טאָג. ס׳איז גאָרנישט אַזוי שלעכט. מע וואָלט געקאָנט אַ גאַנץ יאָר אַזוי לעבן. זאָגט אָבער ברכה, מײַן ברודער אליהוס ווײַב, אַז פֿון פּעטייטעס ווערט געשוואָלן דער בויך. נאָר וואָס זי קאָן זאָגן! ס׳איז דען פֿאַראַן אַ זאַך, וואָס זאָל איר געפֿעלן? אויף אַלצדינג געפֿינט זיך אײַך אַ חסרון. למשל, איר געפֿעלט נישט דער „פּרינץ אַל־בערט", למאי ער קריכט. ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, זאָגט זי, אַז אַ נסיעה זאָל געדויערן צען טעג? זאָגט מען איר, אַז שולדיק איז נישט די שיף — שולדיק איז דער ים. און אונדזער חבר פּיניע נעמט זיך אונטער

איר געבן צו פֿאַרשטיין, אַז דער ים באַטרעפֿט דרײַ מאָל אַזוי פֿיל וויפֿל די יבשה, די טריקעניש. זאָגט מײַן ברודער אליהו, אַז נישט דרײַ מאָל, נאָר צוויי מאָל אַזוי פֿיל. וואָס־וואָס — נאָר געאָגראַפֿיע ווייס ער בעסער. אויף דער וועלט איז פֿאַראַן, זאָגט ער, צוויי דריטל וואַסער, איין דריטל טריקעניש. קומט, זאָגט ער, אויס די רעכענונג, אַז ים איז צוויי מאָל אַזוי פֿיל, ווי יבשה. זאָגט פּיניע: ניין, דרײַ מאָל. זאָגט אליהו: ניין, צוויי מאָל. „דרײַ מאָל!" „צוויי מאָל!" — צעקריגט מען זיך, נאָר מע בעט זיך גיך איבער.

— ח. —

ווער וועט דאַווענען פֿאַרן עמוד? זאָגן כּל־נדרי? פֿאַרשטייט זיך, מײַן ברודער אליהו. ער איז טאַקע קיין חזן קיינמאָל ניט געווען. איז אָבער זײַן טאַטע געווען אַ חזן, און אַ באַרימטער חזן. אַ קול־נגינה האָט ער. עברי קאָן ער. וואָס דאַרף מען נאָך? און דערצו האָט שוין אונדזער חבר פּיניע מיטגעהאָלפֿן, אַז מע זאָל מײַן ברודער אַפֿילו בעטן זאָגן כּל־נדרי. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג איבערן גאַנצן שיף, אײַנגערוימט יעדן באַזונדער אַ סוד אַפֿן אויער, אַז אָט דער יונגערמאַן מיטן געלן בערדל (אליהו) איז אַ מוראדיקער בעל־מנגן. זײַן דאַווענען — פּפּ! און ווער שמועסט, אַז זײַן קליין ברודערל, אַ דער קטנתי (דאָס מיינט מען מיך), זאָל אים אונטערהעלפֿן אויף זײַן סאָפּראַנע, וועלן מיר האָבן אַ יום־כּפּור, אַז גאָט און לײַט וועלן אונדז מקנא זײַן.

וויפֿל אליהו האָט זיך ניט געבעטן, מע זאָל אים לאָזן צו־רו, וויפֿל ער האָט ניט געשוואָרן, אַז ער האָט זינט ער לעבט נאָך ניט געדאַוונט פֿאַרן עמוד ימים־נוראים, — עס האָט ניט געהאָלפֿן קיין שמע־ישראל. מע האָט אים כּמעט מיט גוואַלד אַוועקגעשטעלט פֿאַרן עמוד (אַ קײַלעכיק טישל, מיטן אַ ווײַסן לײַלעך איבערגעדעקט), און מיך האָט פּיניע גענומען פֿאַר אַן אויער: „גיי, קטנתי, צו דער אַרבעט!" און מיר האָבן אַוועקגעלייגט פֿאַר די פּאַסאַזשירן אַ כּל־נדרי, וואָס זיי וועלן אים האָבן צו געדענקען אויף דור־דורות.

— ט. —

ניט אַזוי דער כּל־נדרי, ווי די „יעלות". און ניט אַזוי די „יעלות", ווי דער געוויין פֿון די ווײַבער און פֿון די מאַנצבילן. פֿרײַער האָט מען נאָר געקרעכצט, געזיפֿצט, געשנײַצט די נעזער. דערנאָך האָט מען גענו־

מען ווישן די אויגן. דערנאָך — וויינען שטילערהייט. דערנאָך — ווײַנען העכער און העכער, שרײַען, קוויטשען און פאַלן חלשות. זיי האָבן זיך דערמאָנט, אַז ערשט פאַראיאָרן איז מען געווען איטלעכער בײַ זיך אין דער היים. יעדער אין זײַן שול. אויף זײַן פּלאַץ. בײַ זײַן סטענדער מיט זײַן מחזור. געהערט זײַן חזן. זײַנע זינגערלעך. איצט איז מען נע־ונד, געיאָגט און געטריבן, ווי די שאָף, וואָס מע פירט צו דער שחיטה, צו־נויפגעפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ. מע קאָן דעם אָטעם ניט כאַפּן. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז אַפילו די אויסגעפּוצטע פּאַסאַזשירן פון די העכערע קלאַסן מיט די הויכע גלאַנצנדיקע צילינדערס אויף די קעפּ האָבן זיך ניט גע־קאָנט אײַנהאַלטן און געווישט מיט זײַדענע טיכלעך כלומרשט דעם שוויים. נאָר איך האָב גוט געזען טרערן בײַ זיי אויף די אויגן. דער טרויער איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די סטיואַרדס און די מאַטראָסן זײַנען מיט דרך־ארץ געשטאַנען פון דער ווײַטן און צוגעקוקט, ווי ייִדן האָבן זיך אײַנגעוויקלט אין ווײַסע טליתים, שטייען אין די זאָקן און שאָקלען זיך און וויינען און יאָמערן — אַפּנים, ס'איז זיי גוט ביטער אויפן האַרצן. און מײַן ברודער אליהו האָט זיך צעזונגען. און איך העלף אים אונטער. און דאָרטן אין ווינקל, צווישן די ווײַבער, שטייט די מאַמע אין דער יום־טובדיקער זײַדענער פּאַטשיילע, מיטן מחזור אין די הענט, און באָדט זיך אין טרערן.

דער מאַמע איז הײַנט גוט ווי די וועלט. הײַנט איז איר טאָג!

— ו. —

אויף מאָרגן האָבן מיר זיך געפּעדערט אויפגעשטיין אַביסל פריִער, מע זאָל זיך שטעלן זאָגן „אדון־עולם" מיטן אַלטן באַקאַנטן נוסח. ס'איז אָבער דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען. ס'איז געווען אוממעגלעך ניט נאָר צו דאַווענען — מע האָט נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. ניט געקאָנט טרעפן צום עמוד. עס איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיר זעען ניט כמעט איינס דאָס אַנדערע. עס איז נמאס דאָס לעבן. ס'איז שלעכט, שלעכט צום שטאַרבן. יאָ, מיר שטאַרבן.

וואָס האָט זיך געטראָפן? איצט בין איך מיד, לאָז איך עס איבער אויף מאָרגן.

II

קריעת ים־סוף

— א. —

איך האָב אײַך געהאַט אָנגעהויבן צו דערציילן פון דעם פּסק, וואָס מיר האָבן געכאַפּט יום־כּיפּור אינדערפרי אויפן שיף „פּרינץ אַלבערט”. דאָס איז געווען אַ מיאוסער פּסק. מירן אים געדענקען דאָס גאַנצע לעבן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס פון אַ קלייניקייט. עפּעס אַ כמאַרעלע, אַ שוואַרץ, אַ געדיכט וואָלקנדל, האָט זיך נאָך פון באַנאַכט, באַלד נאָך כּל־נדרי, באַוויזן אויפן עק הימל. פריִער פון אַלעמען האָבן עס דערזען איך און מײַן חבר מענדל. וואָרעם אַז אַלע ייִדן זײַנען נאָך געווען אונטן, געוויינט און געזאָגט תהילים נאָך כּל־נדרי, האָבן מיר, איך און מענדל, אַרומגעשפּאַצירט איבערן „פּרינץ אַלבערט”. דערנאָך האָבן מיר זיך פאַר־קליבן אין אַ ווינקעלע, געזעסן און געשוויגן. עס איז געווען שטיל און וואַרעם און גוט אויפן האַרצן. נאָר אַביסל אומעטיקלעך. וואָס מענדל האָט געטראַכט — ווייס איך ניט. איך האָב געטראַכט פון גאָט, וואָס זיצט אָט דאָרט, אין הימל. ווי גרויס ער דאַרף זײַן, אַז דאָס איז אַלצדינג זײַנס? און וואָס טראַכט ער זיך, אַז ער הערט אַזויפיל ייִדן זאָגן תהילים, לויבן אים און גיסן אויס פאַר אים דאָס האַרץ? די מאַמע זאָגט, אַז ער הערט און זעט אַלעמען. און אַז ער ווייס אַלצדינג. אַפילו דאָס, וואָס איך טראַכט אין דער מינוט בײַ זיך אין האַרצן. אויב אַזוי, איז ניט גוט, וואָרעם איך האָב נאָרוואָס געטראַכט פון אַ גוטן עפּל, פון אַ זיסער באַר און כאַטש פון אַ טרונק וואַסער. קאַלט וואַסער. פון די פּעטייטעס ברענט אויפן האַרצן — און טרינקען טאָר מען ניט. יום־כּיפּור נאָך כּל־נדרי — ווער וועט דאָס טרינקען וואַסער? מײַן ברודער אליהו וועט מיך הרגענען. ער וויל גאָר, איך זאָל פאַסטן ביז מאָרגן באַנאַכט נאָך

יום־כיפור. זאָגט די מאַמע: „מירן זען". דערווײַל זוכט זי מיך אַפֿן גאַנצן שיף און קאָן מיך ניט געפֿינען. ווײַזט איר אָן אַ מאַטראַס, אַז דאָרט, באַם סאַמע שפּיץ, זיצן מיר, איך און מײַן חבר מענדל. שרײַט זי: „מאָטל! מאָטל?" — „וואָס איז, מאַמע?" — „וואָס הייסט וואָס איז? שלאָפֿן גיי! מאָרגן דאַרף מען אויפֿשטיין פֿרי, האָסט פֿאַרגעסן? ס'איז יום־טוב"... גלוסטן גלוסט זיך ניט. נאָר מע דאַרף גיין שלאָפֿן.

— ב. —

אַף מאָרגן, אַז מיר האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט אינדערפֿרי, איז שוין דער גאַנצער הימל געווען באַלייגט. דער ים האָט זיך צעבייזערט מיט סכנות. די כוואַליעס האָבן זיך אויפֿגעהויבן העכער פֿונעם שיף, געוואָרפֿן דעם „פּרינץ אַלבערט", ווי עפּעס אַ שפּענדל, אַ שפּילעכל. די מאַטראָסן האָבן גענומען לויפֿן אַהין און אַהער, ווי די פֿאַרסאַמטע מײַז. די סטיר־אַרדס האָבן זיך צוגעהאַלטן באַ די פּאַרענטשעס. די פּאַסאַזשירן זײַנען געגאַנגען האַרט באַ די ווענט און געפֿאַלן כמעט אַף יעדן שריט. מיטאַמאָל האָט געגעבן אַ גאָס אַ שלאַקס־רעגן. דונערן האָבן זיך געטראָגן איינס נאָך דאָס אַנדערע. גאָט פֿאַרט אַף זײַן רײַטוואָגן. אום יום־כיפּור גאָר!... איין בליץ נאָכן אַנדערן באַלײַכט אַף אַ רגע דעם שוואַרצן געדיכטן הימל. דער „פּרינץ אַלבערט" קרעכצט, שאָקלט זיך אַהין און אַהער, אַרויף און אַראָפּ. און דער רעגן שמײַסט. וואָס איז דאָס? אַ מבול אַף דער וועלט? האָט דאָך גאָט געשוווירן, אַז קיין מבול וועט ער שוין מער ניט ברענגען קיינמאָל אַף דער ערד...

— קריעת יום־סוף. — זאָגט מײַן ברודער אליהו. און אונדזער חבר פּיניע באַמקעט־צו: „יאָ, ס'איז קריעת ים־סוף"... דאָס ערשטע מאָל, וואָס די צוויי זאָגן ביידע איין זאַך. דאָס וואָרט „קריעת ים־סוף" האָט אויסגענומען. אַלע מאָל הייבט זיך אויף אַן אַנדער פֿאַרשוין, טוט אַ קוק אין דרויסן אַרוים און גיט צו, אַז ס'איז קריעת ים־סוף. דערנאָך לויפֿט ער עפּעס מאָדנע אַוועק אין אַ זײַט אַרײַן. דאָרט גיט ער אָפּ דער מאַמעס מילך, און מער זעט מען אים שוין ניט... ווער מיר דאַ־וועגן? וואָס מיר יום־כיפּור? מע האָט שוין גאָר פֿאַרגעסן אַפֿילו, ווו מען איז אין דער וועלט.

פֿון אונדזער משפּחה האָט דעם ערשטן פּעטשאַטעק געמאַכט ברכה.

זי האָט אָנגעהויבן שרײַען, אַז אָט שטאַרבט זי! דערנאָך האָט זי גענו־מען שילטן מײַן ברודער אליהו, לִמאי ער האָט זי אײַנגערעדט צו פאָרן קיין אַמעריקע. זי האָט געוווּסט פריִער, אַז אַמעריקע איז סיביר, ערגער פון סיביר. סיביר איז גאָלד קעגן אַמעריקע!... האָט זיך די מאַמע געוואָלט אָננעמען די קריוודע פון איר זון. זי האָט איר גענומען זאָגן אַביסל מוסר, אַז אַ מענטש באַדאַרף אַלצדינג קאָנען אַריבערטראָגן, וואָ־רעם ס'איז אַ גאָטס זאַך. אַ סימן, סע שטייט אין טײַטש־חומש גע־שריבן... האָט זי אָבער ניט געקאָנט אַרויסרייִדן וואָס אין טײַטש־חומש שטייט געשריבן, וואָרעם ס'איז איר מיטאַמאָל געוואָרן ניט גוט אויף צו חלשן. אויף איר קוקנדיק, האָט גענומען חלשן אונדזער חבר פּיניעס ווײַב, טײַבל. איז פּיניע אַרויס מיט לשון: „מיט די ווײַבער איז דיר נאָר אַ באַ־שרײַבונג, אַ קאָמעדיע!" — ער האָט אַרײַנגעלייגט ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס און פאַררוקט דאָס קאַפּעליושל אויף אַ זײַט. ער האָט געזאָגט: „שוטים! נאַראָנים! דאַכט זיך, וואָס קאָן עס מיך אַרן, אַז דער ים שטורעמט און די שיף קאַטשעט זיך? אַ מענטש, אַ בר־דעת, גיט זיך אַן עצה. בעת די שיף טוט זיך אַ בייג אַהער, בייג איך זיך אויס אַהין. און אַז די שיף בייגט זיך אַהין, טוט איך זיך אַ בייג אַהער. ווערט עס אָנגערופן באַלאַנץ"...

און בייגנדיק זיך אַהין און אַהער, האָט פּיניע אונדז באַוויזן אַ „באַ־לאַנץ", אַז ס'איז ניט גוט געוואָרן אויך מײַן ברודער אליהו, און ביידע האָבן זיי גענומען און אָוועקגעגעבן וואָס זיי האָבן אַמאָל געהאַט... דאָס אייגענע האָבן געטאָן אויך די איבעריקע פּאַסאַזשירן. מע האָט זיך קוים פאַרשלעפּט איטלעכער צו זײַן געלעגער און מען איז אַנידערגע־פאַלן, ווי די סנאָפּעס. און ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער רעכטער גיהנום פון קריעת ים־סוף...

— ד. —

איך און מײַן חבר מענדל האָבן זיך געהאַלטן לענגער פון אַלעמען. מענדל האָט געהאַט אַ סגולה פון אַן עמיגראַנט, וואָס איז געפאָרן מיט אונדז אינאיינעם און האָט אונדז כסדר געגעבן עצות. דער דאָזיקער עמיגראַנט איז אַ „געררויכערטע ליולקע". אַזוי זאָגט ער אַליין אויף זיך. ער איז שוין דרײַ מאָל געפאָרן אויפן ים קיין אַמעריקע הין און צו־ריק. ווייס ער אַ סגולה צום ים. די סגולה באַשטייט אין דעם, מע זאָל

זיצן אין דרויסן אױף דער פּאַלובע, קוקן אין דער ברייט פונעם ים, ניט אין דער לענג, און ניט אין זינען האָבן, אַז איך פאַר רײַטנדיק אױף אַ פערד, נאָר אַז איך שליטל זיך מיט אַ שליטן אַפּן שניי. דער סוף איז געווען, אַז דער עמיגראַנט, די „גערויכערטע ליולקע", איז געלעגן אַ טויטער אױף זײַן געלעגער, און איך און מײַן חבר מענדל זײַנען מיר פונעם רעגן געוואָרן פּיטש־נאַס, כאַטש אויסצודרייען. צו אונדזערע געלעגערס האָבן מיר שוין אַליין ניט געקאָנט טרעפן. מע האָט אונדז גענומען מחילה אונטער די הענט און אַפּגעפירט אין אונדזער רו אַרײַן.

— ה. —

וויפל צײַט דאָס קריעת ים־סוף האָט גענומען? אַ טאָג, צוויי און אפשר אַלע דרײַ — דאָס ווייס איך ניט. איך האָב שוין פאַרגעסן. איך ווייס נאָר איין זאַך, אַז מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט, איז געווען אַ פרייד צו לעבן אױף דער וועלט. דער הימל איז געוואָרן ריין, ווי גיין־גאָלד. דאָס וואַסער — ווי אַ גלאָז. דער „פרינץ אַלבערט" איז געלאָפן אָן אויסגעצוואָגענער, אָן אויסגעפּוצטער, געשניטן מיט די רעדער דאָס וואַסער, געפּינעט, געברויזט און געשפּריצט אױף אַלע זײַטן. די פּאַסאַ־זשירן האָבן אויפגעלעבט. מען איז אַרויס אין דרויסן אַלע, גרויס און קליין, אױף דער וואַרעמער זון, אױף דער שיינער ליכטיקער וועלט. עמע־צער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז אָט באַלד וועט מען קאָנען זען דאָס לאַנד. איך און מײַן חבר מענדל זײַנען געווען די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַלעמען די גוטע בשורה, אַז מע זעט שוין דאָס לאַנד. פון דער ווײַטן האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ פּלעק, אַ געלע, גרויסע פּליאַמע. די פּליאַמע ווערט אַלע מאָל גרעסער און ברייטער. מע זעט שוין שיפן פון דער ווײַטן, אָן אַ שיעור שיפן מיט הויכע, דינע זעגל־ביימער. גיך זײַנען פאַרגעסן געוואָרן אַלע צרות. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק. די ווײַבער האָבן זיך אויסגעפּוצט. מײַן ברודער אליהו האָט צעקעמט די באָרד. ברכה און טײַבל האָבן זיך אויסגעשלייערט. די מאַמע האָט אָנגעטאָן איר שבתדיקע זײַדענע פאַטשיילע. איך און מײַן חבר מענדל האָבן נישט געהאַט וואָס אָנצוטאָן. און ס'איז טאַקע קיין צײַט אויך ניט געווען. מע האָט שוין געהאַלטן אָט־אָט באַם צו־פאָרן צו דעם ברעג פון אַמעריקע. עס איז געוואָרן אַ ליכט אין די

אויגן און גוט אפן הארצן. פונקט אזוי האָבן זיך באַראַפּט פילן די ייִדן נאָך קריעת ים־סוף. עס האָט זיך געגלוסט זאָגן שירה.

— ז. —

„שלום עליכם דיר, קאָלומבוס! זײַ געגריסט, דו פרײַע מדינה! דו גאָלדענע, גליקלעכע מלוכה!"

אזוי האָט אונדזער חבר פּיניע באַגריסט דאָס נײַע לאַנד. ער האָט אַזש אַראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּעליושל, זיך אײַנגעבויגן און זיך פאַרנייגט. און אזוי ווי איר ווייסט, אַז ער האָט אַ נידעריקע ראיה, האָט ער ניט באַמערקט, אַז עס לויפט פאַרבײַ אַ געזונטער, פאַרשוויצטער מאַטראָס, מיט אַ רויט פאַררויכערט פּנים, און האָט זיך מיט אים צעבוצקעט פּנים אל פּנים. דאָס הייסט, אונדזער חבר פּיניעס שפּיץ נאָז איז אויסגעקומען דעם פאַררויכערטן מאַטראָס אַקוראַט צווישן די אויגן. אַ גליק, וואָס דער מאַטראָס איז בטבע אַ גוטער גוי, ניט קיין רשע. האָט ער באַטראַכט אונדזער פּיניען מיט דער צעשלאָגענער נאָז, אַ שמייכל געטאָן און אַ מרוקע געגעבן אונטער די וואָנצעס. אַפּנים, דאָס איז געווען אַ קללה אַף אַמעריקאַנער לשון.

— ז. —

מיט אַ מאָל איז געוואָרן אַ בהלה. דריטע־קלאַס־פּאַסאַזשירן, בעט מען, זאָלן מוחל זײַן אַראָפּ אונטן אין זייערע שטײַגעלעך. צוריק פאַרנעמען זייערע ערטער. פרײַער מיט גוטן. דערנאָך מיט בייזן. ווער עס אײַלט זיך נישט צו גיין, כאַפּט אַ סטוסאַק פון הינטן. אַלע זײַנען דאָ, יונג און אַלט. ייִדן און ווײַבער און קינדער, גויים, טערקן, ציגײַנער. ס'איז אַ דערשטיקעניש. די טיר האָט מען געשלאָסן. אַ קייט האָט מען אויפגעהאָנגען אַן אײַזערנע. מיר קאָנען זען נאָר דורך די פענצטער, וואָס אין דרויסן טוט זיך. קיינמאָל האָבן מיר זיך נישט געפילט אזוי שלעכט, ווי אַצינד. מיר האָבן אויסגעזען באַ זיך אין די אויגן, ווי געפאַנגענע. „פאַר וואָס? פאַר וועמן?" — אזוי טענהט צו מיר מײַן חבר מענדל און די אויגן זײַנע ברענען, שיסן מיט פײַער...

— ה. —

לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז מיר זײַנען שוין געקומען. געקומען קיין אַמעריקע. נאָר וואָס דען? די פּאַסאַזשירן פון ערשטן און צווייטן קלאַס האָט מען אַראָפּגעלאָזט דורך אַ לאַנגן לייטער מיט אַפשר הונדערט טרעפּ. נו, און וואָס וועט זײַן מיט אונדז? מיר זײַנען דאָך שוין אין אַמעריקע!

— נישט פאַר אונדז געדאַכט! — רופט זיך אָפּ אַ ייִד אַ שנײַדער פון הייסין. דווקא נישקשה פון אַ מענטשל, נאָר אַ ביסל אַ גודניק. ער גייט אויסגעפּוצט, טראָגט שאַרפע ברילן, האַלט פון זיך אַן עולם ומלואו און האָט ליב ריידן אויף צו־להכעיס. ער דאַרף נאָר הערן וואָס איר זאָגט, זאָגט ער קאַפּויער. צווישן אים און אונדזער חבר פּיניע זײַנען שוין פאַר־געקומען עטלעכע סטיטשקעס. מײַן ברודער אליהו האָט זיי קוים צענור־מען. דער שנײַדער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, מער מיט פּיניען קיין וואָרט ניט ריידן, דערפאַר וואָס פּיניע האָט אים באַליידיקט. ער האָט אים אָנגערופן מיט אַלע מיאוסע נעמען: „חייט", „שנײַדערוק" און „פּאַלגוץ". און האָט אים אַ פרעג געגעבן: וויפל האָט ער אויף זײַן לעבן אָנגעגנבעט „יתור"?... איצט, אַז מע האָט אונדז פאַרשפּאַרט, האָט זיך דער הייסינער שנײַדער מיטאָמאָל צערעדט. און דווקא מיט לשון־קודש־ווערטער:

— מה אָנו, מה חיינו — וואָס זײַנען מיר? ווער זײַנען מיר? משול כחרס הנשבר — מיר זײַנען געגליכן צו, להבדיל, סקאָט. סקאָט אַז מע פירט אַרײַן, דאַרף מען דאָס באַטראַכטן...

פאַלט אָן אויף אים אונדזער חבר פּיניע. ער זאָגט, אַז דער משל איז נישט גלײַך צום נמשל. אַז מע רעדט פון אַמעריקע, באַדאַרף מען, זאָגט ער, פריִער די הענט וואַשן. און ער הייבט אָן שיטן מיט זײַנע שיינע ווערטער, ווי פּיניע קאָן. ער קאָן ניט הערן, אַז מע רעדט אויס אַ שלעכט וואָרט אויף אַמעריקע. פאַרענטפערט זיך דער הייסינער שנײַדער. ער זאָגט, אַז ער רעדט נישט פון אַמעריקע נישט גוט, נישט שלעכט. ער זאָגט דאָס נאָר אַקעגן דעם, וואָס ס'איז אַלצדינג גוט, און שיין, און פײַן, נאָר נישט פאַר אונדז געדאַכט... אונדז וועט מען אַזוי גיך נישט אַראָפּלאָזן... פּיניע גייט אַרויס פון די כלים. ער שרײַט:

— וואָס דען וועט מען מיט אונדז טאָן? מען וועט אונדז אײַנ־

זאָלצן? „מע וועט אונדז נישט אײַנזאַלצן, — זאָגט דער הייסינער שנײַ־דער מיט גאַל און האָט הנאה — נאָר מע וועט אונדז ברענגען אין אַזאַ מין אָרט, וואָס מע רופט דאָס „עלים אײַלאַנד". דאָרט וועט מען אונדז פאַרשפּאַרן ווי די קעלבלעך אין אַ שטאַל, ביז אונדזערע פרײַנט און באַ־קאַנטע וועלן זיך אַמאָל דערמאָנען קומען אונדז אַראָפּנעמען"...

פּיניע שפּרינגט אַזש אונטער: „עס איז דיר אַן אַנטיק מיט דעם ייִדן! בראָש וויים אײַך דער דאָזיקער חייט פון אַלע שווערע הערצער! נישט אַזוי אַלט, ווי געניט! אָט וויסן מיר אויך, אַז ס'איז דאָ אַ קעסל־גאַרדן, מיין איך אַז „עלים אײַלאַנד", פונדעסטוועגן האָב איך ניט גע־הערט פון קיינעם, אַז „עלים אײַלאַנד" איז געשטעלט געוואָרן דערויף, מע זאָל האַלטן מענטשן אַזוי ווי קעלבלעך"... וואָס ווײַטער היצט זיך אונדזער פּיניע אַלץ מערער. ער טרעט אַרויף אויף דעם הייסינער שנײַדער, גלײַך ווי ער וואָלט אים וועלן דורס זײַן. דער הייסינער שנײַדער שרעקט זיך איבער און רוקט זיך אָפּ. ער זאָגט:

— שאַט! זעט נאָר! מע האָט אים געקוילעט די קאַפּאָטע! גע־רעדט אויף זײַן אַמעריקע! איז לא פדלתי! מירן עלטער ווערן מיט אַ פּאָר שעה, וועלן מיר קליגער ווערן...

III

אין געפֿענקעניש

— אַ. —

ניט אומזיסט האָט אונדזער חבר פּיניע געוואָרפֿן אַן אומחן אַף „עלים אײַלאַנד", גרייט געווען מאַכן דערויף אַ ליד און צעקריגט זיך מיט מײַן ברודער אליהו. דעם כעס האָט ער אָבער געהאַלטן אין זיך. פּיניע האָט ניט געוואָלט, אַז דער הייסינער שנײַדער זאָל וויסן, אַז ער, פּיניע, איז ניט צופֿרידן מיט אַמעריקע. האָט ער זיך געמאַכט הארץ. נאָר אינעווייניק האָט דאָס אים געברענט מיט סכנות. „ס'טײַטש־ס'טײַטש, מע זאָל נעמען מענטשן און אײַנשפּאַרן זיי, ווי סקאָט, ווי אַרעסטאַנטן, ווי געפֿאַנגענע!" — אַזוי האָט ער געטענהט שטילערהייט מיט אליהון נאָכדעם, ווי מע האָט אונדז געבראַכט צו פֿירן אַף „עלים אײַלאַנד". קומט אויס, אַז דער הייסינער שנײַדער איז געווען גערעכט. ער האָט פֿריִער נביאות געזאָגט, אַז ס'וועט אַזוי זײַן. נישט מער, ער האָט אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט געזאָגט, אַז מע וועט אונדז אײַנשפּאַרן אין אַ שטאַל. צום סוף האָט מען אונדז אַרײַנגעפֿירט אין אַ גרויסער ליכטיקער שטוב און מע האָט אונדז געגעבן עסן און טרינקען און אַלצדינג אומזיסט, אָן געלט. גוטע ליבע מענטשן! נאָר וואָס דען? איידער מיר האָבן דערלעבט צו קומען צו דער דאָזיקער שטוב — טאַטע־פֿאָטער! דורך אַ לאַנגער בֿדיק מיט טירלעך באַ די זײַטן זײַנען מיר דורכגעגאַנגען אַ אינציקווײַז. אַף יעדער טריט האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַן אַנדער אָנשיקעניש מיט אַ קנעפּל, באַקוקט, באַטראַכט, באַזוכט, באַטאַפּט. פֿריִער פֿון אַלצדינג האָט מען מיט אַ ווײַס פּאַפּירל אונדז איבערגעקערט די ברעמען אַף דער לינקער זײַט, באַטראַכטן די אויגן. דערנאָך די איבעריקע אברים. און יעדער באַזונדער שטעלט אַוועק אַף אײַך אַ צייכן מיט עפּעס אַ קרײַדל און טוט

אײַך אַ ווײַז מיט דער האַנט, וווּהין איר זאָלט גיין — רעכטס אָדער לינקס. דערנאָך זײַנען מיר ערשט אַרײַנגעקומען אין יענער גרויסער שטוב, וואָס איך זאָג אײַך. און ערשט דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגעזוכט איינס דאָס אַנדערע. ביז דעמאָלט זײַנען מיר געווען צעטומלט און נישט גע־קאָנט געפינען זיך. און צעשראָקן זײַנען מיר געווען, ווי די קעלבער, ווען מע פירט זיי צו דער שחיטה.

— ב. —

וואָס האָבן מיר, מיינט איר, מורא געהאַט? די גאַנצע מורא און־דזערע איז געווען — דער מאַמעס אויגן: וואָס וועט זײַן מיט אירע רויטע פאַרוויינטע אויגן? לאָזט זיך אויס, אַז איר האָט מען ווינציקער פון אַלעמען געקוקט אין די אויגן אַרײַן.

— דאָס האָט ער זיך געמיט, דער טאַטע אַנטערער, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן!... — אַזוי האָט געזאָגט די מאַמע און האָט אונדז אַלע־מען אַרומגענומען און צעוויינט זיך אַזש פאַר פרייד. זי האָט גאָרנישט געוווּסט וואָס צו טאָן פאַר ווײַלטאָג. און אויך מײַן ברודער אליהו איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. אַזוי האָט ער אַ טבע, אַז בעת מע לויפט, מע פאָרט, מע איז צעטראָגן, לאָזט ער אויס זײַן גאַנץ ביטער הארץ צו מיר. עס פליִען פעטש, ווי האָליץ. און ברכה העלפט אים אונטער מיט אַ קללה. איצט איז אױף אים אַ נײַע הויט געוואָרן. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע און געשענקט מיר אַן אָראַנדזש. דאָס הייסט, אַ מאַראַנץ. פאַרבליבן בײַ אים פונעם שיף. אױפן „פרינץ אַלבערט" האָט מען אונדז גע־טיילט אַלע טאָג מאַראַנצן. אָראַנדזשעס רופט מען עס דאָרט. ווער ס'האָט געוואָלט, דער האָט געגעסן. ווער נישט — דער האָט זײַן מאַראַנץ באַ־האַלטן, אַז קיינער זאָל נישט זען, ווײַט אין קעשענע. איך האָב מײַנע נישט באַהאַלטן. ווי אַזוי קאָן מען זען אַזאַ פּרי און נישט אויפעסן? — נאָר העכער פון אַלע האָט אויסגעדריקט זײַן גדולה אונדזער חבר פיניע. ער האָט געזאָגט צו אונדז אַלע:

— נו? ווער איז קלוג? איך, צי איר? האָב איך נישט געזאָגט אַז דאָס האָבן שונאים אויסגעטראַכט אױף אַמעריקע, אַז מע לאָזט נישט אַרײַן אַ מענטשן, וואָס האָט פאַרוויינטע אויגן? מענטשן ליידיקגייערס, ליגנערס, באַריידערס, לשון־הרעניקעס, בייזע צינגער, ליידאַקעס, פאַר־

כעס! זיי וועלן שוין באַלד אויסטראַכטן אַף אַמעריקע, אַז מע טרײַבט צו שמד. ווו איז ערגעץ דער הייסינער שנײַדער, אַ רוח אין זײַן טאַטנס ביינער אַרײַן?...

האָט זיך, הייסט דאָס, אונדזער חבר פּיניע ווידער איבערגעבעטן מיט אַמעריקע.

— ג. —

פון גרויס אימפּעט האָבן מיר זיך אין דער בהלה גאָרנישט אַרומגע־קוקט אַז פון אונדזער קאָמפּאַניע פעלט איינער. דאָס איז געווען מײַן חבר מענדל. די ערשטע האָט זיך אַרומגעזען דווקא ברכה. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן און אַ פּליעסק געגעבן מיט די הענט: „ווײ איז מיר — ווו איז דער לאָשעק?" „אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן!" — זאָגט די מאַמע, און מיר האָבן זיך אַלע אַ וואָרף געגעבן זוכן מענדלען. און מענדל איז נישטאָ. פאַרפאַלן, ווי אין וואַסער אַרײַן.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז שולדיק איז ער אַליין. טאַקע מענדל, מײַן איך. באַם פאַרהער האָט ער זיך שטאַרק פאַרפּלאָנטעט. קודם האָט ער זיך פאַרשטעלט, ווי דעמאָלט אין דײַטשלאַנד, פאַר אַ שטומען. דערנאָך האָט ער מיט אַ מאָל אָנגעהויבן צו ריידן מוראדיקע נאַרישקייטן. אָט האָט ער געזאָגט, אַז ער איז ערשט אַלט צען יאָר, און אָט איז אים אויסגעקומען צו זאָגן, אַז ער איז שוין בר־מצווה און אַז ער לייגט שוין תפילין. און צום סוף האָט ער זיך מודה געווען און אויסדערציילט פאַר די קנעפּלעך דעם גאַנצן אמת: אַז ער איז אַ פאַרלוירענער. דאָס הייסט, אַז באַם אַריבערכאַפּן זיך איבער דער גרענעץ האָבן טאַטע־מאַמע אים ערגעץ אין דײַטשלאַנד פאַרלוירן, און אַז מיר האָבן אים פּרילאָנטשעט. און אַז ער קאָן נישט אָנרופן דעם ריכטיקן אָרט און אַדרעס פון זײַנע עלטערן, ווײַל ער ווייס אַליין נישט. ער זאָל וויסן, זאָגט ער, ווו זיי זײַנען, דאַרף ער נישט קיינעמס לאַסקע. ער וואָלט אַליין, זאָגט ער, צו זיי געטראָפן. האָט מען אים דעריבער אײַנגעשפּאַרט, מיט נאָך אַזעלכע ווי ער, אין אַ באַזונדער חדר. מע וועט זיי שפּעטער אַלע איינעם צו־ריקשיקן.

— ד. —

דערהערט אזא מעשה, האָבן מיר זיך ארויסגעשטעלט אַלע פאר דעם אומגליקלעכן מענדלען. די מאַמע האָט געמאַכט אַ גוואַלד, זי וועט דאַרפן אָפּגעבן דין־וחשבון פאר אַ לעבעדיקן יתום. טאָמער באַגעגנט זי זיך אַמאָל מיט זײַנע טאַטע־מאַמע — וואָס וועט זי זיי זאָגן?

— וואָרט־אוים אַ קאַפּעטשקעלע — איר זײַט נאָך מיט זיך אַליין אויך נישט פּאַרטיק... — אַזוי זאָגט צו איר דער הייסינער שנײַדער. „ויבוא המן!" — זאָגט פּיניע און קוקט בייז אַפן שנײַדער. ער איז גרייט אים אָנכאַפּן פאַרן גאַרגל. דער שנײַדער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק. ער טוט און דרשנט, גלײַך ווי עמעצער פרעגט בײַ אים. ער לייגט אונדז שטיינער אַפן האַרצן. ער רעכנט אויס אַ גאַנץ צעטל פון צרות, יסורים און לייד, וואָס מיר האָבן נאָך אויסצושטיין. מע וועט בײַ אונדז, זאָגט ער, פריִער נעמען די אַדרייסים פון אונדזערע פרײַנט אָדער באַקאַנטע. דערנאָך וועט מען בײַ אונדז נעמען, זאָגט ער, געלט אָפּ צו קלאַפּן אַ דעפּעש צו אונדזערע באַקאַנטע און וואַרטן, ביז עמעצער וועט אַמאָל קומען. און ערשט דעמאָלט, זאָגט ער, ווען יענער וועט זאָגן, אַז ער קען אונדז און ווייס אונדז און איז ערב פאר אונדז אַז מיר וועלן דאָ זײַן גוט און פרום צו גאָט און צו לײַטן, וועט מען אונדז, זאָגט ער, ארויסלאָזן פון געפענקעניש.

פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער חבר פּיניע צינדט זיך אָן ווי אַ שוועבעלע. ער קוקט אָפּ מײַן ברודער אליהו און רעדט צום שנײַדער. ער פרעגט בײַ אים נאָר איין זאַך: פון וואַנען איז ער דאָס אַזוי געניט אין די זאַקאָנעס פון „עלים אײַלאַנד"? ענטפערט אים דער שנײַדער, אַז ער האָט זיך באַקענט דאָ אַפן שיף מיט איינעם אַן עמיגראַנט, וועלכער איז שוין גע־פאָרן קיין אַמעריקע דרײַ מאָל הין און צוריק. דאָס מיינט ער, אַפּנים, די „גערויכערטע ליולקע". פון אים איז ער דאָס געוווּיר געוואָרן אַלע דינים און מנהגים. און נישט נאָר דאָס אַליין. ער האָט פון דער „גערויכערטער ליולקע" געגנאַשט נאָך אַ סך, אַ סך זאַכן, וואָס זײַנען שײַך צו אַמעריקע. אַזוי, אַז ער פאַרט אַהין שוין אַ פאַרטיקער, אַן אַמעריקאַנער. ער ווייס שוין אַפילו, וויאַזוי צו ריידן אָפּ אַמעריקאַנער לשון. צום בײַשפּיל: „טשיקען", „קיטשען", „שוגער", „מיסטער", „בוטשער", „בריטש". וואָס דאָס באַדײַט — וויל ער נישט זאָגן. אַז מירן זײַן אַפן אָרט, זאָגט ער,

וועלן מיר שוין אַליין געוווירע ווערן וואָס דאָס איז. פּיניע טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און טרעט אָפּ אַף אַ זײַט, ווי איינער רעדט: „עלעהיי אַ הונט בילט“...

— ה. —

מיינט איר, אַז עס איז נישט געווען אַלצדינג אַקוראַט, ווי דער הייסינער שנײַדער האָט אונדז פאַרגעזאָגט? — נישט געמינערט אַ האָר! אַז מיר זײַנען דורכגעגאַנגען די שבע מדורי גיהנם פון די דאָק־טוירים, האָט מען אונדז אַ פרעג געגעבן, וועמען האָבן מיר אין אַמעריקע? שטעלט זיך אַרויס פריִער די מאַמע: „פרעגט בעסער, וועמען האָבן מיר דאָ נישט“? און זי איז גרייט שוין אויסצורעכענען באַ די נעמען אַלע אונדזערע פרײַנט און באַקאַנטע. אַ חיות אַ קוק צו טאָן אַף מײַן מאַמע אַצינד, נאָך דעם, וואָס מע האָט זי דורכגעלאָזט מיט אירע פאַרווייִנטע אויגן. מײַן מאַמע איז שוין נישט קיין יונגעטשקע, נאָר זי איז נאָך מלא חן. איך האָב שוין לאַנג נישט געזען, די מאַמע זאָל אַזוי שײַנען, ווי זי שײַנט אַצינד. לאָזט זי אָבער מײַן ברודער אליהו נישט ריידן. די אַדרייסים זײַנען, זאָגט ער, באַ אים פאַרשריבן אַף אַ שטיקל פּאַפּיר. ווייס ער בע־סער. מישט זיך אַרײַן פּיניע און זאָגט, אַז מע פרעגט נעמען, ניט קיין אַדרייסים. האַקט אים אָפּעט ברכה און זאָגט, אַז בסך־הכל האָט ער, פּיניע הייסט עס, קיינעם נישט אין אַמעריקע. די אַלע פרײַנט און באַקאַנטע זײַנען אונדזערע פרײַנט. ווערט פּיניע אָנגעצונדן און פרעגט באַ איר אַ קשיא: „מיט וואָס, למשל, איז פּעסיע די גראָבע, אָדער איר מאַן משה דער אײַנבינדער, אונדז מער שמעלקע, ווי אים?“ ענטפערט אים ברכה, אַז פּעסיען האָט זי אין דער ערד. אַז זי זאָגט קרובים, מיינט זי דאָס איר טאַטע יונה דעם בעקער. לאָזט זיך אויס, אַז גערעכט איז אליהו. זיי פרעגן ניט אַף באַקאַנטע. זיי פרעגן אַף אַדרייסים. און עס הייבט זיך אָן אַ חתונה מיט אַדרייסים.

— ו. —

אַף אַדרייסים לייענען איז, פאַרשטייט זיך, פּיניע מער בריה פון אונדז אַלעמען. נעמט ער צו באַ אליהון דאָס פּאַפּירל, טראָגט דאָס צו צום שפּיץ נאָז און לייענט די אַדרייסים מיט דעם ניגון, ווי מע לייענט תנאים אַף אַ קנס־מאָל. פאַרשטייט מען אָבער נישט וואָס ער זאָגט. עס קומט אויס

באַ אים יעדער וואָרט קאַפּויר. רײַסט אַרויס באַ אים אליהו דאָס פּאַפּירל מיט די אַדרייסים און גיט עס איבער דעם „קנעפּל״. זאָגט דאָס „קנעפּל״ צוויי ווערטער: „אָל־רײַט. ווייסן מיר נישט וואָס דאָס באַדײַט. זאָגט אונדז דער הייסינער שנײַדער, אַז ער ווייס. די ווערטער „אָל״ און „רײַט״ איז, זאָגט ער, אַלץ איינס, ווי, למשה באַ אונדז די ווערטער: „מילא בקיצור״. אָדער „מהכתיתי״. אָדער „נו־נו״. דאָס הייסט, עס וועט שוין זײַן ווי געוואונטשן.

דערנאָך האָט מען גענומען באַ אונדז קליינגעלט און מע האָט אָוועק־געקלאַפּט צוויי דעפּעשן. איין דעפּעש צו משה דעם אײַנבינדער מיט זײַן ווײַב פּעסיע די גראָבע. די אַנדערע — צו יונה דעם בעקער. און אַליין האָבן מיר זיך דערוואַלע מכבד געווען מיט אַ גוטן אָנבײַסן. דער אָנבײַסן איז געווען נישט אַזוי פֿויגלדיק. דאָס ביסל טיי, וואָס מע האָט דערלאַנגט, האָט ברכה געזאָגט, אַז מען קאָן עס שנײַדן מיט אַ מעסער. דערפֿאַר האָט אונדז דער אָנבײַסן נישט געקאָסט גאָרנישט נישט. אַף „עלים אײַלאַנד״ באַקומט מען, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַלץ אומזיסט. איבערגע־כאַפּט דעם הונגער, האָבן מיר גענומען וואַרטן אַף אונדזערע פֿרײַנט און באַקאַנטע.

— ז. —

נישט אַזוי גיך טוט זיך עס אָבער, ווי עס רעדט זיך. עס זײַנען אונדז גוט די אויגן אַרויס, ביז מיר האָבן דערלעבט צו זען אַ באַקאַנטן. די ערשטע איז געקומען אונדזער שכנה פּעסיע די גראָבע מיט איר מאַן משה דעם אײַנבינדער. דאָס הייסט, געזען האָבן מיר זיי נישט — מיר זיצן דאָך אײַנגעשפּאַרט. נאָר מע האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז ס׳איז געקו־מען צו אונדז אַ דיקע פֿרוי מיט איר מאַן. האָבן מיר שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף זײַן פּעסיע מיט איר משהן. מע לאָזט זיי נישט צו צו אונדז. מע האַלט זיי דאָרט אַפֿן פֿאַרהער. קרענקט דאָס אונדז זייער. גיט מען אונדז אַן עצה, מיר זאָלן אונטערשמירן די שומרים, וואָס באַ דער טיר, וועט מען אפשר זיי יאָ צולאָזן. לאָז זײַן כאַטש פֿון דער ווײַטן. זאָגט אָבער אונדזער חבר פּיניע, אַז אַמעריקע איז נים „ריסענלאַנד״. אין אַמעריקע שמירט מען נים. זאָגט דער הייסינער שנײַדער (אומעטום איז ער דאָ), אַז די גאַנצע וועלט איז איין שטאָט. „כסף וזהב מטהר ממזרים״... פּיניע בלײַבט אָן לשון.

— ח. —

אוודאי איז דער הייסינער שניידער געווען גערעכט. עס האָט אונדז געקאָסט א קוואָדער (אזא מטבע פון א פערטל טאָלער), און מיר האָבן געזען דורך די גראַטעס אונדזער שכנה פעסיע. דאָס רויטע פנים אירס מיט דעם פעטן גוידער האָבן געשוויצט. געשמייכלט צו אונדז פון דער ווייטן. די מאַמע האָט צו איר געשאָקלט מיטן קאָפּ, אוןביידע האָבן געוויינט מיט טרערן. הינטער אירע ברייטע פּלייצעס האָט אַרויסגעקוקט איר מאַן, משה דער איינבינדער. שוין ניט אין קאַשקעט, ווי אין דער היים, נאָר אין א קאַפּעליוש גאָר. אין א מינוט אַרום האָט זיך באוויזן אויך יונה דער בעקער מיט די בייזע אויגן. יונה האָט זיך וויניציק־וואָס פארענדערט. נאָר די באָרד — אוי־וויי! די באָרד!... זיין ווייב פון דער רעטאָנדע איז אויך געקומען. מע וויל זיך אָפּגעבן שלום־עליכם, מע וויל זיך אַרומנעמען, האַלדזן זיך, קושן זיך. מע וויל זיך צעפרעגן איינס בײַ דאָס אַנדערע, וואָס מע מאַכט? און וואָס הערט זיך אויף דער וועלט? און ווי אַזוי לעבט זיך עס אָט דאָ, אין אַמעריקע? איך, למשל, גיי־אויס וויסן, ווו איז ושתי? וואָס טוט מיין שוועגערנס שוועסטערל אַלטע? (מע האָט זי מיר גערעדט אַמאָל, אויב איר געדענקט, פאַר א כלה). און די גאַנצע כאַליאַסטרע וואָס מאַכט? נאָר גיי שריי הי וקיים, אַז מע קאָן ניט א ריר טאָן זיך. מע האַלט אונדז פארשפּאַרט. זען — זעען מיר זיך דורך די גראַטעס, אַזוי ווי אַרעסטאַנטן, אַזוי ווי געפאַנגענע, אָדער אַזוי ווי חיות...

— ט. —

א רחמנות נעבעך אויף אונדזער חבר פּיניע. ער קאָן אונדז ניט קוקן גלייך אין די אויגן אריין. ס'איז אים א בזיון פאַר אַמעריקע. איר וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס'איז זיין אַמעריקע, און ער דאַרף אָפּגעבן דערפאַר דין־וחשבון. אָט פון דעמאָלט אָן האָט ער געוואָרפן אַן אומחן אויף „עלים איילאַנד" און האָט צוגעטראַכט דעם גראַם, אַז „דאָס שטיקל לאַנד געהערט צו איינעם אליה, וואָס איז א נאַר ביז דער סטעליע"... און דעריבער פאַרדריסט עס מיין ברודער אליהו, מחמת ער

הייסט דאָך אויך אַליה. צעאַמפּערט מען זיך און מען הייבט אָן צו קריגן זיך. מישט זיך אַרײַן ברכה, און דווקא פון פּיניעס צד, און זאָגט מיט אַ משל, ווי איר שטייגער איז, אַז „פּאַר אַ געשלאָגענעם הונט ווײַזט מען ניט קיין שטעקן"... וואָס מיינט זי דערמיט?

IV

א ים פון טרערן

— א. —

טאָמער איז קאַרג די אייגענע צרות, יסורים און פּיַין, האָט אונדז גאָט באַשערט פרעמדע צרות אַף עלים אַיַילאַנד. טאָמער איז קאַרג געווען די טרערן, וואָס מיַין מאַמע האָט פאַרגאָסן פון זינט מיַין טאַטע איז געשטאָרבן און פון זינט מיר שלעפּן זיך אַרום איבער דער וועלט ביז צו היַינטיקן טאָג, באַדאַרף זי איצטער וויינען און טרערן גיסן אַף די אומגליקן, וואָס מיר זעען זיך אָן אָט־אָ־דאָ, אַף עלים אַיַילאַנד. אַלע מינוט שיקט איר גאָט צו אַ נײַעם חורבן. די מאַמע נעמט זיך יעדע זאַך צום האַרצן. זי ברעכט די הענט. זי באַהאַלט דאָס פּנים און וויינט זיך אויס שטילערהייט.

— דו זינדיקסט מאַמע! — זאָגט צו איר מיַין ברודער אליהו, און מיר דאַכט זיך, אַז ער איז גערעכט. וואָס האָט זי צו וויינען? מיר שלעפּן זיך שוין מער נישט איבער דער וועלט, ווי מיר האָבן זיך געשלעפּט ביז אַהער. די נסיעה אַפּן ים זיַינען מיר, דאַנקן גאָט, אויך איבערגעקומען. מיר זיַינען שוין כמעט אין אַמעריקע. נאָך אַ שעה, נאָך צוויי שעה — און מיר זיַינען פריַי. נאָר וויאַזוי זאָל מען ניט וויינען, אַז מע זעט פאַר זיך אַזויפיל אומגליקן? אַזויפיל טרערן? אַ ים פון טרערן?

איבערדערציילן אַיַיך אַלע אומגליקן, וואָס מיר האָבן זיך אָנגעזען אַף עלים אַיַילאַנד, באַדאַרף איך אַוועקזיצן מיט אַיַיך אַ טאָג מיט אַ נאַכט און דערציילן, דערציילן און דערציילן.

— ב. —

אשטייגער, וואָס וועט איר זאָגן אױף אַזאַ מעשה? טאַטע־מאַמע און פיר קינדער זײַנען פאַרהאַלטן געוואָרן, נישט אַהער, נישט אַהין. וואָס איז די מעשה? באַם פאַרהער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זייערס אַ קינד, אַ מיידל פון אַ יאָר צוועלף קאָן נישט ציילן אױף צוריק. מע פרעגט זי: „וויפל ביסטו אַלט?" זאָגט זי: „צוועלף יאָר". פרעגט מען זי ווידער: „וויפל ביסטו אַלט געווען פאַראיאָרן אין דער צײַט?" ווייס זי נישט. זאָגט מען איר: „צייל פון איינס ביז צוועלף". ציילט זי. זאָגט מען איר: „צייל פון צוועלף צוריק ביז איינס". קאָן זי נישט. ווען מע פרעגט באַ מיר אַזאַ זאַך: צייל, — צייל איך דאָך ווי אַ וואַסער: צוועלף, עלף, צען, נײַן, אַכט, זיבן, זעקס, פינף, פיר, דרײַ, צוויי, איינס. אַ טײַערע מציאה! איז געבליבן, אַז מע קאָן דאָס מיידל קיין אַמעריקע נישט אַרײַנלאָזן.

פרעגט זיך: וואָס וועט זײַן מיט איר טאַטע־מאַמע און מיט די איבעריקע קינדער? — צוזען דעם צער פון פאָטער און מוטער און דעם רחמנות פון דעם קינד — דאַרף מען זײַן פון שטיין, מע זאָל נישט צע־גאַנגען ווערן. וויינט די מאַמע אױף זיי קוקנדיק, און מײַן שוועגערן ברכה און אונדזער פּיניעס ווײַב טײַבלווישן אויך די אויגן.

— ג. —

צי, אַשטייגער, ווי געפעלט אײַך אַזאַ געשיכטע? מיט אונדז פאָרט אַ יידענע, הייסט זי צביה. איז זי אַן עגונה. דער מאַן האָט זי אַוועק־געוואָרפן שוין לאַנג. האָט זי צעשיקט בריוו איבער אַלע עקן פון דער וועלט. איז איר אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז איר מאַן איז ערגעץ אין ציניצי־נאַטע, אַ שטאָט אַזעלכע אין אַמעריקע. פאָרט זי דאָס אַהין אים צו פּאַקן. האָט מען איר געגעבן אַן עצה נאָך אױפן שיף, אַז זי זאָל אַרויסרופן גלאַט אַ יידן פון ניו־יאָרק, וואָס זאָל זאָגן, אַז ער איז דאָס איר מאַן, וועט מען זי אַרונטערנעמען. די דאָזיקע עצה שטאַמט פון דער „געררוי־בערטער ליולקע", וואָס איך האָב אײַך שוין דערציילט וועגן אים. דער הייסינער שנײַדער האָט אויך אַ סך מיטגעהאָלפן. די „געררויבערטע ליולקע" האָט זיך אונטערגענומען צו שיקן איינעם אַ נאָענטן פרײַנט, אַז

ער זאָל זיך אַרויסגעבן פֿאַר איר מאַן... ס'איז געקומען צום שפּיץ, באַם פֿאַרהער, האָט זיך אַרויסבאַוויזן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ שווינדל. דער ייִד איז אַ באַוווּסטער און קערט זיך אַזוי אָן מיט דער עגונה, ווי איר קערט מיר אָן אַ פּעטער. וויי־וויי, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן! גאַנץ עלים אײַלאַנד איז געגאַנגען כּאַדראַם. אונדזער חבר פּיניע האָט דערלעבט אַ נקמה אין דעם הייסינער שנײַדער. און כאָטש אין האַרצן איז פּיניע גזלן אַף עלים אײַלאַנד, למאי מע האָט אונדז פֿאַרהאַלטן, נאָר אַרויסבאַווײַזן דאָס פֿאַרן הייסינער שנײַדער — אַ מכה! אדרבה, ער האָט זיך נאָך געריי‏צט מיט אים:

— נו, פֿאָניע חייט? האָב איך נישט געזאָגט פֿריִער אַז אַמעריקע איז נישט ריסעגלאַנד? און אַמעריקע גייט נישט אָן קיין שווינדל, קיין חכמות און קיין דריידלעך? קאָלומבוס, לעבן זאָלסטו!

האָט ער אָבער געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק פֿון מײַן מאַמע. און נאָך מער — פֿון מײַן ברודער אליהוס ווײַב ברכה. און זײַן אייגן ווײַב טײַבל האָט אויך צוגעלייגט אַ קנייטל. די ווײַבער האָבן אים שיר די אויגן נישט אויסגעדראַפּעט, למאי ער לאַכט אָפּ פֿון מענטשן, וואָס עס גיסט זיך בלוט פֿון זיי. און ווי אַף צו־להכעיס, האָט די מאַמע זיך באַפֿרײַנדעט מיט דער עגונה, געוואָרן מיט איר, ווי שוועסטער. איצט שיקט מען די עגונה אָפּ צוריק, און דער ייִד, וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פֿאַר איר מאַן, וועט אויך קיין האַניק נישט לעקן. דערווײַל האָט מען זיי ביידן פֿאַרהאַלטן, און מײַן מאַמע איז דערפֿון אויס מענטש.

— ד. —

אַ יונג ווײַבל, בלוט און מילך, פֿאָרט קיין באָסטאָן צו איר מאַן. האָט זי אַ קינד, אַ מיידעלע מיט געגרײַזלטע הערעלעך, אַ בילד, הייסט עס קעצעלע. דער אמתער נאָמען אירער איז קיילע, נאָך איר באָבע. נאָר מע האָט זי פֿאַרצויגן „קעצעלע". קעצעלע איז נאָך דרײַ יאָר נישט אַלט. נאָר עס לויפֿט אַרום און רעדט און זינגט און טאַנצט. „פּרינץ אַלבערט" איז פֿול מיט דעם קינד. קעצעלען האָבן אַלע ליב. מע האַלדזט דאָס און מע קושט דאָס און מע נעמט דאָס איבער פֿון האַנט צו האַנט. קעצעלע! קעצעלע! מיט אונדז איז דאָס דאָזיקע ווײַבל געוואָרן גאָר נפש אחת. זי איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון דער מאַמע אַף אַ מינוט. זי האָט איר אויסדערציילט אינגאַנצן איר האַרץ. איבערגעלייענט אונדז

אַלע בריוולעך, וואָס איר מאַן שרײַבט צו איר. העכער דרײַ יאָר אַז זיי האָבן זיך נישט געזען. ער קען אפילו נישט דאָס קינד. ער האָט דאָס נאָך קיינמאָל נישט געזען. ער חלומט פון דעם טאָג ווי נאַכט. ער קאָן זיך גאָר נישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי ער וועט מיטאַמאָל דערזען זײַן קינד, זײַן קעצעלע. דערבײַ גיסט זי שוין מיט טרערן, און מײַן מאַמע ווישט די אויגן. לאָך איך פון זייביידן — וואָס דאַרף מען וויינען? און איך נעם קעצעלען אַף די הענט. און איך האַדעווע זי מיט שטיקלעך עפּל און מיט אָראַנדזשעס, מאַראַנצן הייסט עס, גלײַך אין מויל אַרײַן. קעצעלע קוקט מיר אין די אויגן, לאַכט צו מיר און גלעט מיך מיט איר קליין סאַמעטן הענטל. און איך קוש איר די קליינע וואַרעמע פינגערלעך. אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט קיין קעסטעלע מיט פאַרב. איך וואָלט אויסגעמאָלט קע־צעלען אַף פּאַפּיר מיט אירע געקרײַזלטע זײַדענע הערעלעך, מיט אירע בלויע שיינע אייגעלעך און מיט איר פּנימל פון אַ מלאך. מײַן חבר מענדל לאַכט פון מיר, וואָס איך האָב צו טאָן מיט אַ קוקלע. באַ אים איז זי אַ „קוקלע"!

איז זיך מיישב קעצעלע שוין נאָענט צו אַמעריקע און ווערט קראַנק און... עס גייט מיר איבער אַ פראָסט איבערן לײַב, אַז איך דערמאָן זיך אין יענער צײַט. אַ שטיק פון מײַן לעבן האָט אַוועקגענומען באַ מיר אָט דאָס קינד. איך קאָן גאָר וועגן דעם ניט ריידן, ניט טראַכטן אפילו. שלעפּט מיך ניט פאַר דער צונג, איך זאָל אײַך זאָגן, וואָס מע האָט געטאָן מיט קעצעלען... איך וועל אײַך נאָר דערציילן דעם רחמנות פון דער יונגער מוטער, בעת מיר זײַנען אָנגעקומען אַף עלים איילאַנד. זי האָט ניט געוויינט. אַף אַלעמען האָט זי געקוקט מיט גלעזערנע פאַר־גליווערטע אויגן. וואָס מע האָט זי געפרעגט, האָט זי ניט געענטפערט. מע האָט מורא, אַז דאָס ווײַבל איז געררירט... מע וועט זי צוריקשיקן. מײַן מאַמע לייגט אײַן די וועלט. מײַן ברודער אליהו איז אויסער זיך. ער קאָן שוין נישט אַריבערטראָגן דער מאַמעס טרערן. און פּיניע באַ־האַלט זיך עפּעס. מע זעט אים ניט...

— ה. —

איר מיינט, אַז נאָר ייִדן האָבן צרות אַף עלים איילאַנד? גויים ווערן אויך ניט ווינציק אויסגעריסן. עס פּאַרט מיט אונדז אַ גאַנצע כאַפּטע איטאַליענער. אַלע אין סאַמעטענע הויזן און מיט הילצערנע

שיך אף די פיס. אז זיי גייען, קלאַפּן זיי, ווי די פערד מיט די קאָ־פּעטעס. ווילדע גוים. אויסגעצייכנטע מענטשן. נאָך מיר זײַנען זיי גאָר די כפרה. זיי רופן מיך מיט אַ מאָדנעם נאָמען: „פּיקאָלאָ באַמ־בינאָ". זיי זײַנען מיך מכבד מיט ניסלעך און מיט ראָזשינקעס פון די סאַמעטענע הויזן־קעשענעס. און איך האָב דאָס דווקא ניט פײַנט. ריידן קאָן איך ניט מיט זיי, מחמת זיי פאַרשטייען ניט מײַן לשון, איך פאַרשטיי ניט זייער לשון. נאָר מיר געפעלט, ווי זיי ריידן צווישן זיך. האַרט קומט אויס בײַ זיי די ריש: „באָנאָ סעררראַ!" „מיאָ־קאַררראָ!" „פּרררעגאָ סיניאָררע!"...

דאַרף זיך טרעפן אַן אומגליק. סאַמע צום רעכטן שפּיץ, אַז ס'איז געקומען צום פאַרהער, האָט זיך איינער פון דער כאָפּטע אַרויסגעבאַפּט מיט אַ וואָרט. ער האָט דערציילט דעם אמת, אַז זיי האָט אַרויסגע־רופן אַ פּאָדריאַטשיק אַף דער אַרבעט פון לאָנדאָן דורך אַ קאָנטראַקט בײַ עפּעס אַ בריק. און דאָס, זאָגט מען, טאָר מען ניט אין אַמעריקע. וויל מען זיי אָפּשיקן צוריק. ריידן זיי אַלע אינייִנעם, מאַכן מיט די הענט און קוועטשן די ריש: „סאַקררראַמענטאָ!"... העלפט אָבער נישט קיין זאַך. דער רחמנות אַף זיי איז זייער גרויס. בײַ עטלעכע פון זיי האָב איך געזען טרערן אַף די אויגן.

— ז. —

מזל־טוב! מיר האָבן אַ חתונה אַף עליס איילאַנד. פון וואַנען האָט זיך גענומען אַ חתונה? וועט איר הערן. אַ מיידל פון טשודנאָוו — אַ יתומה, לאה איז איר נאָמען. אַ שוואַרץ־חנוודיקע און אַ צוגע־לאָזטע. דעם גאַנצן וועג, וואָס מיר זײַנען אָפּן שיף, איז זי מיט אונ־דזערע ווײַבער, מיט ברכהן און מיט טײַבלען, איין זעל, איין נשמה. דורך זיי ווערן מיר געוווירע, אַז לאה איז אַן עלנטע, האָט קיינעם נישט אין לאַנד. פון קליינוווײַז־אויף אַרבעט זי. זי האָט זיך צונויפגעשלאָגן אַביסל געלט און פאָרט עס קיין אַמעריקע. זי קאָן ניט זײַן מער אין טשוד־נאָוו. מע האָט דאָרטן געהרגעט איר טאַטן אין פּאָגראָם. איר מאַמע איז פאַר צרות געשטאָרבן. זי איז געבליבן ווי אָפּן וואַסער. גוטע מענטשן האָבן זיך אַף איר דערבאַרעמט, אויסגעלערנט אַרבעטן. זי נייט און שטעפּט און שטיקט און פּרעסט — „גאָלדענע הענט", זאָגט

אף איר די מאמע. אלע זײַנען זיכער, אז אין אמעריקע וועט מען לאזן אפּגילטן פאר איר ארבעט. און א חתן וועט זי דארט קריגן — דעם בעסטן. לאה לאזט אראפּ די אויגן און ווערט רויט, ווי פײַער... די צרה איז — זי האט ניט קיינעם אין אמעריקע, ווער ס'זאל זי ארונ־טערנעמען. האט זיך געפונען אף „פרינץ אלבערט" א בחור. לייזער באך. ער איז א סטאליער און פארט צו זײַנעם א פעטער אין שיקאגא. לייזער איז מגושם. ער איז א געלער און האט גראבע צווייענדיקע ליפּן, נאר איך האב אים ליב פאר זײַנע לידער. ער זינגט אויסגעצייכנט יידישע לידער. איז געבליבן: אזוי ווי לייזער האט ווער סע זאל אים ארונטער־נעמען און לאה האט קיינעם נישט, זאל ער, לייזער באך, זאגן, אז לאה קער אים אן א כלה... פארשטייט זיך, אז דאס שמד־שטיק וואקסט פון יענעם ייִדן, וואס מיר רופן „די גערויכערטע ליולקע". און אזוי איז דאס טאקע געוועזן. באם פארהער איז ער — דער חתן, זי — די כלה. דאכט זיך, גוט? לאזט זיך אויס, אז אף עלים אײַלאנד גייען נישט אן אזעלכע שטיקלעך. וויבאלד אז חתן־כלה, באדארף זײַן א חופּה. וויינט לאה מיט סכנות, רעדט מען איר אוים דאס הארץ: „וואס ארט דיר, נאר־רעלע? וועסט קומען אין שטאט, וועט ער דיר געבן גט, ביסטו צוריק די לאה ווי געוועזן"... האט זי מורא, טאמער נײן?... נאר ווערן אפּגעשיקט צוריק איז בעסער? בקצור, ס'איז א חופּה. א טרויעריקע חופּה. אן כלי־זמר. נאר מיט א רב, מיט א שמש און מיט טרערן, טרערן אן א שיעור. א ים פון טרערן.

— ז. —

גוט איז נאר איין מענטשן. ווייסט איר, וועמען? — דעם הייסינער שנײַדער. ער האט דערלעבט א נקמה אין אונדזער חבר פּיניע ווער איז צו אים גלײַך? זאגן זאגט ער גארנישט נישט. נאר ער שפּאנט ארום פאר בײַ אונדז, גלעט זיך דאס בערדל, קוקט אף פּיניען דורך זײַנע שארפע ברילן. פּיניע איז אבער קליגער פון אים. ער האט ארײַנגעשטעקט זײַן שפּיץ נאז עפּעס אין א ביכל, זעט כלומרשט נישט דעם שנײַדער. ער האט אים אין דער לינקער פּאה!

— ח. —

אביסל אייגענע צרות, אביסל פרעמדע יסורים פאַרשטערן אונדז די שמחה, וואָס מיר זײַנען אין אַמעריקע. מיר האָבן זיך אַזויפיל אָנגעזען דאָ אױף דעם עליס אײַלאַנד און אָנגעהערט, אַז מיר זײַנען מיד געוואָרן און האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אונדזער גאַנצע משפחה קאָפּ אױף קאָפּ און געקוקט אַהין, אין דער גרויסער ראַשיקער שטאָט אַרײַן, וואָס ליגט נאָך ווײַט פון אונדז. ווייסט איר, ווי אַזוי מיר האָבן אויסגעזען ? מיר האָבן געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ סטאַדע שעפּעלעך, וואָס שטייען צונויפגע־פּרעסט אין פעלד אין אַ הייסן זומער־טאָג, נישט ווײַט פון די רעלסן פון אַ באַן, און קוקן פאַרוווּנדערט, ווי די וואַגאָנעס לויפן מיט אַ רעש פאַרבײַ און ווערן פאַרשווּנדן. אַן עבירה, וואָס איך האָב נישט קיין בלײַשטיפט און קיין שטיקל פּאַפּיר אױף אָפּצומאָלן אונדזער צונויפגעפּרעסטע משפחה, און אויך די אַלע איבעריקע אײַנגעשפּאַרטע עמיגראַנטן אױף עליס אײַלאַנד, ווי זיי זיצן יעדער אױף זײַן פּעקל. מע זיפצט און מע דערציילט זיך אויס איינס פאַר דאָס אַנדערע דאָס ביטערע האַרץ. אַנדערע שווײַגן שטיל. און אַנדערע וויינען, באָדן זיך אין טרערן. אין אַ ים פון טרערן.

V

מיטביידע פיס אַף דער ערד

— א. —

אויב איר זײַט קיינמאָל נישט געפאָרן אַפן ים, אויב איר זײַט קיינמאָל נישט געווען צען טעג מיט צען נעכט אַפן וואסער, אויב איר זײַט קיינמאָל נישט געווען געפאנגען אַף „עלים אײַלאַנד" און האָט נישט אָנגעזען זיך און נישט אָנגעהערט זיך מיט צרות, יסורים און פּײַן, און נישט געבאָדן זיך אינעם ים פון טרערן און נישט אָרויסגעקוקט, מע זאָל אײַך קומען אויסלייזן, — אויב איר האָט דאָס אַלצדינג אַליין נישט פאַרזוכט אַף אײַערע אייגענע פּלייצעס, וועט איר נישט פילן דעם טעם, וואָס הייסט שטיין מיט ביידע פיס אַף דער ערד. ווען איך זאָל נישט מורא האָבן פאַר מײַן ברודער אליהו און נישט שעמען זיך פאַר לײַטן, וואָלט איך אַנידערגעפאַלן אַף דער ערד און וואָלט זיך איבערגעקוליעט דרײַ מאָל מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. אַזוי גוט און ליכטיק און פריילעך אַפן האַרצן איז מיר געוואָרן, אַז איך האָב דערפילט, אַז איך שטיי מיט ביידע פיס אַף דער טריקעניש. איר קאָנט פאַרשטיין, אַז אפילו אַזאַ מרה־שחורהניק, ווי מײַן ברודער אליהו, האָט שוין אויך באַקומען אַן אַנדער פּנים. ער האָט געריבן אַ האַנט אָן אַ האַנט און אַ זאָג געגעבן צו אונדז אַלעמען: „זײַנען מיר, הייסט עס, אין אַמעריקע?"

— „מיטן אייבערשטנס הילף, געלויבט זאָל זײַן דער נאָמען זײַנער!" — זאָגט דערויף די מאַמע און טוט אַ קוק אַרויף אַפן הימל. דערנאָך לייגט זי צו מיט אַ טיפן זיפץ: „ווער עס לעבט, דער קומט. קומען קומט נישט נאָר דער, וואָס ליגט אין דער ערד"...

דאָס מיינט זי שוין דעם טאַטן. קיינמאָל און ערגעץ נישט פאַרגעסט זי נישט דעם טאַטן, איר זאָלט זאָגן — אַף אַ מינוט.

— ב. —

נאָר מער פון אַלץ און שטאַרקער פון אַלע באַוויזט אַרויס זײַן פרייד אונדזער חבר פיניע. דער איז — איך האָב מורא צו זאָגן — גאָר משוגע געוואָרן, פשוט אַראָפּ פון זינען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פנים צום ים און, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט אין אַ קולאַק, האָט ער אַוועקגעלייגט אַ גאַנצן מענה־לשון:

— הערט צו, איר חמורים, רשעים, שכורים, כוליגאַנעס, פּאָגראָמ־שטשיקעס! דאָס האָבן מיר אײַך צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר געפינען זיך אַצינד אין אַזאַ פרײַער, גליקלעכער מדינה! ווען נישט איר מיט אײַערע גזירות, רדיפות און פּאָגראָמען, וואָלטן מיר נישט געוווּסט פון קאָלומ־בוסן און קאָלומבוס וואָלט נישט געוווּסט פון אונדז! איר וועט דאַרטן לאַנג וואַרטן, ביז מיר וועלן קומען צו אײַך צוריק! אַזוי ווי איר זעט נישט אײַערע אויערן, אַזוי וועט איר שוין נישט זען אונדז, ווײַל איר וועט לעבן! איר וועט זיך אַמאָל אַרומקוקן, אַז איר האָט געהאַט אַ פאָלק ישראל און נישט געוווּסט, ווי צו שאַנעווען דאָס דאָזיקע פאָלק! איר וועט האָבן אַ וויסטן סוף, אַזוי ווי שפּאַניען האָט געהאַט. איר וועט וויינען, ווי די קלויסטער־הינט. איר וועט זיך אַמאָל פאַרבענקען נאָך אונדז! עס וועט זײַן בײַ אײַך אַ רענדל אַ ייִד. איר וועט אונדז רופן צוריק. נאָר אַ מכה וועלן מיר צו אײַך פאָרן!...

ווער ווייס, ביז ווי לאַנג נאָך אונדזער פיניע וואָלט זיך אַזוי געקילט דאָס האַרץ, ווען יונה דער בעקער זאָל נישט אַרויפלייגן די האַנט אויף זײַנע פּלייצעס און אַ זאָג געבן צו אים:

— פיניע! גאָט איז מיט דיר! צו וועמען רעדסטו? צו די שטיי־נער? קום! מיר וועלן פאַרשפּעטיקן די פּעררי! צי דו ווילסט דאָ בלײַבן נעכטיקן אויף עלים אײַלאַנד?

מיר נעמען זיך צו די פּעקלעך און לאָזן זיך גיין צו דער פּעררי.

— ג. —

עס רעדט זיך אָבער נאָר אַזוי. נישט אַזוי גיך זעצן מיר זיך פאָרן. איר האָט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אויף זיך אַ פּעקל — מײַן חבר מענדל. מע לאָזט דאָך אים נישט אַרויס. און אָן אים קאָנען מיר זיך נישט רירן. די מאַמע זאָגט, אַז זי וועט נישט קאָנען רויק זײַן אין אַמעריקע, אויב

חלילה מע שיקט דעם יתום אָפּ צוריק, גאָט ווייס וווהין. אַ גליק, וואָס מיר האָבן זיך אָפּ עלים אײַלאַנד דערשלאָגן צו אַזאַ חברה, וואָס הייסט „הכנסת אורחים". די חברה האָט אָפּ עלים אײַלאַנד אירן אַ מענטשן. זייער אַ גוטער מענטש און אַ צוגעלאָזטער. צו דעם דאָזיקן מענטשן האָט מען אונדז אָנגעוויזן. פאַר אים האָבן מיר דערציילט דעם גאַנצן אמת, וואָס מיט דעם בחור איז געשען. פאַרשטייט זיך, אַז גערעדט האָבן אַלע איינציגעם. האָט אונדז דער מענטש אָפּגעהאַקט אין מיטן און פאַר־געלייגט, אַז מיר זאָלן צווישן זיך אויסקלויבן איינעם אַ רעדנער. נאָך אַ היבש שטיקל צײַט אין שפּאַרעניש איז געבליבן, אַז ריידן זאָל דווקא ברכה, מײַן ברודער אליהוס ווײַב. פאַר וואָס עפּעס ברכה? ווײַל די מאַנצבילן, אליהו און פּיניע, קאָנען נישט זען איינער דעם אַנדערן ריידן און נישט אַרײַנפּאָרן אים אין מיטן. און די מאַמע רעדט דווקא גוט, נאָר אַביסל צופיל. דאָס הייסט, אַז זי הייבט אָן צו ריידן, מוז זי אָנהייבן פון מה־טובו: ווי אַזוי מיר האָבן געהאַט אַ טאַטן, האָט ער געהייסן פּייסי. און אַז ער איז געווען אַ חזן. דערנאָך, ווי אַזוי ער איז, נישט דאָ געדאַכט, קראַנק געוואָרן. און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. ווײַל יענער נישט אויס־הערן ביזן סוף. און מײַן שוועגערן ברכה מאַכט דאָס בקיצור. אַ וואָרט און צוויי און אַ מאַהריטש, ווי משה דער אײַנבינדער זאָגט.

ערשט דעמאָלט, אַז ברכה האָט אין קורצע ווערטער איבערגעגעבן מענדלס געשיכטע, האָט דער מענטש פון דער חברה „הכנסת־אורחים" זיך אַ נעם געגעבן צו דער אַרבעט. ער איז ערגעץ אַוועקגעלאָפן, געקומען צוריק און ווידער אַוועקגעלאָפן. קוים מיט צרות, מיט לײַד — מע האָט געבראַכט דעם בחור.

— ד. —

און אַז מע האָט געבראַכט דעם בחור, מענדלען הייסט עס, האָט דער מענטש פון דער חברה „הכנסת־אורחים" אים אָנגענומען פאַר אַן אויער און האָט אים אַרײַנגעזאָגט אַ גאַנצע דרשה: „געדענק, בחורל, אַז מיר זײַנען ערב פאַר דיר, אַז דו וועסט זיך גוט אויפפירן. צוויי יאָר דורכאַנאַנד ביסטו אין אונדזער רשות... מירן אָפּ דיר אַכטונג געבן. טאָמער פירסטו זיך נישט אויף, ווי עס געהער צו זײַן, שיקט מען דיך אַרויס צוריק פון וואַנען דו ביסט געקומען!"... דערנאָך האָט דער מענטש פאַרשריבן זײַן נאָמען און אונדזערע אַלעמענס נעמען און די

נעמען פון אונדזערע פרײַנט און באַקאַנטע און זייערע אַדרייסים. און מיר זײַנען פרײַ. מיר קאָנען גיין, וווהין מיר ווילן און טאָן וואָס מיר ווילן.

מיינט איר אפשר, אַז מענדלען האָט דאָס גערירט? עס הייבט זיך גאָר נישט אָן. מײַן חבר מענדל איז אַזאַ נפש, וואָס ווערט נישט נתפּעל פון קיין זאַך. און דערפאַר האָב איך אים ליב. דערמאָן איך מיך אָן מײַן חבר מענדל, וואָס ער איז געווען און וואָס עס איז פון אים געוואָרן שפּעטער, העט־העט, אין אַ צײַט אַרום — איז טאַקע גאָטס נסים. נאָר אַזאַ לאַנד, ווי אַמעריקע, קאָן מאַכן פון קליין גרויס, פון נידעריק הויך, כמעט פון טויט לעבעדיק... נאָר מיר האַלטן נאָך דערווײַל פון פאַרנט, בײַ דער פּעררי.

— ה. —

די פּעררי — דאָס איז אַזאַ מין שיף, אָדער אַ פּאַראָם אַזעלכער, וואָס מע קאָן אַריבערפאָרן אױף אים מיט פערד און וואָגן און מיט האַק און פּאַק. די פּעררי איז גענוג ברייט און לאַנג, אַז איך און מײַן חבר מענדל זאָלן קאָנען זיך נעמען פאַר די הענט און שפּאַצירן אין דער לענג און אין דער ברייט. די ערשטע מינוט איז די מאַמע געווען פאַרטראָגן מיט אונדזערע מחותנים און מיט אונדזערע באַקאַנטע. אַלע האָבן גערעדט, זיך אויסגעפרעגט איינס בײַ דאָס אַנדערע וואָס סע הערט זיך. שפּעטער אַביסל האָט זי זיך געכאַפּט, אַז מיר זײַנען נישטאָ — נישט איך, נישט מײַן חבר מענדל. אוודאי האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד. זי האָט אַנדערש נישט גערעכנט, נאָר אַז מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער אַרײַן און דערטרונקען געוואָרן. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז מיר האָבן דערזען טרעפּ, זײַנען מיר אַרויף אױפן צווייטן שטאָק פון דער פּעררי, און פון דאָרט האָבן מיר דערזען אַ מוראַדיק הויכע גרויסע אײַזערנע פיגור פון עפּעס אַ נקבה, וואָס זעט אויס ווי אַן אָם... מיר האָבן קיין צײַט נישט געהאַט אפילו רעכט צו באַקוקן די דאָזיקע פיגור, האָבן מיר דער־הערט דער מאַמעס קולות און דערזען פאַר זיך אליהון. ער איז געווען אױף אונדז מלא גזלן פאַרן דערשרעק, וואָס מיר האָבן אָנגעוואָרפן אױף זיי אַלעמען מיט אונדזער פאַרפאַלן ווערן. מיר וואָלטן זיך נישט געגאַרט פון אים. מײַן ברודער אליהו וואָלט אונדז פאַר אַזאַ זאַך רעכט באַצאָלט,

האט זיך געטראפן א גליק — מײַן שװעגערן ברכה האט זיך דערפילט נישט גוט און האט ארױסגעלאזט א קװיטש נישט מיט איר קול: „אױ, שװיגער, ס'איז מיר שלעכט!"... און זי װיל שױן אנהייבן אירע שטיק, אזױ װי אפן ים. לאנג לעבן זאל דער הייסינער שנײַדער (ער װיל גאר פון אונדז נישט אפשטיין אף א װײַלע!). ער פאלט אן אף ברכהן און זאגט איר מוסר: „אזא אסאבע, װי איר, קיין עין־הרע, זאל נישט װיסן דעם הילוק פון א ים ביז א קליין טײַכל — פע, שעמען מעגט איר זיך!"...

פארעפנטפערט זיך ברכה. זי האט נישט געװוּסט, אז ס'איז א טײַך. זי האט געמיינט, אז מיר זײַנען שױן װידער אפן ים. װאס קומט איר דערפאר?... זאגט פיניע, אז אים דאכט זיך, אז נאכן ריח אליין קאן מען דערקענען, װעלכעס איז ים און װעלכעס איז א טײַך. א ים, זאגט ער, שמעקט מיט פיש, און אין א טײַך זײַנען קיין פיש נישטא. פרעגט אים דער הייסינער שנײַדער: פון װאנען איז געדרונגען? ענטפערט אים פיניע, אז ער רעדט גארנישט צו אים, און אז ער האט בכלל פײַנט אריינלאזן זיך אין װכוחים מיט א שנײַדער. מישט זיך שױן ארײַן משה דער אײַנבינדער, פעסיעס מאן. ער מאכט פיניען אן אױסרייד, אז ער איז איצט אין אמעריקע, נישט אין „ריסעגלאנד". אמעריקע, זאגט ער, איז א לאנד פון שנײַדערס. דא אין אמעריקע, זאגט ער, איז א שנײַדער אזא מיוחס, װי בא אונדז דער שענסטער בעל־הבית, און אפשר נאך מער. אין אמעריקע, זאגט ער, האבן שנײַדערס א „יוניע". א „יוניע" איז כמעט דאס, װאס בא אונדז א „צעך". נאר די היגע „יוניע", זאגט ער, איז גארנישט דאס, װאס אונדזער צעך...

— און מיר, בעקערס, האבן זיך אונדזער „יוניע", — לייגט צו יונה דער בעקער. — אונדזער בעקער־יוניע איז אפשר אזױ גרױס, װי די שנײַדער־יוניע.

— זאגט באטש להבדיל! — שלאגט אים איבער משה דער אײַנ־בינדער. און עס גייט אװעק א חתונה, װעלכע „יוניע" איז גרעסער.

— נאך עטלעכע מינוט, און מיר זײַנען אין „נעװעיארק". — זאגט פיניע צו אליהון, בכדי איבערצורײַסן דעם שמועס פון די „יוניעס", װאס האט זיך אונדז אלעמען שױן צוגעגעסן... מיר קוקן זיך אײַן אין דער שטאט, װאס װאקסט פאר אונדזערע אױגן און באװײַזט זיך אלע װײַלע

נענטער. אך! וואָס פאַר אַ שטאָט! אך! וואָסערע הויכע הײַזער! קלויסטערס, נישט קיין הײַזער! און פענצטער! טויזנט פענצטער!... ווען איך האָב באַ זיך איצט אַ בלײַשטיפט מיט אַ בויגן פּאַפּיר!

— ז. —

טררראַך־טאַררערעראַך — טאַך־טאַך־טאַך! טאַך! דזין־דזין־דזין־גלין־גלאָן! הו־האַ! הו־האַ! הוי־האַ! דו־דו־דו־דו־דו! פּי־יו! איי־איי־איי־איי־איי! און ווידעראַמאָל — טראַך־טאַררערעראַך־טאַך־טאַך־טאַך! און אינמיטן הערט זיך אַ הייזעריקער קוויטש פון אַ פאַרטשעפּעטן חזיר: כרו! כרו! כרו!... — אָט דאָס זײַנען געווען די קולות מיט די גוואַלדן, וואָס מיר האָבן דערהערט אין דער ערשטער מינוט, אַז מיר זײַנען אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. ביז אַהער, כּל זמן מיר זײַנען געווען אויפן וואַסער, זײַנען מיר געווען רויִק. נאָר דאָ, ווי באַלד מיר האָבן דערפילט, אַז מיר שטייען טאַקע מיט ביידע פיס אויף דער ערד, אין דעם רעכטן אַמעריקע, אַזוי איז אויף אונדז אָנגעפאַלן אַ שרעק, אַ טומל מיט אַ בהלה...

די ערשטע האָט זיך פאַרלוירן די מאַמע. ווי אַ ספּאָלאָשעטע הון אַ קוואָטשקע, וואָס ציטערט איבער אירע הינדעלעך, צעשפּרייט זי די פליגל, פּיקט און קוואָקעט און הייבט אויף אַ געפילדער, פּונקט אַזוי האָט אויסגעזען די מאַמע מײַנע. זי האָט צענומען ביידע הענט און געמאַכט אַ גוואַלד: „מאָטל! מענדל! אליהו! ברכה! פּיניע! טײַבל! וווּ זײַט איר? אַהער גייט!"...

— גאָט איז מיט אײַך, שוויגער! וואָס שרײַט איר? — זאָגט צו איר ברכה, און מײַן ברודער אליהו לייגט צו: „דער סוף וועט זײַן, אַז איבער דײַן געשריי מיט דײַן געפילדער וועט מען אונדז אַרויסשיקן צוריק פון אַמעריקע!"...

— פּורים נאָכן קאַלטן קוגל! — כאַפּט אים אונטער אונדזער חבר פּיניע און לייגט אַרײַן ביידע הענט אין די קעשענעס, און דאָס קאַפּעליושל אַרויפגערוקט אַרויף. — אַזוי לאַנג קרענקט פּאַני־גנב, ווי לאַנג מע וועט אונדז שוין פון דאַנען פּטור ווערן! דו האָסט פאַרגעסן, אַז אַמעריקע איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָט אויף שוץ און באַהעלטעניש פאַר די אַלע, וואָס ווערן געיאָגט און געפּלאָגט, געשטויסן און געטריבן פון אַלע עקן פון דער וועלט?

דער גערדראַנג פון מענטשן איז געווען זייער גרויס. אונדזער חבר פיניע האָט שיער ניט געכאַפּט דעם זעלבן פּסק, וואָס אַנומלטן אין לאָנ־דאָן, באַ אונדזער אַרײַנפאָרן אין יענער שטאָט אַרײַן. דאָס הייסט, נאָך אַ מינוט און ער וואָלט געלעגן אַ צעקנייטשטער, אַ צעטראָטענער אַף דער גאַס. איצטיקס מאָל איז ער אָפּגעקומען נאָר מיט אַ סטוסאַק אין זײַט אַרײַן. נאָר אַזוי שטאַרק איז געווען דער קלאַפּ, אַז דאָס קאַפּעליושל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט באַ אים פון קאָפּ און, אונטערגעכאַפּט פונעם ווינט, איז דאָס אַוועקגעפלויגן אַ ביסעלע אָן אַ זײַט. דאָס האָט צוגע־נומען באַ אונדז אומזיסט עטלעכע מינוט איבעריקע צײַט. מיר האָבן דע־ריבער פאַרשפּעטיקט די קאַר. דאָס הייסט, דעם טראַמוויי. באַ אונדז הייסט דאָס טראַמוויי, באַ זיי — קאַר. פיניען איז דאָס וואָרט „קאַר" בע־סער געפעלן, ווי טראַמוויי. וואָרעם ס'איז קירצער. מיר האָבן אָבער לאַנג ניט באַדאַרפט וואַרטן. עס איז באַלד אָנגעקומען נאָך אַ קאַר, און מיר אַלע האָבן זיך אַרויפגעקאַראַצקעט מיט די פעקלעך אַף דער קאַר, פאַר־כאַפּט אַלע ליידיקע ערטער. און מיר פאָרן אין שטאָט אַרײַן.

— דאַנקען השם יתברך — פטור געוואָרן פון אַ פּריטשעפּע, פון דעם הייסינער שנײַדער! — פרייט זיך אונדזער חבר פיניע, און מײַן ברודער אליהו זאָגט צו אים: „וואַרט אויס, פריי זיך נאָך ניט! אַז מיר וועלן ווערט זײַן באַ גאָט, וועלן מיר זיך מיט אים נאָך באַגעגענען ניט איין מאָל אין ניו־יאָרק"...

VI

אין ניו־יאָרק אױף דער סטריט

— א. —

דער אַרײַנפֿאָר אין שטאָט ניו־יאָרק איז שרעקלעך. דאָס פֿאָרן אַליין איז נאָך ניט אַזױ געװאַלדיק, װי דאָס איבערזעצן זיך פֿון איין װאַגאָן אינעם אַנדערן. איר האָט זיך נאָר װאָס אַרײַנגעזעצט — אהאַ! איר פֿליט שוין, װי די אָדלערס, אין דער הייך, איבער אַ לאַנגער שמאָלער בריק אױף צו דערהרגעט װערן. װערט דאָס אָנגערופֿן בײַ זײ „עליװײטער". מײנט איר, אַז איר זײַט שוין פֿאַרטיק? האָט צײַט אַביסל. איר קריכט אַרױסעט פֿונעם „עליװײטער" און איר זעצט זיך איבער אין אַן אַנדער װאַגאָן און איר לאָזט זיך אַראָפּ דורך טרעפּ, װי אין אַ קעלער אַרײַן, און איר לױפֿט אונטער דער ערד מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס שװינדלט אײַך אין די אױגן. דאָס װערט שוין אָנגערופֿן בײַ זײ „צאָבהײ". פֿאַרװאָס הייסט דאָס „עליװײטער" און דאָס „צאָבהײ"? — זאָגט מײַן ברודער אליהו, אַז „עליװײטער" נעמט זיך פֿונעם װאָרט „לײטער". און „צאָב־הײ" זאָגט מען בײַ אונדז אױך, אַז מע טרײַבט אָן אַ פּאָר אָקסן. לאַכט פֿון אים אונדזער חבר פּיניע מיט סכּנות. ער זאָגט: „ס'אַ מאָשל אָקעגן אַ טאָרבע פּלעקער! אָקסן, זאָגט ער, קוים װאָס זײ קריכן, און דאָס פֿליט!" ענטפֿערט אים דערױף אליהו: „דערױף איז דאָס אַמעריקע, ס'זאָל פֿליִען"... מישט זיך אַרײַן מײַן שװעגערן ברכה און זאָגט, אַז דאָס אײגענע אַמעריקע װאָלט געװען אַ סך בעסער, װען מע זאָל דאָ ניט אַזױ פֿליִען, װי מע פֿליט. זי שװערט זיך, אַז מער פֿאָרט זי שוין ניט, אַן עק! ניט מיטן „עליװײטער" און ניט מיטן „צאָבהײ" — זי זאָל װיסן גליקלעך װערן. זי װעט שוין, זאָגט זי, בעסער גײן צופֿוס, אײדער אַזױ משוגענערװײַז פֿליִען הענדום־פּענדום איבער דער כמאַרע, אָדער

ליופן אונטער דער ערד. דערביי האט זי געזאגט א ווערטל: „הייב מיך נית און ווארף מיך ניט"... א מאדנע יידענע מיין שוועגערן. בא מיר וואלט איר, פארקערט, געפועלט, איך זאל ארומפארן מיטן „עליווייטער" און מיטן „צאבהיי" א גאנצן טאג מיט א גאנצער נאכט. מיין חבר מענדל אויך דאס אייגענע.

— ב. —

דאכט זיך, מיר זיינען שוין אויסגעוועון א וועלט. דאכט זיך, מיר האבן זיך שוין גענוג אנגעזען מיט די טראמוויען אין לעמבערג, אין קראקע, אין ווין, אין אנטווערפן און אין לאנדאן. נאר אזא ענגשאפט מיט אזא שטופן זיך און אזא דערשטיקעניש, ווי אט דא, אין דעם גיהנום, האבן מיר אין ערגעץ ניט געזען! קאפ אף קאפ. איינער ארויס, צוויי אריין. זיצן איז ניטא וווּ. דארף מען שטיין. פאלט מען אום. מוז מען זיך אנהאלטן באם רינג. הייסט עס דא „הענגען אפן סטראפ". ווערט מען פארקליאקנעט. העלפט גאט, עס ווערט ריין אן ארט, איז פאראן דערויף א סך בעלנים. קוים מיט צרות פארכאפט אן ארט. איר קוקט זיך ארום, זיצט איר צווישן צוויי גוים.ביידע שווארצע. א נעגער מיט א נעגערטע, מגושמדיקע ברואים. מוראדיק גראבע ליפן. גרויסע ווייסע ציין און ווייסע נעגל. זיי זיצן און קייען עפעס, מעלה־גרהן, אזוי ווי אקסן. ערשט דערנאכדעם בין איך געוווירע געווארן, אז דאס וואס זיי קייען ווערט אנגערופן בא זיי „טשאינגאם". דאס איז אזא מין קאנפעקט פון גומי־לאסטיק. מע האלט דאס אין מויל און מע קייט דאס. אראפשלינגען טאר מען דאס ניט. יונגע באיעס, דאס הייסט קליינע יינגלעך, אלטע לייט און קאליקעס מאכן דערפון א לעבן. אונדזער חבר פיניע, אויב איר געדענקט, איך האב אייך אמאל דערציילט, איז בטבע א גרויסער נאשער. ער האט ליב זיסע זאכן. האט ער זיך צוגעכאפט צו די דאזיקע קאנפעקטלעך און האט פאוואלינקע איינגעשלונגען א גאנץ שאכטל. דער סוף איז געווען — ער האט זיך אנגעמאכט א חתונה אין מאגן, שיער ניט אפגעסמט זיך. דאקטוירים האבן אויסגעפאמפעט בא אים דורכן האלדז די טשאינגאם. מע האט אים געראטעוועט דאס לעבן. נאר איך פארלויף אף צו פריער. מיר קערן זיך אום צוריק צו אונדזער ערשטן ארייגפאר אין דער שטאט ניו־יארק.

— ג. —

דעם גאַנצן וועג, וואָס מיר זײַנען געפֿאָרן אױפֿן „עליוויטער" און אױפֿן „צאָבהיי", האָבן אונדזערע לײַט, די מאַנצבילן מיט די ווײַבער, געהאַלטן אין איין ריידן. איך זאָג ריידן, אָבער ס'איז ניט אמת. ווער קאָן דאָס ריידן אױפֿן „עליוויטער"? אָדער אױפֿן „צאָבהיי"? אַז דער רעש, מיטן געפּילדער, מיטן גראַגערן פֿון די רעדער, מיטן גרילצן פֿון די רעלסן, מיטן קלינגען פֿון די פֿענצטער מאַכן אײַך טויב. איר אַליין הערט ניט אײַער קול. איר מוזט שרײַען איינס צום אַנדערן, ווי בעת איר רעדט צו אַ טויבן. אונדזערע לײַט זײַנען אַזש הייזעריק געוואָרן שרײַענדיק. די מאַמע האָט עטלעכע מאָל געבעטן זיך בײַ פּעסיען:

— פּעסיעניו, נשמהניו, האַרצעניו, ליובעניו! לאָזט דאָס איבער אױף שפּעטער!...

מע ווערט אַנטשוויגן אױף אַ מינוט און מע הייבט אָבער באַלד אָן ווידעראַמאָל צו שרײַען אױף קולי־קולות. וואָרעם מען איז דאָך לעבעדיקע מענטשן, גוטע פֿרײַנט, געוועזענע שכנים. ווי אַזוי קאָן מען זיך אײַנהאַלטן און ניט אויסריידן זיך די הערצער? מע האָט זיך אַזאַ צײַט ניט געזען. און צו ריידן איז דאָ אַזוי פֿיל! אַזוי פֿיל!

— ד. —

אָנגערעדט זיך און אָנגעשריען זיך וועגן זײַטיקע זאַכן, איז מען אַרויף אױף אַ שמועס וועגן וווהין צו פֿאַרפֿאָרן און בײַ וועמען אָפּצושטעלן זיך. נאָך אַ סך וויכוחים און שפּאַרענישן איז געבליבן, אַז די מאַמע און איך און אונדזער חבר פּיניע מיט זײַן טײַבלען זאָלן מיר זיך אָפּשטעלן בײַ אונדזער שכנה פּעסיע די גראָבע. און אליהו מיט זײַן ווײַב ברכה זאָלן פֿאַרפֿאָרן צו זייער שווער און שוויגער, יונה דעם בעקער און ריוועלע די בעקערן. נו, און מענדל? זאָגט פּעסיע, אַז מענדלען נעמט זי צו זיך. זאָגט ריוועלע די בעקערן — ניין. בײַ פּעסיען, זאָגט זי, זײַנען, קיין עין־הרע, פֿאַראַן אָן אים אויך אַ היפּש ביסל עסערס. פֿאַרדריסט דאָס פּעסיען. זי זאָגט, אַז ס'איז ניטאָ קיין איבעריקע צײַין אין מויל און קיין איבעריקע קינדער בײַ אַ מוטער.

— שאַט! ווייסט איר וואָס? לאָמיר פֿרעגן דעם בעל־דבר אַליין.

— אזוי זאָגט משה דער אײנבינדער, פּעסיעס מאַן, און ער טוט אַ פרעג בא מענדלען: וווּהין וויל ער בעסער — צו אים אָדער צום בעקער? ענטפערט אים מענדל, אַז ער וויל זײַן דאָרטן, וווּ זײַן חבר מאָטל. איך אַליין האָב אויך גאָר אַנדערש ניט געטראַכט, אַז אַזוי באַדאַרף מענדל זאָגן.

— ה. —

— אָט דאָ באַלד, נאָך איין סטיישן, סטאָפּן מיר! — רופט זיך אָן יונה דער בעקער שוין אױף אַמעריקאַנער לשון. מיר פאַרשטייען ניט, וואָס הייסט „סטיישן" און וואָס הייסט „סטאָפּן"? פאַרטײַטשט ער אונדז, אַז סטיישן הייסט אַ סטאַנציע און סטאָפּן מיינט מען אָפּשטעלן זיך, אַרויסקריכן.

— מחותן! פון ווען אָן האָט איר עס אָנגעהויבן ריידן אַפן היגן לשון? — פרעגט אים די מאַמע, און ריוועלע די בעקערן ענטפערט פאַר איר מאַן:

— איך בין אײַך ערב, מחותנתטע, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט איר אויך אָנהייבן ריידן אַפן היגן לשון. וואָרעם אַז איר'ט אַרויסקומען אין סטריט און פרעגן: וווּ איז דאָ דער קצב? וועט איר מעגן קצבן פון הײַנט ביז איבערמאָרגן, וועט אײַך קיינער ניט ענטפערן.

פרעגט די מאַמע:

— ווִאַזוי זשע דען זאָל איך זאָגן?

ענטפערט שוין פּעסיע די גראָבע:

— איר'ט מוזן זאָגן „דער בוטשער".

— אַזוי לאַנג קרענקען זיי! — מישט זיך אַרײַן מײַן שוועגערן ברכה. — זיי זאָלן אַפילו אויפלויפן, וועל איך זיי זאָגן קצב, קצב און קצב!

— ו. —

מיטאַמאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. אונדזער מחותן יונה דער בעקער האָט געכאַפּט די מחותנתטע ריוועלע די בעקערן מיט מײַן ברודער אליהו מיט מײַן שוועגערן ברכה און האָבן זיך געגעבן אַ לאָז צום אַרויסגאַנג. האָט זיך די מאַמע אויך אויפגעהויבן. זי האָט געוואָלט גיין באַגלייטן אירע קינדער, זי געזעגענען מיט זיי. אויך פיניע פון זײַן זײַט

האָט זיך אויפגעהויבן, געגאַנגען געזעגענען זיך מיט זײַן חבר אליהו און טאָקע אין איינוועגס אָפּריידן מיט אים, ווו און ווען מע זאָל זיך זען. נאָר ווער? וואָס? ווען? איידער מע קוקט זיך אַרום איז שוין יונה דער בעקער מיט דער בעקערן מיט מײַן ברודער אליהו און מיט זײַן ווײַב ברכה אַף יענער זײַט. דער קאָנדוקטאָר האָט שוין פֿאַרהאַקט די טיר. דער וואַגאָן האָט זיך געגעבן אַ ריס. אונדזער פּיניע, ווי ער איז געשטאַנען פֿאַרטראַכט און צעטומלט, אַזוי האָט עס אים געגעבן אַ שלײַדער פֿון די פֿיס. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער שוין געלעגן באַ אַ שוואַרצער גויע (אַ נע־גערטע) אַפֿן שויס. האָט אים די נעגערטע געגעבן אַ וואַרף פֿון זיך מיטביידע הענט, אַזוי, אַז ער איז אָוועקגעפֿלויגן אַף דער צווייטער זײַט באַנק און דאָס קאַפּעליושל צו דער טיר. און טאָמער איז קאַרג, איז נאָך געוואָרן אַ געלעכטער אויך. דער גאַנצער וואַגאָן האָט געלאַכט. איך און מײַן חבר מענדל האָבן אויך געלאַכט. האָבן מיר געכאַפּט אַ פּסק פֿון דער מאַמע און פֿון פּיניעס ווײַב טײַבל, למאי מיר לאַכן. גייט, זײַט אַ בריה, אדרבה, און לאַכט ניט!

— ז. —

אַלצדינג אַף דער וועלט האָט אַן עק. געקומען אַ סוף צו אונדזער אַרײַנפֿאָר אין ניו־יאָרק. מיר זײַנען שוין אַף דער גאַס. דאָ הייסט עס „סטריט". ווען איך זאָל ניט וויסן, אַז מיר זײַנען אין אַמעריקע, וואָלט איך זיכער געמיינט, אַז מיר זײַנען אין בראָד, אָדער אין לעמבערג. די אייגענע ייִדן, די אייגענע ווײַבער, די אייגענע געוועלדן, דאָס אייגענע מיסט, וואָס דאָרטן. ניט מער, דער טומל מיטן האַרמידער איז דאָ אַ סך גרעסער. און דער רעש איז שטאַרקער, הילכיקער. אויך די מויערן זײַנען העכער. אַ סך העכער. זעקס עטאַזשן איז אַ געלעכטער. פֿאַראַן הײַזער פֿון צוועלף עטאַזשן. און פֿון צוואַנציק. און פֿון דרײַסיק. און פֿון פֿערציק. און נאָך העכער. נאָר וועגן דעם שפּעטער. דערווײַל זײַנען מיר מיט אונ־דזערע פּעקלעך אַף דער סטריט. מיר האָבן נאָך אַ שטיק וועג צו גיין צופֿוס. דאָ הייסט עס — „וואָקען". און מיר וואָקען. פֿריִער וואָקט משה דער אײַנבינדער מיט זײַנע קורצע פֿיס. נאָך אים וואָקט זײַן ווײַב פּעסיע די גראָבע. קוים וואָס די פֿיס טראָגן זי. אַזוי פֿעט און שווער איז זי. נאָך פּעסיען וואָקען פּיניע מיט זײַן טײַבל. פֿון פּיניעס וואָקען קאָן מען

בלײַבן אָן אַ בויך לאַכנדיק. פּיניע, אַז ער וואַקסט, טאַנצט ער אונטער מיט זײַנע דינע לאַנגע פיס, וואָס פאַרטשעפּען זיך איינער אין דעם אַנ־דערן. איין הויז אַראָפּ, דער אַנדערער אַרויף. דאָס קאַפּעליושל אַרויפגע־רוקט. דאָס האַלדז־טיכל אין פּצון־זײַט. אַ מאָדנע פיגור, בעט זיך אויף פּאַפּיר. איך און מײַן חבר מענדל וואַקען פון הינטן, שפּעטער פון אַלע־מען. מיר שטעלן זיך אָפּ כמעט בײַ יעדן פענצטער. אונדז איז געפעלן, וואָס די אויפשריפטן זײַנען אויף יידיש, און וואָס עס שטייען אַרויסגע־שטעלט אַלע יידישע זאַכן: סידורים, טלית־קטנס, יאַרמלקעס, מזוזות, מצות — אין מיטן דערינען, סאַמע אין אָנהייב ווינטער, מצות! משמעות, אַ יידישע שטאָט. לאָזט מען אונדז אָבער לאַנג ניט שטיין. די מאַמע רופט אונדז: „אַהער גייט!" — מוז מען גיין.

— ח. —

ווער עס האָט ניט געזען די ניו־יאָרקער סטריט — דער האָט גאָר קיין שיינס ניט געזען. וואָס געפינט איר ניט אויף דער סטריט? יידן האַנדלען. ווײַבער זיצן און שמועסן. קינדער אין די וועגעלעך שלאָפן. „קערעדזשעס" הייסן דאָ די וועגעלעך. אַלע קערעדזשעס האָבן איין פּנים. דאָ, אויף דער סטריט, האָדעוועט מען די קליינע עופהלעך מיט מילך פון קליינע פלעשעלעך. גרעסערע קינדער שפּילן זיך. און שפּילן שפּילט מען זיך מיט טויזנטערליי שפּילערײַען: מיט קנעפּלעך, מיט רעדעלעך, אין באַל, אין וועגעלעך, אין שליטעלעך און אין „סקייטס". דאָס איז אַ מין זאַך אויף פיר רעדלעך, צוגעבונדן צו די פיס, און אויף דעם רעדלט מען. מע קאָן טויב ווערן פון דעם געפּילדער, וואָס די קינדער הייבן אויף אויף דער סטריט. די סטריט געהערט צו די קינדער. קיינער וועט ניט וואַגן זיי פון דאַנען צו פאַרטרײַבן. און בכלל איז אַמעריקע אַ לאַנד, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון די קינדערס וועגן. און דערפאַר האָב איך ליב דאָס לאַנד. אָנו, לאָז עמעצער פּרווון אָנרירן אַ קינד מיט אַ פינגער! מײַן ברודער אליהו האָט דאָס פאַרזוכט אויף זײַן אייגענער הויט. ער וועט שוין פאַרזאָגן אַ צענטן. אַזוי איז געווען די מעשה:

איינמאָל בין איך מיט מענדלען געווען אויף דער סטריט און גע־שפּילט אין „טשעקעס". דאָס איז אַ שפּיל מיט קײַלעכיקע הילצערנע קנעפּלעך, וואָס מע שיסט מיט זיי. איז אָנגעקומען סאַמע אין רעכטן

שפּיל מײַן ברודער אליהו. האָט ער מיך, נאָך דער אַלטער מאָדע, אָנגעכאַפּט באַם אויער מיט איין האַנט און מיט דער אַנדערער געוועזן גרייט מיר שענקען אַ פּאָר פֿײַנע פּעטש. וואַקסט אויס אַ באָי, אַ „ווערגעלעץ", ווי פֿון אונטער דער ערד. ער לויפֿט צו צו מײַן ברודער און רײַסט מיך אַרויס פֿון זײַנע הענט. דערנאָך פֿאַרקאַטשעט ער די אַרבל און זאָגט עפּעס צו אליהון אַף אַמעריקאַנער לשון. נאָר אַזוי ווי מײַן ברודער פֿאַרשטייט ניט קיין ענגליש, נעמט דער ווערגעלעץ און טראָגט אים אונטער אַ צוגעמאַכטן קולאַק גלײַך אונטער דער נאָז. קלויבט זיך באַלד צונויף אַ רעדל מיט מענטשן. און מײַן ברודער פֿאַרענטפֿערט זיך פֿאַר זיי אַף יידיש, אַז ער קער מיך אָן אַ ברודער, מעג ער דעריבער מיט מיר לערנען דרך־ארץ. זאָגן אָבער די צונויפֿגעלאָפֿענע, אַז אין אַמעריקע גייען ניט אָן די זאַכן. אַ ברודער, ניט אַ ברודער, — שלאָגן אַ קלענערן פֿון זיך טאָר מען ניט...

נו, גייט האָט ניט ליב אַזאַ לאַנד!

— ט. —

דערווײַל האָב איך מיך פֿאַררעדט און גאָר פֿאַרגעסן, אַז מיר זײַנען שוין געקומען אַהינצוצו, ווו מיר דאַרפֿן זיך אָפּשטעלן. דאָס הייסט, באַ אונדזער שכנה פּעסיע די גראָבע און באַ איר מאַן משה דעם אײַנבינדער. אַרײַנגעקומען צו זיי אין שטוב, האָבן מיר ניט געטראָפֿן קיינעם פֿון דער כאַליאַסטרע. איך קוק זיך אַרום אַף אַלע זײַטן. איך זוך מיט די אויגן מײַן אַמאָליקן חבר „ושתי". ניטאָ ניט ושתי, ניט קיינער. ווו זײַנען זיי אַהינגעקומען אַלע? וועט איר הערן אַ שיינס.

VII

די כאַליאַסטרע אַף דער אַרבעט

— א. —

איך האָב אײַך געהאַט דערציילט, אַז מיר זײַנען אַרײַנגעקומען צו אונדזער שכנה פעסיע די גראָבע און צו איר מאַן משה דעם אײַנבינדער אין ניו־יאָרק, האָבן מיר פון זייער גאַנצער כאַליאַסטרע קיינעם ניט געטראָפן אין דער היים. וואָס איז די מעשה? — די כאַליאַסטרע איז אַף דער אַרבעט. נאָר איידער איך וועל אײַך גיין דערציילן, וואָס פאַר אַן אַרבעט יעדער פון זיי האָט, באַדאַרף מען אײַך פריִער באַשרײַבן, וויאַזוי אַ ייִד אַן אײַנבינדער פאַרגינט זיך צו זיצן אין אַמעריקע. ערשטנס, די שטוב. באַ אונדז אין שטעטל וואָלט פעסיע די גראָבע גאָר מורא געהאַט אַרויפצוקלעטערן אַזוי הויך. מע גייט און מע גייט און מע גייט אפשר אַף הונדערט טרעפּ, ביז מע קומט אַרײַן אין אַ דירה־מלוכה. חדרים און חדרימלעך אָן אַ שיעור. דאָ הייסט עס „רומס". אין יעדן רום — בעטלעך מיט קאָלדרעס, מיט פאָרהענגלעך אַף די פענצטער, און איין רום, וואָס מע רופט דאָס „קיטשען". באַ אונדז הייסט עס קיך. נאָר קיין אויוון איז ניטאָ. אַן אײַזערנע פּליטע מיט לעכער אַף צו קאָכן, און וואַסער צאַפּט זיך דאָ פון דער וואַנט. קאַלט וואַסער און הייס וואַסער — וויפל איר ווילט! איר דאַרפט נאָר געבן אַ דריי מיטן קראַן — און פאַרטיק.

— ב. —

שפּעטער, אַז מײַן ברודער אליהו און זײַן ווײַב ברכה זײַנען געקומען צו אונדז געוווירע ווערן, וואָס מיר מאַכן, האָט אים אונדזער חבר פיניע אָנגענומען פאַר אַ האַנט, אַרײַנגעפירט אין קיטשען, באַוויזן די

צוויי קראַנעץ מיט וואַסער און איז אַרוים מיט לשון, ווי פּיניע קאָן. ער האָט געזאָגט:

— וואָס זאָגסטו עפּעס, אליהו, אַף קאָלומבוסן? מעג ניט זײַן פּאָני די כּפּרה פאַר זײַן מינדסטן נאָגל, וואָס אַ חוץ בראַנפן און אַ חוץ פּאָג־ראָמען ווייס ער ניט ווער עס האָט אים געשלייערט?...

ווען אים דען מײַן ברודער אליהו אָפּשווײַגן? רופט ער זיך אָן צו אים, צו פּיניען הייסט עס: „איצטער ביסטו שוין אינגאַנצן פאַר קאָלומ־בוסן. וואָס האָסטו אָבער געזאָגט פריִער אַביסל, אַף עלים אײַלאַנד?" פאַרענטפערט זיך פּיניע און זאָגט, אַז עלים אײַלאַנד געהער ניט צו אַמעריקע. עלים אײַלאַנד, זאָגט ער, ליגט אַף דער גרענעץ צווישן אַמע־ריקע און צווישן אויסלאַנד. זאָגט אָבער מײַן ברודער אליהו, אַז עס הייבט זיך גאָרניט אָן. צעקריגט מען זיך, ווי דער שטייגער איז בײַ די צוויי חברים. ביז עס מישט זיך אַרײַן ברכה און מאַכט צווישן זיי אַ שלום. זי זאָגט, אַז זיי ווייסן ביידע מער פון אַ טויטן, און אַז דעריבער איז זייער קריגן זיך ניט ווערט אַן אָפּגעריבענער גראָשן. נאָר איך האָב אײַך אָנגעהויבן צו דערציילן פון משה דעם אײַנבינדערס שטוב און בין אַרויף גאָר אַף אַנדערע זאַכן. האָט קיין פּאַראיבל ניט — מיר קערן זיך אום צוריק צו אונדזער שכנה פּעסיע די גראָבע און צו אירע קינדער, צו דער כאַליאַסטרע.

— ג. —

אוודאי האָט זיך אונדזער משהן און אונדזער פּעסיען קיינמאָל ניט געחלומט אַזאַ גוטס, אַז זיי וועלן זיצן אין אַזאַ שטוב און האָבן רומס. אַף אַלצדינג אַ רום. אַף צו שלאָפן אַ רום, הייסט עס „בעד־רום". און אַף צו עסן האָבן זיי אַ באַזונדער רום, וואָס מע רופט דאָס „דיינינג־רום". פאַרוואָס עפּעס דיינינג־רום? ברעכן זיך אליהו און פּיניע די קעפּ און קאָנען ניט פאַרשטיין. מילא בעד־רום — ווײַל דאָרטן שטייען בעטן. אָבער דיינינג־רום — וואָס איז די טײַטש „דיינינג"? פאַרוואָס ניט „עס־רום"? מישט זיך אַרײַן משה דער אײַנבינדער און זאָגט צו זיי:

— צו וואָס זאָלט איר זיך ברעכן אומזיסט דעם מוח? אַבי איך בין אַ באַלעבאָס אין ניו־יאָרק, גאָט צו דאַנקען, און מײַנע קינדער אַר־בעטן אַלע מיט גאָטס הילף, און מע מאַכט אַ לעבן אין אַמעריקע...

איך באַקוק אָט דעם משה דעם אײַנבינדער און טראַכט מיר: רבונו־

של־עולם! ווי אַ מענטש בײַט זיך איבער! אין דער היים האָט מען אים גאָר ניט געהערט ריידן אַפילו. אומעטום און אַלע מאָל איז געווען פּעסיע. ער האָט נאָר געוווּסט מאַכן פּאַפּ און קלעפּן ספרים. און דאָ איז ער געוואָרן מיט אַ קאָפּ העכער. אַ קלייניקייט — אַ מענטש האָט ניט קיין שום דאגות! אַלע קינדער אַרבעטן און ברענגען געלט. איך וועל אײַך אויסרעכענען איטלעכן באַ די נעמען, וואָס פאַר אַן אַרבעט ער טוט און וויפל ער פאַרדינט. די מאַמע איז מקנא אונדזער שכנה פּעסיע, וואָס גאָט האָט איר געשענקט אַזויפיל קינדער, קיין עין־הרע.

— ד. —

דער עלטערער בחור, קלעצל האָט ער געהייסן אין דער היים. דאָ הייסט ער סעם. פאַרוואָס עפּעס סעם? — ווייס איך ניט. איך ווייס נאָר, אַז ער פאַרדינט שוין געלט. ער איז אײַנגעשטעלט אין אַ „פּייפּער־באָקס־פעקטאָרי". איר ווייסט דאָך אָבער ניט מיט וואָס מען עסט דאָס, באַדאַרף מען אײַך פאַרטײַטשן. דאָס איז אַ פאַבריק, ווו מע מאַכט שאַכטלען פון קאַרטאָן־פּאַפּיר. מיינט ניט, אַז דאָס איז אַזאַ שווערער דזשאַב (דזשאַב הייסט אַ מלאכה). ער אַליין בסך־הכל מאַכט נאָך ניט קיין שאַכטלען. ער צעטראָגט זיי נאָר. הייסט עס דאָ אַף זייער לשון: ער „דעליווערט" זיי. דאָס הייסט, ער נעמט אין יעדער האַנט אַ באַנדל שאַכטלען פון אַ צען טוץ און לויפט מיט זיי איבער די ענגע סטריטן, צווישן קאַרס און אויטאָמאָבילס. מע דאַרף אַכטונג געבן, זיי זאָלן חלילה ניט צעקוועטשט ווערן. ער באַקומט דערפאַר דריטהאַלבן טאָלער אַ וואָך און האָפט אַף אַ „רעיז", דאָס הייסט, אַף אַ הוספה. ס'איז מעגלעך, אַז מיט דער צײַט זאָל ער נעמען דרײַ טאָלער אַ וואָך. דאָס איז דערווײַל. שפּעטער אַביסל, זאָגט אים צו דער באָס (אַ באַלעבאָס הייסט דאָ „באָס"), אַז ער וועט אים אויסלערנען די אַרבעט, וויאַזוי צו מאַכן די שאַכטלען. ער זאָגט צו אים: „דו זײַ נאָר אַ גוד באָי, וועסטו זײַן אַלרײַט". אַף אונדזער לשון הייסט עס: „זײַ אַ מענטש וועסטו עסן אין סוכה".

— ה. —

דאָס צווייטע בחורל, וואָס מע האָט אים אַמאָל גערופן וועלוול קאַטער, און הײַנט הייסט ער שוין ווילי, איז אויך אַ דעליוועריבאָי, דאָס הייסט, אַ ייִנגל, וואָס מע שיקט אים. ער איז אין אַ „גראָסערי־סטאָר".

באַ אונדז הייסט עס אַ „באַקאַליינע קלייט". דאָס איז שוין אַביסל אַ שווע־רער דזשאַב. מע דאַרף זיך פֿעדערן גאַנץ פֿרי, אַז גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך. מע דאַרף קודם אויססאָרטירן און אויספּאַקן אַלע אָרדערס. דערנאָך צעטראָגן די באַנדלס צו די קונים. דאָ הייסן זיי „קאַסטאַמערס". אין די באַנדלס געפֿינען זיך זעמעלעך, פּוטער, קעז, אייער, צוקער, מילך, קרים — סמעטענע הייסט עס. מע דאַרף זיך מיט דעם דראַפּען אויף צווײ הונדערט טרעפּ אויף דעם „טאַפּ־פלאָר", דאָס הייסט, גאַנץ אויבן אונטערן דאַך. און דאָס באַדאַרף אָפּגעטאָן ווערן גיך, אין איין אָטעם, וואָרעם ער דאַרף נאָך קומען צוריק אין סטאָר צוקערן דאָס מיסט, אויפֿראַמען און טאָן נאָך עפּעס אַן אַרבעט ביז האַלבן טאָג. נאָך האַלבן טאָג איז ער פֿרײַ. באַקומען באַקומט ער ניט קיין סך. אינגאַנצן פֿוצן סענט אַ טאָג, אַ חוץ פּרײַטיק. פּרײַטיק באַקומט ער אַ גאַנצן קוואָדער מיט אַ חלה אויף שבת.

— ז. —

דאָס, וואָס איך האָב אײַך דערציילט אויבן, קער זיך אָן מיט די גרעסערע בחורים. די קלענערע לאָזט מען דאָ ניט אַרבעטן אינדערפֿרי. מחמת דאָ, אין אַמעריקע, מוזן קליינע קינדער לערנען, גיין אין סקול. דאָס הייסט, אין חדר אַרײַן. אַניט — טוט זיך חושך. און לערנען לערנט מען אומזיסט. און מען גיט אײַך נאָך צו ביכער אויך. אונדזער חבר פּיניע, אַז ער האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אויסער זיך. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז באַ אונדז, אין דער היים, לאָזט מען גאָר יידישע קינדער ניט אַרײַן אין גימנאַזיע. און דאָ, אין אַמעריקע, שלעפּט מען אײַך מיט געוואַלד. אַניט — וועט איר צאָלן שטראָף. „צוליב דעם אַליין, זאָגט פּיניע, וואָלט זיך פֿאַני געמעגט באַגראָבן אַ לעבעדיקער אין דער ערד אַרײַן!"...

נאָר אַזוי ווי אין סקול גייט מען נאָר אַ האַלבן טאָג, קאָן מען דעם אַנדערן האַלבן טאָג עפּעס טאָן און פֿאַרדינען אַ פּאָר טאַלער. טוען זיי טאַקע אַזוי, פּעסיעס קלענערע קינדער. איינער, אָט דער וואָס מע רופֿט אים טשערנאָהוז, אַרבעט אין אַן אַפּטייק. דאָ הייסט עס אַ „דראָג־סטאָר". ער וואַשט פֿלעשלעך, גייט אין פּאָסט־אָפֿיס נאָך מאַרקעס. דאָ הייסט עס „סטעמפּס" און עס פֿאַרקויפֿט זיך אין דער אַפּטייק. ער באַקומט פּאָר

זײַן אַרבעט, נאָר פאַר אַ האַלבן טאָג, אַ טאַלער מיט אַ קוואָדער אַ וואָך. „עס גייט ניט צופוס״ — זאָגט משה דער אײַנבינדער און נעמט צו בײַ אים דאָס געלט.

— ז. —

פײַטל פעטעלעלע, דאָ הייסט ער שוין פיליפ, גייט אויך אַ האַלבן טאָג אין סקול, און דעם אַנדערן האַלבן טאָג פעדלט ער מיט ייִדישע גאַזעטן. דאָ הייסט עס „פּייפּערס״. ער לויפט אַרום אויף איסט־בראָדוויי — אַזאַ סטריט — און שרײַט: „פּייפּערס, פּייפּערס!״ און רופט דערבײַ אויס דעם נאָמען פון יעדן פּייפּער. ער מאַכט דערפון פון פערציק ביז פופציק סענט אַ טאָג, און אַמאָל מער אויך. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס גייט אויך אַוועק צום פאָטער אין טאָפּ אַרײַן. אַלע פאַרדינען, און דער אײַנבינדער האַלט זיי אַלעמען אויס.

— ח. —

אַלע פאַרדינען. אַפילו מײַן חבר הערשל, דער וואָס מיט דער גולקע און וואָס מע רופט אים דערפאַר „ושתי״. דאָ הייסט ער שוין ניט ושתי און ניט הערשל, נאָר הערדי, און לערנט אין סקול. דעם אַנדערן האַלבן טאָג נאָך דער סקול שטייט ער בײַ אַ סטענד אין ריווינגטאָן סטריט בײַ אַ באַקאַנטער ייִדענע, טאַקע פון אונדזער שטעטל, און העלפט איר פאַר־קויפן רײַז, גרויפּן, הירזש, אַרבעס, בעבלעך, ניס, ראָזשינקעס, מאַנדלען, פײַגן, טייטלען, באָקסערן און זויערע אוגערקעס אויך. קיין סך אַרבעט דערבײַ האָט ער ניט. ער דאַרף נאָר אַכטונג געבן, מע זאָל ניט צעשלעפּן. וואָרעם אַ ייִדענע, אַז זי גייט צו פרעגן אויף גרויפּן, כאַפּט זי אַרײַן דער־ווײַל אַ ראָזשינקע, אָדער אַ מאַנדל, אָדער אַ טייטל אין מויל אַרײַן. דערפאַר כאַפּט ער אָבער אַליין אָפטלעך אַרײַן פון די זיסע זאַכן. ושתי אָדער הערדי וועט מיר ניט פאַרלייקענען. ער האָט זיך מיר מודה געווען, אַז ער האָט זיך איינמאָל אַזוי צוגעכאַפּט צו די ראָזשינקעס, אַז עס האָט אים נאָכדעם דרײַ טעג ווי געטאָן דער בויך. באַקומען באַקומט ער פאַר זײַן אַרבעט גאָרניט. בלתי נאָר דאָס, וואָס עס פאַלט אים אַרײַן פאַר העלפן אָפּטראָגן אַ קאָסטאָמער. קריגט ער דערפאַר אַ פּעני אָדער צוויי.

און אַמאָל אַ ניקל — פינף סענט. באַ אונדז הייסט עס „נאַ טשײַ”. דאָ הייסט עס אַ „טיפּ”. דאָס ברענגט אים אַרײַן ביז אַ טאָלער אַ וואָך. אין דער היים האָט ושתי קיין קאָפּיקע קיינמאָל ניט געזען אין חלום אפילו. סײַדן פּורים באַ שלח־מנות פונאַנדערטראָגן. איז אָבער פּורים נאָר איין מאָל אין יאָר. און דאָ איז באַ אים פּורים אַלע טאָג. אַלע טאָג פאַרדינט ער געלט.

— קאָלומבוס! ביסט ווערט, מע זאָל דיך אָפּגילטן! — האָט געזאָגט אונדזער חבר פּיניע, ווען ער איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ ריווינגטאָן סטריט און דערזען ושתין באַם סטענד. ער האָט אים געגעבן צו לייזן דרײַ סענט פאַר באָקסערן און איין סענט ושתין „נאַ טשאַיאָק”, אָדער אַ „טיפּ”, ווי עס הייסט דאָ, אין אַמעריקע.

— ט. —

און משה דער אײַנבינדער אַליין זיצט אויך ניט ליידיק. ער פאַרנעמט זיך ניט מיט אײַנבינדערײַ, ווי אין דער היים, מחמת דאָ, אין אַמעריקע, זאָגט ער, דאַרף מען צו דער מלאָכה האָבן אַ מטמון מיט געלט אויף צו דינגען אַ סטאָר, קויפן אינסטרומענטן און האָבן באַקאַנטשאַפט. און ווידער, זאָגט ער, זײַן אַ „האַנט” באַ יענעם, דאָס הייסט גיין דינען — איז שוין ניט די יאָרן. האָט מען אים געגעבן אַן עצה — צווישן ייִדן ווערט מען ניט פאַרפאַלן, — אַז ער זאָל זיך אײַנפּיקסן אַ סטענד פון ספרים, ביכער און ביכלעך אויף עסעקס סטריט, וועט ער מאַכן אַ לעבן. אונדזער חבר פּיניע איז דאָס אַזוי געפעלן, אַז ער זאָגט, ער וואָלט אויך אַ בעלן געווען האָבן אַזאַ פּרנסה. און געפעלן איז דאָס אים, זאָגט ער, דערפאַר, ווײַל אַרום דעם וואָס מע גייט שמירט מען זיך. פּיניע האָט ליב ספרים און ביכער, ווי אַ פיש האָט ליב וואַסער. ער, אַז ער כאַפּט זיך צו צו אַ בוך און שטעקט אַרײַן דעם שפּיץ נאָז, וועט איר אים ניט אָפּרײַסן.

— י. —

און אפילו אונדזער מחותן, יונה דער בעקער, פאַרנעמט זיך אויך ניט מיט זײַן פריִערדיקער מלאָכה, דאָס הייסט, מיט בעקערײַ. פאַרוואָס? אַלץ די אייגענע מעשה. אויף צו עפענען אַ בעקערײַ באַדאַרף מען, זאָגט

ער, דאָ האָבן רויטשילדס פּאַרמעגן. און אויסער דעם, באַדאַרף מען, זאָגט ער, באַלאַנגען צו דער „יוניע". און ער איז דערויף, זאָגט ער, שוין צוּ אַלט. און גיין אַרבעטן באַ יענעם ניט אין אַ „יוניע" האָט ער מורא, אַז טאָמער מאַכט זיך אַ שטרײַק — און דאָס איז אין אַמעריקע אַלע טאָג, — קאָן ער קריגן אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ. וואָס־זשע טוט מען? איז דאָך שלעכט. האָט מען אים געגעבן אַן עצה, אַז קיין ברויט און קיין חלה זאָל ער טאַקע ניט באַקן. נאָר וואָס דען? — קנישעס! היימישע קנישעס. מילכיקע מיט קעז, אָדער פּאַרעווע מיט קרויט. און וואָס זאָלט איר קלערן — אונדזער מחותן מאַכט ניט שלעכט. גאָרניט שלעכט! זײַנע קנישעס האָבן אַ שם אַף דער איסט־סײַד. אַז איר'ט גיין אַף עסעקס סטריט, וועט איר דערזען אָנגעשריבן אַף אַ פענצטער מיט גרויסע אותיות אַף ייִדיש: **בכאן פאַרקויפט מען היימישע קנישעס** — זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז אונדזער מחותן, מײַן ברודער אליהום שוועער, יונה דער בעקער. און טאָמער וועט איר זען טאַקע אַף דער אייגענער סטריט, אַקוראַט אַקעגן, אויך אַ ייִדישן אויפשריפט און אויך מיט גרויסע אותיות: **בכאן פאַרקויפט מען היימישע קנישעס** — זאָלט איר וויסן, אַז דאָס איז שוין ניט אונדזער מחותן יונה דער בעקער. דאָס האָט מען שוין געמאַכט אים אַ קאָנקורענציע. זאָלט איר אַהינצו ניט גיין. גיין זאָלט איר בעסער צו אונדזער מחותן, צו מײַן ברודער אליהום שוועער. אַ סימן וועט איר האָבן, אַז איר וועט אַרײַנקומען, וועט איר באַלד דערקענען אונדזער מחותן — ער איז אַ בייזער. און אויב איר וועט ניט דערקענען אים, וועט איר דערקענען זי, אונדזער מחותנתטע, ריוועלע די בעקערן. זי איז מיט אַ גויידער און טראָגט קאָרעלן. און מײַן שוועגערן ברכה וועט איר דאָך געווים דערקענען. זי האָט גרויסע פיס. און איר קליין שוועסטערל, אַ ראַבעטיני מיידל מיט אַ צעפּל, דרייט זיך דאָרט אַרום. זי הייסט אַלטע, און מע האָט זי מיר אַמאָל געהאַט גערעדט פאַר אַ כלה. נאָר פון איר וועלן מיר שמועסן אַן אַנדערש מאָל.

VIII

מיר זוכן אַ דזשאָב

— א. —

מען קאָן ניט באַקלאָגן זיך. מיר זײַנען זייער אָנגעלייגטע געסט בײַ אונדזער שכנה פעסיע די גראָבע און בײַ איר מאַן משה דער אײַנבינדער. און עס איז אונדז דאָרט גאָר ניט שלעכט. און פריילעך איז אויך גענוג. ווער שמועסט זונטיק, דער טאָג, וואָס די כאַליאַסטרע איז פרײַ, — דעמאָלט איז אַ לעבן. מיר נעמען זיך צונויף אַלע, גאַנץ קליינוואַרג — און מײַן חבר מענדל אויך מיט אונדז — און מיר גייען אַוועק אין טעאַטער אַרײַן. איך מיין דאָס די „מוווינג־פּיקטשורס". עס קאָסט אַ ניקל אַ פּאַרשוין, און איר זעט זיך אָן אַזעלכע וווּנדירים, אַז דער קאָפּ דרייט זיך אַזש! איך זאָל זיין דעם קייזערס אַ זון, אָדער דזשייקאָב שיפּס אַן אייניקל, וואָלט איך גאַנצע טעג מיט גאַנצע נעכט געלעגן אין די מוווינג־פּיקטשורס. איך וואָלט גאָר קיינמאָל ניט אַרויסגעקראָכן פון דאָרטן. מײַן חבר מענדל אויך דאָס אייגענע. און ושתי, דער וואָס הייסט שוין הײַנט הערדי, אויך אַזוי. גייט זשע אָבער רעדט מיט מײַן ברודער אליהו, זאָגט ער, אַז ס'איז אַ שטותערײַ. ס'איז גאָרניט, זאָגט ער. ס'איז פאַר קינדער. פרעגט זיך אַ קשיא: ווי באַלד אַז פאַר קינדער, פאַרוואָס־זשע רײַסט זיך אַהינצו אונדזער חבר פּיניע? און זײַן ווײַב טײַבל? און מײַן שוועגערן ברכה? האָט מײַן ברודער אַף אַלצדינג אַ תירוץ. די ווײַבער, זאָגט ער, האָבן אַזויפיל שכל, וויפל די קינדער. און פּיניע, זאָגט ער, רײַסט זיך אַהין נאָר אים, אליהון, אַף צו להכעיס. דער שפּיץ איז געווען, אַז אליהו האָט אַזוי לאַנג גערעדט, ביז ער איז איינמאָל אין אַ זונטיק אויך מיטגעגאַנגען מיט אונדז. פון דעמאָלט אָן לאָזט ער ניט דורך קיין איין זונטיק און גייט אין די מוווינג־פּיקטשורס. מיר גייען אַלע. יונג און אַלט.

קליין און גרויס. אפילו פעסיע און משה און אונדזערע מחותנים — אלע, אלע. נאר די מאמע גייט ניט. „איר מאן, זאגט זי, וועט ליגן אין דער ערד, און זי וועט גיין אין טרעיאטער — ניט דערלעבן וועלן דאס, זאגט זי, אירע שונאים!״...

— ב. —

עס איז ניט שלעכט בא אונדזערע שכנים. טאקע גאר־גאר ניט שלעכט. עס איז אבער ניט קיין תכלית כסדר זײַן בא יענעם א גאסט. מע באדארף עפעס זען א טועכץ, „טרייען א דזשאב״. אין אמעריקע באַדארף יעדער „מאכן א לעבן״. אזוי זאגט מײַן ברודער אליהו. ער גייט־ארום פארזארגט מער פון אלעמען. ער קומט אלע טאג צו אונדז פון זײַן שווער יונה דעם בעקער און זעצט זיך אוועק מיט דער מאמע ריידן וועגן תכלית. ברכה זיצט אויך דערבײַ. און אונדזער חבר פיניע איז אויך דא. ער, פיניע, האט פלאנען און פראיעקטן אן א שיעור. נאר אלע זײַנע פלאנען טויגן אף כפרות. דאס הייסט, טויגן טויגן זיי, נאר זיי געפעלן ניט מײַן ברודער אליהו. און טאמער געפעלט עס אליהון, געפעלט דאס ניט ברכהן. למשל, פיניען איז געקומען א געדאנק, אז ער און אליהו און ברכה און טײַבל זאלן אלע פיר גיין ארבעטן אין שאפ און ווערן שנײַדערס. דאס הייסט, נייען אף דער מאשין. דא רופט מען דאס „אפרייטערס״. זאגט אבער ברכה, אז ס׳איז ניט כדאי געווען צוליב דער שיינער מלאכה אוועקווארפן די היים, זיך אײַנשטעלן דאס לעבן איבערן ים און ווערן שנײַדערס אף דער עלטער. ענטפערט איר דערויף אליהו, אז ער ווייסט ניט וואס איז שענער — פארקויפן קנישעס אף עסעקס סטריט, אדער ארבעטן בא דער מאשין? ווערט ברכה אנגעצונדן, למאי אליהו ווארפט איר אוים קנישעס. זי גיט אים אנצוהערעניש, אז ווען ניט איר טאטנס קנישעס אף עסעקס סטריט, וואלטן זיי אלע געשוואלן פאר הונגער...

— ג. —

אונדזער חבר פיניע האב איך ליב נאר פאר זײַן ריידן. ער, אז ער צעהיצט זיך, איז א חיות צו הערן. אויסגעהערט אלעמענס טענות, כאפט ער זיך אויף, מאכט מיט ביידע הענט און לייגט־אוועק א מענה־לשון. איך געדענק איטלעכס ווארט. אט וואזוי פיניע האט גערעדט:

— אָ! איר פּינצטערע, ווילדע מענטשן וואָס איר זײַט! אין אײַך ליגט טיף אײַנגעוואָרצלט דער גלות פון יענעם וויסטן לאַנד פון פּאָני, ימח שמו וזכרו! אַמעריקע איז אָבער ניט חזיר־לאַנד! אַלע מיליאָנערן און מיליאַרדערן אין אַמעריקע האָבן יונגערהייט געאַרבעט שווער און ביטער. ווער אין שאַפּ, און ווער אױף דער סטריט. פרעגט בײַ ראָקענפעלער, קאַרנעגי, מאָרגען, וואַנדערבילד, וואָס זײַנען זיי געווען אַמאָל? צי האָבן זיי ניט געקערט די סטריט? צי האָבן זיי ניט אַרומגעטראָגן קיין פּייפּערס אױף צו פאַרקויפן? צי האָבן זיי ניט געפּוצט פרעמדע שיך פאַר אַ ניקעל? צי נעמט, למשל, דעם קעניג פון אויטאָמאָבילן, מיסטער פאָרד, — פרעגט אים, צי איז ער ניט געווען אַמאָל אַ שאָפער, אַן אָנטרײַבער? אָדער נעמט גאָר די גרויסע מענטשן, אַ שטייגער, אַ וואַשינגטאָן, אַ לינקאָלן, אַ רוזוועלט — זײַנען זיי דען געבוירן געוואָרן גרויסע מענטשן, פּרעזידענטן? צי אַפילו איצטיקער פּרעזידענט ווילסאָן, זאָל ער מיר מוחל זײַן, איז ניט געווען קיין מלמד?...

— ד. —

דאָס קאָן שוין מײַן ברודער אליהו ניט פאַרטראָגן. ער האָקט איבער אונדזער חבר פּיניען סאַמע אין מיטן:

— ע, פּיניע, דו רעדסט שוין על ה׳ ועל משיחו און אױף „ננתקה״! דו פאַרגעס נאָר נישט, אַז דערווײַל איז ווילסאָן מלך...

נאָר פּיניע, אַז ער צעהיצט זיך, איז געפערלעך. ער לאַכט זיך אויס פון מײַן ברודער אליהו:

— כאַ־כאַ! מלך? וואָס מיר מלך? ווער מיר מלך? ניטאָ קיין מלך אין אַמעריקע! אַ פרײַע מדינה! אַ דעמאָקראַטיטשעסקע!...

— בקיצור, איז ניט קיין מלך, איז ער פּרעזידענט, וואָס איז די נפקא־מינה? — פרוווט זיך אליהו. און פּיניע האָקט אים אָפּ:

— ס׳אַ גרויסע נפקא־מינה! פון מלך ביז פּרעזידענט איז אַזאַ חילוק, ווי פון „יכבה״ ביז „יבבה״! אַ מלך איז אַ מלך, און אַ פּרעזידענט איז אַ פּרעזידענט! אַ מלך איז בירושה, און אַ פּרעזידענט קלײַבט מען אויס. ווילן מיר — איז ווילסאָן פּרעזידענט אױף נאָך פיר יאָר, ווילן

מיר ניט — איז ער צוריק אַ מלמד. און דאָס ווייסטו, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום קאָן איך אויך זײַן פּרעזידענט?

— דו? אַ פּרעזודענט?...

— איך — אַ פּרעזודענט!...

— ה. —

זינט אין קען מײַן ברודער אליהו האָב איך אים נאָך קיינמאָל ניט געזען אַזוי לאַכנדיק, ווי איצט. מײַן ברודער אליהו, ווייסט איר דאָך, איז בכלל אַ מענטש אַ פאַרזאָרגטער, אַ מרה־שחורהניק. זעלטן ווען איר זעט אים, ער זאָל לאַכן. און אפילו אַז ער לאַכט, איז אויך נאָר מיט אַ האַלבן מויל. איצטיקס מאָל איז עפּעס אָנגעפאַלן אויף אים אַזאַ געלעכטער, אַז מײַן מאַמע האָט זיך אַזש איבערגעשראָקן פאַר אים. עס איז אָבער טאַקע געווען פון וואָס צו לאַכן. מע האָט באַדאַרפט נאָר אַ קוק טאָן אויף אונדזער חבר פיניען, וויאַזוי ער האַלט די הענט אין די קעשענעס פון זײַנע שמאָלע הויזן, וואָס קוים זיי כאַפּן אַרום די נײַע גרויסע אַמעריקאַנער שיך, אָפן האַלדז־טיכל, וואָס טײַבל מאַכט אים אַלע מאָל צו־רעכט, ס'זאָל ליגן גלײַך, און עס פאַלגט ניט, באַטש גיב דעם אַ קרענק, און אויף זײַן הארט קליין אַמעריקאַנער קאַפּעליושל, וואָס וויל ניט זיצן אויף איין אָרט, און דער עיקר — אויף זײַנע קורצזיכטיקע אויגן מיט זײַן שפּיציקן נאָז, וואָס קוקט־אַראָפּ אין מויל אַרײַן.

— רבונו של עולם! אָט דאָס וועט זײַן אַמאָל אַ פּרעזידענט?... זײַט אַ בריה און לאַכט ניט!

— ו. —

גוט אָנגעלאַכט זיך, רופט זיך אָן מײַן ברודער אליהו צו דער מאַמע אַזוי:

— מילא, אונדז האָט שוין אונדזער פיניע באַוואָרנט. מיר גייען אַלע אין שאָפּ און וועלן נייען קליידלעך אויף דער מאַשין. און פיניע אַליין איז דאָך אוודאי שוין אַ באַוואָרנטער מענטש — ער וועט דאָך זײַן, אם ירצה השם, אַ פּרעזודענט... וואָס טוט מען אָבער מיט אונדזער קליינוואַרג?

דאָס מיינט ער מיך און מײַן חבר מענדל. ער קאָן ניט לײַדן, וואָס מיר גייען אַרום בטל. ער איז אין כעס סכנות, לםאַי מיר דרייען זיך אַרום איבער דער סטריט און שפּילן אין „באָל” אָדער אין „טשעקעס” (בײַ אונדז הייסט עס „מיאַטש” און „קנעפּלעך”). ער האָט זיך אַ פּרוּוו געטאָן מיך אָנצונעמען בײַם אויער, געדענקט איר דאָך, וואָס פאַר אַ מיאוסן פּסק ער האָט געכאַפּט פון אַ „ווערגעלעץ”, וואָס האָט אים צו־געשטעלט אַ קולאַק אין נאָז אַרײַן — ער זאָל וויסן, אַז אין אַמעריקע קאָן מען זיך „פײַטען”, דאָס הייסט שלאָגן, נאָר מיט אַ גלײַכן.

— וואָלט איר שוין געהאַט אַזאַ דאגה מיט זיך, ווי איר האָט אַ דאגה מיט די קינדער!... — רופט זיך אָן משה דער אײַנבינדער און דערמיט גיט ער אונדז אָנצוהערעניש, אַז מיר זײַנען טאַקע זייער ווילע געסט, נאָר ס'איז שוין צײַט, מיר זאָלן עפּעס טאָן, עפּעס אַליין פֿאַר־דינען אונדזער שטיקל ברויט...

— ז. —

הײַנט אונדז, מיינט איר, איז דאָס אײַנגענעמען צו זיצן בײַ יענעם אַף לאַסקאַווע ברויט? מײַן מאַמע העלפֿט אים פּעסיען אין קיטשען. זי באַקט און קאָכט און וואַשט און רוימט. אונדזער חבר פּיניעס ווײַב טײַבל פּאַרבעט די בעטן און קערט אויס די רומס. פּיניע אַליין העלפֿט משה דעם אײַנבינדער אָפּן סטענד בײַ די ספרים. כאָטש דעם אמת זאָגן, איז פֿון פּיניעס הילף נישטאָ אַ סך צו וואַרטן. וואָרעם פּיניע, אַז ער דערזעט ספרים, איז אים ניט אָפּצורײַסן. שטעקט ער אַרײַן די נאָז אין אַ בוך —איז אַ גוטן טאָג! דאָס אַליין וואָלט נאָך אויך ניט אויסגעמאַכט. האָט ער אַ טבע — ער דראַקעט. גאָט האָט אים צוגעשיקט אַ פֿאַנטאַן־פּען, וואָס די טינט גייט ניט אויס אייביק און אייביק. פּאַפּיר איז דאָ וואָלוול, וועלוועלער פֿון באַרשטש, — זיצט ער און דראַקעט.

— דו לערנסט זיך שרײַבן? — פֿרעגט אים אליהו. נאָר פּיניע ענטפֿערט אים ניט. ער לייגט־צונויף דאָס אָנגעשריבענע און באַהאַלט עס ווײַט־ווײַט אין די זײַט־קעשענעס פֿון פּידזשאַק פֿון ביידע זײַטן, און ער זעט אויס ווי געשוואָלן.

— ח. —

מיר, איך און מײַן חבר מענדל, זיצן אויך ניט ליידיק. ביז מיר וועלן אַמאָל קריגן אַ דזשאַב, העלפֿן מיר אויס דער כאַליאַסטרע ווי

ווײט מעגלעך. איך העלף דעם עלטערן באַי קלעצעל, וואָס מע רופט אים איצטער „סעם", באַם צעטראָגן די פּעקלעך פון די פּייפּער־באָקסעס. און מײַן חבר מענדל רײַבט זיך אַמאָל אַרום וועלוועלען, וואָס הײַנט הייסט ער „ווילי", אין דער באַקאַליינע סטאָר, און אַמאָל אַרום פּײַטלען, וואָס מען רופט אים הײַנט „פיליפ", דער וואָס פּעדלט מיט יידישע „פּייפּערס". פאַר אונדזער אַרבעט באַקומען מיר פון זיי ניט קיין שום געצאָלט, אַ חוץ נאָר, וואָס זיי נעמען אונדז זונטיק אויף זייערע הוצאות אין טעאַטער, איך מיין, אין די מווינג־פּיקטשורס. און אַז מיר גייען אַרויס פון די מו־ווינג־פּיקטשורס, זײַנען זיי אונדז מכבד מיט „מאַראַזשענע". דאָ הייסט עס „אײַז־קרים", און מע עסט דאָס אָדער מיט צוויי שטיקלעך ביסקוויט, וואָס זעט אויס ווי אַ פּורימדיק פלעדל, אָדער מע טרינקט עס מיט סאָדע־וואַסער. דערנאָך „נעמען מיר אַ וואָק", אַ שפּאַציר הייסט עס, אין פּאַרק. און פּאַרקן זײַנען דאָ אין ניו־יאָרק אַ סך, און אומעטום לאָזט מען אײַך אַרײַן אומזיסט, אָן געלט. אַמעריקע איז שוין איין מאָל אַ לאַנד! וווהין איך וויל — אַהין גיי איך, און וואָס איך וויל — דאָס טו איך.

— ט. —

האָב איך צײַט, כאַפּ איך זיך אַראָפּ צו מײַן אַמאָליקן חבר ושתי (הײַנט הייסט ער שוין הערריי). איז אָבער זײַן באַסיכע (באַלעבאָסטע) פונעם סטענד ניט צופרידן. זי האָט באַמערקט, אַז ושתי רוקט מיר אונ־טער אַמאָל אַ באָקסער און אַמאָל אַ פּאָר ראַזשינקעס מיט מאַנדלען. „צוויי נאַשערס, זאָגט זי, קאָן איר סטענד ניט פאַרטראָגן"... גיי איך שוין מער ניט צו ושתין, צו הערריין הייסט דאָס. איך וואַרט ביז ער קומט אויף דער נאַכט אַהיים, ברענגט ער מיר אַלע מאָל צו טראָגן עפּעס אין קעשענע אויף צו נעמען אין מויל אַרײַן. דערזעט ברכה, אַז איך קײַ, שטעלט זי מיר צו אַ בענקעלע פאַר מײַן ברודער אליהו. פרעגט מיך אליהו, וואָס איך קײַ? זאָג איך: „טשאַינגאַם". אָט דאָס, וואָס אַלע קײַען אין אַמעריקע. זאָגט ברכה, אַז עס קערט זיך איר איבער די גאַל פון דעם קײַען, וואָס מע קײַט דאָ. זאָגט איר אליהו: „עלעהיי, לאָז זיך דיר דאַכטן, אַז בהמות מעלה־גרהן"... קאָן דאָס פּיניע ניט לײַדן, למאי אליהו פאַרגלײַכט די אַמעריקאַנער צו בהמות. ער זאָגט:

— דו נעמסט אַ פאָלק, דאָס ערשטע, דאָס גרעסטע, דאָס קליגסטע

און דאָס פּרײַסטע פֿאָלק אין דער וועלט, און פֿאַרגלײַכסט זיי צו, להבדיל, בהמות ?!... איך וואָלט אַ בעלן געווען, זאָלסט מיר זאָגן נאָר איין זאַך — וואָס וואָלט פֿון אונדז געווען, ווען קאָלומבוס זאָל חלילה ניט געווען אַנטדעקן אַמעריקע ?

— וואָלט עס אַן אַנדערער אַנטדעקט! — ענטפֿערט אים אָפּ מײַן ברודער אליהו גאָר פּראָסט און דווקא ניט לאַנג געטראַכט.

— י. —

דאַנקען השם יתברך, איך קאָן אײַך אָנזאָגן אַ בשורה — מיר האָבן שוין אַ דזשאָב. מירן שוין ניט דאַרפֿן מער אַרומגיין ליידיק. מירן שוין ניט דאַרפֿן אָנקומען צו לאַסקאַווע ברויט. מיר אַרבעטן שוין אין שאַפּ. דאָס הייסט, ניט איך און ניט מײַן חבר מענדל. אונדז נעמט מען ניט. מיר זײַנען נאָך צו יונג. אין שאַפּ גייען אַרבעטן דערווײַל צוויי פֿון אונ־דזער משפּחה: מײַן ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיניע. וואָס הייסט אַרבעטן אין שאַפּ, און וויאַזוי אַרבעט מען דאָרט? — דאָס גיי איך אײַך דערציילן.

IX

מיר אַרבעטן אין שאַפּ

— א. —

ווי‎אַזוי מען אַרבעט אין שאַפּ — קאָן איך אײַך אַקוראַט ניט זאָגן. וואָרעם איך ווייס אַליין ניט. מע לאָזט מיך נאָך אַהינצו ניט אַרײַן, וואָרעם איך בין נאָך ניט בר־מצווה. איך ווייס נאָר דאָס, וואָס איך הער פון מײַן ברודער אליהו און פון אונדזער חבר פּיניע. אַלע אָפּדערנאַכט, אַז זיי קומען אַהיים פון שאַפּ, דערציילן זיי אונדז חידושים ונפלאות. זיי קומען אַלע מאָל אויסגעמאַטערט און הונגעריק. און מיר זעצן זיך עסן וועטשערע. דאָ הייסט עס „סאַפּער". ברכה האָט פּײַנט אָט דאָס וואָרט, אַזוי ווי אַן ערלעכער ייִד האָט פּײַנט חזיר. נאָך אַ וואָרט איז פֿאַראַן, וואָס מײַן שוועגערן קאָן ניט אַריבערטראָגן, דאָס איז אַ „ווינדע". אַ ווינדע הייסט דאָ אַ פֿענצטער. זאָגט ברכה דערויף: „ווינד און ווײ זאָל זײַן צו זיי"... הײַנט קאָן זי ניט הערן, אַז מע זאָגט „סטאַקינגס". איר וועט קיינמאָל ניט פֿאַלן דערויף, אַז סטאַקינגס זײַנען זאָקן. אָדער, אַ שטייגער, וואָס וועט איר זאָגן אויפֿן וואָרט „דישעס"? דאַכט זיך, אַז „פֿאָסודע", זאָגט ברכה, איז אַ סך שענער? אָדער וואָס קאָן זײַן פּשוטער פון אַ „לעפֿל"? ניין. לוינט זיי ניט. בײַ זיי קומט אויס, אַז אַ לעפֿל איז אַ „ספּון". ניט אומזיסט זאָג ברכה אַ ווערטל (זי האָט זיך אירע אייגענע ווערטלעך): „אַמעריקע איז אַ לאַנד, סטייק איז אַ מאכל, פּאָרק איז אַ גאָפּל און ענגליש איז אַ שפּראַך"...

— ב. —

מײַן ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיניע, אַרבעטן אין צוויי באַזונדערע שעפּער. איינער איז אַן „אָפּרייטער". דאָס הייסט, מחילה, אַ שנײַדער. דער אַנדערער איז אַ „פּרעסער". אַן אָפּרייטער דאַרף ניט נייען

מיט די הענט. ער שטעפּט בײַ דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אָבער אויך קאָנען. עס שטעפּט זיך ניט אַליין. ווי זשע קומט דאָס צו מײַן ברודער אליהו, אַז אונדזער טאַטע, און אונדזער טאַטנס טאַטע, און אונדזער טאַטנס טאַטנס טאַטע איז קיינמאָל קיין שנײַדער ניט געווען און אַ מאַשין קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען? מיר שטאַמען, זאָגט די מאַמע, פֿון לויטער חזנים, רבנים און שמשים. איז דאָך שלעכט! איז דאָס אָבער אַמעריקע. אין אַמעריקע איז ניטאָ אַ זאַך, וואָס אַ מענטש זאָל ניט קאָנען. אין אַמעריקע לערנט מען זיך אויס. אַ סימן האָט איר — למאַי אַ רב? זײַן אַ רב דאַרף מען דאָך אַוודאַי קאָנען. אַ רב מוז כאָטש קאָנען פּסקענען שאלות. פֿונדעסטוועגן זײַנען פֿאַראַן אין אַמעריקע רבנים, דאָ הייסן זיי „רעוורענטן", וואָס אין דער היים זײַנען זיי געווען קצבים. מײַן ברודער אליהו האָט זיך דאָ באַקענט מיט אַ מוהל, מיט אַ רעוורענט, וואָס מע נעמט אים אויף בריתן. אין דער היים איז ער געווען אַ שנײַדער, און נאָך אַ דאַמסקי דערצו!

פֿרעגט אים אליהו: „היתּכן?"...

ענטפֿערט ער אים: „אַמעריקע!"...

— ג. —

ווי:אַזוי האָט זיך מײַן ברודער אליהו אויסגעלערנט שטעפּן? — למאַי ווי:אַזוי איז דער דאַמסקי שנײַדער געוואָרן אַ מוהל? איז אליהו נעבעך טאַקע גוט אויסגעריסן געוואָרן. מע האָט אים געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגיין מיט דער מאַשין. איז ער דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל הין און צוריק און איז געוואָרן אָלרײַט. אויף מאָרגן האָט ער שוין געשטעפּט. מאָלט אײַך, אַז אָך און וויי איז געווען צום שטעפּן. נאָר גוט איז דאָס. למאַי פּיניע האָט דאָס אויך ניט געקאָנט באַווײַזן? ניט מחמת ער האָט זיך געפּוילט אַרבעטן. חס וחלילה! פּיניע וועט אײַך גיין אַרבעטן טאַטשקע־אַרבעט — אַבי מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע. איז די צרה, וואָס ער האָט אַ נידעריקע ראיה און טוט אַלצדינג כאַפּנדיק. מע האָט אים אויך אַוועקגעזעצט בײַ דער מאַשין, ווי מײַן ברודער אליהו. מע האָט אים אויך געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגיין הין און צוריק מיט דער מאַשין. האָט זיך געטראָפֿן מיט אים אַן אומגליק. דאָ ווערט דאָס אָנגערופֿן: „אַן עקסידענץ".

אונדזער חבר פיניע האָט אין איילעניש פאַרטשעפּעט דעם פּידזשאַק און האָט צוגעשטעפּט דעם לינקן אַרבל צו דער מאַשין. אַ גליק כאַטש, וואָס ניט די האַנט. וויי־וויי, וואָס מע האָט זיך אָנגעלאַכט פון אים! חברה שניידערס האָבן אויפגעהויבן אַ הוררא! „גרינהאָרן" האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן. גרינהאָרן איז די טייטש אַ גרינער. און אַ גרינער הייסט אַזעלכער, וואָס איז נאָר וואָס אַראָפּגעקומען פון דער היים און ווייס ניט, ווו אַ טיר עפנט זיך. גרינהאָרן איז אַ בזיון, ערגער פון אַ גנב... נאָר דאָס וואָלט נאָך געווען, ווי זאָגט ברכה, אַ האַלבע צרה. דאַרף זיך טרעפן — אָט וועט איר הערן וואָס.

— ד. —

פּונקט אין דעם שאַפּ, ווו מיין ברודער אליהו האָט געאַרבעט באַ דער מאַשין און אונדזער חבר פיניע איז אויך געקומען לערנען די אַרבעט, האָט זיך געפונען אונדזערער אַן אַלטער באַקאַנטער און פיניעס אַ שונא — דער הייסינער שניידער. אויב איר האַלט קאָפּ, זיינען מיר מיטן הייסינער שניידער געפאָרן אינאיינעם אַף איין שיף, אַפן „פּרינץ אַלבערט". איר דאַרפט געדענקען מסתמא דאָס אויך, אַז מיט אונדזער חבר איז דער הייסינער שניידער געווען אַף מעסערשטעך. באַדאַרף גאָט פירן אַזוי, אַז פיניע זאָל זיך מיט אים באַגעגענען אין איין שאַפּ. און נאָך וויאַזוי באַגעגענען! אין דעם דאָזיקן שאַפּ איז דער הייסינער שניידער אַ גאַנצער מאַכער. ער איז ניט קיין אָפּרייטער באַ דער מאַשין, נאָר אַ „קאַטער". דאָס הייסט, ער איז אַ צושניידער. ער שניידט צו, און די אָפּרייטערס נייען. איז אים נאָך ווינציק. ער זאָגט, אַז ער וועט לאַנג ניט זיין אין די ביזנעס. ער האָפט גאָר איניגיכן ווערן אַ „דעזיינער". דאָס איז שוין גאָר אַ גרויס שטרײמל. אַ דעזיינער הייסט אַזעלכער, וואָס מאַכט פאַסאָנען. אַ דעזיינער פאַרדינט פופציק טאָלער אַ וואָך, און פינף און זיבעציק טאָלער אַ וואָך, און הונדערט אויך! אַז עס באַגליקט אַ מענטשן, ווייס ער ניט פון וואַנען! ווי זאָגט ברכה: „איינעם גיט גאָט גאָר, דעם אַנדערן גאָרניט"...

— ה. —

אַז פיניע איז אַריינגעקומען אין שאַפּ, קומט אים דער הייסינער אַקעגן. ער שטעלט אַוועק אַף אים די שאַרפע ברילן, ציט אויס פיניען אַ יד און מאַכט צו אים: „העללאָו, לאַנדסמאַן, האַו דו יו דו?"... דאָס

הייסט: „שלום־עליכם, וואָס מאַכט איר, רב קרוב?״... קוקט אַף אים אונדזער חבר פּיניע מיט זײַנע קורצזיכטיקע אויגן. ווער איז דער לץ? ער האָט אים גאָרניט דערקענט. ערשט, אַז יענער האָט אים אָנגערופן דעם נאָמען פונעם שיף „פּרינץ אַלבערט״, האָט זיך פּיניע דערמאָנט ווער דאָס איז. און ס׳איז אים געוואָרן, זאָגט ער, דרײַ לעבער אין האַרצן! דאַכט זיך, וואָס האָט אים דער הייסינער שנײַדער געטאָן? ער קאָן אָבער, זאָגט פּיניע, זײַן פּנים ניט אָנקוקן. ער זאָל וויסן, זאָגט ער, פאַרדינען טויזנטער טאָלער אַ שעה, וועט ער אין דעם דאָזיקן שאָפּ ניט זײַן קיין מינוט אַפילו! און דערצו נאָך דער עקסידענץ מיטן צוגעטשעפּעטן אַרבל...

— ז. —

בקיצור — פּיניע וועט שוין ניט זײַן קיין אָפּרייטער. ער גייט אַוועק אין אַן אַנדער שאָפּ און באַשטעלט זיך דאָרט פאַר אַ פּרעסער. אַן אונטערפּרעסער דערווײַל. אַז ער וועט זיך אויסלערנען די אַרבעט, וועט ער גיין העכער און העכער. ביז וווהין?

— מע קאָן ניט וויסן, — זאָגט פּיניע. — קיינער ווייס ניט וועמענס מאַרגן ס׳איז. ניט קאַרנעגי, זאָגט ער, ניט וואַנדערבילד, ניט ראָקענפעלער האָבן געוווּסט, אַז זיי וועלן אַמאָל זײַן דאָס, וואָס זיי זײַנען...

דערווײַל ווערט נאָך פּיניע גוט פאַרשוואַרצט. און אַלץ איבער זײַן טבע, וואָס ער האָט ליב אַלצדינג טאָן כאַפּנדיק. און דערצו נאָך זײַן נידעריקע ראיה. ער קומט אַלע טאָג אַהיים אַ צעבריטער.

איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ סקאַלעטשעטער נאָז. וואָס איז די מעשה? ער האָט זיך באַם פּרעסן אָפּגעבריט די נאָז. ווי קומט דאָס פּרעסל צו זײַן נאָז? זאָגט פּיניע, אַז זײַן נאָז האָט ניט געוואַרט, ביז דאָס פּרעסל וועט זיך מטריח זײַן צו זײַן נאָז. ער קאָן באַשטיין, זאָגט ער, אַז זײַן נאָז זאָל גיין צום פּרעסל. ווי קומט זי, די נאָז, צום פּרעסל? לאָזט זיך אויס, אַז פּיניע האָט גאָר געזוכט אַ שטיקל אַרבעט, און ווײַל ער האָט אַ נידעריקע ראיה, האָט ער זיך דעריבער אָנגעבויגן האַרט צום טיש און האָט געטראָפן מיטן שפּיץ נאָז גלײַך אַפן אָנגעגליטן פּרעסל.

— אַ שלים־מזל אַז ער פאַלט אין שניי, טרעפט ער אויך אַף אַ שטיין...

איך מיין, אַז איך װעל אײַך ניט דערציילן, װער דאָס האָט געזאָגט, װעט איר אױך טרעפן, אַז דאָס האָט געזאָגט ברכה. מײַן שװעגערן קאָן אַרײַנזאָגן . . .

— ז. —

ברכה איז ניט צופרידן. מײַן מאַמע אױך ניט. טײַבל אױך ניט. איר האָט אַמאָל געזען, אַז װײַבער זאָלן זײַן צופרידן? זײ באַװײנען אונדז, מאַנצבילן, װאָס מיר דאַרפן אַזױ האָרעװען אין אַמעריקע, בכדי צו מאַכן אַ לעבן. אַ קלייניקייט — אַרבעטן אין שאַפּ! אַז האַלב נאָך זיבן אינ־דערפרי מוז מען שױן זײַן אױף דער אַרבעט. אַ שעה נעמט צו דאָס פאָרן אַהין. עפּעס איבערכאַפּן דאַרף מען. דאַװענען דאַרף מען דאָך אװדאי. הײַנט רעכנט אױס, װען מיר דאַרפן אױפשטיין? און פאַרשפּעטיקן טאָר מען ניט קיין מינוט אַפילו. װאָרעם טאָמער פאַרשפּעטיקט איר, רעכנט מען אײַך אַראָפּ פאַר יעדע פינף מינוט אַ האַלבן טאָג אַרבעט. װי־אַזױ װײס מען דאָס, צי איר האָט פאַרשפּעטיקט, אָדער ניין? דערױף איז דאָס אַמעריקע. אין אַמעריקע האָט יעדער שאַפּ אַזאַ מין זייגער. אַז איר קומט אין שאַפּ, גײט איר צו צום אַלעם ערשטן און טוט אַ קװעטש דעם זייגער. װערט דאָס אָנגערופן אױף זײער לשון: „פּאַנטשען די קלאָק". „קלאָק" איז אַ זייגער און נעמט זיך, זאָגט מײַן ברודער אליהו, פון גלאָק. אַ גלאָק קלינגט און אַ זייגער, זאָגט ער, קלינגט אױך. אָבער נאָר אַ װאַנט־זייגער. אַ סימן האָט איר: אַ קעשענע־זייגערל קלינגט ניט, הײסט עס „װאָטש". פרעג איך באַ אליהון: „פאַרװאָס עפּעס װאָטש?" זאָגט ער: „װי דען זאָל עס הײסן?" זאָג איך: „װאָטשל". פרעגט מיך אליהו: „פאַרװאָס עפּעס „װאָטשל"?" זאָג איך: „אַז אַ זייגער איז אַ זייגערל, דאַרף זײַן װאָטש אַ װאָטשל. על־היי, זאָג איך, אַ „באָי" איז אַ יונג, איז אַ יונגל „באָיטשיק", און אַ קליין ייִנגעלע — אַ „באָי־טשיקל" . . . װערט אליהו אין כעס און זאָגט מיר, אַז איך האָב זיך אױס־געלערנט פון אונדזער חבר פּיניע זאָגן אַלצדינג פאַרקערט. אַ גליק, װאָס פּיניע איז ניטאָ דערבײַ. פּיניע זאָל זײַן, װאָלטן זײ זיך שױן צעשפּאַרט איבערן װאָרט „װאָטש", אַזױ װי זײ האָבן זיך געשפּאַרט און שיער ניט צעשלאָגן זיך איבערן װאָרט „ברעקפיש" — אָנבײַסן. דערפאַר, זאָגט אליהו, איז אָן אָנבײַסן ברעקפיש, װײַל צום אָנבײַסן עסט מען פיש, אָדער הערינג. זאָגט פּיניע: „װי באַלד אַז הערינג, פאַרװאָס זשע זאָגט

מען ניט: „ברעקהערינג״?״ זאָגט אים אליהו: „בהמה וואָס דו ביסט! און וואָס איז אַ הערינג — ניט קיין פיש?״ פּילט זיך פּיניע, אַז ער איז געשלאָגן, זאָגט ער: ווייסטו וואָס? לאָמיר פרעגן באַ אַן אַמעריקאַנער יידן!״ און מע פּוילט זיך ניט און מע שטעלט אָפּ אַ געגאָלטן יידן אין מיטן גאַס (שבת איז דאָס געווען) און מע טוט אים אַ פרעג אַף אַ טשי־קאַוועסט: „פּעטער! איר זײַט שוין לאַנג אין אַמעריקע?״ זאָגט ער: „דרײַסיק יאָר. וואָס איז דען?״... זאָגן זיי: „מיר ווילן אײַך עפּעס פרעגן. גיט אונדז צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זאָגט מען באַ אײַך אַף אַן אָנבײַסן ברעקפּיש?״ קוקט זיי אָן דער ייד און זאָגט צו זיי: „ווער האָט דאָס אײַך געזאָגט, אַז אַף אַן אָנבײַסן זאָגט מען באַ אונדז ברעק־פיש?״ „וו:אַזוי־זשע זאָגט מען דען?״

— ברעקפעסט! ברעקפעסט! ברעקפעסט! — שרײַט זיי אויס דרײַ מאָל דער ייד גלײַך אין פּנים אַרײַן און איז זיי מכבד מיטן נאָמען „גרי־נע חיות״...

— ח. —

איך האָב מורא, אַז מיר וועלן זיך מיטן שאַפּ ניט עלטערן. מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז די אַרבעטער האָבן צרות פונעם „פאָרמאַן״. יע־דער שאַפּ האָט אַ פאָרמאַן — אַן עלטסטן, אַן אויפזעער. און ניט נאָר איין פאָרמאַן, יעדער שטאָק האָט זיך זײַן פאָרמאַן. אַף דעם שטאָק, וווּ אליהו אַרבעט, איז דער פאָרמאַן אַ המן, אַ רשע מרושע. ער איז אַליין אַמאָל געווען אַן אָפּרייטער. נאָר ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און איז געוואָרן אַ פאָרמאַן. די אַרבעטער זאָגן, אַז ער איז ערגער פונעם „באָס״. באָס איז אַ לשון־קודש־וואָרט און שטאַמט פונעם וואָרט „בעל־הבית״. אַזוי זאָגט אליהו, און פּיניע מוז אָפּשווײַגן. וואָרעם אַף לשון־קודש איז אליהו בעל־מצרא. פאָרט אַ חזנס אַ זון... נאָר מיר קערן זיך אום צום פאָרמאַן. מע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שאַפּ, אַז דער פאָרמאַן רוקט דעם זייגער. אַזוי, אַז ווען איר זאָלט ניט קומען, וועט איר פאַר־שפּעטיקן — וואָס זאָגט איר אַף אַזאַ ממזר?... און אונדזער חבר פּיניע דערציילט פון זײַן שאַפּ נאָך שענערע מעשיות. זייער פאָרמאַן, זאָגט ער, לאָזט ניט דעם אַרבעטער אַ קוק טאָן אין אַ פּייפּער אַרײַן. לייענען אַ צײַטונג באַ דער אַרבעט — חיות ניט זיכער! רייכערן שמועסט מען ניט. אַ וואָרט טאָר מען ניט אויסריידן צווישן זיך. ס׳איז אַזוי שטיל,

זאָגט ער, אַז מע קאָן הערן אַ פליג! אויסער דעם טראַסק מיטן גראַגערן פון די מאַשינען. נאָך אַ מעלה האָט זײַן שאַפ. דאָרט ווערן די פרעסלעך אַנגעוואָרעמט מיט גאַז. דאָ זאָגט מען ניט גאַז, נאָר „געז”. דאָס הייסט, שטינקען שטינקט עס אַזוי ווי בײַ אונדז גאַז. נאָר מע טאָר ניט זאָגן גאַז. מע דאַרף זאָגן געז. אַקוראַט פאַרקערט. סע זאָל בײַ אונדז אין דער היים הייסן געז, וואָלט מען דאָ מסתמא געזאָגט גאַז.

— ט. —

הקיצור, די געז פון די פרעסלעך פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאַפ פאַלן חלשות און מוזן סטאַפּן די אַרבעט. רעכנט מען זיי אָפּ פון דער „פּיידע”. דאָס הייסט, אַז עס קומט צום אָפּנעמען פאַר דער וואָך, וואָס מע האָט פאַרדינט, ווערט אַ לאָך. דאָ האָט איר פאַרשפעטיקט פינף מינוט — אַראָפּ אַ האַלבער טאָג. דאָ זײַט איר צו פרי אַוועקגעגאַנגען — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זײַט איר געפאַלן חלשות — פאַרפאַלן אַ טאָג.

ניין. מע קאָן שוין מער ניט אַריבערטראָגן. מע וועט מוזן אַרויס אין שטרײַק.

X

מיר שטרײַקן!

— א. —

מיר דאַכט, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין בעסערע זאַך אַף דער וועלט, ווי אַז מע שטרײַקט. דאָס האָט אַזאַ פּנים, ווי אַז איר לערנט בײַ רבין, וואָס שלאָגט זיך צו שטאַרק, נעמט מען אָפּ בײַ אים די קינדער און מע זוכט אַן אַנדער מלמד. דערווײַל הערט איר אויף צו גיין אין חדר. מײַן ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיניע האָבן אויפגעהערט צו גיין אין שאַפּ. אונדזער שטוב האָט שוין גאָר אַן אַנדער פּנים, זײַט זיי זײַנען אין דער היים. אַזוי האָבן מיר זיי אָנגעקוקט איין מאָל אין וואָך — זונטיק. וואָרעם, ווי איך האָב אײַך שוין דערציילט, אַז מע אַרבעט אין שאַפּ, מוז מען אויפשטיין כאור, בכדי מע זאָל חלילה ניט פאַרשפּעטיקן. און אַז זיי זײַנען געקומען אַהיים, פלעג איך שוין שלאָפן. פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס זיי האָבן געאַרבעט „אָווערטײַם": דאָס הייסט, אַז אַלע אַנדערע אַרבעטער זײַנען געגאַנגען אַהיים, זײַנען אונדזערע לײַט נאָך געזעסן אין שאַפּ בײַ דער אַרבעט. ניט דערפאַר, וואָס מע האָט זיי גענויט פון קהל. זיי האָבן געאַרבעט אָווערטײַם, בכדי זיי זאָלן מער פאַרדינען. אײַ, אַז ס'איז געקומען צום צאָלן, האָט מען בײַ זיי אָפּגעריסן טעג — וואָס זײַנען זיי שולדיק? „עלעהיי, גזלנים זײַנען אונדז באַפאַלן"... אַזוי האָט געזאָגט מײַן ברודער אליהו.

— עלעהיי, דו ביסט אַ לעקיש! — זאָגט צו אים מײַן שוועגערן ברכה. ווען זי, זאָגט זי, זאָל אַרבעטן אין אַ שאַפּ, וואָלט זי זיך ניט געלאָזט שפּײַען אין דער קאַשע. זי זאָגט, אַז אַלע פאַרלײַט מיט אַלע באָסעס וואָלטן בײַ איר געקײַט די ערד. און איר מעגט איר גלייבן. ברכה קאָן!

— ב. —

דערפאַר האָט זי זיך געקילט דאָס האַרץ, אַז אַלע שעפּער האָבן דערקלערט אַ שטרייק. דאָס הייסט, אַלע שניידערס, וויפל ס'איז פאַראַן אין ניו־יאָרק, האָבן אַוועקגעלייגט שער און אײַזן און — גוד באַי. ווײ־וויי, וואָס סע האָט זיך אָפּגעטאָן! אין דער היים, און אַף דער סטריט, און אין די האָלס! אַ „האָל" — איז אַ זאַל, אָדער אַ טעאַטער. מע קלײַבט זיך צונויף אַהינצוצו אַלע שניידערס פון גאַנץ ניו־יאָרק אַף אַ מיטינג, און מע רעדט און מע רעדט. איר הערט זיך דאָרט אָן אַזעלכע ווערטער, וואָס איר האָט זיי קיינמאָל ניט געהערט: „דזשענעראַל סטרייק"... „יוניאָן"... „אָרגאַניזירט"... „אַכט און פערציק שטונדן"... „העכערע ווײדזשעס"... „בעסערע באַהאַנדלונג"... „סקעבס"... „שטרייקברעכערס"... „פּיקעטס"... און נאָך כדומה אַזעלכע ווערטער, וואָס איר פאַרשטייט זיי ניט. מײַן חבר מענדל זאָגט, אַז ער פאַרשטייט זיי יאָ. נאָר געבן מיר צו פאַרשטיין קאָן ער ניט. „ווערסט עלטער ווערן, זאָגט ער מיר, וועסטו אַליין פאַרשטיין". עס קאָן זײַן. דערווײַל קוק איך זיך צו, ווי דער עולם היצט זיך, און עס בײַסן זיך מיר די הענט. עס גלוסט זיך מיר זיי אַלע אָראָפּכאַפּן אַף פּאַפּיר. אויסמאָלן איטלעכן באַזונדער, ווי ער זעט אויס, וואָס ער טוט, וויאַזוי ער שטייט און וויאַזוי ער רעדט.

— ג. —

למשל, נעמט מײַן ברודער אליהו. ער אַליין רעדט ניט קיין וואָרט. ער גייט נאָר צו צו איטלעכס רעדל און שטעקט אַרײַן די נאָז. אָדער ער לייגט צו אַן אויער. בעת מעשה בײַסט ער די נעגל און איז שטאַרק אויפּגערעגט. אַ פאַרגעניגן צו זען מײַן ברודער, ווי ער שאָקלט צו מיטן קאָפּ יעדן איינציקן, וואָס ער רעדט. ער איז מיט אַלעמען מרוצה, וואָס יענער זאָל ניט זאָגן. אָט איז צוגעקומען צו אים אַ שניידער מיט אַ גולקע אַף איין זײַט קאָפּ — פון דער לינקער זײַט. דער שניידער האָט אים אָנגענומען בײַ אַ לאַץ און טרייסלט אים און רעדט אין אים אַרײַן, אַז ס'איז אַרויסגעוואָרפן דער גאַנצער טאַרעראַם. די שניידערס וועלן מיט זייער שטרייק גאָרנישט אויספירן. מחמת די „אַסאָסיאיישאָן" פון די „מאַנו־

פעקטשורערס" איז צו שטאַרק פאַר אונדז! שאָקלט אים מײַן ברודער צו מיטן קאָפּ. און איך האָב זייער מורא, אַז מײַן ברודער אליהו ווייס אַזוי, וואָס באַטײַט „אַסאָסיאײישאָן" און „מאַנופעקטשורערס", ווי איך... וואָרעם אָט איז צוגעגאַנגען צו אליהון אַן אַנדער שנײַדער מיט אַ פּנים פון אַ קאַטשקע. אַז ער רעדט, פּאַטשט ער מיט די ליפּן. דער שנײַדער האָט אָנגענומען מײַן ברודער פאַר אַ קנעפּל און האָט לאַנג איבער אים גערעדט, געפּאַטשט מיט די ליפּן. ער האָט אַלע מינוט אויסגערופן: „ניין! מיר מוזן קעמפן, אויסקעמפן ביזן סוף!"... האָט אים מײַן ברודער אויך אויסגעהערט און אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַן עבירה, וואָס מײַן שוועגערן איז דאָ ניטאָ. זי וואָלט אים שוין עפּעס אָרײַנגעזאָגט...

— ד. —

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען אונדזער חבר פּיניע. ווער עס האָט אים ניט געזען און ווער עס האָט אים ניט געהערט ריידן אויף אַ מיטינג, — דער האָט גאָר קיין שיינס ניט געזען אויף זײַן לעבן. אונדזער פּיניעס פיגור דאַרף אײַך זײַן באַקאַנט נאָך פון מײַנע פריִערדיקע מעשׂיות. זײַנע קורצזיכטיקע אויגן מיט זײַן לאַנגער שפּיצעכיקער נאָז, וואָס קוקט אַראָפּ אין מויל אַרײַן, געדענקט איר מסתּמא. זײַנע לאַנגע שמאָלע הויזן, איין הויז אַראָפּ, איין הויז אַרויף, און זײַן שניפּס אויף דער צעשפּילעטער מאַנישקע — האָט איר אַוודאי אויך ניט פאַרגעסן. הײַנט זײַן ריידן, זײַן פּינען מיט דער נשמה און זײַן שיטן פונעם אַרבל מיט הויכע שיינע ווערטער און מיט קלינגענדיקע נעמען פון גרויסע לײַט? אַצינד שטעלט אײַך פאָר, אַז פּיניע צעהיצט זיך און רעדט פאַר אַן עולם פון טויזנטער מענטשן, וואָס ווילן אים דווקא ניט הערן. אָנגעהויבן האָט ער אַזש פון קאָלומבוסן, וויאַזוי ער האָט אַנטדעקט אַמעריקע, און איז באַלד אַרויף אויף די פאַראייניקטע שטאַטן, און האָט זיך פאַרמאָסטן צו ריידן און צו ריידן. האָט מען אים ניט געלאָזט.

— ווער איז דער ספּיקער? — פרעגט איין שנײַדער באַם אַנדערן.

— אַ גרינהאָרן! — ענטפערט אים יענער.

— וואָס וויל ער?

— וואָס באַדאַרט ער?

— וואָס האַקט ער אַ טשײַניק?

— שאַראַפּ! — שרײַט אוים איינער, און אַ סך אַנדערע כאַפּן אים אונטער:

— שאַראַפּ!...

— ה. —

„שאַראַפּ" איז אַפּילו אַ מיאוס וואָרט. די טײַטש פונעם וואָרט איז „אַראָפּ פונעם מאַרק!" נאָר אונדזער חבר פּיניע שרעקט זיך ניט פאַר קיין ווערטער. פּיניע, אַז ער צערעדט זיך, איז ווי אַ פאַס וואַסער, וואָס מע האָט אָפּגעשטעקט און פאַרוואָרפן דעם צאַפּן. איר קאָנט צוהאַלטן מיט דער האַנט, פאַרשטאָפּן מיט אַ שמאַטע — עס וועט אײַך קיין זאַך ניט העלפן. ביז דאָס וואַסער וועט ניט אַרויסגיין ביזן לעצטן טראָפּן, איז אַן עבירה אײַער טרחה. פּיניע מוז אָפּריידן זײַנס. סײַדן מע זאָל אים אַראָפּשלעפּן פון דער בינע. דאָ הייסט עס ניט בינע, דאָ הייסט עס „סטיידזש". איצטיקס מאָל האָט מען אים טאַקע געמוזט אַזוי טאָן. צוויי שנײַדער־יונגען, פּרעסערס, האָבן אים גענומען פאַר ביידע הענט און מע האָט אים מיט כבוד אַראָפּגעפירט פונעם סטיידזש. דאָס האָט אים אָבער גאָרניט געשטערט אויסצופירן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט אויספירן. ער האָט דאָס איבעריקע דערצערעדט, שוין גייענדיק מיט אונדז אַהיים. און אַז מיר זײַנען געקומען אַהיים, האָט ער נאָך לאַנג גערעדט פאַר מײַן מאַמען און פאַר מײַן שוועגערן ברכה און פאַר זײַן ווײַב טײַבל. איך און מײַן חבר מענדל זײַנען אויך געווען צווישן די צוהערער. און מיר דאַכט, אַז ווערדליק פּיניע האָט געטענהט, איז ער גערעכט. נאָר גייט רעדט מיט ווײַבער. אַז פּיניע האָט זיך גוט אָנגערעדט, רופט זיך אָן מײַן שוועגערן ברכה מיט אַ משל, ווי איר שטייגער איז:

— וואָס איז דעם אינדיק פאַר אַ חילוק, צי מע קוילעט אים פּורים צו דער סעודה, צי פּסח צום סדר?...

טאָמער ווייסט איר, וואָס מיינט דערמיט ברכה?...

— ו. —

דערווײַל גייט אוועק אַ טאָג און אַ טאָג. דער שטרײַק איז אַ שטרײַק. די אַרבעטער זײַנען שטאָל און אײַזן. מיטינגען מאַכט מען אַלע טאָג. און אַלע מאָל אַף אַ נײַעם פּלאַץ. די מאַנופעקטשורערס, הער איך זאָגן, האַלטן זיך אויך שטאַרק. זיי ווילן ניט נאָכגעבן. זיי וועלן אָבער מוזן

נאָכגעבן. אַזוי זאָגן אַלע. ניטאָ אַ זאַך, וואָס די אַרבעטער זאָלן ניט אויס־פירן. ס'איז אַמעריקע! עס האַלט שוין באַם לעצטן מיטל. אַז דאָס וועט ניט העלפן, איז עק וועלט! אַזוי זאָגן אונדזערע לײַט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מיטל? מיר וועלן זיך צונויפזאַמלען אַלע שטרײַקער פון גאַנץ ניו־יאָרק און מיר וועלן דורכגיין איבער די סטריטן מיט אַ מאַרטש. דאָס הייסט, טויזנטער און טויזנטער שנײַדערס וועלן זיך דורכשפּאַצירן מיט די פאָנען איבער דער שטאָט. מיר און מײַן חבר מענדל איז דאָס דווקא געפעלן. מיר וועלן זײַן די ערשטע. רעדט זשע אָבער מיט אַזאַ יזדענע, ווי מײַן שוועגערן ברכה, זאָגט זי, אַז באַ איר זעט דאָס אויס, ווי קינדער שפּילן זיך אין סאָלדאַטלעך... זי זאָגט: „אַן עבירה אײַערע שיך"... האָט איר באַדאַרפט אָנקוקן אונדזער פּיניען און הערן, וואָס ער האָט איר געזאָגט דערויף!

— ז. —

מיר האָבן שוין געהאַלטן מיטן שטרײַק גאַנץ ווײַט. איך און מײַן חבר מענדל האָבן זיך שוין צוגעגרייט, ווי מע גרייט זיך צו צו דעם פערטן דזשולײַ. דעמאָלט איז יום־טוב אין אַמעריקע. מע שיסט אַף דער סטריט מיט די פײַער־קרעקערס און עס טרעפט זיך, זאָגט מען, אַז מע דערהרגעט אַ מענטשן. אַ קלייניקייט — דער פערטער דזשולײַ? דאָס איז דאָך דער טאָג, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן זיך באַ־פרײַט פון די שונאים...

איך און מענדל זײַנען שוין געווען יום־טובדיק. איז אונדז פאַר־שטערט געוואָרן די שמחה. אַף קאַנעל סטריט האָט מען געהרגעט אַ מענטשן. די ידיעה האָט אונדז געבראַכט פּיניע. ער איז געווען אָפן אָרט און האָט געזען דעם געהרגעטן. ער זאָגט, אַז דער מענטש האָט פאַרדינט דעם טויט. ער איז געווען, זאָגט ער, אַ גענגסטער. פרעגט אים די מאַ־מע: „וואָס הייסט אַ גענגסטער? אַ גנב?" זאָגט פּיניע: „ערגער פון אַ גנב!" פרעגט אים די מאַמע: „אַ גזלן?" זאָגט פּיניע: „ערגער פון אַ גזלן!" פרעגט די מאַמע: „וואָס קאָן זײַן ערגער פון אַ גזלן?" זאָגט פּיניע: „אַ גענגסטער איז ערגער פון אַ גזלן. וואָרעם אַ גזלן איז אַ גזלן, און אַ גענגסטער איז אַ געדונגענער גזלן. דעם מענטשן האָט מען גע־דונגען, ער זאָל שלאָגן די שטרײַקערס. איז ער באַפאַלן אַ מיידל אַ שטרײַ־

קערן און האָט זיך פאַרמאָסטן זי צו שלאָגן. האָט זי געמאַכט א גוואַלד, זײַנען זיך צונויפגעלאָפן מענטשן און ס'איז אַרויס א געשלעג... מער האָט מען פון פּיניען ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען גאָרניט. ער האָט אַרומגעשפּאַנט מיט זײַנע לאַנגע פיס הין און צוריק. ער האָט געפּינעט מיט דער נשמה. ער האָט געשפּריצט מיט פײַער. ער האָט זיך געריסן בײַ די האָר און געשאָטן מיט ווערטער און מיט נעמען:

— אײַ־אײַ, קאָלומבוס! אײַ־אײַ, וואַשינגטאָן! אײַ־אײַ, לינקאָלן!

דער סוף איז געווען — פּיניע האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַנטלאָפן!

— ח. —

ביז עפּעס וואָס, דערווײַל האָט דאָס אונדז געטראָפן. מיך און מײַן חבר מענדל. די מאַמע האָט זיך געשוואָרן בײַ איר געזונט און בײַ איר לעבן, אַז זי וועט אונדז ניט אַרויסלאָזן אויף דער סטריט פאַר קיין געלט אין דער וועלט! ניט מיך, ניט מענדלען, ניט אליהון, ניט ברכהן און ניט טײַבלען. וואָרעם ווײַבאַלד אַז עס האַלט שוין, זאָגט זי, אַזוי ווײַט, אַז מע הרגעט מענטשן אין סטריט — איז שוין עק וועלט! זי האָט אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַלעמען אַזאַ פּחד, אַז טײַבל האָט זיך צעוויינט, ווי א קליין קינד. גאָט ווייס, ווו איר פּיניע איז אַצינד!... האָט די מאַמע שוין פאַרגעסן אָן אונדז און האָט גענומען אויסריידן דאָס האַרץ נעבעך טײַבלען: אַז מיר האָבן א שטאַרקן גאָט, און אַז עס וועט איר פּיניען גאָרניט געשען, און אַז ער וועט מיט גאָטס הילף קומען בשלום אַהיים, און אַז ער וועט זײַן א מאַן צו זײַן ווײַב און א טאַטע צו זײַנע קינדערלעך, וואָס וועלן, אם ירצה שם, אַמאָל זײַן. וואָרעם דערווײַל האָט נאָך טײַבל קיין קינד און קיין רינד. זי דאָקטערט זיך און האָפט, אַז זי וועט נאָך אַמאָל האָבן קינדער.

— און א סך קינדער! — זאָגט די מאַמע.

— אָמן הלוואי! — זאָג איך און כאַפּ א פּאַטש פון מײַן ברודער אליהו, איך זאָל ניט זײַן קיין שייגעץ און זאָל ניט שטופּן די צונג אַהין, ווו מען דאַרף ניט...

— ט. —

געלויבט איז גאָט — געקומען פּיניע. און געקומען איז ער מיט א שמחה, א גדולה: דער מענטש דער גענגסטער, וואָס מע האָט אים געהרגעט, לעבט און וועט לעבן. נאָר א קאַליקע וועט ער שוין בלייבן אַף אייביק. מע האָט אים ניט דערהרגעט אַף טויט. מע האָט אים נאָר אַזוי גוט אָנגעהרגעט. מע האָט אים אויסגעזעצט אַן אויג און איבערגעבראָכן א האַנט. „א מצווה — לאָז ער ניט זײַן קיין גענגסטער!" האָט אָבער די מאַמע אַף אים רחמנות: לאָז ער זיך זײַן, זאָגט זי, וואָס ער איז. פאַראַן א גאָט אין הימל, לאָז ער זיך, זאָגט זי, מיט אים רעכענען. פאַר־וואָס, זאָגט זי, קומט אים, מע זאָל אים איבערברעכן א האַנט און אויס־זעצן אַן אויג? וואָס זײַנען שולדיק זײַן ווײַב און קינדער נעבעך, זיי זאָלן האָבן א טאַטן א קאַליקע?"...

— י. —

דער שטרײַק האָט זיך פאַרצויגן און מיר גייען אַרום אָן א שטיקל אַרבעט. מײַן ברודער אליהו איז אויס מענטש. די מאַמע רעדט אים אויס דאָס האַרץ. זי זאָגט, אַז דער גאָט, וואָס האָט אונדז געבראַכט קיין אַמע־ריקע, וועט אונדז מסתמא ניט פאַרלאָזן. אונדזער מחותן יונה דער בעקער און אונדזערע גוטע פרײַנט פּעסיע די גראָבע און איר מאַן משה דער אײַנבינדער און די איבעריקע פרײַנט און גוטע פרײַנט קומען אַלע טאָג און טרייסטן אונדז מיט גוטע ווערטער. זיי זאָגן, אַז דער הימל איז צו דער ערד ניט געפאַלן. ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז מע מוז לעבן אין אַמעריקע נאָר פון שנײַדערײַ? מע קאָן מאַכן א לעבן אָן שנײַדערײַ אויך. והראיה? אָט וועל איך אײַך דערציילן, וויאַזוי מיר מאַכן א לעבן אין אַמעריקע.

XI

כתרילעווקע אין ניו־יארק

— א. —

איידער איך גיי אייך דערציילן, וויאזוי מיר מאכן א לעבן אין דעם נייעם לאנד, מוז איך אייך פריער אויסרעכענען בא די נעמען, ווער איז דא אין אמעריקע פון אונדזערע פריינט און באקאנטע, ווייל נאר זיי צו דאנקען האבן מיר זיך ביסלעכווייז ארויפגעארבעט און אנגעהויבן צו מאכן א לעבן. לאזט זיך אויס, אז מיר האבן דא פריינט און באקאנטע — קיין עין־הרע, קיין בייז אויג! גאנץ כתרילעווקע האט זיך אריבער־געפעקלט אהער, קיין אמעריקע. נאך אונדזער אוועקפארן פון דער היים איז געווארן, זאגן זיי, דארטן א בהלה, א מהומה, א לויפעניש. עס האט אויסגעבראכן, זאגן זיי, א מוראדיקער פאגראם, א שחיטה און א שרפה — גאנץ שטאט איז אוועק מיטן פייער! ווער האט אונדז געבראכט די נייעס — די מאמע. ווו ערגעץ א צרה, ווערט פריער פון אלע געווירע די מאמע. פון וואנען? פון בית־המדרש. פון דער כתרילעווקער שול. ס'איז פאראן אזא שול אין ניו־יארק.

— ב. —

די ערשטע וואך, אז מיר זיינען געקומען אין שטאט אריין, האט די מאמע קודם־כל זיך צעפרעגט אף א שול, וווהין צו גיין שבת דא־ווענען. זיינען אין ניו־יארק, ברוך השם, פאראן שולן כמעט אף יעדער סטריט. האט אונדז אונדזער שכנה פעסיע אפגעפירט דעם ערשטן שבת אין שול אריין. די שול איז טאקע אונדזער שול. דאס הייסט, די יידן, וואס דאווענען דארטן, זיינען אלע פון אונדזער שטעטל. זי הייסט מיטן נאמען „כ ל י ש ר א ל א נ ש י כ ת ר י ל ע ו ו ק ע". אדער „ד י

כתריליעווקער שול". האָבן מיר זיך דאָרט דערזען מיט אַ סך באַקאַנטע פון אונדזער שטאָט. טרעפט, וועמען האָבן מיר געזען? אַז איר וועט זײַן מיט אַכצן קעפּ, וועט איר אויך ניט טרעפן. ערשטנס — דעם חזן, אונדזער הערש־בער דעם חזן מיט דער גרויסער באָרד. אָט דער, וואָס איך בין בײַ אים געווען אַמאָל אַ זינגערל, אויב איר געדענקט, און האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט זײַן דאַבציען. אַ קינד אַ קאַליקע. דאָס קינד איז געשטאָרבן נאָך דאָרטן, אין דער היים, בשעת פּאָגראָם. און הערש־בער דער חזן מיט דער חזנטע מיט די עלטערע קינדער זײַנען אַלע דאָ אין אַמעריקע און מאַכן אַ לעבן. הערש־בער איז דאָ אַ חזן און אַ מוהל און אַ מלמד אויך. דאָ הייסט דאָס ניט מלמד. דאָ הייסט דאָס „טיטשער". פאַרוואָס טיטשער? ווײַל ער טיטשט די קינדער. דאָס הייסט, ער קנײַפּט זיי שטילערהייט, קיינער זאָל ניט זען. מחמת שלאָגן אַ קינד טאָר מען דאָ ניט, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט. הערש־בער האָט, זאָגט מען, דאָ גאַנץ פֿײַן פּרנסה. נאָר ער האָט זיך שטאַרק איבערגעאַנדערשט. דאָס הייסט, איז'ן איז ער דער אייגענער, וואָס געווען, נאָר ער גייט אַנדערש אָנגעטאָן. אין דער היים ווען ער טוט אָן אַזאַ קאַפּעליוש ווי דאָ, וואָלט מען אים נאָכגעלאָפן. די קאַפּאָטע איז בײַ אים אויך פאַרקירצט. און די פּאות אונטערגעהאַקט. נאָר די באָרד טשעפּעט ער ניט. טשעפּען אים אָבער אַנדערע די באָרד. דאָ, אין אַמעריקע, האָט מען פֿײַנט אַ באָרד. ערגער ווי אַן ערלעכער ייִד האָט פֿײַנט חזיר. אַנומלטן האָבן אים דער־טאַפּט אין מיטן סטריט שקצימלעך — „לויפערס" הייסן זיי דאָ — און האָבן אים נאָר געוואָלט אָפּשערן די באָרד. אַ גליק, וואָס ייִדן זײַנען אָנגעקומען און האָבן אים אַרויסגעראַטעוועט פון די „לויפערס" הענט. פון דעמאָלט אָן, אַז ער גייט אין סטריט, באַהאַלט ער די באָרד אינעם אויבערראָק.

— ג. —

בערע דער שוסטער איז אויך דאָ. דאָס איז דער בערע, וואָס מײַן ברודער אליהו האָט זיך געהאַט אונטערגענומען אַמאָל אַרויסצוטרײַבן בײַ אים די מײַז. אויב איר געדענקט, האָט בערע דער שוסטער ליב צו דערציילן גוזמאות. אויסטראַכטן זאַכן, וואָס ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. דאָס הייסט, ער איז אַ ייִד אַ ליגנער. דאָ ווערט עס אָנגערופן אַ „בלאָ־פער". ער איז דאָ אויך דער זעלבער שוסטער, וואָס אין דער היים. ער

דערציילט פון זײַן שוסטערײַ אַזעלכע גליקן, אַז ווען ס'זאָל זײַן כאָטש אַ דריטל אמת, וואָלט אויך געווען גוט. ער זאָגט, אַז ער איז דאָ דער גרעסטער שוסטער אין אַמעריקע. מיט זײַנע שטיוול, זאָגט ער, טראָגט מען זיך אַרום איבערן גאַנצן לאַנד. ער שווערט מיט אַזעלכע שבועות, וואָס מע מעג גלייבן אַ משומד, אַז דער פּרעזידענט אַליין האָט זיך באַשטעלט באַ אים אַ פּאָר שטיוול. זאָגט מײַן ברודער אליהו, אַז די מעשה מיטן פּרעזידענטס שטיוול איז פּונקט אַזוי אמת, ווי די מעשה, וואָס בערע דער שוסטער האָט אונדז אַמאָל געהאַט דערציילט, ווי אַזוי די מײַז האָבן באַ אים אויפגעגעסן אַ קאַץ... דאָ, אַז עמעצער דערציילט אַזעלכע מעשיות, זאָגט מען אויף אים, אַז ער „האַקט אַ טשײַניק", אָדער אַז ער „בלאָפט". מיר געפעלט בעסער די ווערטער „ער האַקט אַ טשײַניק". עס איז מיר אַזוי שטאַרק געפעלן, אַז איך האָב עס אַרויפגעכאַפּט אויף פּאַפּיר. דאָס הייסט, איך האָב אויסגעמאָלט בערע דעם שוסטער, ווי ער האַלט אַ האַמער. אַפן טיש שטייט אַ גרויסער טשײַניק, און ער האַקט אים... אַלע די, וואָס האָבן געזען דאָס בילד, האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער. אַפילו מײַן ברודער אליהו האָט אויך געשענקט אַ האַלבן שמייכל. ער שלאָגט מיך שוין מער ניט דערפאַר, וואָס איך מאַך מענטשעלעך. ער בורטשעט נאָר און זאָגט: „אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו טאָן, איז דאָס אויך אַן עסק"...

— ד. —

וואָס דאַרפט איר מער? רב יאָסיע דער נגיד, וואָס אַלע האָבן זיך געווונטשן באַ אונדז, חוץ זײַן שאָדן, כאָטש אַ דריטחלק, — איז ער אויך דאָ, אין אַמעריקע. ער איז שוין אָבער אוים נגיד. וואָס איז די מעשה? אים האָט אָוועקגעהרגעט דער פּאָגראָם. דאָס הייסט, פונעם פּאָגראָם גופא האָט ער אַליין ניט אַזוי שטאַרק געליטן. דאָס הייסט, געראַבירט האָט מען אים, דאָס מעבל צעבראָכן, דאָס בעטגעוואַנט צעריסן, די סחורה פון קלייט צענומען, נאָר געשלאָגן האָט מען זיי ניט, מחמת זיי זײַנען געלעגן אַלע אין אַ קעלער דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט, שיער ניט אויסגעגאַנגען פון הונגער. דאָס אַלצדינג וואָלט געווען אַ האַלבע צרה. דאָס אומגליק איז געווען דאָס, וואָס אַלע זײַנע בעלי־חובות האָבן אים אַנגעזעצט, האָט ער אויך געמוזט אַנזעצן. ווער וואָלט זיך געריכט, אַ

שטייגער, אַז אַזאַ איש בטוח, ווי רב יאָסיע, זאָל דאַרפֿן אָנזעצן און אַנט־לויפֿן פֿון כתרילעווקע? אין מיטן באַנאַכט איז ער אַנטלאָפֿן. וווּהין — קיין אַמעריקע. זײַן זונדל הענעך מיטן אייגל, געדענקט איר, ווי אַזוי ער האָט געלאַכט פֿון מיר, וואָס איך פֿאָר קיין אַמעריקע? איצט שלעפּט ער זיך אַרום דאָ איבער די סטריטן. אַז ער דערזעעט מיך, אַנטלויפֿט ער. עס שטייט אים נאָך הײַנט אויך ניט אָן צו ריידן מיט מיר. המנס גדלות! מײַן חבר מענדל זאָגט, אַז ער מוז אים מאַכן בלוי דאָס אַנדערע אייגל. מענדל האָט פֿײַנט, אַז מע נעמט זיך איבער, אָדער אַז מע בלאָזט פֿון זיך.

— ה. —

שענער פֿון אַלץ איז, וואָס מנשה דער רופֿא און מנשהכע די רופֿאטע זײַנען אויך דאָ. איר געדענקט דאָך מן הסתם זייער גאָרטן מיט זייערע פֿערשקעס, מיט זייערע ווײַנשל, מיט זייערע עפּל און מיט זייערע באַרן? איז דאָס אַלצדינג אַוועק מיטן רויך און מיטן פֿײַער. מע האָט זיי פֿאַר־ברענט זייער שטוב מיט זייער גאָרטן, געמאַכט פֿון אַלצדינג אַש. איר זאָלט זיי אָנקוקן, וואָלט איר זיי ניט דערקענט. ביידע זײַנען זיי געוואָרן גרוי און אַלט. ער שטופּט אַ פּושקאַרט מיט עפּל און מיט אָראַנדזשעס, און זי פּעדלט מיט ווישאַצקים טיי. „אַז אַך און ווי — זאָגט די מאַמע מײַנע מיט טרערן אַף די אויגן — אַף וואָס זיי זײַנען איבערגעקומען"...

— אַ שיינע ריינע כּפּרה! — זאָגט מײַן ברודער אליהו, און איך האַלט מיט אים. אַ מצווה אַף מנשהכע די רופֿאטע. זי איז געווען אַ רשעטע. געזשאַלעוועט אַן אָרעמאַן אַ פֿאַרפֿוילטן עפּל, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם בוים. זי מיינט, אַז איך האָב שוין פֿאַרגעסן די מעשה, ווי אַזוי מע האָט מיך אַמאָל געפּאַקט בײַ איר אין גאָרטן... איך וועל עס גע־דענקען ווײַל איך וועל לעבן!

— ו. —

אין דער צײַט, וואָס מיר האָבן זיך אַרומגעשלעפּט איבער אויס־לאַנד, האָט מען דאָרט אין דער היים געפּאָגראָמעוועט אונדזערע כתרי־לעווקער ייִדן, געראַבירט די קלייטן און געברענט די הײַזער. אַ סברה, אַז אונדזער האַלבע שטוב, וואָס מיר האָבן פֿאַרקויפֿט צו זיליע דעם שנײַ־דער, איז אויך אָפּגעברענט געוואָרן, און זיליע דער שנײַדער איז איצטער

הי. ער איז אַ שנײַדער ווי געווען. דער חילוק איז, וואָס דאָרט, אין דער היים, איז ער געווען אַ באַלעבאָס פאַר זיך, און דאָ, אין אַמעריקע, אַר־בעט ער בײַ יענעם. אַמאָל איז ער אַן „אונטערפּרעסער" בײַ הויזן, און אַמאָל איז ער אַן „אָפּרייטער" בײַ דער מאַשין. ער פאַרדינט, זאָגט ער, זײַנע זיבן־אַכט טאָלער אַ וואָך. עס וואָלט אים געווען, זאָגט ער, ווינ־ציקלעך אַף צו מאַכן אַ לעבן, ברענגען אים אַרײַן זײַנע קינדער — דרײַ קינדער האָט ער, און אַלע מיידלעך — דרײַ מאָל אַזויפיל. זיי אַרבעטן בײַ „שוירטס". העמדער הייסן דאָ „שוירטס". פרעג איך בײַ מײַן ברו־דער אליהו, פאַרוואָס הייסן העמדער „שוירטס"? זאָגט מײַן ברודער אליהו, אַז ער ווייס ניט, פון וואָסער אַ שורש עס נעמט זיך דאָס וואָרט „שוירטס". זאָגט צו אים אונדזער חבר פּיניע, למאַי ער ווייס ניט דעם שורש פון נאָך אַ סך אַנדערע ווערטער? זאָגט אליהו, אַז פון אַנדערע ווערטער ווייס ער יאָ דעם שורש. פרעגט אים פּיניע: „פון וואַנען זשע נעמט זיך דאָס וואָרט „בוטשער", און פאַרוואָס איז בוטשער אַ קצב?" זאָגט אים אליהו: „דערפאַר, וואָס אַ קצב צעבוטשערט דאָס פלייש אַף שטיקלעך"... פרעגט אים פּיניע: „פון וואַנען זשע נעמט זיך עס, וואָס אַ שנײַדער הייסט דאָ „אָפּרייטער"? זאָגט אליהו: „דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס... וואָס... וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? וואָס בין איך מחויב דיר צו פאַרטײַטשן אַלע ווערטער, וואָס מע זאָגט דאָ אין אַמעריקע?"

— ששאַ! שרײַ ניט! מע ווערט פון דיר ניט גליקלעך! — זאָגט פּיניע און דרייט זיך אוים צו מיר מיטן פּנים. — קום נאָר אַהער, קטנתי. אַז דו ווילסט וויסן עפּעס אַ זאַך, זאָלסטו קיינמאָל ניט פרעגן בײַ דײַן ברודער אליהו, וואָרעם ער ווייס ניט.

— איר ווייסט ביידע מער פון אַ טויטן! — מישט זיך אַרײַן מײַן שווענערן ברכה און שטעלט זיך אײַן פאַר איר מאַן.

— ז. —

דערווײַל האָב איך מיך פאַררעדט פון זײַטיקע זאַכן און האָב פאַר־געסן, אַז איך האָב גענומען אויסרעכענען, ווער פון אונדזערע באַקאַנטע זײַנען דאָ, אין אַמעריקע. אַ חוץ אונדזער חבר פּיניעס משפּחה, איז גאַנץ כתרילעווקע אַצינד אין אַמעריקע. און ס'איז אַ סברה, אַז פּיניעס משפּחה קלײַבט זיך אויך אַהערצוצו. פּיניעס פאָטער, הערש־לייב מעכאַניק, און

זײַן פעטער שניאור דער זייגערמאַכער שרײַבן צו פּיניען, אַז זיי וואָלטן שוין לאַנג אַרויסגעפאָרן, האָבן זיי ניט מיט וואָס. בעטן זיי, מע זאָל זיי אַרויסשיקן שיפסקאַרטן. קלויבן מיר איצטער אַ פּעני צו אַ פּעני. אַז מיר וועלן צונויפקלײַבן די ערשטע עטלעכע טאָלער אַף אײַנצוצאָלן אַן אויפגאַב, וועלן מיר זיי אַרויסשיקן שיפסקאַרטן אַף אויסצוצאָלן. און זיי וועלן מיט גאָטס הילף געווים אויסצאָלן. וואָרעם זיי קומען אַהער ניט מיט ליידיקע הענט. הערש־לייב דער מעכאַניק שרײַבט, אַז ער האָט צו־געטראַכט אַ נײַעם אויוון. אַזאַ מין אויוון, וואָס מע דאַרף צו אים האָבן זייער ווייניק האָלץ. כמעט גאָלע גאָרניט. ווי‏אַזוי? דאָס איז זײַן סוד?... און שניאור דער זייגערמאַכער האָט אויסגעקלערט אַ זייגער, וואָס גאַנץ אַמעריקע וועט לויפן קוקן אַף חידושים. וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ מין זייגער? וועט איר הערן, וואָס מע שרײַבט צו פּיניען פון דער היים.

— ח. —

דער זייגער אַליין איז אַ געוויינלעכער וואַנט־זייגער מיט אַ געוויינ־לעכן ציפערבלאַט. נאָר וואָס דען? אַז איר קוקט זיך גוט צו צום ציפער־בלאַט, דערזעט איר אויסגעמאָלט די זון מיט דער לבנה מיט אַלע צוועלף שטערן. בײַטאָג זעט מען מער אַרויס די זון. און בײַנאַכט — די לבנה מיט די שטערן. זײַט איר פאַרטיק? האָט צײַט! אַלע מאָל, ווען דער זייגער שלאָגט אויס צוועלף, עפנט זיך אויף פאַר אײַערע אויגן אַ קליין טירעלע און עס קומט אַרויס פריִער אַן אָפיציר מיט אַ שפּאַגע. דערנאָך צוועלף סאָלדאַטן־מוזיקאַנטן. דער אָפיציר טוט אַ מאַך מיט דער שפּאַגע, און די צוועלף סאָלדאַטן שפּילן אַף אַ מאַרש און גייען אַוועק. מאַכט זיך צו דאָס טירעלע — און שוין! ווי מיינט איר, קאָן מען מיט אַזאַ זייגער פאַרדינען געלט אין אַמעריקע? אַף דעם זייגער האָט פּיניעס פּע־טער פאַרבראַכט היפּשע עטלעכע יאָר. ער איז שוין געווען בײַ אים כמעט אינגאַנצן פאַרטיק. האָט מען אים בעת פּאָגראָם צעריבן אַף שטיק־לעך. נאָר עס מאַכט ניט אויס. אַבי דער שׂכל פונעם זייגער איז געבליבן בײַ אים. לאָז ער נאָר קומען קיין אַמעריקע, וועט שוין זײַן, ווי מע זאָגט דאָ, אָללרײַט!

— ט. —

און ווי‏אַזוי מיר מאַכן אַ לעבן — האָב איך אײַך נאָך אַלץ ניט געזאָגט. נאָר דאָס לאָז שוין זײַן אַף מאָרגן.

XII

מיר מאַכן אַ לעבן

— א. —

דער ערשטער האָט זיך אַרויפגעשלאָגן אַף אַ וועג און גענומען מאַכן אַ לעבן מײַן ברודער אליהו. און וועמען האָט ער צו פאַרדאַנקען? דער מאַמען. זי גייט אַלע שבת דאַוונען אין כתרילעווקער בית־המדרש, באַגעגנט זי זיך מיט מענטשן. האָט זי זיך באַקענט מיט דער פּרעזידענטיכע, דאָס מיינט מיט דער גבאיטע פון שול. וואָרעם אַ גבאי אין אַ שול הייסט דאָ „פּרעזידענט". די פּרעזידענטיכע איז אַ ווױלע ייִדענע און האָלט פון מײַן מאַמע, דערפאַר, וואָס מײַן מאַמע ווייס אַלעמאָל, ווו דער חזן האַלט און וואָס דער חזן זאָגט. און די היגע ווײַבער ווייסן ניט ווער עס האָט זיי געשלייערט. אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהוס ווײַב ברכה. מײַן שוועגערן ברכה זאָגט, אַז די היגע ווײַבער גייען אין שול אַרײַן נאָר צו באַווײַזן זייערע בריליאַנטן. דאָ הייסט דאָס „דײַמאָנטס". און אַז זיי זײַנען מחילה גרויסע בהמות. אַזוי זאָגט ברכה. און אַז זיי ווייסן ניט קיין צלם פאַר קיין אלף. און אַז זיי קאָנען נאָר גוט פּרעסן און ריידן לשון־הרע... האַקט איר איבער די מאַמע און זאָגט, אַז „אָט דאָס אַליין, טאָכטער לעבן, איז דאָך אויך לשון־הרע"... פאַרענטפערט זיך ברכה, אַז זי מעג, וואָרעם זי זאָגט דאָס פאַר אייגענע, ניט פאַר פרעמדע... נאָר מיר קערן זיך אום צוריק צו דער פּרעזידענטיכע און צו איר מאַן, דעם פּרעזידענט פון דער כתרילעווקער שול.

— ב. —

האָט איר ווען געהערט פון דער „היברו נײַשאָנאַל וואָרשט קאָמפּאַני"? דאָרט פאַרקויפט מען ייִדישע כשרע קאָלבאַסעס. דאָרע קישקע,

געבראָטענע צונגען און געריכערטע פלייש. אין אַלע עקן שטאָט האָבן זיי „סטאָרס", וווּ איר קומט אַרײַן קויפֿן כשר וווּרשט. אויב איר זײַט הונגעריק און האָט צײַט, הייסט איר אײַך דערלאַנגען הייסע קישקעלעך, נאָר וואָס פֿון דער זאַך, און איר עסט דאָס מיט כריין, אָדער מיט זענעפֿט, וויאַזוי איר ווילט. אויב איר זײַט ניט קורץ אין געלט, קאָנט איר זיך הייסן דערלאַנגען נאָך אַ פּאָרציע. איך און מײַן חבר מענדל האָבן אַמאָל אַרײַנגעשטעלט דרײַ פּאָרציעס און האָבן געפֿילט, אַז מיר וואָלטן בײַגע־קומען נאָך צוויי פּאָרציעס — איז באַ אונדז אָבער אויסגעגאַנגען פּאָ־דעם... נאָר ניט דאָס האָב איך אײַך געוואָלט דערציילן.

— ג. —

וואָס איך האָב אײַך געוואָלט דערציילן איז אָט־וואָס. דער פּרעזי־דענט פֿון אונדזער שול איז איינער פֿון די באַלעבאַטים אין דער „היברו ניישאָנאַל ווורשט קאָמפּאַני". האָט די מאַמע דורך דער פּרעזידענטיכע געפּועלט באַם פּרעזידענט, אַז מע זאָל אַרײַננעמען מײַן ברודער אליהו אין דער „היברו ניישאָנאַל ווורשט קאָמפּאַני" פֿאַר אַ מענטשן. דאָ הייסט עס אַ סיילעסמאַן, אַ פּאַרקויפֿער. און ניט נאָר אַ פּאַרקויפֿער אַליין, נאָר טאַקע אַ „ווייטער" אויך. דאָס הייסט, אַז איינער קומט אַרײַן און הייסט זיך דערלאַנגען הייסע קישקעלעך — דאַרף מען זיך ניט שעמען און דער־לאַנגען. האָט זיך אַפֿילו מײַן ברודער די ערשטע צײַט געבערעקלט:

„סטײַטש, אַ יונגערמאַן מיט אַ בערדל, פּייסי דעם חזנס אַ זון און יונה דעם בעקערס אַן איידעם, זאָל זײַן אַ משרת!"... האָט אים אונדזער חבר פּיניע אָוועקגעגעבן אַ גאָב. „וואָס מיינסטו? — האָט אים פּיניע געריבן דיביינער. — דו מיינסט, אַז דו ביסט אינעם פֿאַרשאָלטענעם כתרילעווקע? דו ביסט אין אַמעריקע ביסטו! אין אַמעריקע האָבן אַזעל־כע פּײַנע מענטשן ווי דו, למשל, אַ קאַרנעגי, אַ ראָקענפעלער, אַ וואַנ־דערבילד, געפּעדלט מיט גאַזעטן, אַרומגעטראָגן שוועבעלעך (דאָ הייסט עס „מעטשעס") און געפּוצט שטיוול אױף דער סטריט! לייען די געשיכטע פֿון אַ דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, פֿון אייבראַם לינקאָלן, אָדער פֿון אַנדערע גרויסע לײַט, וועסטו זען, אַז פּייסי דעם חזנס זון מעג אָנשטיין פֿאַרקויפֿן קישקעלעך"...

— ד. —

דאָ האָט אָבער אונדזער חבר פּיניע געכאַפּט אַ מיאוסן פּסק פון מײַן מאַמע. וואָרעם כּל זמן פּיניע האָט געשאָטן מיט נעמען: קאַרנעגי, ראָקענפעלער, וואַנדערבילד, — האָט איר ניט געאַרט. נאָר אַז ער האָט דערמאָנט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן און אייבראַם לינקאָלן איינעם מיט מײַן טאַטן פּייסי דעם חזן — האָט דאָס איר פאַרדראָסן. זי האָט געזאָגט, אַז זי קען ניט וואַשינגטאָנען און ווייס ניט ווער אברהם לינקאָלן איז געווען. עס קאָן זייער זײַן, אַז דאָס זײַנען געווען גאַנץ לײַטישע מענטשן און גאַנץ שיינע ייִדן. נאָר זי וויל ניט, מע זאָל איר מאַנס נאָמען באַ־צײַען אַהער קיין אַמעריקע. לאָז ער זיך זײַן, זאָגט זי, דאָרטן אין גן־עדן אַ גוטער מליץ פאַר איר און פאַר אײַך און פאַר כּל ישׂראל.

— אָמן! — זאָג איך, און כאַפּ אַ פּאַטש פון מײַן ברודער אליהו — איך זאָל ניט זײַן קיין עזות־פּנים.

— ה. —

בקיצור — מײַן ברודער אליהו האָט אַ דזשאָב און מאַכט לעבן. ער פאַרקויפט קישקעלעך און דערלאַנגט צום טיש און באַקומט דערפאַר, ערשטנס פּינף טאָלער אַ וואָך, און אַ חוץ לזה, צוויי מאָל אין טאָג עסן — איז אויך עפּעס ווערט. הײַנט וואָס איז ווערט דאָס וואָס עס קומען אַרײַן אין „סטאָר" קויפן פלייש אַ וועלט מיט מענטשן? אַלע טאָג מאַכט ער נײַע באַקאַנטשאַפטן מיט די פײַנסטע לײַט פון ניו־יאָרק. עס איז דאָ אַ הפּענונג, אַז מײַן ברודער זאָל גיין העכער און העכער, מחמת ער איז באַליבט פון די באַלעבאַטים און זייער בכבודיק באַ די קאַסטאָ־מערס. אַ קאַסטאָמער האָט הנאה, אַז אים באַדינט אַ טאַטנס אַ קינד, ניט קיין געבוירענער משרת... איין שטיקעלע חסרון האָט מײַן ברו־דער — דאָס וואָס עס וואַקסט אים, ניט פאַר אײַך געדאַכט, אַ באָרד. ער זאָל ניט האָבן קיין באָרד, וואָלט ער געווען גאָר־גאָר אַללרײַט. איז אָבער, ווי אַף צו להכעיס, האָט זיך זײַן באָרד אין אַמעריקע באַ אים צעוואַקסן אין דער ברייט און אין דער לענג. דאָס הייסט, מער אין דער ברייט ווי אין דער לענג. זאָגט אים פּיניע, אַז ער וואָלט געמעגט דאָס בערדל, אַף אַמעריקאַנער לשון גערעדט, אַביסל „צופּיקסן", אַזוי ווי ער,

פיניע, האט געטאן. ער האט זיך ארײַנגעכאפּט צו א שערער (דאס הייסט עס א „בארבער־שאפּ”) און האט זיך אװעקגעזעצט, זאגט ער, אפּן „טשער” (אזא שטול) און פארװארפן דעם קאפּ און ניט געזאגט קיין װארט, מחמת ער האט נאך דעמאלט ניט געקאנט ריידן קיין ענגליש. איז צוגעגאנגען דער שערער, דער „בארבער” הייסט עס, און האט אים, זאגט ער, אנגענומען בא דער נאז — אזוי זאגט פּיניע — און האט ניט געטאן גארניט. ער האט אים, זאגט ער, נאר אנגעזייפט גוט דאס גאנצע פּנים און איז זיך דורכגעגאנגען מיט א גאלמעסער מער ניט אז צװיי מאל, און האט אים געהייסן אויפשטיין. און אז ער איז אויפגעשטאנען, אזוי דערציילט פּיניע, און האט געגעבן א קוק אין שפּיגל, האט ער זיך אליין ניט דערקענט. אף זײַן פּנים איז ניט געבליבן, איר זאלט זאגן, א סימן פון א בארד, אדער פון װאנצעס, גלאט, װי א לאקשנברעט. עס האט זיך אים, זאגט ער, אויסגעװיזן, אז ער שמייכלט... װיי־װיי, װאס ער האט געהאט פון זײַן װײַב טײַבל! זי האט נעבעך געחלשט צװיי מאל און איז אזש קראנק געװארן פון צרות און פאר בזיון. דאס איז אבער נאר געװען די ערשטע צײַט. איצט האט זי זיך שוין צוגעװוינט. איר פּיניע גאלט זיך אלע װאך דאס גאנצע פּנים און זעט אויס װי אן עכטער אמעריקאנער. ער רעדט שוין גאר ענגליש און קײַט שוין בסדר „טשוינגאם”. ער שלינגט דאס שוין אבער מער ניט אראפּ... דערצו, װען ער זאל נאך װעלן אכטונג געבן, די מאנישקע זאל זיך בא אים ניט צעשפּילען, דאס האלדזטיכל זאל זײַן אף אן ארט, און ביידע הויזן זאלן זײַן גלײַך, ניט איינער אראפּ, דער אנדערער ארויף, — װאלט ער שוין געװען א גאנצער דזשענטלמען, א ספּארט.

— ז. —

פּיניע זאל ניט האבן אף זיך קיין דרייקאפּ (ער שטאמט דאך פון א משפּחה פון „קעפּמענטשן”), און דער קאפּ זײַנער זאל אים ניט טראגן אין די גרויסע געשעפטן, װאס דא הייסט עס „ביזנעס”, װאלט ער געקאנט מאכן א לעבן. ער מאכט אזוי אויך א לעבן. נאר דער חסרון איז, װאס ער װארפט זיך אלע מאל אף אן אנדער דזשאב. דערפאר האט ער א מעלה, װאס ער שעמט זיך ניט מיט קיין ארבעט אין דער װעלט. ער װעט אײַך טאן װאס איר װעט אים הייסן, אבי מאכן א טאלער. קערן

די סטריט — איז קערן די סטריט. שאָרן קוילן — איז שאָרן קוילן. פּעדלען מיט גאַזעטן — איז אוודאי גוט. אַמעריקע, זאָגט ער, איז אַ פֿרײַע מדינה און אַ בזיון איז, זאָגט ער, נאָר גנבהנען. דערפֿאַר, זאָגט ער, אַר־בעטן דאָ אַלע און קיינער גנבהט ניט. גנבהנען, זאָגט ער, גנבהנען דאָ נאָר די איטאַליענער. אַ געבאָרענער אַן אַמעריקאַנער, זאָגט ער, וועט ניט גנבהנען, עס מעג ליגן גאָלד. אַן אַמעריקאַנער וועט אײַך קיינמאָל ניט אָפּנאַרן. און קיין ליגן וועט אײַך קיינמאָל אַן אַמעריקאַנער ניט זאָגן. אַזוי דרינגט פּיניע. ער האָט שוין אַפּילו געמאַכט אַ ליד אַף אַמעריקע. דאָס גאַנצע ליד געדענק איך ניט. עטלעכע שורות פֿון דעם קאָן איך אײַך זאָגן אַף אויסנווייניק. אָט אַזוי הייבט זיך עס אָן בײַ אים:

„קאָלומבוסעס מדינה
איז אַ לאַנד פֿאַר גרינע.
דאָס איינציקע געבליבן,
וואָס אַ ייִד מאַכט דאָ אַ לעבן...
דאָס לאַנד איז גרויס
גאָר אָן אַ סוף.
דאָ האַקט מען ניט קיין טשײַניק,
דאָ וויים מען ניט פֿון בלאָף..."

דערנאָך זינגט זיך בײַ אים ווײַטער און ווײַטער, און לאָזן לאָזט ער אויס מיט אַזאַ מין גראַם:

„אַמעריקע איז דאָס לאַנד פֿון יושר,
האָט אַ פּרעזידענט און ניט קיין קייסער"...

לאַכט פֿון אים מײַן ברודער אליהו. ער זאָגט, אַז „יושר" גראַמט זיך עפּעס ניט אַזוי גוט מיט „קייסער". ענטפֿערט אים פּיניע מיט אַ משל: „אַז דער מאַן הייסט מענדל, מעג מען עסן פֿון זײַן פֿענדל. און אַז דער מאַן הייסט לייזער, איז אַ רוח אים אין טאַטן... פֿרעגט די וועלט אַ קשיא: וווּ איז דאָ דער גראַם? איז דער תירוץ: אַ רוח אים אין טאַטן אָן אַ גראַם"...

— ז. —

איר מיינט, אַז אונדזערע ווײַבער מאַכן ניט קיין לעבן? איך מיין דאָס מײַן ברודער אליהוס ווײַב ברכה און אונדזער חבר פּיניעס ווײַבל טײַבל. זיי אַרבעטן בײַ „נעק־טייס" (מענערשע שניפּסן). און ווען

האָבן זיי צו פאַרדאַנקען? ווידעראַמאָל מײַן מאַמען, און ווידעראַמאָל צוליב דעם, וואָס זי גייט אַלע שבת אין שול אַרײַן. דאָרט האָט זי זיך באַקענט מיט אַן אַלרײַטניטשקע, אַ נגידית הייסט עס (אַ נגיד הייסט דאָ אַן „אָלרײַטניק"). די דאָזיקע אַלרײַטניטשקע איז אַמאָל געווען, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אַ דינסטמיידל בײַ אונדז אין כתרילעווקע, טאַקע בײַ רב יאָסיע דעם נגיד. איר נאָמען איז קריינדל. מיט דער קריינדלען איז אַ גאַנצע געשיכטע, וואָס קאָן דערציילט ווערן אין קורצן.

— ח. —

בײַ אונדז, אין כתרילעווקע, איז אַמאָל געווען אַ קצב מיטן נאָמען מלך. מלך דער קצב. האָט דער מלך געהאַט אַ יונג מיטן נאָמען נחמיה. האָט ער זיך פאַרליבט, אָט דער נחמיה הייסט עס, אין דער מויד, אין קריינדלען, און געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס. האָט ער זיך מיישב געווען איינמאָל, — מלך דער קצב האָט אים געגעבן געלט, ער זאָל פאָרן אַפן יריד קויפן אַ בהמה, — האָט ער גענומען דאָס געלט, נחמיה הייסט עס, און איז אַוועק מיט דער מויד, מיט קריינדלען הייסט עס, קיין אַמעריקע. האָט דאָס אים באַגליקט און ער איז געוואָרן אַן אָלרײַטניק, און קריינדל איז געוואָרן אַן אָלרײַטניטשקע. איצט האָבן זיי אַ פאַבריק, דאָ הייסט עס אַ פעקטאָרי, פון נעקטייס, דאָס הייסט פון האַלדזטיכלעך. האָט זיך געטראָפן אַ מעשה, די אָלרײַטניטשקע, קריינדל הייסט דאָס, האָט געהאַט יאָרצײַט נאָך איר מאַמע. איז זי געקומען אין שול און האָט זיך צערעדט מיט דער מאַמע און זיך געלאָזט דערקענען. דערהערט פון דער מאַמע, אַז מײַן טאַטע איז געווען פּייסי דער חזן, האָט זי זיך נאָך מער צוגעלאָזט צו מײַן מאַמע און צוגעזאָגט אונדז באַהילפיק זײַן מיט וואָס נאָר מעגלעך. האָט איר די מאַמע געזאָגט, אַז קיין הילף וויל זי ניט. זי פאַרלאַנגט נאָר אַרבעט פאַר אירע קינדער. אַ וואָרט און אַ וואָרט — די אָלרײַטניטשקע האָט אויסגעפּועלט בײַ איר מאַן דעם אָלרײַטניק, ער זאָל געבן אַן אָרט בײַ זיך אין דער פעקטאָרי פאַר מײַן שוועגערן ברכה און פאַר אונדזער פּיניעס וויַבל טײַבל. זײַנען זיי אַ פּאָר וואָכן געגאַנגען אַף בראָדוויי אַרבעטן אין דער פעקטאָרי. און דערנאָך האָט די מאַמע געפּועלט, מע זאָל זיי געבן אַרבעט אַהיים, ניט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ.

— ט. —

עס האָט אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטן: כל זמן דער „סיזען" האָט זיך געהאַלטן, איז מען געווען „ביזי", דאָס הייסט, מע האָט געהאַט אַרבעט. שפּעטער, אַז ס'איז געוואָרן „סלעקטיימס", דאָס הייסט, ס'איז קיין אַרבעט ניט געווען, זײַנען אונדזערע ווײַבער געבליבן אָן אַרבעט. מיר האָבן זיך אָבער שטאַרק ניט גענומען צום האַרצן. וואָרעם „גאָט איז אַ פֿאָטער — מיט איין האַנט שטראָפֿט ער, מיט דער אַנדערער היילט ער". אַזוי זאָגט די מאַמע. איך פֿאַרשטיי דאָס ניט מיטן שכל: צו וואָס דאַרף גאָט שטראָפֿן און דערנאָך היילן? אַמער, לאָז ער ניט שטראָפֿן, וועט ער פֿאַרשפּאָרן היילן... און ווידער זאָגט די מאַמע, „אַז גאָט שיקט די רפֿואה פֿאַר דער מכה"...

— י. —

אָקעגן וואָס זאָגט זי דאָס? — וועט איר באַלד הערן. נאָר לאָמיר זיך אַביסל אָפּרוען, כדי איך זאָל כּוח האָבן דערציילן ווײַטער.

XIII

די רפואה פאַר דער מכה

— א. —

איך האָב אײַך צוגעזאָגט דערציילן, וואָס מײַן מאַמע האָט געמיינט מיט דעם, וואָס זי זאָגט, אַז „גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה"? אַזוי איז געווען די מעשה:

מײַן ברודער אליהו איז נמאס געוואָרן צו דינען אין דער „יודישער נײישאַנאַל ווורשט קאָמפּאַני". ס'איז ניט פאַר אים קיין דזשאַב. פאַרגעסט ניט, אַז מײַן ברודער אליהו איז פּייסי דעם חזנס אַ זון. ער איז אַ יונגערמאַן אַן איידעלער. ער האָט אַ קול-נגינה. קאָן גאַנץ פײַן דאַווענען פאַרן עמוד. ווי פּאַסט דאָס פאַר אַזאַ יונגנמאַן צו דערלאַנגען קישקעלעך צום טיש? דאָס דערלאַנגען אַליין וואָלט נאָך אפשר ניט אויסגעמאַכט, זײַנען אָבער פאַראַן אַלערליי מענטשן. פאַראַן מענטשן איידעלע. אַן איידלמאַן, אַ טאַטנס אַ קינד, קומט אַרײַן און הייסט זיך דערלאַנגען אַ פּאָרציע וווּרשטלעך און זעצט זיך אַוועק, עסט אויף די וווּרשטלעך, באַצאָלט און גוד באַי.

— ב. —

פאַראַן אָבער אַזעלכער, וואָס איז ניט קיין איידלמאַן. עס מאַכט זיך אַמאָל אַ גראָבער נפש. קאָכט ער אויס דאָס וואַסער. דאָס זײַנען אים די קישקעלעך ניט געווען גענוג הייס. דאָס פעלט אים זענעפט. און אַז ער רעדט, זאָגט ער ניט ווי אַ מענטש: „זײַט-זשע מוחל, גיט מיר נאָך אַ פּאָרציע". נאָר ער טוט אַ פײַף, אָדער אַ קנאַק מיט די פינגער און אַ הוק: „סעי, ווייטער! גיוו מי נאָך אַ פּאָרציע!" און מײַן ברודער אליהו איז ניט געוווינט געוואָרן, מע זאָל צו אים אַזוי ריידן. ווערט ער אָנגעצונדן. ער ענטפערט ניט אַזאַ גראָביאַן. ווערט דער גראָביאַן אין כעס און שרײַט

נאָך העכער: „סעי, פּראָפעסאָר! קאַם איר!" ענטפערט אים דער־מאָלט אליהו: „וואָס פאַר אַ פּראָפעסאָר בין איך אײַך?"... ווערט יענער נאָך מער אין כעס און צעשרײַט זיך. דערהערט דער באַלעבאָס. קומט ער צו צו מײַן ברודער און פרעגט אים: „וואָט איז די מערדער וויט יו?" דאָס הייסט: וואָס טוט זיך עס מיט דיר?... ענטפערט אים ניט אליהו. פרעגט אים דער באַלעבאָס: „פאַרוואָס ענטפערסטו ניט, אַז מע פרעגט דיך?" זאָגט אים אליהו: „פרעגט מיך ווי אַ מענטש, וועל איך אײַך ענטפערן". פרעגט אים דער באַלעבאָס: „וועלכעס הייסט ווי אַ מענטש?" ענטפערט אים אליהו: „אַ מענטש רעדט אױף יודיש"... פרעגט אים ווידער דער באָס: „און אַז איך רייד אױף ענגליש, בין איך אַ פּיפּערנאָטער?"... ענטפערט אים אליהו: „עס קאָן זײַן"...

— אויב אַזוי, — זאָגט צו אים דער באָס — קריגסטו די סעק. דאָס הייסט, דו קאָנסט מאָרגן זיצן אין דער היים...

— ג. —

„דעם דריטן טאָג אַ שטיקל ברויט, אַבי ניט פאַרקויפן קיין קישקע־לעך". אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו. אונדזער חבר פּיניע שטימט מיט אים ניט אײַן. פּיניע גייט מיט דעם גאַנג, אַז אַמעריקע איז אַ פרײַע מדינה, אַז אין אַמעריקע באַדאַרף אַלצדינג אָנשטיין. און טאָמער ווילט איר אים איבערשפּאַרן, הייבט ער באַלד אָן מיט זײַנע מיליאָנערן: „קאַר־נעגי... וואַנדערבילד... ראָקענפעלער..." פרעגט אים אליהו:

— פון וואַנען קענסטו זיך מיט די דאָזיקע לײַט?

ענטפערט אים פּיניע אָפּ:

— למאי פון וואַנען ווייס איך, וואָס אין דעם רוסישן „הויף" טוט זיך?

פרעגט אים ווידער אליהו:

— נו יאָ, פון וואַנען ווייסטו דאָס?

ענטפערט אים פּיניע אָפּ:

— זאָלסט לייענען אַזויפיל ראָמאַנען, ווי איך, וואָלסטו אפשר אויך געוווּסט...

— ד. —

דאָס מיינט פּיניע די ביכער, וואָס ער לייענט בײַ אונדזער משה דעם אײַנבינדער. זיי זײַנען געדרוקט אױף פּראָסט יידיש. און גראָב זײַנען זיי. און שווער. שווערער פון דער מאַמעס טײַטש־חומש. משה דער אײַנבינדער גיט זיי אױף איבערלייענען. ער מאַכט דערפון אַ לעבן. וואָרעם איין בוך לייענען אפשר הונדערט מענטשן. צום מיינסטן, ווײַבער. ווײַבער האָבן ליב ראָמאַנען. מײַן שוועגערן ברכה לייענט זיי אַלע שבת באַטאָג, ווי אַ וואַסער. מײַן מאַמע און פּיניעס ווײַב טײַבל האָבן ליב צו הערן, ווי ברכה לייענט. די מאַמע ווערט באַלד אַנטשלאָפן. נאָר טײַבל הערט און זיפצט. אַמאָל וויינט זי. זי האָט אַ ווייך האַרץ. ס'זאָל ניט זײַן שבת און מע זאָל מעגן, וואָלט איך אויסגעמאָלט מיט אַ פּענדזל אױף פּאַפּיר, וויאַזוי ברכה לייענט, און וויאַזוי די מאַמע שלאָפט, און וויאַזוי טײַבל וויינט...

נאָר מיר האָבן זיך אַביסל פאַררעדט, און מיר ווייסן נאָך אַלץ ניט, וויאַזוי גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה.

— ה. —

פריער — וועגן דער מכה. געוויס איז דאָס אַ מכה, אַז אַ יונגערמאַן, ווי מײַן ברודער אליהו, גייט אַרום אָן אַ שטאַך אַרבעט. ער קאָן ניט טאָן דאָס, וואָס אונדזער חבר פּיניע טוט. פּיניען, למשל, שטייט אָן נעמען אַ לאַפּעטע ווינטער און רייניקן דעם שניי פון דער סטריט. אליהו זאָגט, אַז ער וואָלט אויך געגאַנגען רייניקן דעם שניי, נאָר ניט אין סטריט. זאָגט צו אים פּיניע: „וואָס דען האָסטו געוואָלט? מע זאָל דיר אַרײַנטראָגן דײַן פאַרציע שניי אין שטוב אַרײַן?" ברענט דאָס אליהון, וואָס פּיניע איז אויפגעלייגט.

— אַפּנים, ס'איז דיר גוט, וואָס דו זאָגסט ווערטלעך? — טוט אים אליהו אַ זאָג און באַקומט פון אים אַן ענטפער:

— שור איז מיר גוט, אַז איך דערמאָן זיך, אַז איך בין אין אַמעריקע, ניט אין פּאָגראָמענלאַנד.

— אַ גדולה אױף דײַן באָבען! — זאָגט אליהו, און פון האַרצוויייטיק

גייט ער אוועק גאר אין שול אריין, אין כתרילעווקער בית־המדרש. און דא, אין כתרילעווקער בית־המדרש, קומט די רפואה צו דער מכה. וויאזוי? וועט איר הערן א שיינס.

— ו. —

מיר דאכט, איך האב אייך שוין אמאל דערציילט, אז אין דעם זו־מער, וואס מיר האבן זיך ארומגעשלעפט איבערן לאנדאנער ווייטשעפעל, איז דערווייל אין דער אלטער היים, אין אונדזער ליבן כתרילעווקע, אויס־געבראכן א כפול־שמונהדיקער פאגראם מיט א שרפה א צוגאב. וואס מע האט געקאנט ראבעווען, האט מען געראבעוועט. וואס מע האט גע־קאנט צעברעכן, האט מען צעבראכן. דאס איבעריקע האט מען אונטער־געצונדן און פארברענט. מילא, פון ארעמע לייט שמועסט מען ניט. א חוץ די עטלעכע קישעלעך האבן זיי ניט געהאט וואס צו פארלירן. זיי האבן געדאנקט גאט, וואס זיי זיינען כאטש ארויס מיטן לעבן. ווארעם עס זיינען געווען אזעלכע, וואס האבן געכאפט קלעפ, און אזעלכע, וואס זיינען פון די קלעפ געשטארבן. ארעמע עופהלעך נעבעך זיינען א טייל צעריסן געווארן פון די כוליגאנעס און א טייל זיינען אויסגעגאנגען פון הונגער. נאר פון די רעדט מען ניט. ריידן רעדט מען פון יענע, וואס ערשט נעכטן זיינען זיי געווען נגידים, גבירים, אדירים, און היינט זיי־נען זיי געבליבן קבצנים, דלפנים, עניים ואביונים, אן א העמד אפן לייב און אן א שטיקל ברויט. אט פון די דאזיקע געפאלענע, אז מע טוט א טראכט, — אזוי זאגן אונדזערע לייט — גייט איבער א פראסט איבערן לייב! פארוואס גייט ניט איבער קיין פראסט איבערן לייב, אז מע טוט א טראכט וועגן די ארעמע לייט און וועגן זייערע ארעמע עופה־לעך, וואס זיינען צעריסן געווארן פון די כוליגאנעס און וואס זיינען אויסגעגאנגען פון הונגער? — דאס קאן איך ניט פארשטיין. מיין חבר מענדל אויך ניט. ער זאגט, אז די כתרילעווקער ייִדן האבן שוין אזא טבע: אן ארעמאן, אז ער גייט אוים פון הונגער, איז בא זיי גארניט. און א נגיד, אז ער ווערט א קבצן — כאפט זיי אוועק דער רוח!...

— ז. —

בקיצור — צווישן אונדזערע כתרילעווקער נגידים, גבירים, אדירים איז געווען איינער מיטן נאמען משה־נח. אחוץ וואס ער האט געהאט

אַן אייגענע שטוב מיט אַ הויף, מיט אַ גאָרטן, איז ער גלאַט געווען אַ גביר. אַ סימן: זומער פּלעגט ער ארומגיין אין די גאַטקעס, דאָס הייסט, אין די אונטערהויזן. און אַף די אונטערהויזן — אַ כאַלאַט. אַ ייִד אַן אָרעמאַן וועט ניט וואַגן באַווײַזן זיך אין די אונטערהויזן. מסתּמא, דאַרף מען רעכענען, איז ער תּקיף, אַ ייִד אַ גביר — ווּעמען הערט ער?... הײַנט ווייס די גאַנצע וועלט, אַז פון זײַן מאַמע איז אים געבליבן בירושה דרײַ קלייטן אין מיטן מארק. און אַ בהמה האָט ער געהאַט אַלע מאָל אַ מעלקעדיקע. די דרײַ קלייטן האָבן אים געגעבן אַרײַנגעטראָגן צום לעבן, נאָך איבער גענוג. פּונדעסטוועגן האָט זײַן ווײַב נחמה־מירל (מע האָט זי גערופן „דחבה־בירל", דערפאַר וואָס זי האָט אַ פּאַרלייגטע נאָז) גע־שלעפּט פון דער מעלקעדיקער בהמה כּמעט די גאַנצע הוצאה פון דער שטוב. און בכדי מע זאָל איר ניט געבן קיין עין־הרע, האָט „דחבה־בירל" ליב געהאַט זיך קלאָגן, אַז איר „בהבה" האָט זיך אויפגעהערט צו „בעלקן" און זי גיט ניט קיין „בילך"... נאָר כּתרילעווקע נאַרט מען ניט אָפּ. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ס'אַ ליגן — די בהמה האָט זיך ניט אויפגעהערט צו מעלקן און זי גיט מילך... הײַנט שטעלט אײַך פאָר, אַז אַזאַ ייִד, ווי משה־נח, אַנטלויפט קיין אַמעריקע, אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, — זאָל מען אַף אים ניט האָבן קיין רחמנות? נאָר וואָס קאָן טאָן משה־נח אין אַמעריקע? ער וועט דאָך ניט גיין אַר־בעטן אין אַ שאַפּ, זײַנע קינדער אויך ניט. האָבן זיך די חבֿרה „אנשי כּתרילעווקע" אַף אים אַרומגעקוקט און האָבן אים געמאַכט פאַר אַ שמש אינעם כּתרילעווקער בית־המדרש.

— ח. —

אין אַמעריקע אַ שמש זאָלט איר ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. אין אַמעריקע אַ שמש לעבט שענער ווי אין כּתרילעווקע אַ באַלעבאָס. פון יאָרצײַטן אַליין קאָן מען דאָ נתעשר ווערן. מע האַלט דאָ זייער שטאַרק פון יאָרצײַטן. אַ גאַנץ יאָר דאַוונט מען דאָ ניט. מע האָט קיין צײַט ניט. „טײַם איז מאָני" — צײַט איז געלט. אַזוי גייט דאָ דאָס לשון. נאָר אַז איינער האָט יאָרצײַט — וואַרפט ער אַוועק אַלע ביזנעס און לויפט אין שול אַרײַן. און פון שול לויפט ער אַוועק אין אַ ייִדישן רעסטאָראַנט און הייסט זיך געבן אַ כּשרן אָנבײַסן, וואָרעם ער האָט יאָרצײַט. און וויבאַלד

ער האָט יאָרצײַט, לעקט אָפּ דער שמש אַ ביינדל. און ווער שמועסט אַ בר־מצווה — דעמאָלט פאַלט שוין אַרײַן דעם שמש גאָר אַ גראָבס. בּאַ אונדז, אין דער אַלטער היים, אַז אַ יינגל ווערט בר־מצווה, טוט מען אים אָן תפילין און ער מוז שוין גיין אַלע טאָג דאַווענען. דאָ, אין אַמע־ריקע, אַ בר־מצווה — איז אַ יום־טוב. מע טוט אָן דעם בחורל אַ טליתל. מע רופט אים אויף, ווי אַ חתן, צו דער תורה. ער קוויטשעט אויס, ווי אַ יונג האָנעבל, די הפטורה. דערנאָך הייבט ער אויף די הענטלעך און באַלעבעטשעט עפּעס אַ דרשה, אויסגעחזרט אָף אויסנווייניק, און דווקא אָף ענגליש. חס־וחלילה ניט אָף יידיש. דערנאָך גייט צו דער ראַבינער (דאָ הייסט ער „ראַבײַ", און גייט געגאָלט דאָס גאַנצע פּנים, און זעט אויס ווי בּאַ אונדז אַ פּוילישער קסיאָנדז). ער לייגט אַרויף די ברייטע אַרבל אָפן בר־מצווה און בענטשט אים „יברכך"...

— ט. —

קורץ, משה־נח האָט אַ גוטן דזשאָב. איין זאַך נאָר, וואָס ער מוז נעבעך אַליין גיין צו די באַלעבאַטים קאָלעקטן. דאָס הייסט, אײַנמאָנען די „בעבור־שנדרס" מיט די דיוס. דאָס הייסט, דאָס חודש־געלט פון די באַלעבאַטים. נו, פּאַסט דאָס פאַר אַ יידן, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געווען אַ נגיד, — זאָל גיין קאָלעקטן? זײַן ווײַב „דחבה־בירל" האָט אַזש געוויינט פאַר מײַן מאַמען, אויסגעגאָסן איר גאַנץ ביטער האַרץ פאַר איר. זי האָט געזאָגט: „איר בעגט ביר גלייבן בדאבדות, אַז איט־לעכם באַל, וואָס בײַד באַד דאַרף גייד באָדעד בעבור־שדדרס, זעט ער זיך ביט'ד בלאַך־הבוות..." איך האָב מורא, אַז קיינער פון אײַך וועט ניט פאַרשטיין אזא לשון. עפּעס קומט דאָס אויס תרגום. מוז מען אײַך איבערזעצן: „איר מעגט מיר גלייבן בנאמנות, אַז איטלעכם מאָל, וואָס מײַן מאַן גייט מאָנען בעבור־שנדרס, זעט ער זיך מיטן מלאך־המות"... אויסגעהערט פון נחמה־מירלען איר ביטער האַרץ, גיט איר מײַן מאַמע אַ גלײַכע עצה, אַז איר משה־נח זאָל נעמען מײַן ברודער אליהו פאַר אַ קאָלעקטאָר. אים וועט דאָס זײַן אַ הילף, און מײַן ברודער וועט מאַכן אַ לעבן... פאַרשטייט זיך, אַז משה־נח האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פּלאַן מיט ביידע הענט. מײַן ברודער אליהו האָט זיך אַפילו צום אָנהייב אַביסל געקווענקלט. ס'איז אים נאָך געווען אַביסל פּריקרע. איז אונדזער

חבר פיניע אים געקומען צוהילף. ער האט זיך צעלאזט מיט זיין לשון, ווי ער קאן. ער האט אוועקגעגעבן אליהון א רעכטע פארציע:

— איך פארשטיי ניט, וואס איז מיט דיר די גרויסקייט? מיט וואס ביסטו מער מיוחס פון קארנעגי, ראקענפעלער, וואנדערבילד?... און — פאשאל!

פיניע, אז ער וויל, קאן ער!

— י. —

ווער וואלט זיך עס, א שטייגער, גערינכט, אז פון אזא קליינעם דזשאב, ווי זיין א קאלעקטאר בא א שמש פון א שול, זאל זיך אויספיקן מיט דער צייט א סאך א גרעסערער דזשאב? און ניט איין דזשאב, נאר צוויי דזשאבן. איין דזשאב אלס קאלעקטאר פון א פוירניטשור־ביזנעם פאר מיין ברודער אליהו. און דער אנדערער דזשאב אלס קאלעקטאר פון אן אינשורענס־קאמפאני — פאר אונדזער חבר פיניע. נאר איך זע נאך איירע פנימער, אז איר הייבט ניט אן צו פארשטיין, וואס איז אזעלכעס „פיורניטשור" און וואס איז „אינשורענס". ווארט מיר צו א ווײַלע — איך וועל אײַך אלצדינג דערקלערן.

XIV

מיר קאָלעקטן

— א. —

דערפאַר איז גוט אין אַמעריקע, וואָס אַלצדינג טראָגט מען אַרײַן אין שטוב אַרײַן. און אַלצדינג גיט מען אײַך דאָ אַף אויסצאָלן. פאַר איין טאָלער אַ וואָך קאָנט איר אײַך אויסמעבלירן אײַער שטוב, ווי אַ גראַף. דאָ זאָגט מען ניט „אויסמעבלירן". דאָ זאָגט מען: „אויספויר־נישן". וואָרעם מעבל הייסט דאָ „פוירניטשור". פון וואַנען שטאַמט דאָס וואָרט „פוירניטשור" — ווייס איך ניט. מײַן ברודער אליהו דענקט, אַז דאָס דאַרף וואַקסן פון צוויי ווערטער: „פּאָרניט" — פון פּאָרנט, און „טשער" — אַ בענקל, אַ שטול. זאָגט אָבער אונדזער חבר פּיניע, אַז עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. ערשטנס, וואָס עפּעס פון פּאָרנט, פאַרוואָס ניט פון הינטן? און פאַרוואָס עפּעס גראָד אַ שטול, פאַרוואָס ניט קיין שפּיגל? און צווייטנס, זאָגט מען דען פּאָרניטשער? מע זאָגט דאָך גאָר „פוירניטשער". און דריטנס, מע זאָגט ניט „פוירניטשער", נאָר „פויר־ניטשיר" — מיט אַ כיריק. זאָגט אים אליהו, אַז נאָר אַ משוגענער וועט זאָגן פוירניטשיר, מיט אַ כיריק. אַ קלאָרער מענטש וועט אַלעמאָל זאָגן מיט סגול — „פוירניטשער". אַזוי לאַנג האָבן זיי זיך געשפּאַרט און געאַמפּערט, עס האָט שוין כמעט געהאַלטן בײַ פּעטש. אַ גליק, וואָס ברכה איז דערבײַ געווען, האָט זי ניט דערלאָזט. ביז ס'איז געבליבן, מע זאָל פרעגן בײַ אַן אמתן אַמעריקאַנער. דאָס הייסט, טאַקע בײַ אַ ייִדן, נאָר בײַ אַזאַ ייִדן, וואָס איז ניט קיין גרינער. דאָס הייסט, אַזעלכער, וואָס איז שוין דאָ אין לאַנד כאָטש אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס וואָרט פוירניטשער לייגט זיך ניט אויס ניט מיט

אַ כִיריק און ניט מיט אַ סגול, נאָר מיט אַ מלופים. דאָס הייסט, מע דאַרף גאָר זאָגן „פּוירניטשור”. הײַנט גייט זײַט אַ חכם!

— ב. —

קיינער קויפֿט דאָ ניט אַ זאַך פֿאַר מזומן געלט. סײַדן אַזאַ ייִד, ווי דזשייקאָב שיף. ער איז דער רײַכסטער מענטש, זאָגט מען, אין אַמע־ריקע. רײַכער פֿון אים איז שוין ניטאָ. אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליהו. און אונדזער חבר פּיניע דרינגט, אַז ניין. ער זאָגט, אַז קאַרנעגי איז אַ סך רײַכער. וואַנדערבילד — אַוודאי. און ראָקענפֿעלער — אַוודאי און אַוודאי! זאָגט אָבער אליהו: לאָ מיט אַ ספּאָדיק! יענע זײַנען אפֿשר רײַכער אין ערד, אין אימעניעס. אָבער אין מזומן געלט — בלאָטע! — איז שיף רײַכער פֿון זיי אַלע. הייבט שוין פּיניע אָן אַרויס פֿון די כּלים און צעשרײַט זיך אַף מײַן ברודער אליהון, אַז ער ווייס ניט וואָס ער רעדט. וואָס ראָקענפֿעלער צעשענקט אַ יאָר נדבות נאָר, פֿאַרמאָגט דאָס אפֿשר ניט שיף אַף זײַן מאַיאָנטעק. ווערט שוין מײַן ברודער אליהו אין כּעס און זאָגט אַף פּיניען, אַז ער איז אַ שונא־ישׂראל, אַן אַנטיסעמיט, וואָרעם אפֿילו ס'זאָל זײַן אמת, אַז ראָקענפֿעלער זאָל זײַן רײַכער פֿון שיפֿן, דאַרף ער אויך זאָגן, אַז שיף איז רײַכער. וואָרעם ראָקענפֿעלער איז אַ גוי, און שיף איז אַ ייִד. צעלאַזט זיך פּיניע און זאָגט:

— און אַז שיף זאָל זײַן דרײַ מאָל אַ ייִד, דעריבער זאָל איך זאָגן אַ ליגן? דו פֿאַרגעסט זיך, אליהו, צו אָפּט, אַז מיר זײַנען אין אַמעריקע, און אַז אַמעריקע האָט פֿײַנט בלאָף!

— אַזויפֿיל מכּות זאָל זיך זעצן אונדזערע שונאים אַף אַזאַ אָן אָרט, ווו איך ווייס, און אַזויפֿיל גוטע יאָר זאָלן מיר אַלע האָבן, וויפֿל ליגינים עס ווערט אויסגערעדט אַ טאָג נאָר אין ניו־יאָרק אַליין, אַ חוץ ברוקלין און אַ חוץ בראַנזוויל און אַ חוץ די בראָנקס!

אַזוי זאָגט מײַן שוועגערן ברכה, און זייער שפּאָרן זיך נעמט אַ סוף.

— ג. —

ווײַבאַלד, אַז מע גיט פּוירניטשור (געדענקט זשע, אַז מע דאַרף זאָגן „פּוירניטשור”) אַף אויסצאָלן צו טאָלער אַ וואָך, דאַרף מען דאָך האָבן מענטשן, וואָס זאָלן אַרומגיין פֿון שטוב צו שטוב אײַנמאָנען די טאָלערס.

איז דערויף געשטעלט געוואָרן קאָלעקטאָרס, וואָס גייען אַרום קאָלעקטן די טאָלערס. קאָלעקטאָרס זײַנען דאָ אַ סך. יעדער קאָלעקטאָר האָט זיך זײַן „ראָוט", זײַנע הײַזער, ווו ער גייט אַרום קאָלעקטן. זײַן אַרבעט איז אָנקלאַפּן אין דער טיר. דערנאָך קומט ער אַרײַן און זאָגט: „גוד מאָר־נינג!" — דאָס הייסט: אַ גוט מאָרגן. דערנאָך זאָגט ער: „ווערי נײַס דעי" — דאָס הייסט: זייער אַ שיינער טאָג!... דערנאָך גיט ער אײַך אַרויס אַ קוויטאַנציע, נעמט אָפּ דעם טאָלער און זאָגט: „גוד באַי". מער דאַרף ער ניט ריידן. און דאָס היטל אַראָפּנעמען איז אויך ניט נייטיק. דאָ איז עס ניט קיין מאָדע. איר קאָנט אַרײַנגיין אינעם רײַכסטן הויז אין אַ היטל, און מיט די קאַלאָשן אַף די שטיוול, און איר קאָנט אײַך בעת מעשה פּיפּקען אַ סיגאַרעט, אָדער פֿײַפֿן אַ ניגון, אָדער קײַען אײַער טשואינגאָם. קיינער וועט אײַך ניט זאָגן קיין קרום וואָרט. ס'איז אַמעריקע.

— ד. —

מײַן ברודער אליהו איז גאַנץ צופֿרידן פֿונעם דזשאָב. אַ סך שענער, ווי שטיין אין דער „קאָלבאַסנע" און פֿאַרקויפֿן קישקעלעך. און פֿאַרדינען פֿאַרדינט ער אויך אַ סך מער, ווי וואַסער אַ וואָך, אַמאָל מאַכט ער אַכט טאָלער אַ וואָך, אַמאָל צען, און אַמאָל צוועלף. עס ווענדט זיך אין דער „פּאַגאָדע", אינעם וועטער הייסט דאָס. בײַ אַ גוטן וועטער קאָן מען גיין צופֿוס. בײַ אַ שלעכטן וועטער — מוז מען אונטערפֿאָרן מיט דער קאַר, קאָסט דאָס אַ ניקל. נאָר אַזעלכע ניקלס גייען ניט אַוועק בײַ מײַן ברודער קיין סך. וואָרעם בטבע איז אליהו אַ מענטש אַן אײַנגע־האַלטענער, גאָרניט דאָס, וואָס פּיניע. אונדזער פּיניע האָט שוין אַ סך אַ ברייטערע האַנט. זעלטן ווען ער גייט צופֿוס. ער מוז, זאָגט ער, פֿאָרן, וואָרעם ער האָט אַ נידעריקע ראיה. „אים קאָן מען גרינג איבערפֿאָרן. ניט אַזוי נאָך צוליב זײַן קורצזיכטיקייט, ווי צוליב דעם, וואָס ער איז אַ פֿאַרטראַכטע בריאה. דער קאָפּ טראָגט אים. און דערצו קאָן ער ניט באַגיין זיך אַ מינוט אָן דעם, ער זאָל ניט אַרײַנקוקן אין אַ בוך, אָדער אין אַ „פּייפּער". און אַמאָל מאַכט זיך, אַז ער האַלט סאַמע אין מיטן שרײַבן. דאָס הייסט, ער גייט אַרום און טראַכט — ער הערט גאָרניט, וואָס מע רעדט צו אים. דערנאָך כאַפּט ער אַ פּענסיל אָדער

א טינט־און־פּען און הייבט אָן שרײַבן, קאָן ער אײַך באַשרײַבן אפשר צען בויגן פּאַפּיר פון אַלע זײַטן. וואָס ער האָט דאָרטן אָנגעשריבן און וואָס טוט ער מיטן אָנגעשריבענעם — דאָס ווייס קיינער ניט. אַפילו זײַן ווײַב טײַבל אויך ניט. אַז מײַן ברודער אליהו פרעגט אים, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, ענטפערט ער אים:

— מירן עלטער ווערן, וועלן מיר וויסן...

מיר זײַנען שוין אַ היפּש ביסל עלטער געוואָרן, און מיר וויסן נאָך אַלץ גאָרנישט.

— ה. —

פונדעסטוועגן שאַדט דאָס ניט אונדזער חבר פּיניען, ער זאָל מאַכן אַ לעבן. און נאָך ווי מאַכן אַ לעבן! אונדזער פּיניע איז אויך אַ קאָלעקטאָר. נישט באַ פוירניטשור, נאָר באַ „איינשורענס". באַ אונדז ווערט דאָס אָנגערופן „סעקוראַנץ", אָדער „פאַרזיכערן זיך פונעם טויט". דאָ פאַרזיכערן זיך אַלע, יונג און אַלט, ווײַבער און קינדער, טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, זיידעס און באָבעס. און אויך נישט פאַר מזומן, נאָר אַף אויסצאָלן, פון אַ ניקל ביז אַ טאָלער אַ וואָך. וואָס די סומע פון די אינשורענס איז גרעסער, דאַרפט איר אַלץ מער צאָלן. פאַראַן הײַזער אַזעלכע, וווּ אַלע מענטשן, פונעם עלטערזיידן ביזן אור־אייניקל, זײַנען אַלע פאַרזיכערט פונעם טויט. און טאָמער זײַנען נאָך ניט אַלע פאַרזיכערט, דאַרף דער קאָלעקטאָר זען דעם ניט־פאַרזיכערטן צו פאַרזיכערן. וואָס הייסט דאָס „פאַרזיכערן" און ווי אַזוי פאַרזיכערט מען אַ מענטשן פונעם טויט — ווייס איך ניט אַקוראַט. איך ווייס נאָר, אַז מײַן ברודער אליהו האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם דזשאָב. ער האָט בעסער אויסגעקליבן דעם דזשאָב פון פוירניטשור. פאַר וואָס? ווײַל באַ פוירניטשור קאָלעקטן דאַרף מען נאָר באַנוצן, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, די ווערטער: „גוד מאָרנינג" און „גוד באַי". און באַ אינשורענס דאַרף מען ריידן, צוריידן, פאַרריידן און איבערריידן. דערויף איז מסוגל נאָר אונדזער חבר פּיניע. ער קאָן איבערריידן אַ וואַנט. ער קאָן מאַכן ריידנדיק אַ טויטן.

— ו. —

באַ אונדזער חבר פיניע מאַכט ניט אויס, ווער איר זײַט און וואָס איר זײַט. פון וואָס איר זאָלט ניט ריידן — ער מוז אַרויף אַף זײַנעם. זײַט איר אַ פאַרזיכערטער — מעגט איר דאָך ריידן פון פאַרזיכערונג. זײַט איר נאָך ניט פאַרזיכערט — דאַרפט איר דאָך אוודאי ריידן פון פאַרזיכערונג. און קוים לאָזט איר זיך ריידן, וועט איר שוין פון פיניעס הענט ניט אַרויסדרייען. ער וועט אײַך שוין פאַרזיכערן. און אויב נישט אײַך — איז אײַער ווײַב, אײַער קינד, אײַער זיידן, אײַער שוויגער, אײַער קאָזין, אײַער שכן (דאָ זאָגט מען ניט „שכן", דאָ זאָגט מען „נעכסטדאָריגער"). דאָס הייסט, איר פאַרזיכערט זיך, אַז טאָמער שטאַרבט אײַער נעכסטדאָריגער פריִער פון אײַך, באַקומט איר פון דער קאָמפּאַניע אַ שיינע פאָר הונדערט טאָלער. און דער נעכסטדאָריגער פון זײַן זײַט פאַרזיכערט זיך אויך. דאָס הייסט, באַם חלילה איר שטאַרבט אַוועק פריִער פון אים, באַקומט ער פון דער קאָמפּאַניע אַ פאָר הונדערט טאָלער. צאָלן צאָלט איר ביידע דער קאָמפּאַניע צו קוואָדער אַ וואָך. איר זײַט ניט מחויב צו גיין אין דער קאָמפּאַניע, די קאָמפּאַניע טרעפט שוין צו אײַך, ניט אַליין — דורך איר קאָלעקטאָר. פיניע קומט צו אײַך און קאָלעקטעט־אײַן אײַערע קוואָדערס. ער קריגט דערפון פופצן פּראָצענט קאָמישאָן.

— ז. —

דאָס איז פאַרן קאָלעקטן. און אויב ער פאַרזיכערט אײַך איבעראַנײַס, דאָס הייסט, אויב ער „שרײַבט אײַך אַ נײַע פאָליסי" (אַזוי גייט דאָ די שפּראַך), באַקומט פיניע דער איידזשענט פופצן מאָל אַזויפיל. דאָס וועט הייסן, אַז טאָמער צאָלט איר אַ קוואָדער פּרעמיע, באַקומט דער איידזשענט פון דער קאָמפּאַניע אין איין קלאַפּ פופצן קוואָדערס! אַנו, רעכנט אויס, זײַט מוחל, וויפל דאָס מאַכט?! הײַנט שטעלט אײַך פאָר, אַז טאָמער גערעאָט דאָס אונדזער חבר פיניען צו שרײַבן צוויי, אָדער דרײַ, אָדער מער פאָליסים אַ טאָג, און אַלע צו קוואָדערס! דאָס איז דאָך אַ גאַנצער מאַיאָנטעק!...

— ווי איז מיר! איר וועט דאָך אָנשיטן אָט די שטוב מיט גאָלד!

— אַזוי זאָגט צו אים מײַן שוועגערן ברכה, און טײַבל ווערט אַזש רויט.

קוקנדיק אױף איר פּיניען, װי ער שלעפּט די קוואָדערס מיט די ניקלס פון אַלע קעשענעס.

— װאָס דען מײנט איר? — ענטפערט איר פּיניע און לײגט־צונױף די קוואָדערס באַזונדער און די ניקלס באַזונדער. — איר מײנט, אַז קאַרנעגי, װאַנדערבילד און ראָקענפעלער זײַנען געבוירן געװאָרן מיט זײערע מיליאָנען?...

— ח. —

װוּ נעם איך איצט אַ װײַסן בױגן פּאַפּיר? איך װאָלט מיט אַ שװאַרצער קױל אָנגעװאָרפן אַזאַ מין בילד: אַ טיש. אױבן־אָן זיצט די מאַמע, צונױפגעלײגט די הענט. לעבן איר, פון אײן זײַט, שטײט ברכה, אַ הױכע, אַ לאַנגע, מיט גרױסע פיס. פון דער אַנדערער זײַט — טײַבל, אַ קלײניטשקע, אַ דאַרינקע, אַ פּערטל עוף. בײדע אַרבעטן זײ. אײנע נײט, די אַנדערע שטרײפט. באַ אײן עק טיש שטײט מײַן ברודער אליהו, אַ באַװאַקסענער מיט אַ באָרד. האַלט אַ באַנטש קאַרטלעך אין אײן האַנט און אַ פּעקל פּאַפּירענע טאָלערס אין דער צװײטער האַנט. דאָס האָט ער אָנגעקאָלעקטעװעט דורכן טאָג. און באַם אַנדערן עק טיש שטײט אײַנגעבױגן אונדזער חבר פּיניע, אַ געגאָלטער, אַן עכטער אַמעריקאַנער. ער שלעפּט פון בײדע קעשענעס די קוואָדערס מיט די ניקלס. און מחמת ער האָט אַ נידעריקע ראיה, טראָגט ער צו יעדן קוואָדער מיט יעדן ניקל גלײַך צו דער נאָז. אױפן טיש שטײען שױן צװײ הױכע קופּקעלעך. אײן קופּקעלע איז פון סאַמע קוואָדערס, דאָס אַנדערע קופּקעלע איז פון לױטער ניקלס. און פּיניע איז נאָך ניט פאַרטיק. ער האָט נאָך און נאָך. דאָס קאָן מען אַרױסזען דורך די הױזנקעשענעס, װאָס זײַנען פול. זײַנען געשװאָלן. זײ װערן אַזש צעשפּאַרט...

— ט. —

נישטאָ קײן אײביקע זאַך אױף דער װעלט, און אַ מענטש איז קײנמאָל ניט צופרידן מיט דעם, װאָס ער האָט. עס איז אונדז נמאס געװאָרן דאָס אַרומגײן קאָלעקטן די פּרעמדע טאָלערס מיט די פּרעמדע קוואָדערס און ניקלס. בעסער קלײנע בולקעלעך אײגענע, אײדער גרױסע

קוילעטשן פּרעמדע. אַזוי זאָגט מײַן שווער ברכה. פּרײַער האָט גע־וואָרפן אַן אומחן אַפן קאָלעקטן מײַן ברודער אליהו. עס האָבן זיך אים צוגעגעסן די ביזנעס. און ניט אַזוי די ביזנעס, ווי די קאַסטאָמערס. אַנדערע קאַסטאָמערס האָבן אויפגעהערט צאָלן. זיי האָבן געזאָגט: „נעמט אײַך צו אײַער פּוירניטשור, מיר דאַרפן עס אַף כּפּרות"... אַנדערע האָבן געהאַט אַ טענה, למאַי די בעט סקריפּעט? למאַי דער שפּיגל באַ־ווײַזט צוויי פּנימער? למאַי די קאָמאָדע וויל זיך ניט עפענען און ניט פאַרמאַכן? און למאַי יעדער בענקל וועגט דרײַ פּוד? און אַז מע זעצט זיך אַוועק, איז ווי אַף טשוועקעס!... און אַנדערע ווידער זײַנען זיך מיישב און מופן גאָר אַרויס. דאָס הייסט, זיי קלויבן זיך איבער אַף אַן אַנדער סטריט — און גיי זוך זיי! נאָר ערגער פון אַלץ איז אָט וואָס: פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען צאָלן וואָך־געלט. אַז זיי האָבן געקאָנט צאָלן, האָבן זיי געצאָלט. איצט קאָנען זיי שוין מער ניט צאָלן. איבער וואָס? דער ברויטגעבער איז קראַנק געוואָרן, אָדער עס איז קיין אַרבעט נישטאָ, אָדער עס האָט אויסגעבראָכן אַ שטרײַק. עס ווילט זיך ניט אָנווערן אַ קאַסטאָמער. וואָס טוט מען? לייגט־אויס אליהו דערוויַיל פון זײַן פּאַקעט. וואָס זאָלט איר קלערן? ס'איז צרות מיט צרות!...

— י. —

מיינט איר, אַז אונדזער חבר פּיניע איז צופרידן מיט זײַן דזשאָב? אויך ניט. ביז מע קעטשט אַ קאַסטאָמער, זאָגט ער, קומט אָן בקריעת ים־סוף. מע רעדט איבער אים, זאָגט ער, דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט. מע גיט אים צו פאַרשטיין, אַזאַ כּאָמולע, דעם שכל פון אינשורענס, קוים געפּועלט באַ אים איין „אַפּליקיישאָן". לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט אַפן צווייטן טאָג חרטה געקראָגן, אָדער דער דאָקטער האָט אים „רעדזשעקט־טעט", דאָס הייסט, ער האָט אָנגעשריבן אַף אים המנס מסירות. דער קאַסטאָמער איז אים ניט געפעלן אין שלייער נאַקעטערהייט... נאָר דאָס גרעסטע פון אַלע אומגליקן און די ערגסטע פון אַלע צרות באַ אינ־שורענס־איידזשענטס איז די „לעפּס". „לעפּס" הייסט, אַז אַ קאַסטאָמער הערט אויף צו צאָלן. דעמאָלט רעכנט מען אָפּ דעם איידזשענט פּופצן מאָל אַזוי פיל, וויפל דעם קאַסטאָמערס פּרעמיע האָט באַטראָפן. פּיניע

זאָגט, אַז ווען ניט די „לעפּסעס", וואָלט ער אָנגעשיט אָט די שטוב מיט געלד! און אַף זײַן שלים־מזל האָבן עטלעכע קאַסטאָמערס מיט אַ מאָל. גלײַך ווי מע האָט זיך אויפגערעדט, אויפגעהערט צו צאָלן.

— לאָזן זיי ברענען אַפן פײַער, טאַקע די קאַסטאָמערס, מיט די אינשורענס, מיט די אַגענטן, מיט די „לעפּסעס" און מיט די קאָמפּאַניעס! — אַזוי זאָגט פיניע. ער וועט שוין בעסער גיין, זאָגט ער, מיט מײַן ברודער אליהו אין אייגענע ביזנעס. אַ פּאָר טאָלער האָבן זיי ביידע מיט גאָטס הילף אָפּגעשפּאָרט. זיי קאָנען שוין טאָן ביזנעס.

און ס'איז געבליבן, אַז מיר גייען אין ביזנעס.

XV

מיר גייען אין ביזנעס

— א. —

וואָס אײַער האַרץ גלוסט — דאָס געפינט איר דאָ אין די פּייפּערס, אין די גאַזעטן הייסט דאָס. פון פּייגלמילך. זוכט איר אַרבעט — געפינט איר דאָס אין פּייפּער. זוכט איר „העגט“, דאָס הייסט אַרבעטער, — געפינט איר זיי אין פּייפּער. זוכט איר אַ חתן אָדער אַ כּלה — געפינט איר עס אין פּייפּער. זוכט איר אַ ביזנעס — געפינט איר עס אין פּייפּער. מיר האָבן געזוכט ביזנעס, דעריבער האָבן מיר גענומען אַרײַנקוקן אין פּייפּער אַרײַן טאָג אַף טאָג, און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף אַזאַ מין אַדווערטייזמענט: „סיגאַרס-סטיישיאָנערי-קענדי-סאָדע-וואַסער-סטענד צו פאַרקויפן. אַקעגנ:בער אַ סקול. אורזאַכע פאַמיליען-טראָבל. גאַראַנטירט גוטע ביזנעס. קומט שנעל!“...

אויב איר זײַט נאָך אַ גרינער, דאָס הייסט, איר זײַנט ניט לאַנג אין לאַנד, באַדאַרף מען אײַך פאַרטײַטשן וואָס דאָס מיינט: דאָס איז אַ טישל, וואָס מע פאַרקויפט דערויף סיגאַרעטלעך, שרײַבגעצײַג און צוקערקעס און סאָדע-וואַסער, און אַ בלאַט-צײַטונג אויך. דאָס טישל איז אַקעגן אַ שקאָלע. און פאַרקויפן פאַרקויפט זיך עס איבער דעם, וואָס אַ מאַן דאַרף זיך גטן מיט אַ ווײַב, אָדער איבער אַן אַנדער סיבה אין דער פאַמיליע...

— ב. —

האָט זיך אַפילו מײַן ברודער אליהום ווײַב ברכה אַוועקגעשטעלט אַקעגן מיט אירע טענות: ערשטנס, פון וואַנען ווייס מען, אַז דאָס איז אמת? און צווייטנס, צו וואָס זאָלן מיר קריכן מיט אַ געזונטן קאָפּ אין

א קראַנקן בעט אַרײַן? אַז מאַן און װײַב װילן זיך גטן — װאָס דאַרפֿן מיר זײַן אינמיטן?... מײנט איר, אַז נאָר דאָ האָט אונדזער ברכה געפֿונען אַ טענה? באַ הונדערט אַנדערע ביזנעס האָט זי אױסגעזוכט אומעטום אַן אַנדער חסרון. מײַן ברודער אליהו האָט שױן לאַנג אַ מאַך געגעבן אַף איר מיט דער האַנט. האָט ער אָבער ניט גוט אָפּגעשניטן פֿון איר. זי האָט אים געגעבן צו װיסן, אַז ער זאָל גאָר ניט זײַן באַ זיך אַזױ גדולדיק. אַז ער זאָל ניט מײנען, אַז דאָס, װאָס ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דרײַ חלקים פֿון זײַן באָרד, גיט אים דאָס רעכט צו בלאָזן פֿון זיך... דערױף האָט איר אליהו געענטפֿערט, למאי איר טאַטע יונה דער בעקער האָט אַראָפּגענומען די גאַנצע באָרד?... מישט זיך אַרײַן אונדזער חבר פּיניע און זאָגט: „װײסט איר װאָס? איך גײ מיט אײַך אין געװעט צװײ קעגן אײנס, אַז אױב איר װעט געפֿינען צװישן די הונדערט מיליאָן אַמעריקאַנער אַ האַלב טוץ מענטשן מיט בערד, זאָלט איר מיך אָנרופֿן בלאָפֿער!" — „ס'אַ מאַשל!" — רופֿט זיך אָן די מאַמע. — דערימאַך גײען קאַטשקעס באָרװעס... רעדט שױן בעסער פֿון אַנדערע זאַכן"...

מײַן מאַמע האָט פֿײַנט, אַז מע רעדט פֿון בערד. ס'איז גענוג פֿאַר איר, זאָגט זי, אַז זי האָט דערלעבט צו זען, אַז פּײסי דעם חזנס זון האָט געמאַכט אַ מחק פֿון זײַן באָרד, אַז אַך און װײ איז צו אירע שונאים!...

— ג. —

די ביזנעס, װאָס מיר זײַנען אין זײ געגאַנגען, האָבן געהאַט אַ סך מעלות. די ערשטע מעלה איז געװען, װאָס מײַן ברודער אליהו איז, אױב איר געדענקט, נאָך פֿון דערהײם אַ מײַסטער אַף צו מאַכן (דאָ הײסט עס מאַנופֿעקטשורן) אַלערלײ געטראַנקען. דעריבער האָט זיך אונדז געלוינט צו מאַנופֿעקטשורן סאָדעװאָסער און פֿאַרקױפֿן אַ גרױסע גלאָז פֿאַר אַ סענט. מיט סיראָפּ — צװײ סענט. דעם סיראָפּ האָבן מיר אױך אַלײן געמאַכט. נאָך אַ מעלה — װאָס מיר האָבן געהאַט די ביליקסטע קענדיס (קאָנפֿעקטן). אַ פֿולע זשמעניע האָבן מיר געגעבן פֿאַר אײן סענט. און אַלײן האָבן מיר אױך געקאָנט סמאַצקען קענדיס. אַז איך זאָג „מיר", מײן איך דאָס מיך און מײַן חבר מענדל און פּיניען. מיר אַלע דרײַ האָבן געהאָלפֿן שטײן באַ אונדזער סטענד געבן אַ נאַש, אַז קײ־

נער זאָל ניט זען. סײַדן אַז ברכה איז געווען דערבײַ, האָט מען ניט געקאָנט נאַשן. און ווי אַף צו־להכעיס, איז ברכה געווען כמעט גאַנצע טעג באַם סטענד, געהאָלפן טאָן ביזנעס. אַלע האָבן מיר געהאָלפן טאָן ביזנעס. אַפילו טײַבל, און אַפילו די מאַמע. אַ קונה, אַז ער איז צוגעגאַנגען צו אונדזער סטענד, האָט ער זיך אַזש דערשראָקן, דערזעענדיק אַזאַ משפחה מיט אַזויפיל ביזנעסלײַט. דאָס איז אָבער דווקא געווען זייער גוט. אַ קונה האָט ליב קריכן אַהין, וווּ ס'איז ענג.

— ד. —

די בעסטע צײַט פאַר אונדזערע ביזנעס איז זומער, אין די הייסע טעג. זומער איז אין ניו־יאָרק אַן אמתער גיהנום. דער עולם קוויקט זיך דעם גאַנצן טאָג מיט מאַראָזשענע. „אײַז־קרים" הייסט עס דאָ. אַפן סענדוויטש פאַרקויפט זיך עס. דאָס הייסט, צווײַ ביסקוויטלעך און אין מיטן אַביסל אײַז־קרים. און דאָס קאָסט אַ פּעני. פאַרדינען מיר דערבײַ האַלב אַף האַלב. נאָר ניט דאָ שטעקט אונדזער פאַרדינסט. די גאַנצע מזל־ברכה ליגט גאָר ערגעץ אַנדערש. אין אַזאַ מין קאַלטן געטראַנק, וואָס מע רופט דאָס „סיידער". דאָס איז אַ מין זויער־זיסלעכער, אָדער זיסלעך־זויערער קוואַס מיט אַ שוים און סע שטשיפּעט באַ דער צונג. די, וואָס האָבן אַמאָל פאַרזוכט שאַמפּאַניער־ווײַן, זאָגן, אַז ס'האָט אַ טעם פון אמתן שאַמפּאַניער. און כאָטש „סיידער" איז אַן אַמעריקאַנער געטראַנק, פונדעסטוועגן ווער מאַנופעקטשורט אים? — מײַן ברודער אליהו. וואָס קאָן דען אליהו ניט? קוקט ניט דערויף, וואָס פּיניע מאַכט אים אויסצודרייען. אונדזער חבר פּיניע האָט שוין עטלעכע מאָל פּירגעהאַלטן מײַן ברודער אליהו, אַז זײַן שאַמפּאַניער האָט נאָר איין מעלה — ער איז קאַלט. ווײַטער טויג ער אַף כפּרות. קיין קאָפּ זיסקייט! ענטפערט אים מײַן ברודער אַפּ מיט אַ ווידעראַנאַנד: וויבאַלד אַז דער שאַמפּאַניער טויג ניט, הײַנט וואָס זשליאָקעט ער אים גאַנצע טעג? זאָגט אים פּיניע: „וואָס אַרט דיך, אַז איך זשליאָקע? און וויפל קאָן אַ מענטש אָנזשליאָקען? איך זאָל זשליאָקען פון גאַנץ פרי ביז אַף דער נאַכט, ווייס איך ניט, אויב איך וועל אָנזשליאָקען אַף אַ ניקל"... מישט זיך אַרײַן ברכה און זאָגט, אַז אַ ניקל גייט אויך ניט צופּוס. שטעלט זיך אַײַן טײַבל פאַר איר מאַן און זאָגט, אַז איר פּיניע איז אַ גלײַכער שותּף צו די ביז־

נעס, ווי אליהו, און א שותף מעג זיך, דאכט זיך, פארגינען אויסצוגעבן אמאל א ניקל? א גליק, וואס די מאמע איז דערבײַ. זאגט זי, מע זאל זי גילטן, וואלט זי פאר אירע זינד ניט געוואלט זיך צורירן צו אט דער אמעריקאנער משקה, וואס האט א פּנים פון סאראוועץ און א טעם פון חלשות!... ווערט א געלעכטער, און דערווײַל הערט מען אויף צו זאגן זיך שטעכווערטלעך.

— ה. —

שפּעטער, העט־העט, אין ווײַטן זומער, אז עס קומען אויף די קאַ־וועגעס (דא הייסט עס „וואטער־מעלאן"), מאכן מיר נאך מער ביזנעס. מיר צעשנײַדן דעם קאווען אף א סך שטיקלעך און פארקויפן צו סענט: א שטיקל. אז גאט העלפט א געראטענעם קאווען, מאכט מען פון אים גאלד. און עס בלײַבט נאך איבער א פּאר שטיקלעך אפן סטענד. האבן מיר א גוטע וועטשערע. ווארעם אנגעשניטענע קאווענע טאר מען ניט לאזן אף מארגן. ס'וועט פון דעם ווערן דרילים. בעטן מיר גאט, דאס הייסט, איך און מײַן חבר מענדל און פּיניע, ס'זאל בלײַבן וואס מער שטיקלעך פונעם טאג...

— ו. —

דאס איז אבער אלץ אזעלכע זאכן, וואס האבן אף זיך א צײַט, א סיזען. גייט אוועק דער זומער — איז אויס שאמפּאניער, אויס וואַ־טער־מעלאן! דערפאר איז סיגארעטלעך א סחורה, וואס ווייס ניט פון קיין סיזען. סיגארעטלעך גייען א גאנץ קײַלעכיקן יאר. און מיר מאכן מיט דעם גאנץ גוטע ביזנעס. פאראן אלערליי סיגארעטן. פאראן צו סענט א שטיק. און פאראן צוויי שטיק פאר א סענט. סיגארעטן איז אויך אזא ארטיקל, וואס מע קאן אמאל א נאש טאן, פארררייכערן א סיגאַ־רעטל בסוד, קיינער זאל ניט זען. דא זאגט מען ניט רייכערן, דא זאגט מען „סמוקען". באדארף זיך טרעפן א מעשה — איך האב איינמאל אוועקגעשלעפּט א סיגארעטל, און מיר האבן דאס פארררייכערט. איך און מײַן חבר מענדל. איך א ציי, ער א ציי. און עס וואלט אפּגעלאפן גלאט. איז דאך אבער דא א ברכה אף דער וועלט. האט זי באדארפט דערשמעקן,

אַז מיר סמוקען אַ סיגאַרעטל. גייט זי און דערציילט דאָס אליהון. האָט מיר מײַן ברודער געגעבן אַ סיגאַרעטל — אַז איך וועל דאָס געדענקען! אים האָט שוין ניט אַזוי געאַרט דאָס סיגאַרעטל, ווי דאָס, וואָס ס'איז געווען שבת. פּייסי דעם חזנס יִנגל זאָל רייכערן אום שבת — באַדאַרף מען אים הרגענען! פֿאַר אַזאַ זאַך האָט שוין אַפֿילו די מאַמע צוגעגעבן, אַז דער הונט איז ווערט דעם שטעקן... פֿון דעמאָלט אָן סמוקען מיר שוין ניט קיין סיגאַרעטן. איך קאָן שוין גאָר אַפֿילו דעם ריח ניט פֿאַר־טראָגן...

— ז. —

אויסער סיגאַרעטן האָבן מיר אַף אונדזער סטענד פּייפּערס צו פֿאַר־קויפֿן, יִדישע גאַזעטן און זשורנאַלן. קיין גרויסע ביזנעס מאַכן מיר ניט מיט זיי, דערפֿאַר האָט אָבער אונדזער חבר פּיניע וואָס צו לייענען. ער לאָזט ניט דורך איין פּייפּער. שטעקט ער אַרײַן די נאָז, איז אים שווער אָפּצורײַסן. עס ציט אים, זאָגט ער, צו די פּייפּערס, ווי אַ מאַג־נעט. ער האָט שטאַרק חשק אַליין עפּעס אַרײַנשרײַבן אין די פּייפּערס. ער איז שוין געווען אַף איסט־בראָדוויי, דאָרט ווו די פּייפּערס דרוקן זיך, עטלעכע מאָל. וואָס ער האָט דאָרטן געטאָן — זאָגט ער ניט. איך האָב מורא, אַז ער האָט געבראַכט צו טראָגן אַהינצוצו אַ פּאָר פֿון זײַנע לידלעך. מחמת אַז מע ברענגט דעם באָנטש מיט פּייפּערס, כאַפּט זיך צו דעם פֿריִער פֿון אַלעמען אונדזער חבר פּיניע. ער זוכט און נישטערט אין אַלע ווינקעלעך, די הענט ציטערן אים אַזש. דערנאָך כאַפּט ער זיך אויף און לאָזט זיך לויפֿן אַף איסט־בראָדוויי. פֿרעגט אים מײַן ברודער אליהו: וואָס האָט ער צו טאָן אַף איסט־בראָדוויי? זאָגט אים פּיניע, אַז ער זוכט אַ ביזנעס. פֿרעגט אים אליהו: מיר טוען דען ניט קיין ביז־נעס? ענטפֿערט אים פּיניע: אָט דאָס הייסט אויך אַ ביזנעס? אַ גאַנצע משפּחה פֿון זיבן עסערס אַף איין שטיקל סטענד — אויך מיר אַ ביז־נעס!... פֿרעגט אים אליהו: וואָסערע זיבן עסערס? רעכנט אים פּיניע אויס אַף די פֿינגער: ער און זײַן טײַבל איז ניט צוויי. אליהו און זײַן ברכה איז ניט פֿיר. די מאַמע איז ניט פֿינף. און ביידע קטנתים — איז ניט זיבן. די „קטנתים" — דאָס מיינט ער מיך און מײַן חבר מענדל.

— ח. —

פֿאַרדריסט עס מײַן מאַמען. זי שטעלט זיך אײַן פֿאַר מיר און פֿאַר מײַן חבר מענדל. זי זאָגט, אַז מיר פֿאַרדינען אונדזער שטיקל ברויט גאַנץ כשר. וואָרעם פֿאַרטאָג, אײדער דער סטענד ווערט געעפֿנט, צעטראָגן מיר שוין דעם מאָרגן־פּײפּער צו אונדזערע קאַסטאָמערס. דערנאָך גייען מיר אין סקול (יאָ, מיר גייען שוין אין סקול). און אַז מיר קומען פֿון סקול, העלפֿן מיר אַטענדן די ביזנעס. אַזוי, טאַקע מיט דעם לשון, זאָגט די מאַמע. זי רעדט שוין אויך העכער האַלב אַפֿן היגן לשון. אַ „קיך" און אַ „הון" זאָגט זי שוין ניט. זי זאָגט שוין אַ „טשיקען" און אַ „קיטשען". נאָר וואָס דען? בײַ איר קומט נאָך אויס פֿאַרקערט: אַ „קיך" איז בײַ איר אַ „טשיקען". און אַ „הון" איז בײַ איר אַ „קיטשען". „איך גיי, זאָגט זי, אין טשיקען אויסזאַלצן די קיטשען"... לאַכט מען פֿון איר. לאַכט זי אויך. „אַ דאגה — זאָגט זי — יאַק ריידעלע טאַ ריידעלע, אַבי דאָברע מיינעלע"... אַנו, זײַט אַ בריה און זעצט דאָס איבער אַף ענגליש!...

XVI

העללאָ, לאַנדסמאַן!

— א. —

לויפן מיר איינמאָל פאַרטאָג, איך און מײַן חבר מענדל, מיט די פרישינקע פּייפּערס צו אונדזערע קאַסטאָמערס. פלוצים דערפיל איך אַ זעץ פון הינטן אין פּלייצע און איך הער עמעצער רופט אויס:

— העללאָו, לאַנדסמאַן!

דריי איך מיך אום און טו אַ קוק — ס'איז מאָטל! „מאָטל דער גרויסער". דאָס איז דער מאָטל, וואָס האָט זיך אַרומגעשלעפּט מיט אונדז אַמאָל איבער דער וועלט. אין קראָקע מיט לעמבעריג, אין ווין און אין אַנטווערפּן. אויב איר געדענקט, האָט ער מיך אויסגעלערנט שטעלן אַ גוּ־בערנאַטאָר אין זײַט אַרײַן און איז געווען אַ בויכריידער. ער איז אַוועק מיט דער כאַליאַסטרע אַ סך פריִער פון אונדז. אַז מיר האָבן זיך נאָך אַרומגעבלאָנקעט איבערן לאָנדאָנער ווײַטשעפּעל, איז ער שוין געווען דאָ אין אַמעריקע אָללרײַט. דאָס הייסט, ער האָט שוין געהאַט אַ דזשאַב אין אַ קלינינג־סטאָר, און ער האַלט נאָך איצט אויך אָן דעם דזשאַב. פרעג איך אים: „וואָס איז דאָס פאַר אַ דזשאַב?" דערקלערט ער מיר, גייענ־דיק, אַז דאָס איז אַ מין קלינינג־פעקטאָרי, וווּ מען רייניקט מלבושים. דהײַנו, ווי־אַזוי? מע נעמט אַרײַן, זאָגט ער, אַ פּאָר צעקנייטשטע תּחתּו־נים און אַזאַ מאַשין צווישן צוויי פּרעספּליגלען. דורך אַ באַזונדער איי־וועלע ווערן די פּרעספּליגלען גוט אָנגעוואַרעמט. אַ מענטש טוט אַ דריי — אויסגעפּרעסט אַ פּאָר הויזן!

— ב. —

— און וואָס איז אײַער דזשאַב? — פרעגט מאָטל דער גרויסער בײַ מיר און מײַן חבר מענדל.

— מיר דעליווערן, זאָג איך, ניוס־פּייפּערס. מיר צעטראָגן, זאָג איך,

צײטונגען צו אונדזערע קאַסטאָמערס, אײדער מיר גײען אין סקול. און אַז מיר קומען, זאָג איך, פֿון סקול, העלפֿן מיר אַטענדן די ביזנעס. מיר האַלטן, זאָג איך, אַ סטענד אויף קאָרנער, און מיר מאַכן אַ לעבן...

— אָהאָ! — זאָגט מאָטל דער גרויסער. — דו רעדסט שוין ניש־קשהדיק ענגליש. וויפֿל מאַכט איר, זאָגט ער, אַ וואָך, אַזעלכע צוויי ביזנעסלײַט, ווי איר?

— אין דורכשניט, אַרום און אַרום, — זאָג איך — קאָנען מיר אויסשלאָגן אַ טאָלער אַ וואָך. און אַמאָל אַ טאָלער און אַ קוואָדער...

— און דאָס אַלץ? — רופֿט זיך אָן מאָטל דער גרויסער מיט גדלות. — איך פֿאַרדין אַליין דרײַ טאָלער אַ וואָך... וואָס איז די נײַעס פֿון דעם דאָזיקן דזשענטלמאַן? — מאַכט מאָטל און ווײַזט אָן אויף מײַן חבר. זאָג איך, אַז ער הייסט מענדל. צעלאַכט זיך מאָטל און זאָגט, אַז מענדל איז פֿע! וואָס פֿאַר אַ נאָמען מענדל? „וויאַזוי זשע דען, פֿרעג איך אים, זאָל ער הייסן?”... פֿאַרטראַכט זיך מאָטל אויף אַ ווײַלע און זאָגט, אַז ער וואָלט באַדאַרפֿט בעסער הייסן מייק, ניט מענדל. מייק איז שענער. זאָג איך: „וויאַזוי זשע רופֿט מען דיך?” זאָגט ער: „מעקס”. זאָג איך: „וויבאַלד אַזוי, דאַרף איך דאָך אויך הייסן מעקס. איך הייס דאָך אויך מאָטל”. זאָגט ער: „שור הייסטו מעקס”. און ער געזעגנט זיך אָפּ מיט אונדז:

— גוד באַי, מעקס! גוד באַי, מייק!

און מיר ריידן אָפּ, אַז נעקסטן זונטיק זעען מיר זיך אין מוווינג־פּיקטשורס. מיר גיבן זיך איינס דאָס אַנדערע די אַדרעסים און מיר צע־גייען זיך איטלעכער אין זײַן וועג אַרײַן.

— ג. —

זונטיק נאָך דינער גייען מיר, איך און מײַן חבר מייק, וואָס האָט ניט לאַנג געהייסן מענדל, אין מוווינג־פּיקטשורס זען דעם גרויסן מוווינג־סטאַר טשאַרלי טשאַפּלין. מײַן ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיניע גייען אויך מיט אונדז. דעם גאַנצן וועג ריידן זיי וועגן טשאַרלי טשאַפּ־לין. וואָס פֿאַר אַ גרויסער מענטש ער איז, וויפֿל ער קריגט באַצאָלט, און אַז ער איז אַ ייִד. נאָר אַזוי ווי די צוויי קאָנען זיך קיינמאָל ניט אויסגלײַכן מיט די מיינונגען, וואָס איינער זאָגט, דרינגט דער אַנדערער

קאפויר, פרעגט מײַן ברודער אליהו: מיט וואָס איז טשאַרלי טשאַפּלין אַזוי גרויס? ענטפֿערט אים פּיניע, אַז טויזנט טאָלער אַ וואָך צאָלט מען ניט גלאַט אַבי וועמען... פרעגט אים אליהו: פֿון וואַנען ווייס ער? ער האָט געציילט זײַן געלט? זאָגט אים פּיניע, אַז ער האָט געלייענט אין די פּייפּערס. און פֿון וואַנען ווייס מען, אַז טשאַרלי טשאַפּלין איז אַ ייִד? זאָגט אים פּיניע, אַז סע שטייט אַזוי אין די פּייפּערס. פרעגט אים ווידער אליהו: פֿון וואַנען ווייסן דאָס די פּייפּערס? זיי זײַנען גע־ווען אױף זײַן ברית? זאָגט אים פּיניע: די פּייפּערס ווייסן אַלץ. למאי פֿון וואַנען ווייס מען, אַז טשאַרלי טשאַפּלין איז אַ שטומער פֿון געבוירן? און אַז ער קאָן ניט שרײַבן, ניט לייענען? און אַז זײַן טאַטע איז געווען אַ שיכור? און אַז אַליין איז ער געווען אַ קלאָון אין אַ צירק? הערט אים אויס אליהו און זאָגט מיט אַ קאַלטן לונג־און־לעבער: „און אפשר איז די גאַנצע מעשה אַ ליגן?"... ווערט פּיניע אָנגעצונדן און זאָגט אױף מײַן ברודער, אַז ער איז אַ ייִד אַ נודניק... און איך האַלט מיט פּיניען. כאָטש אליהו קער מיר אָן אַ לײַבלעכער ברודער, נאָר אַ נודניק איז ער. וואָס אמת איז אמת...

— ד. —

מיר זײַנען נאָרוואָס צוגעגאַנגען צו דער קאַסע קויפֿן טיקעטס, דער־הערן מיר אַ קול:

— האַו דו יו דו, מעקס? האַו אַר יו, מייק?

דאָס איז געווען מאָטל דער גרויסער, וואָס זײַן נאָמען איז שוין ניט מאָטל, נאָר מעקס.

— קויפֿט ניט קיין טיקעטס, — זאָגט אונדז מעקס — איך טריט אײַך הײַנט מיט טיקעטס... דאָס הייסט, ער נעמט אונדז אױף זײַנע הוצאות. און ער ציט אַרויס פֿון קעשענע אַ האַלבן טאָלער און טוט אים אַ וואָרף דעם מיידל, וואָס זיצט באַם פֿענצטערל, און הייסט זיך געבן דרײַ טיקעטס אַבסטערז, דאָס הייסט, פֿון אויבן, אױף דער גאַלערייע.

— ווער איז דער שלים־מזל? — פרעגט אליהו באַ אונדז. דער־ציילן מיר אים, ווער דאָס איז. באַטראַכט אים אליהו פֿון אויבן ביז אַראָפּ און פרעגט אים, פֿאַרוואָס גיט ער אים ניט אָפּ קיין שלום־עליכם?

— צי דו ביסט שוין געוואָרן אַזוי גרויס אין אַמעריקע, אַז עס שטייט דיר שוין ניט אָן צו ריידן אַ ייִדיש וואָרט?...

ענטפערט אים ניט מאָטל דער גרויסער, דאָס הייסט מעקס, קיין וואָרט אַפילו. נאָר עס דערהערט זיך אַ קוויטש פון דער דרויסן־טיר, ווי עמעצער וואָלט אַרײַנגערעדט פון דער סטריט:

— אידיאָט!

מיר אַלע דרייען אויס די פּנימער צו דער טיר און מיר זעען קיי־נעם ניט. מיר באַטראַכטן זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרוווּנדערט. טוט זיך אַ וואָרף צו דער טיר פּרוּער אליהו, און נאָך אים פּיניע — ניטאָ קיינער באַ דער טיר. זיי קוקן אַף דער סטעליע, זיי באַזוכן אַלע ווינ־קעלעך — ניטאָ קיין נפש. ווער קאָן דאָס זײַן? דער חברה־מאַן מאָטל, וואָס הייסט שוין מעקס, נעמט אונדז, מיך און מײַן חבר מענדל אָדער מייק, פאַר די הענט, און אַלע דרײַ קלעטערן מיר אַרויף אַפּסטערז. דאָרטן זאָגט ער אונדז אויס דעם סוד, אַז דאָס האָט ער, מעקס, דורכן בויך אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „אידיאָט". און ער חזרט דאָס איבער גייענדיק נאָכאַמאָל. און עס פעלט אָן אַף אונדז ביידן אַזאַ געלעכטער, אַז קוים וואָס מיר קאָנען דערנאָך אײַנזיצן און זען די קונצן פון טשאַרלי טשאַפּלין.

— ה. —

זײַט איר לעבט האָט איר נאָך אַזאַ פאַרשלעפּטע קרענק ניט געזען, ווי מאָטל דער גרויסער, אָדער מעקס. דאַכט זיך, מע באַדאַרף ניט האָבן קיין גרעסערן קונצנמאַכער, ווי טשאַרלי טשאַפּלין, מאַכט אים נאָך מעקס מיט אַלע פּישטשעווקעס. אַרויסגייענדיק פון טעאַטער, איז זיך מיישב מעקס און קלעפּט זיך אָן אַ פּאָר קורצע שוואַרצע וואָנצעלעך, ווי באַ טשאַרלי טשאַפּלין. דאָס קאַפּעליושל האָט ער אָנגערוקט, ווי טשאַרלי טשאַפּלין. די פיס אויסגעדרייט, ווי טשאַרלי טשאַפּלין. און דאָס גענגעלע מיטן דרייען פונעם הינטן, מיטן מאַכן פונעם שטעקעלע — צוויי טראָפּן וואַסער טשאַרלי טשאַפּלין! מײַן חבר מענדל, אָדער מייק, האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן. ער האָט אים אַרומגעכאַפּט קושן. און אַלע מענטשן, וואָס זײַנען געשטאַנען באַם טעאַטער אין דרויסן, האָבן אונדז נאָכגעטײַטלט מיט די פינגער: „אָן גייט דער צווייטער טשאַרלי טשאַפּלין"... איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז אַפילו אַזאַ ערנסטער מאַן, ווי מײַן ברודער

אליהו, האָט זיך געהאַלטן באַ די זײַטן לאַכנדיק. מײַן ברודער אליהו האָט אָבער לאַנג ניט געלאַכט. אין איין מינוט איז אים פאַרשטערט געוואָרן דאָס געלעכטער. וואָס איז די מעשה? די מעשה איז, וואָס פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קול, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס, עפּעס ווי פון אַ קעלער:

— אי־די־יאָט!

— ז. —

און אַלע האָבן זיך אָנגעבויגן, אַרײַנגעקוקט אין קעלער אַרײַן, וועלכן מיר זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען. אַלע האָבן מיר זיך אײַנגעהערט. מעקס האָט זיך אויך אײַנגעהערט גלײַך מיט אַלעמען, גלײַך ווי ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן... און פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ קול, שוין ניט פון הינטן, נאָר פון אויבן, עפּעס ווי פונעם דאַך אַראָפּ:

— אי־די־יאָט!!...

פריִער אליהו און דערנאָך אַלע האָבן פאַרריסן די קעפּ אַרויף, אַפן דאַך. מעקס האָט אויך געקוקט אַרויף. און דאָס האָט געהאַט דעם זיבעטן חן. איך און מײַן חבר מייק, וואָס האָבן געוווּסט, פון וואַנען די קולות גייען, האָבן זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָבן מיטאַמאָל אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.

— ח. —

דאָס האָט שוין מײַן ברודער אליהו פאַרדראָסן. ווען דאָס זאָל ניט זײַן אין ניו־יאָרק אַף דער סטריט, וואָלט מיר שוין אַרײַנגעפלויגן אַ פײַנע פּאָר פּעטש אין ביידע באַקן. מײַנע אויערן וואָלטן זיך אויך ניט גענאַרט. נאָר אַזוי ווי דאָס איז געווען אין מיטן ניו־יאָרק אַף דער סטריט, האָט זיך אליהו באַגנוגנט נאָר דערמיט, וואָס ער האָט אונדז ביידע גוט אויסגעשאָלטן, מיך און מײַן חבר מייק. און נאָכדעם האָט ער גענומען אונדז זאָגן מוסר. ער האָט אונדז אָנגעוויזן אַף מאָטל דעם גרויסן, דאָס הייסט — אַף מעקסן.

— נעמט אײַך אַראָפּ אַ מוסר, — האָט אונדז אליהו געזייפט די פּנימער, — לערנט זיך פון אײַערס אַ חבר... אַ בחורל גלײַך מיט אײַך, פאַרוואָס לאַכט ער ניט אַזוי, ווי איר?...

— אי־די־יאָט! — האָט זיך דערהערט ווידעראַמאָל הינטער אליהוס

פלייצעס. אליהו האָט זיך אויסגעדרייט צוריק. אַף אים קוקנדיק, האָט זיך אויסגעדרייט אונדזער חבר פיניע. און מיר אַלע נאָך אים. און מעקס האָט זיך אויך געגעבן אַ דריי אוים צוריק. איך און מייק זיינען שיער ניט צעזעצט געוואָרן פאַר געלעכטער.

— ח. —

„אין אמעריקע ריידן די שטיינער״... אַזוי האָט זיך אויסגעדריקט אונדזער חבר פיניע. ער וואָלט נאָך אַ בעלן געווען וויסן, וועמען רופט מען דאָס „אידיאָט״? רופט זיך אָן מיין ברודער אליהו:

— ווער עס פרעגט, דער איז עס...

ווי דערשטוינט איז ער אָבער געוואָרן, אַז פון אונטער דער ערד האָט זיך פלוצים דערהערט אַ פאַרטומפּט קול:

— איר האָט אַ טעות, רב אליהו! ביקאָז דאָס זייט איר אַליין טאַקע דער איַ־די־יאָט! —

— ט. —

פון דעמאָלט אָן גייט שוין מער ניט מיין ברודער אליהו אין די מוווינג־פּיקטשורס און וויל ניט הערן פון טשאַרלי טשאַפּלין.

XVII

מיר גייען פֿאַרגרעסערן די ביזנעס

— א. —

אין אַמעריקע האָט מען פֿײַנט שטיין אויף איין אָרט. אין אַמעריקע גייט מען פֿאָרווערטס. דאָס הייסט, מע וואַקסט, מע ווערט וואָס אַ טאָג גרעסער... די ביזנעס, וואָס מיר האָבן געמאַכט אויף אונדזער סטענד, האָבן ניט געטראָגן אויף אויסצוהאַלטן אַ משפּחה פֿון, קיין עין־הרע, זיבן פֿאַרשוין. האָבן מיר גענומען זוכן אַ גרעסערע ביזנעס. שוין ניט קיין סטענד, קיין טישל הייסט דאָס. אין אַמעריקע באַדאַרף מען לאַנג ניט זוכן. מע דאַרף נאָר נאָכקוקן, ווי איך האָב אײַך שוין דערציילט, אין די פּייפּערס. דאָרט געפֿינט איר וואָס אײַער האַרץ גלוסט. טאַקע פֿון פֿייגל־מילך. דער חסרון איז, וואָס פֿאַר אַן אײַנגעפֿירטע ביזנעס הייסט מען זיך גוט באַצאָלן. אַ נאָמען קאָסט געלט. פֿאַר דער פֿירמע באַדאַרף מען אַמאָל מער באַצאָלן, ווי פֿאַר דער סחורה. אַ סימן האָט איר, אַז אַפֿילו אונדזער סטענד, וואָס האָט אונדז אַרײַנגעבראַכט קוים צען טאָלער אַ וואָך, האָבן מיר אויך פֿאַרקויפֿט פֿאַר גוט געלט — נאָר צוליב דער פֿירמע. אַ גרינהאָרן האָט דאָס בײַ אונדז אָפּגעקויפֿט. ער האָט זיך אַפֿילו ניט שטאַרק נאָכגעפֿרעגט בײַ אונדז, וויפֿל מיר מאַכן. אים איז געווען גענוג צו זען, אַז זיבן נפֿשות דרייען זיך אַרום איין סטענד און מאַכן אַ לעבן. מסתּמא איז דאָס אַ „ביזנעס"...

— ב. —

דעם סטענד האָבן מיר פֿאַרקויפֿט מיט דער גאַנצער סחורה, מיט די בעסקעטס, מיט די כּלים און אַפֿילו מיט דער שאָו־קייס. נאָך דעם סוד, ווי־אַזוי מע מאַנופֿעקטשורט סאָדע־וואַסער, אַלערליי סיראָפּן, און,

איבערהויפּט, וויאַזוי מע מאַכט דעם געטראַנק, וואָס מע רופט אים „סײַ־דער” — דאָס האָט מײַן ברודער אליהו ניט געוואָלט אויסזאָגן פאַר קיין געלט ניט. ער האָט געזאָגט, אַז איטלעכער מאַנופעקטשורט דאָס, ווי ער פאַרשטייט. למאי ער מאַנופעקטשורט ווײַן אויף פּסח? מײַן ברודער אליהוס פּסחיקער ווײַן האָט אַ שם אין אַמעריקע. קוקט ניט דערויף, וואָס ער מאַנופעקטשורט אים ערשט דאָס ערשטע יאָר. אַלע אונדזערע באַקאַנטע, וואָס דאַווענען מיט אונדז שבת אין אונדזער כתריל־עווקער שול, האָבן אונדז צוגעזאָגט, אַז ווײַן אויף פּסח וועלן זיי ניט נעמען אין ערגעץ, נאָר בײַ אונדז. אונדזער חבר פּיניע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג און צע־פּויקט איבער ניו־יאָרק, אַז מײַן ברודער אליהו מאַנופעקטשורט פּסחיקן ווײַן — מעג אים טרינקען דער פּרעזידענט. אויף צו פּויקן איז אונדזער פּיניע אַ מזיק. דאָ ווערט דאָס אָנגערופן: „אַדווערטייזן”. פּיניע זאָגט, אַז דערויף, דאָס הייסט אויף אַדווערטייזמענטס, שטייט אַמעריקע. איט־לעכער סוחר מעג לויבן זײַן סחורה. יעדער אַרבעטער מעג אַדווערטייזן זײַן מלאכה. די גאַנצע וועלט מעג וויסן, אַז מײַן געטראַנק איז זויער־עסיק. נאָר איך מעג מיר אַדווערטייזן, אַז ס'איז זיסער פון צוקער. אוי־מעגט זײַן איבערצײַגט, אַז מײַן אַרבעט איז ניט ווערט קיין פּעני. נאָר איך קאָן עס מיר שאַצן, אַז ס'האָט די ווערט אַ מיליאָן. עס איז אַמע־ריקע. אַ פרײַע מדינה.

— ה. —

שטאַרק אויסגעפּויקט און צעאַדווערטייזט איבער גאַנץ „דאַון־טאַון” מײַן ברודער אליהוס פּסחדיקן ווײַן, האָט אונדזער חבר פּיניע אָוועקגע־רופן מײַן ברודער אויף אַ זײַט און האָט אים אַזוי געזאָגט:

— הער זשע אויס, אליהו. איך האָב דיר אַדווערטייזט דײַן פּסחדיקן ווײַן, וואָס מע דאַרף נישט בעסער. זע־זשע, איך זאָל נישט האָבן דורך דיר קיין בזיונות. וואָרעם דו קאָנסט אָנמאַנופעקטשורן אַזאַ ווײַן, ער זאָל זײַן אַזוי געשמאַק, ווי דײַן געטראַנק אין דער אַלטער היים... זאָלסטו געדענקען, אַז דאָס איז אַמעריקע, און דאָ טרינקט מען ווײַן, נישט קיין קוואַס...

דאָ האָט זיך מײַן ברודער אליהו געפונען באַליידיקט און האָט נישט געוואָלט ענטפערן פּיניען קיין וואָרט אפילו. פאַר אים האָט שוין אָפּגע־

ענטפערט ברכה. מײַן שװעגערן האָט אָפּגעצװאָגן אונדזער חבר פּיניע מיט אַ הייסן אָקראָפּ. זי האָט זיך אָנגערופן און האָט אַזוי געזאָגט:

— עמעצער, אַ פרעמדער, זאָל שטיין בײַ דער זײַט און הערן אַזעלכע װערטער, װאָלט ער זיכער געקאָנט מיינען, אַז אין אַמעריקע זײַנען לויטער מיוחסים און סטעקראַטן, װאָס טרינקען נישט קיין אַנדער משקה, אַ חוץ װײַן, און באָדן זיך אין האָניק און אין שמאַלץ און אין אַלדאָס גוטס... לאָם איך האָבן די גליקלעכע יאָר, װיפל קװאָרט סאָראָװעץ און ראָסל פון אוגערקעס עס װערט דאָ אױסגעטרונקען אַ טאָג!... איך האָב אַליין געזען מיט מײַנע אייגענע אױגן אַז אַלרײַטניטשקע פון גרענד סטריט האָט באַשטעלט אַן עמער עפּלקװאָס מיט אַ מאה זױערע עפּעלעך, קיסליצעס... און די ברכות זאָל איך האָבן, װאָס די קיסליצעס זײַנען בעסער און געשמאַקער פון די היגע אָרענדזשעס מיט די גרייפּ־פרוטס, װאָס מע װייס אפילו נישט, װי אַזוי מע שנײַדט דאָס און מיט װאָס מע עסט דאָס...

איך גיב נישט איבער ביזן סוף אַלצדינג, װאָס ברכה האָט דאָ אַרויסגעזאָגט. װאָרעם ברכה, אַז זי הייבט אָן צו ריידן, װעט זי אַזוי גיך נישט אָנטשװיגן װערן. פּיניע װייס עס גלײַך מיט מיר. רוקט ער אָן דאָס היטל און נעמט דעם װעג. דאָס איז די בעסטע עצה. איך טו אויך אַזוי.

— ד. —

„קענדי־סיגאַר־סטיישאָנערי־סטאָר מיט פּינק רומס. גרויסער באַרגיין. גוטע ביזנעס. בעסטע נאַכבאַרשאַפט. אורזאַכע סינגעל. שנעל איבער־געבן". װאָס זאָגט איר אױף דער עברי? איאָ, ס'איז בײַ אײַך תרגום־לשון? מע מוז אײַך פאַרטײַטשן איטלעכס װאָרט באַזונדער. אַנישט, װעט איר נישט פאַרשטיין.

דער פּשט איז אַזוי: „עס גיט זיך איבער אַ קלייט, װוּ מע פאַר־קויפט קאָנפעקטן, סיגאַרעטן, שרײַבגעצײַג, גאַזעטן און נאָך אַזעלכע זאַכן. אַ גרויסע מציאה. מאַכט גוטע געשעפטן. די בעסטע שכנים. און מחמת דער באַלעבאָס איז נישט קיין באַװײַבטער, דעריבער גיט ער איבער דאָס געשעפט װאָס גיכער"...

דאָס האָבן מיר אַרויסגעלייענט פונעם פּייפּער, און מיר האָבן אַלע

דערפילט, אַז דאָס איז פּאַר אונדז די ריכטיקע ביזנעס. גלײַך ווי גע־מאָסטן. און מיר האָבן אָנגעהויבן גיין אָנקוקן די ביזנעס. פֿריִער זײַנען געגאַנגען די מאַנצבילן. דאָס הייסט, מײַן ברודער אליהו, אונדזער חבר פּיניע און מיר אינצווייען, דאָס הייסט, איך און מײַן חבר מענדל, וואָס מע רופֿט אים שוין מייק. אונדז זײַנען די ביזנעס געפֿעלן. דערנאָך זײַנען געגאַנגען די ווײַבער: די מאַמע, מײַן שווגערן ברכה און פּיניעס ווײַב טײַבל. איז זיי נישט געפֿעלן. איטלעכע פֿון זיי האָט געפֿונען אַן אַנדער חסרון. מײַן מאַמע האָט געזאָגט, אַז ס'איז איר צו ווײַט פֿון דער שול. דאָס הייסט, ס'איז אַף יענער גאַס אויך פֿאַראַן אַ שול. איז דאָס אָבער אַ פּרעמדע שול. נישט אונדזער כתרילעווקער שול. פֿרעגט בײַ איר אליהו, אויב אין דער שול איז דער אייגענער ייִדישער גאָט, וואָס אין יענער שול? ענטפֿערט אים די מאַמע, אַז דער גאָט איז דער אייגענער, נאָר די ייִדן זײַנען אַנדערע. זי איז צוגעוווינט צו די כתרילעווקער ייִדן. מיט כתרילעווקער ייִדן, זאָגט זי, דאַוונט זיך גאָר אַנדערש. זי קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן, ווי אַזוי וועט זי הערן אַן אַנדער בעל־תּפֿלה, נישט אונדזער הערש־בער דעם חזן?

— ה. —

דאָס איז דער מאַמעס טענות. מײַן שווגערן ברכה האָט אַף די ביזנעס אַן אַנדער חסרון: וואָס וועלן מיר טאָן, זאָגט זי, מיט אַזויפֿיל רומס? צו וואָס דאַרפֿן מיר פֿינף רומס? האָט אונדז אונדזער שכנה פּעסיע די גראָבע געגעבן אַן עצה: מיר זאָלן די איבעריקע רומס פֿאַר־דינגען. אָפּגעבן צו אַ פּאָר קוואַרטיראַנטן מיט קעסט. דאָ ווערט דאָס אָנגערופֿן: „אַרײַננעמען באָרדערס". אַ „באָרדער" הייסט אַ שכן, אַ קוואַרטיראַנט. זאָגט ברכה: „נאָך דאָס פֿעלט אונדז. האָבן צו טאָן מיט קעסט־קינדער". און טײַבל זאָגט איר נאָך איטלעכס וואָרט, ווי אַ פּאַפּוגײַ: „נאָך דאָס פֿעלט אונדז. האָבן צו טאָן מיט קעסט־קינדער"... זאָגט פּיניע צו זײַן ווײַבל: „טאָמער וואָלסטו אַמאָל געזאָגט דײַן אייגן וואָרט, נישט איבערקײַען ברכהס ווערטער?"... טרעט אַרויס ברכה און קילט אָפּ אונדזער פּיניען: „איטלעכער איז אַ מיוון אַף יענעם, נישט אַף זיך"... און טײַבל חזרט איבער: „איטלעכער איז אַ מבין אַף יענעם. נישט אַף זיך"... רופֿט זיך אָן פּיניע צו זײַן ווײַב: „וואָס וואָלסטו

גוטמאָן, ווען דו זאָלסט זײַן אַליין?״ ענטפערט אים ברכה: „וואָלט איך — זאָלט איר, לעקעך — איז מקח״... און טײַבל זאָגט איר נאָך: „וואָלט איך — זאָלט איך, לעקעך — איז מקח״... טוט פּיניע אַ שפּײַ אויס „טפו!״ — און גייט אַוועק.

— ז. —

מיינט איר, אַז נאָר מיר אַליין זײַנען געגאַנגען אָנקוקן די ביזנעס? עס האָבן זיך מטריח געווען אויך אונדזערע מחותנים, אונדזערע פרײַנט און באַקאַנטע. קודם כל איז געגאַנגען אונדזער מחותן, יונה דער בעקער. דערנאָך — זײַן ווײַב, אונדזער מחותנתטע, ריוועלע די בעקערן. ביידע מיטאַמאָל קאָנען זיי נישט איבערלאָזן די קנישעס אויף הפקר. מוזן זיי אַלעמאָל גיין איינציקווײַז. דערנאָך איז געגאַנגען משה דער אײַנבינדער. און נאָך אים — פּעסיע די גראָבע... נאָר שאַ! דאָ מוז איך מיך אַליין אונטערברעכן און זאָגן אַפן היגן לשון: „עסקיוז מי, איך האָב געמאַכט אַ מיסטייק״. אויף אונדזער מענטשלעך לשון וועט דאָס הייסן: „האָט קיין פאַריבל נישט, איך האָב געהאַט אַ טעות״. פריִער איז גע־גאַנגען אונדזער שכנה פּעסיע די גראָבע, דערנאָך ערשט איז געגאַנגען איר מאַן, משה דער אײַנבינדער. און נאָך זיי זײַנען געגאַנגען גלאַט אַ פּאָר באַקאַנטע גוטע פרײַנט, וואָס דאַווענען מיט אונדז אין איין שול, דאָס הייסט, אַ פּאָר כתרילעווקער ייִדן, וואָס פאַרשטייען אין די ביזנעס. האָט זיי דער ביזנעסמאַן נישט שיין אויפגענומען. דאָס הייסט, ער האָט זיי פּשוט דורכגעטריבן. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַזאַ גרויסע משפּחה! האָט דאָס מײַן מאַמע פאַר־דראָסן. איז זי אַוועק צו אים מיט מײַן שוועגערן ברכה. האָט אים ברכה אָפּגעשפּילט אַ וויוואַט, אַז ער וועט זי האָבן צו גערענקען! דער סוף איז געווען, אַז דער ביזנעסמאַן האָט געשוואָרן בײַ גאָט, אַז ער גיט אויף די ביזנעס נאָר צוליב דעם, וואָס ער גייט חתונה האָבן. איצט האָט ער שוין חרטה. אַז אַ ייִדענע, זאָגט ער, קאָן האָבן אַזאַ מויל, ווי אונדזער ברכה, איז נישט כדאַי צו חתונה האָבן. שוין גלײַכער, זאָגט ער, בלײַבן ביזן טויט אַ סינגעלמאַן. דאָס הייסט, אַ בחור.

— ז. —

דאָס איז אָבער נאָר געזאָגט. דער ביזנעסמאַן איז אויסגעגאַנגען פאַרקויפן די ביזנעס, פּונקט אַזוי ווי מיר האָבן געחלשט נאָך די ביזנעס. ובפרט, אַז אונדזער סטענד האָבן מיר שוין כמעט פאַרקויפט. איך זאָג „כמעט", ווײַל דער גרינהאָרן, וואָס איז געגאַנגען איבערנעמען אונדזער סטענד, האָט אונדז מיט גוואַלד אַרײַנגעשופּט צען טאָלער אַן אויפגאָב. דאָ הייסט עס אַ „דעפּאָזיט". מיר האָבן שוין חרטה געהאַט, וואָס מיר האָבן באַ אים גענומען דעם דעפּאָזיט. וואָרעם דער גרינהאָרן איז געהאַנגען איבער אונדז דעם גאַנצן טאָג, ער האָט שוין גאָרנישט געוואָלט אָפּטרעטן פון אונדזער סטענד. אַ ייִד אַ נודניק, אַ סך אַ גרעסערער נודניק פון מײַן ברודער אליהו. מײַן ברודער איז גאָלד אַקעגן אים. ער האָט זיך אַזוי אײַנגעגעסן אין די ביינער, אַז מיר האָבן אים געוואָרפן אין פּנים אַרײַן זײַן דעפּאָזיט. האָט ער אָבער ניט געוואָלט אים נעמען צוריק. ער האָט זיך פאַרליבט אין אונדזער סטענד. ער איז געווען זיכער, אַז מיר ווערן גליקלעך. „אַ גרינהאָרן בלײַבט אַ גרינהאָרן!"... אַזוי זאָגט אונדזער חבר פּיניע.

— ח. —

וואָס הייסט אַ „גרינהאָרן"? — פרעגט מיך עפּעס גרינגערס! מײַן חבר מייק ווייס אויך נישט וואָס דאָס איז. מיר הערן, אַז מע זאָגט „גרינהאָרן" — זאָגן מיר אויך. איך בין אַ בעלן געווען אַף אַ טשיקאַוועסט אָפּמאָלן דעם ייִדן, וואָס האָט אָפּגעהאַנדלט באַ אונדז דעם סטענד, מיט אַ ווײַס קרײַדל אַף די שטיינער פונעם טראָטואַר. נאָר אָפּן שטערן האָב איך אים צוגעזעצט אַ לאַנגן האָרן מיט גרינע קרײַד. האָט איר באַדאַרפט הערן די געלעכטערן, וואָס זײַנען געווען. אַלע האָבן דערקענט אונדזער גרינהאָרן און אַלע האָבן געלאַכט. אַ חוץ מײַן ברודער אליהו. ער האָט נישט געלאַכט. דאָס הייסט, שלאָגן האָט ער מיך נישט געשלאָגן. נאָר ער האָט מיך געצווונגען, איך זאָל מיט אַ נאַסער שמאַטע אָפּווישן דעם גרינהאָרן. אַנישט, וועלן מיר דאַרפן צאָלן שטראָף. פאַר יעדע זאַך צאָלט מען דאָ שטראָף. פּרוווט אַ שפּײַ טאָן אין סטריט — וואַקסט אויס אַ גאָראָדאָוואָי (דאָ הייסט ער „פּאָליסמאַן"). ער נעמט אײַך פאַר אַן אויער

אין פירט אײַך אַפּ גלײַך אין חד־גדיא אַרײַן (דאָ הייסט עס „פּאָלים־סטיישען”). און דאָרטן שטראָפירט מען אײַך אַפּ אין פינף טאָלער. זייער שטרענג אין אמעריקע!

— ט. —

קערט איר אוודאי מיינען, אַז דאָ איז אַזוי ריין און זויבער, ווי אין אַנטווערפּן, און קיינער שפּײַט נישט אַף דער סטריט? האָט איר אַ טעות. מע שפּײַט און מע בראַקעט אַף וואָס די וועלט שטייט. אמעריקע — אַ פרײַע מדינה. סײַדן אפשר אַף דער פינפטער עוועניו. און דאָס — נישט אומעטום, נאָר דאָרט, וווּ די מיליאָנערן זיצן. מיליאָנערן שפּײַען נישט. שפּײַען שפּײַט נאָר דער, וואָס ס׳איז אים נישט גוט. און דעם רײַכן איז דאָך גוט — וואָס וועט ער שפּײַען?...

XVIII

מיר מופן

— א. —

אין אַמעריקע איז אַ מנהג — מע מופט. דאָס הייסט, מע פעקלט זיך פון איין דירה אין דער אַנדערער. פון איין ביזנעס אין דער אַנדערער. יעדער איינציקער מוז מופן. מופט ער נישט מיט זײַן גוטן ווילן, מאַכט מען אים, ער זאָל מופן. דאָס הייסט, אַז איר צאָלט נישט קיין דירה־געלט (דאָ הייסט עס „רענט״), גיט מען אָן אַ אַײַך און מע וואַרפט אײַך אַרויס. ווערט דאָס אָנגערופן, אַז מע האָט אײַך אַרויסגעמופט. דעריבער טאָרט איר זיך נישט וווּנדערן, אַז מע טוט אײַך אַ פרעג: „ווען מופט איר?״ און אַז מע פרעגט אײַך, מוזט איר ענטפערן. פאַר נישט וועלן ענטפערן האָט מײַן ברודער אליהו געכאַפּט אַ פסק פון אונדזערן אַ קאָס־טאָמער, וואָס גיט אונדז צו לייזן פאַר מעטשעס (שוועבעלעך). דאָס הייסט, ער באַקומט פון אונדזער סטענד אַלע וואָך אַ באָקסל מעטשעס אָן געלט. דאָ גיט מען שוועבעלעך אומזיסט. מע דאַרף גאָרנישט וואַרטן, ביז מע וועט געבן. מע גייט צו און מע נעמט אַליין.

— ב. —

דער קאָסטאָמער, וואָס איך דערצייל אײַך, איז אַ מאָדנער מענטש. עס איז כדאי, איך זאָל אײַך אים אָפּמאָלן. ווער ער איז און וואָס ער איז — ווייסן מיר נישט. ווו ער וווינט און וואָס זײַנען זײַנע ביזנעס — ווייסן מיר אויך נישט. קיין רײַכער מאַן, ווײַזט אויס, איז ער נישט. דאָס זעט מען נאָך זײַן אויסגעריבענעם קאָט, וואָס ער בײַט אים קיינמאָל ניט איבער, נאָך זײַן אָפּגעבאַרעט קאַפּעליושל און נאָך זײַנע געלאַטעטע שיך. דערפאַר איז ער אָבער זייער אַן אַקוראַטנע מענטש. ער קומט צו

אַלע טאָג אין דער זעלבער שעה און צו דער זעלבער מינוט. ער נעמט דעם מאָרגן־פייפער, טוט אין אים אַ קוק אַריַין אויף דער ערשטער און אויף דער לעצטער פיידזש, כאַפּט אַ קוק אויך אין דער מיט פונעם פייפּער און לייגט אים אַוועק צוריק. קויפן האָט ער נאָך קיין איינציק מאָל בײַ אונדז נישט געקויפט קיין זאַך. אַ חוץ, וואָס ער נעמט אַלע וואָך אַ באָקסעלע מעטשעס אומזיסט. און אַ חוץ וואָס ער לייענט אַלע טאָג דעם מאָרגן־פייפער. האָט דאָס מײַן ברודער אליהו מסתמא פאַרדראָסן. איין מאָל אַ חכמה, צוויי מאָל אַ חכמה. אָבער נישט אַלע טאָג. איז זיך מיישב אליהו איינמאָל און טוט אים אַ זאָג:

— עס קאָסט אַ פעני...

דער קאַסטאָמער, טוט זיך זײַנס, דאָס הייסט, ער לייענט די ערשטע און די לעצטע פיידזש פונעם מאָרגן־פייפער. מײַן ברודער העכערט דאָס קול:

— עס קאָסט אַ סענט!...

דער קאַסטאָמער טוט אַ קוק אין מיטן, לייגט צונויף דעם פייפער און לייגט אים אַוועק אויפן זעלבן אָרט, ווי ער איז געלעגן.

— ג. —

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

. . . .

[אויף דעם אָרט ווערן איבערגעריסן מאָטל פייסי דעם חזנס מעשיות פון אַמעריקע. „מיר מופן" איז געווען די לעצטע זאַך, די לעצטע שורות, וואָס שלום־עליכם האָט געשריבן עטלעכע טעג פאַר זײַן אוועקגיין פון אונדז, שוין ליגנדיק אויף זײַן טויטן־בעט. ער האָט נאָך אָוועקגעשטעלט אַ גרויסן געבתיבהטן אות „ג", נאָר נאָכן גימל גייען אין מאַנוסקריפּט ליידיקע ווײַסע בלעטלעך, אַזוי אַז דער אומבאַקאַנטער „קאַסטאָמער" איז אַ נאָמען בלײַבט אומבאַקאַנט, און די אַלע ווײַטערדיקע בילדער און

טיפן פונעם ייִדיש־אַמעריקאַנישן געטאָ־לעבן, וואָס האָבן גערעגט דעם שטענדיק־וואַכנדיקן דמיון פון אונדזער גרויסן שילדערער אין זײַנע לעצטע טעג, בלײַבן פאַרשלאָסן און פאַרזיגלט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור.

וועגן דעם דאָזיקן לעצטן קאַפּיטל פון שלום־עליכמס שאַפן (און אפשר אויך וועגן דעם פריִערדיקן פאַר־לעצטן קאַפּיטל פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס אין אַמעריקאַ") איז אונדז, זײַנע הויז־מענטשן, אויסגעקומען צו הערן פון אים אַליין. דינסטיק דעם 9־טן מײַ, אין אָוונט, דאָס הייסט, פיר טעג פאַר זײַן טויט, האָט מען מיך דורכן טעלעפאָן אָנגערופן פון מײַן אַרבעט און איבערגעגעבן, אַז שלום־עליכם רופט מיך, איך זאָל באַלד קומען. פון די דאָקטוירים האָב איך געוווּסט און בין געווען זיכער, אַז דעם קראַנקנס לאַגע איז נ י ש ט ערנסט און אַז עס דאַרף נאָר נעמען עטלעכע טעג ביז ער וועט געזונט ווערן. און דאָך האָט מיך דעם גאַנצן וועג, פון דער „איסט סייד" ביז בראָנקס, געדריקט אַ מאָדנער שווערער אַנגסט. איך האָב זיך באַרויִקט ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב דערזען דאָס פענצטער פון שלום־עליכמס צימער, פון וועלכן עס האָט זיך געגאָסן אַ שטילער רויִקער שײַן.

איך האָב געטראָפן שלום־עליכמען אַפן בעט דווקא מונטער און עטוואָס אויפגעלעבט. מע האָט אים געהאַט אײַנגעגעבן נאַרונג אַף אַ קינסטלעכן אופן, ווײַל די דאָקטוירים האָבן געגלויבט, אַז דאָס איז בײַ אים אַ נערוועזע מאָגן־קראַנקייט. מיט עטלעכע שעה צוריק, נאָכמיטאָג, בין איך געווען בײַ אים אין צימער, נאָר איצט האָט ער געזאָגט, אַז אים דאַכט זיך, אַז ער האָט מיך נישט געזען שוין עטלעכע טעג. מיט אַ שוואַכן שמייכל אַפן אויסגעמוטשעטן געזיכט האָט ער דערציילט, וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע ווירקונג די קינסטלעכע נאַרונג האָט אַף אים געמאַכט — עס האָבן זיך אים ממש געעפנט די אויגן און ער זעט פאַר זיך די ליכטיקע וועלט. צווישן אַנדערס האָט ער מיך געפרעגט, צי מע וויים אין דער רעדאַקציע פון דער „וואָרהייט" (ווו ער האָט די לעצטע צײַט געשריבן), אַז ער איז קראַנק, און האָט אונדז דערציילט, אַז הײַנטיקע נאַכט (דאָס הייסט, די נאַכט פון מאָנטיק אַקעגן דינסטיק) האָט ער געשריבן, נישט קוקנדיק אַף די גרויסע יסורים, וואָס האָבן אים נישט אָפּגעלאָזט אַ מינוט נישט. „איך ליג אַזוי און ליג אַ גאַנצע נאַכט, — האָט ער דערציילט, דערבײַ שווער געכאַפּט דעם אָטעם — שלאָפן קאָן איך נישט, די געדאַנקען טראָגן... וואָס זשע איז דער תכלית אַזוי

צו ליגן? זאָג איך צו דער מאַמע: וואָס וועל איך דאָ אויסליגן? ביז טאָג איז נאָך ווײַט... אַמער, גיב אַהער די פּען און די פּאַפּקע מיטן פּאַפּיר, וועל איך כאָטש שרײַבן. שרײַבן איז מיר אַ סך גרינגער, וואָרעם סײַ ווי סײַ מוטשען די געדאַנקען, לאָזן נישט צו־רו... און אָט אַזוי פּאַוואָלינקע האָב איך אָנגעשריבן עטלעכע קאַפּיטלעך פֿון מאָטלען״...

און די עטוואָס מידע, הימל־קאָלירטע אויגן, וואָס האָבן די לעצטע טעג אָפּגעגעבן מיט אַ מאָדנע בלויקייט, אַ ריינע, אַ ווײַטע, ווי די בלוי־קייט פֿון הימל, האָבן דערבײַ אויפגעשטראַלט מיט אַ קינדיש־קינסטלע־רישער באַגײַסטערונג.

דאָס זײַנען געווען די לעצטע שורות פֿון שלום־עליכמס שאַפֿן און דאָס זײַנען געווען זײַנע לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט וועגן זײַן שרײַבן. אַף מאָרגן איז זײַן לאַגע געוואָרן ערנסט, די דאָקטוירים האָבן זיך פֿאַרלוירן, און דאָס אומגליק איז אויסגעוואַקסן נאָענט, ווי אַ כמאַרע...

דאָס לעצטע מאַנוסקריפּט „מיר מופן״, כאָטש ס׳איז געשריבן מיט שלום־עליכמס כאַראַקטעריסטישער פֿײַנער און קלאָרער האַנטשריפֿט, איז דאָך צו דערקענען, אַז ס׳איז געשריבן געוואָרן שוין נישט מיט אַ געזונ־טער לײַכטער האַנט. די אותיות זײַנען עטוואָס געצוקט און געקרימט, גייען נישט אומעטום גלײַך, נאָר דאָ גרעסער און דאָ קלענער, און זײַנען שוין נישט אַזוי פּערלדיק און געטאָקט, ווי דער בארימטער געטאָקטער פּערל־כתב פֿון שלום־עליכם. עס איז אויך כמעט נישט צו באַמערקן אין דעם דאָזיקן לעצטן כתב־יד קיין אויסגעמעקטע און פֿון־אויבן צוגעשרי־בענע שורות, אַזוי ווי ס׳איז תמיד געווען די געוווינהייט פֿון שלום־עליכם שטאַרק צו באַארבעטן און צו שלײַפֿן זײַנע ווערק. די עטלעכע קליינע קאַפּיטלעך זײַנען, אַפּנים, געשריבן געוואָרן פֿון דער ערשטער האַנט און האָבן עטלעכע טעג געוואַרט אַף זייער מײַסטער, ער זאָל זיי באַפּוצן אַף זײַן שטייגער — און האָבן זיך נישט דערוואַרט...

[אָנמערקונג פֿון י. ד. בערקאָוויטש.]

די וואַסערשטוב

[דער ערשטער וואַריאַנט פון דעם קאַפּיטל „מזל־טוב, מיר זײַנען שוין
אין אַמעריקע!‟]

געשריבן אין יאָר 1914.

די וואַסערשטוב

— א. —

א מוראדיק גרויסע שטוב, אַזוי גרויס כמעט ווי בײַ אונדז צען שטיבער, אָדער אפשר נאָך מער.

און ווײַס איז זי, די שטוב, ווײַס ווי מילך, מיט קלייניטשקע פענצ־טערלעך א סך. די פענצטערלעך זײַנען קײַלעכיק, פון ריינעם קרישטאָל און מיט רויטן באַצוויקלט.

און קוימענס האָט די שטוב צוויי גרויסע, הויכע, ברייטע, שוואַרצע קוימענס, וואָס פײַפן אַזוי שטאַרק, אַז פון איין פײַף א גוטן קאָנט איר פאַלן חלשות.

און שטיין שטייט די שטוב אַפן וואַסער. א וואַסערשטוב.

דאָס הייסט, נישט זי שטייט, נאָר זי גייט. גיך־גיך גייט זי — זי לויפט כמעט. זי שנײַדט די כוואַליעס אַף צווייען און גליטשט זיך, גליטשט זיך אַפן וואַסער. זי הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ — און מיר פאָרן, מיר פאָרן קיין אַמעריקע!

נישט מיר אַליין פאָרן קיין אַמעריקע — מיט אונדז פאָרן נאָך א סך, א סך ייִדן און ווײַבער, מיט קינדער און אָן קינדער.

און אַלע אין איין שטאָט אַרײַן. איך ווייס אפילו, ווי אַזוי זי הייסט. „נעיאָרק" הייסט די שטאָט. א גרויסע שטאָט! נאָך גרעסער פון ווין. און א ייִדישע שטאָט. א שטאָט פון סאַמע ייִדן. און ריידן רעדט מען דאָרט, ווי מע רעדט בײַ אונדז. ווי אַלע מענטשן ריידן.

מע רעדט אַף ייִדיש.

— דאַנקען און לויבן יאַשקע דעם טויבן! מע'ט פאַרשפּאָרן זיך ברעכן די צונג, ווי מע האָט זיך געבראָכן אין בראָד, אין קראָקע מיט לעמבעריג, אין ווין און אין אַנטווערפּן און אינעם שיינעם לאָנדאָן, וואָס

וואָלט שוין לאַנג געמעגט ברענען אַפן פײַער, ובפרט איצט, אַז מען זײַנען שוין דאָרט נישטאָ.

אַזוי זאָגט ברכה, מײַן ברודער אליהוס ווײַב, וואָס האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן אום־חן אַף אַלע שטעט, און מער ווי אַלע — אַף לאָנדאָן.

— ב. —

איצט ווייס איך פאַר געוויס, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע. אפילו ברכה, מײַן ברודער אליהוס ווײַב, איז מודה, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע. ביז אַהער האָט זי אַלץ נישט געוואָלט גלויבן: „מיר פאָרן און פאָרן — און שטייען אַף איין אָרט".

נאָר איר מיינט, אַז איצט איז זי שוין צופרידן? ווער — וואָס! ברכה איז קיינמאָל נישט צופרידן. זי וויל נאָר וויסן איין זאַך: ווער איז דער שלים־מזל, וואָס האָט דאָס אויסגעטראַכט אָט די דאָזיקע מדינה?

— עס וואָלט אים געמעגט — זאָגט זי — אַרויסוואָרפן און פּיניען אַרײַנוואָרפן!

דאָס מיינט זי אונדזער חבר פּיניען, וואָס פאָרט מיט אונדז קיין אַמעריקע.

וואָס האָט זי צו אים? ווײַל ער איז, זאָגט זי, דער גאַנצער חייב. ווען נישט ער, וואָלטן מיר איצטער, זאָגט זי, געזעסן אינדערהיים, ווי אַלע יידן, און וואָלטן זיך נישט געשלעפּט איבער ימים און מדבריות און וויסטעניש.

ער, פּיניע הייסט עס, האָט אַרויפגעפּירט, זאָגט זי, מײַן ברודער אליהו אַף אַ גליטש — מיר זאָלן פאַרקויפן אונדזער האַלבע שטוב און פאָרן קיין „מאַלעריקע".

— ג. —

„מאַלעריקע" — אַזוי רופט דאָס אָן מײַן שוועגערן ברכה אַלעמאָל, ווען זי איז אין כעס.

און אין כעס איז זי אָפט. כמעט נישטאָ דער טאָג, וואָס ברכה זאָל נישט זײַן אין כעס.

אַ גליק, וואָס מײַן ברודער אליהו הערט זי, ווי דעם קאָטער, און

אונדזער חבר פּיניע — דער לאַכט זיך גאָר אויס פון איר באַבע. איר געדענקט דאָך מסתמא אונדזער חבר פּיניען? אים אַז מע דערעסט זיך שטאַרק, מאַכט ער אײַך באַלד אַף יענעם אַ לידל — און טו אים עפּעס!

אַנומלטן האָט ער געמאַכט אַף איר, טאַקע אַף מײַן שווגערן, הייסט עס, אַ לידל — איז זי שיער ניט צעזעצט געוואָרן פאַר בזיון.

אָט אַזוי הייבט זיך אָן דאָס לידל:

איך האָבן אַ חבר מוחרר אליה —
באַשערט אַ מענטשן אַ הצלחה! —
האָט ער אַ ווײַב — ביז דער סטעליע
אַ שלאַק פּורעניות מרת ברכה,
קיין עין־הרע ניט, אַ גראָבע,
און אַ ברייטע, אָן אָסאָבע...

ווײַטער געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר, אַז ברכה איז אַזש געווען בלוי פאַר כעס. דעם כעס האָט זי אויסגעלאָזט צו מײַן ברודער אליהו.

דערנאָך האָט זי זיך געוואַלט נוקם זײַן אין מיר. האָט זיך די מאַמע אָנגענומען מײַן קריוודע. האָט איר ברכה געזאָגט אַ גראָב וואָרט, אויסגעוואָרפן דעם טאַטן דעם חזן. האָט זיך די מאַמע צעוויינט. האָט זיך אליהו צעשריגן אַף איר, אַז זי מאַכט אונדז אומגליקלעך. מיר זײַנען נאָך ניט פאַרטיק, זאָגט ער! וואָרעם אַז מיר וועלן אַרײַנקומען קיין אַמעריקע בשלום, וועלן מיר ערשט דעמאָלט באַדאַרפן, זאָגט ער, נאָך אַ מאָל באַווײַזן, אַז מיר האָבן, זאָגט ער, געזונטע אויגן.

נאָר איך האָב מיך אַ ביסל פאַררעדט און האָב שיער פאַרגעסן, אַז איך האָב אײַך נאָך גאָרניט דערציילט וועגן דער וואַסערשטוב.

— ד. —

אַך, ווי שיין דאָס איז! אַך, ווי גרויס! און אַך, ווי גוט מיר איז!

אַ קייסער, זאָגט מען, איז גוט. מיר — איז בעסער. דאָ בין איך בעל־הבית.

איך און דער קאַפּיטאַן. אַ מענטש אַ גבור. גאָלדענע קנעפּ מיט גאָלדענע „פּאַלעטן", און וואָנצעס מוראַדיקע, גראָבע, גרעבער ווי בערד. אין מיטן אויסגעגאָלט. אויגן — מחיהדיקע. זיי שמייכלען בײַ אים שטענ־

דיק. אפילו דעמאָלט, ווען ער בייזערט זיך. אַ דימענט פון אַ קאַפּיטאַן! איך האָב אים ליב — סכנות! איך האָב אים אָפּגעמאָלט מיט אַ בלײַערל אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, ווי ער שטייט און גייט. אַפילו מיט די וואָנצעס. נאָר איך האָב עס צעריסן — אליהו זאָל נישט דערזען. ער האָט פײַנט מענטשעלעך.

אליהו זאָגט, אַז אַ קאַפּיטאַן דאַרף קענען שווימען, ווי אַ פיש. און אונדזער חבר פּיניע לאַכט פון אים. פּיניע זאָגט, אַז אַ קאַפּיטאַן דאַרף נישט קענען שווימען. שווימען דאַרפן נאָר מאַטראָסן. אַ קאַפּיטאַן, זאָגט פּיניע, באַדאַרף נאָר זײַן קלאָר אין דער געאָגראַפיע, ווי אַ ייִד אין אשרי. אים דאַרף זײַן, זאָגט ער, קלאָר דער ים, אַזוי ווי אונדז די יבשה. ער איז מחויב, זאָגט ער, צו וויסן, וויפל דער ים האַלט אין דער לענג און אין דער ברייט און אין דער טיף. זאָגט אים מײַן ברודער אליהו: „מילא, די לענג און די ברייט — קאָן מען נאָך ווי עס איז אויסמעסטן מיט אַן אַרשין. וואָס וועסטו אָבער טאָן מיט דער טיף?" זאָגט אים פּיניע: „ביסט אַ בהמה!" זאָגט אים אליהו: „ביסט אַליין אַ פערד. למאַי זידלסטו זיך?" זאָגט אים פּיניע: „ווי אַזוי זאָל איך דיך נישט זידלען, אַז דו הייבסט נישט אָן צו וויסן, זאָגט ער, וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. אָט נעם, זאָגט ער, למשל, די שטערן אין הימל. נו, ווייס מען נישט וויפל שטערן ס'איז פאַראַן? און מע קאָן דען ניט, זאָגט ער, אויסרעכענען אַלע באַ די נעמען?" זאָגט אים אליהו: „איכל דיר זאָגן דעם אמת — איך בין אויפן הימל נאָך קיינמאָל נישט געווען, און אויפן ים פאָר איך און זע אַרויס, אַז ער האָט קיין גרונט נישט". זאָגט אים פּיניע: „נאַרעלע, נישט נאָר אַ גרונט, מע קאָן דיר אויסרעכענען אַפילו וויפל טראָפּן וואַסער געפינט זיך אין ים אַרום און אַרום". פרעגט אים אליהו שוין מיט אַ געלעכטער: „כ'וואָלט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי דו וועסט עס אויסרעכענען? סײַדן אפשר דײַן פעטער דער זייגערמאַכער וועט דיר אונטערהעלפן"...

פאַרדריסט עס שוין פּיניען, נאָר ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק. פאַר אים שטעלט זיך אײַן זײַן ווײַב טײַבל. איר קענט זי. איך האָב שוין וויפל מאָל גערעדט פון איר. איך האָב זי ליב. זי איז אַ קלייניטשקע און אַ שטילינקע. נאָר זי האָט אַ טבע — טאָמער רירט מען אָן איר פּיניען, איז חושך! האָט זי אָפּגעשפּילט מײַן ברודער אליהון אַ וויוואַט!

זי האָט אים נישט געזאָגט גאָרנישט. זי האָט אים נאָר אַ פרעג געגעבן: „מיט וואָס איז אַ בייגל־בעקער שענער פון אַ זייגערמאַכער?"

דאָס איז געווען אַ שטאָך אונדז אַלעמען אַף אונדזער מחותן יונה דעם בעקער.

אוודאי האָט דאָס אַנגעריירט ברכהן מער ווי אונדז אַלעמען. יונה דער בעקער — דאָס איז דאָך איר טאַטע, וועט זי שווייַגן? אַ גליק, וואָס די מאַמע איז דערבײַ געזעסן, האָט זי זיי קוים־קוים צענומען!

נאָר איך האָב מיך שוין ווידער פאַררעדט און פאַרגעסן, אַז מיר האַלטן בײַ דער וואַסערשטוב.

— ה. —

גוט איז נאָר אונדז! מיר און דעם קאַפּיטאַן. מיר ביידע האָבן צו שאַפן דאָ אַף אַלצדינג. ער, דער קאַפּיטאַן, הייסט עס, דאָרט אויבן בײַ די קוימענס, און איך, מאָטל פּייסי דעם חזנס זונדל, דאָ אַפן צווישנדעק.

אַף אונדזז ביידן שטייט די גאַנצע וואַסערשטוב. די שטוב מיט אירע אַלע קליינע שטיבעלעך מיט דער גאַנצער מאַשינעריע, וואָס קלאַפּט און טראַסקעט און הוידעט און פּײַפט און קרעכצט.

איטלעכער האָט זיך זײַן אַרבעט. דער קאַפּיטאַן אויבן טוט גאָרנישט. ער שטייט נאָר און רעדט דורך אַ רער צו די מאַטראָסן. און די מאַטראָסן — אַנגעטאָן אין לאַמפּאַסנדיקע לײַבלעך מיט קײַלעכיקע היטעלעך — פּיניען מיט דער נשמה. וואָס מע הייסט זיי, דאָס טוען זיי. מע הייסט זיי לויפן אַהער — לויפן זיי אַהער. מע הייסט זיי לויפן אַהין — לויפן זיי אַהין. מע זאָל זיי הייסן שפּרינגען אין וואַסער — וואָלטן זיי אויך געשפּרונגען אין וואַסער.

איר האָט באַדאַרפט זען זייער אַרבעט גאָר אין אָנהייב, באַם ברעג, איידער די וואַסערשטוב האָט גערירט פון אָרט. וויי־וויי! ווי די רוחות, ווי די מלאכי־חבלה — אַזוי האָבן זיי געאַרבעט.

קודם כל האָבן מיר באַדאַרפט דורכלאָזן די זאַכן. אַלעמענס פּעקלעך, אַלעמענס קאַסטנס און אַלעמענס בעטגעוואַנט. „באַגאַזש" ווערט עס אָנ־גערופן. אפשר צען טויזנט שטיק באַגאַזש. און אפשר מער.

און דאָס אַלצדינג האָט מען באַדאַרפט אַרויפּפּעקלען אַרויף אַפן

שיף. אַ גוטע אַרבעט! איר מיינט, מיט די הענט? חס וחלילה! ווי וועט איר נעמען אַזויפיל הענט? ס'איז פאַראַן אַ בעסערע עצה.

אַן העלפאַנט האָט איר אַמאָל געזען? אַן העלפאַנט מיט אַ לאַנגן שנאָבל? נו, איז פאַראַן אַזאַ מאַשין, אַ גרויסע מאַשין, וואָס כאַפּט דעם אָנבליק פון אַ העלפאַנט מיט אַ לאַנגן שנאָבל. אָט הייבט זיך אויף דער שנאָבל, דרייט זיך כלומרש שלעפעריק אַף אַ זייט, לאָזט זיך אַראָפּ פּאַוואָלינקע, פּאַוואָלינקע. און אַז ער לאָזט זיך אַראָפּ אַף דער ערד, טוט ער מיטאַמאָל אַ כאַפּ־אויף צען־צוואַנציק־דרייסיק קאַסטנס און קעסטלעך, דרייט זיך אוים צוריק אַרויף און לאָזט זיי אַראָפּ אַפן שיף.

דערנאָך נאָכאַמאָל זיך אויפגעהויבן, נאָכאַמאָל זיך אויסגעדרייט, אַ כאַפּ די קאַסטנס מיט די קעסטלעך, און ווידער אַפן שיף.

אָט אַזוי האָבן מיר בישלעכווייז אַריבערגעפּעקלט דעם גאַנצן באַגאַזש. מיר ביידע, איך און דער קאַפּיטאַן, זיינען נישט אָפּגעטראָטן ביזן סוף.

דערנאָך האָט זיך ערשט אָנגעהויבן בא אונדז די רעכטע אַרבעט. גיי ריר אַזאַ מאַכינע פונעם אָרט! אײ־אײ, וואָס מיר האָבן צעאַרבעט! דער קאַפּיטאַן איז נישט אָפּגעטראָטן פונעם טרייבל. די מאַטראָסן זיינען אַרומגעלאָפן ווי די משוגעים. און איך בין אַפן צווישנדעק. די הענט האַלט איך אין די קעשענעס און גיב אַכטונג אַף דער אַרבעט, ווי די וואַסערשטוב רירט וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער און אַלץ גיכער. און איך קוק אַראָפּ אין ים אַריין, און איך מיין, אַז מיין ברודער אליהו איז גערעכט:

דער ים האָט נישט קיין גרונט!

— ו. —

זינט איך לעב האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזויפיל מענטשן, איך מיין, אַזויפיל יידן, ווי דאָ, בא אונדז אין וואַסערשטוב, אַפן צווישנדעק.

— קיין עין־הרע! קיין בייז אויג! — זאָגט די מאַמע און טרערן שטייען איר אין די אויגן.

אַ סך פון זיי האָבן מיך דערקענט. און אַ סך האָב איך דערקענט. איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב זיי געזען — איך געדענק שוין

נישט ווו: צי אין קראָקע, צי אין לעמבעריג? צי אין ווין באַ דעם „אַליאַנץ", צי אין אַנטוועדפּן באַ דער „עזרה"? מע באַדאַרף אַ פּרעג טאָן באַ דער מאַמע. זי קער ווימן. נאָר איך וועל נאָך צײַט האָבן שפּעטער. דערווײַל דאַרף מען פאָרן. האָב איך מיך אָוועקגעזעצט אױף אַן אײַזערנער טומבע רײַטנדיק און קוק גאָר אין הימל אַרײַן.

איך ווייס נישט, צי איז דאָס הימל, צי איז דאָס וואַסער? אָט איז עס, דאַכט זיך, הימל, און אָט איז דאָס וואַסער, און אָט איז דאָס שוין ווידער הימל. און די וואַסערשטוב מיט אַלע מענטשן און מיט אַלע זאַכן הייבט זיך אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און מיר פאָרן, מיר פאָרן — קיין אַמעריקע!

האָב איך אָבער פּײַנט זיצן ליידיק. שטיי איך אויף און לאָז מיך באַטראַכטן די וואַסערשטוב פון אַלע זײַטן. זע איך מענטשן, אין רויטע זשילעטן אָנגעטאָן און מיט גאָלדענע קנעפּ.

די דאָזיקע מענטשן זײַנען געשטעלט געוואָרן אױף צו באַדינען אונדז. זיי הייסן דאָ אַ מאָדנעם נאָמען. „סטיו־וואָרטס" רופט מען זיי. און זייער עובדה איז: זיי טראָגן אַרום אין גרויסע בעקנס כּלערליי מינים עסנ־וואַרג און פלעשלעך מיט משקה און סיפאָנעס מיט זעלצערוואַסער און מיט לימענאַדע.

איך האָב ליב לימענאַדע דאָס חיות! אין לאָנדאָן האָב איך מיך באַקענט מיט דער דאָזיקער משקה. דאָרטן רופט מען דאָס „לעמאָנעיד". האָט זיי מײַן שוועגערן ברכה אויסגעלאַכט מיט זייער לשון. אַז פּײַף איז באַ זיי פּינף, אַ קאָפּיקע איז אַ פּעני, טײַמעס איז צײַט און לימענאַדע איז גאָר „לעמאָנעיד" — מעג עס ניט ברענען אָפּן פײַער?

אַזוי זאָגט ברכה. און איך זאָג: לאָז זײַן לימענאַדע, לאָז זײַן לעמאָנעיד, אַבי ס'איז גוט. ס'איז זיס און סע שטשיפּלט באַ דער צונג.

איין חסרון האָט עס — מע באַדאַרף דערפאַר צאָלן. און צאָלן איז מײַן ברודער אליהו (ער איז דאָך דער קאַסירער) קיין בעלן נים. ער זאָגט, אַז אַ שיפסקאַרטע איז שוין מיט אַלעמען, מיט עסן און מיט טרינקען און מיט אַלצדינג.

אַך, וואָס פאַר עסן, וואָס פאַר אַ טרינקען מע גיט אונדז דאָ! דרײַ מאָל אַ טאָג. פיר מאָל אַ טאָג. פינף מאָל אַ טאָג. עס האָט גאָר קיין שיעור נישט. און צום מײנסטן עסן מיר דאָ „פּעטעיטעס".

איך זע אָבער, איר ווייסט נישט, וואָס הייסט עס „פּעטעיטעס“. וואָס איז דאָס? און מיט וואָס עסט מען דאָס?

עסן עסט מען דאָס מיט ברויט און מיט געבראָטענעם הערינג, און אַ טעם האָט דאָס פון קאַרטאָפלעס.

דאָס הייסט, ס׳איז טאַקע אונדזערע קאַרטאָפלעס, נאָר דאָ הייסט עס „פּעטעיטעס“.

מײַן שוועגערן ברכה זאָגט אפילו, זי זאָל האָבן די ברכות, וואָס אונדזערע קאַרטאָפלעס זײַנען בעסער און זיסער און געשמאַקער. נאָר ווער האָרכט זי, וואָס זי זאָגט? אפנים, ס׳איז דען פאַראַן אַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל איר געפעלן?

איך האָב מורא, אַז זי וועט קומען קיין אַמעריקע, זאָל איר אַמעריקע חלילה אויך נישט געפעלן.

וואָס דאַרפט איר מער — אַז אפילו די וואַסערשטוב, וואָס מיר פאָרן אויף איר, זאָגט זי אויף איר אויך אַ חסרון. איך זאָל האָבן די ברכות, זאָגט זי, וואָס בײַ אונדזער לייזערן אין בויד איז בעסער! דאָרטן, זאָגט זי, אַז מע פאָרט, פאָרט מען. און דאָ שלעפּט מען זיך און מע שלעפּט זיך און סע נודעט אַרויס די נשמה. דער מאַמעס מילך, זאָגט זי, האָב איך זיי שוין אָוועקגעגעבן!...

— ז. —

דאָס מיינט זי די קרענק, וואָס מיר האָבן געקרענקט דעם ערשטן טאָג פון אונדזער נסיעה אויפן ים. ס׳איז געווען אַ שטורעמווינט און ס׳האָט געוואָרפן אונדזער וואַסערשטוב העבער הײַזער. איז אונדז אַלעמען געוואָרן נישט גוט אויף צו חלשן. אַ סך האָבן טאַקע געחלשט. ערגער ווי געחלשט. געווען כמעט ווי געשטאָרבענע. טײַבל, פּיניעס ווײַב, האָט מען געראַטעוועט מיט הייסע האַנטיכער. די מאַמע האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט. מײַן ברודער אליהו איז געלעגן מיטן פּנים אַראָפּ און געוויינט, ווי אַ קליין קינד. ברכה, זײַן ווײַב, האָט אַזש אויפגעהערט צו שילטן זיך. ס׳איז איר פאַרגאַנגען אַזעלכעס, אַז זי האָט שוין גאָר פאַרגעסן, וווהין זי פאָרט און וווּ זי איז אין דער וועלט. די גרינגע גאַל האָט זי אָוועקגע-געבן!...

נאָר איין פּיניע האָט זיך געהאַלטן ווי אַ קאָזאַק. ער איז אַרומגע-

לאָפּן, די הענט אין די קעשענעס. געקוקט דורך די ברילן אַרויף. איין הויז אַראָפּ, איין הויז פּאַרקאַטשעט. דאָס האַלדזטיכל איז פאַרפאָרן ווייס איך וואוהין. ער האָט אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק איבערן צווישנדעק און האָט געמאַכט חוזק פון דער גאַנצער וועלט, גערעדט, געשאָטן מיט ווערטער: בהמות! פערד! אָקסן! ווייסן נישט, אַז ס'איז דאָ אַ „זאַ־קאָן פּריראָדע"! אַז וויבאַלד עס וואַרפט מיך אַהער — דאַרף איך מיך נעמען אַהין. און אַז עס וואַרפט מיך אַהין — דאַרף איך מיך נעמען אַהער. דאָס איז דאָך אַ זאַקאָן פּריראָדע!...

אַ מחיה אָנצוקוקן אונדזער חבר פּיניען בעת ער קאַכט זיך. איך זאָל נישט מורא האָבן פאַר מײַן ברודער אליהו, און ס'זאָל מיר אַזוי נישט ווײ טאָן דער קאָפּ, וואָלט איך אים אַראָפּגעכאַפּט מיטן בלײַערל אויף פּאַ־פּיר מיט די הויזן און מיט די ברילן, ווי ער שפּאַנט אַרום און שרײַט „זאַקאָן פּריראָדע". עס וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט.

פּיניע האָט אַזוי לאַנג געטענהט „זאַקאָן פּריראָדע", ביז ער האָט גע־מוזט אָפּטרעטן אויף אַ זײַט. אָנגעבויגן זיך און באַוויזן דעם אייגענעם „זאַקאָן פּריראָדע". וואָס אַלע...

דערנאָך, אַז ס'איז געוואָרן שטילער, אוים שטורעמווינט, און די זון האָט זיך באַוויזן — האָבן אַלע אויפגעלעבט. און פּיניע אויך בתוכם.

ער האָט שוין מער נישט גערעדט פון „זאַקאָן פּריראָדע".

— ח. —

אַבי איך האָב געמיינט, אַז נאָר בײַ אונדז אין צווישנדעק איז אַ וועלט. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז אַחוץ אונדז, עמיגראַנטן, פאָרן אויף דער וואַסערשטוב נאָך אַ סך, אַ סך מענטשן.

צום מייסטן פּריצים, שררות, אָפיצירן, גענעראַלן.

און רײַכע ייִדן. מיליאָנשטשיקעס!

פון זייערטוועגן איז פאַראַן בײַ אונדז אין וואַסערשטוב באַזונדערע שטיבלעך. „קעבקעס" הייסן דאָ די דאָזיקע שטיבלעך. איטלעכער אין אַ באַזונדער שטיבעלע.

אַ רחמונות — זיי קאָנען נישט זיצן אַלע אינײנעם, ווי מיר, עמיג־ראַנטן, אויפן צווישנדעק. זיי, אַז זיי ווילן זיך זען איינס מיט דאָס אַנדערע, מוזן זיי אַרויסקריכן פון זייערע נאָרעס און אַרויפדראַפּען זיך העט־העט

אַף טרעפּ אַרויף. און דאָרט איז פֿאַראַן אַזאַ זאַל, וווּ מע גייט זיך צונויף אַלע מיליאָנשטשיקעס אינאיינעם און מע רעדט און מע שמועסט און מע עסט.

איך וואָלט אַ בעלן געווען וויסן, וואָס עסן זיי? אויך „פּעטעיטעס" מיט געבראָטענעם הערינג?

איך וואָלט גלאַט אַ בעלן געווען אַ קוק טאָן, וואָס טוט זיך דאָרטן. איך בין דאָרטן נאָך נישט געווען, נאָר איך וועל זײַן, איך וועל געווים זײַן.

איך וואָלט שוין לאַנג געווען דאָרטן — לאָזט מען מיך נישט.

אביסל לאָזט נישט די מאַמע — זי האָט בײַ מיר גענומען אַ האַנט תּקיעת־כּף באַלד ווי מיר זײַנען אַרויף אַפֿן שיף, אַז איך וועל נישט אָפּ־טרעטן פֿון איר אַף אַ האָר. און אביסל לאָזט מיך נישט מײַן ברודער אליהו. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז טאָמער וועל איך זיך דערוועגן ערגעץ גיין אָן זײַן וויסן, בלײַב איך אָן אַן אויער. דאָס הייסט, איין אויער וועט ער מיר אָפּרײַסן, דעם אַנדערן וועט ער מיר איבערלאָזן.

מאָלט אײַך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי! וויפֿל מאָל האָט ער מיר צוגעזאָגט, נאָך אין לעמבעריג און אין ווין און אין אַנטווערפּן און אין לאָנדאָן, אַז ער מאַכט מיך פּאַר אַ קאַליקע? דאָס זאָגט ער נאָר אַזוי בעת ער איז אין כּעס. דעמאָלט פֿלעגט ער זײַן כּמעט כּסדר אין כּעס. איצט שוין נישט. איצט איז ער מיטאַמאָל געוואָרן ווייך, ווי פּוטער. איך ווייס אפֿילו פֿאַרוואָס. ער האָט אַלץ מורא געהאַט פֿאַר דער מאַמעס אויגן. טאָמער לאָזט מען זי נישט אַרויף אַפֿן שיף — וועלן מיר נישט קאָנען פֿאָרן קיין אַמעריקע.

האָט גאָט געטאָן אַ נס — מען האָט דער מאַמען דורכגעלאָזט. מע האָט איר אפֿילו קיין קוק נישט געטאָן אין די אויגן אַרײַן. פֿאַרקערט — מע האָט זי נאָך אונטערגעשטופּט, זי זאָל שוין גיכער אַרויפֿגיין אַפֿן שיף מיט אירע פּעקלעך. פֿאַר פֿרייד האָט זי זיך דערנאָכדעם אָזש צעוויינט. האָט איר מײַן ברודער אליהו נאָכדעם פֿירגעהאַלטן: נו? וואָס האָב איך דיר געזאָגט? האָסטו באַדאַרפֿט פֿאַרגיסן אַזויפֿיל טרערן?

ענטפֿערט אים די מאַמע און ווישט זיך די אויגן:

— פֿונוואַנען ווייסטו, אַז דאָס האָבן נישט געמאַכט מײַנע טרערן? און זי וויינט שוין ווידער!

ווערט מײַן ברודער אליהו אויסער זיך. ער בײַסט זיך די פֿינגער

און רעדט צו איר שטיל, און מער אַף לשון־קודש, בכדי די מאַטראָסן מיט די „סטיו־וואַרטס" זאָלן נישט פאַרשטיין:

— וויש אוים די עינים, וואָרעם איידער מיר הלכענען אַרײַן אין דער מדינה, קאָן מען אונדז נאָך דרײַ מאָל זאָגן השיבנו נאַזאַד...

קאָן דאָך אָבער ברכה קיין עוולה נישט לײַדן. זאָגט זי צו אים:

— בײַס דיר אָפּ די צונג!

זאָגט איר אליהו:

— פרה אדומה.

פרעגט אים ברכה:

— וואָס הייסט דאָס?

מישט זיך שוין אַרײַן אונדזער חבר פיניע און פאַרטײַטשט איר די ווערטער „פרה אדומה":

— אַז דער מאַן איז אַ פּרא אָדם, איז דאָס ווײַב אַ פרה אדומה.

ענטפערט אים ברכה:

— מע דאַרף נישט האָבן קיין גרעסערן פּרא אָדם, ווי דו ביסט.

פאַרדריסט עס פיניעס ווײַב, טײַבלען, און זי טוט אַ זאָג גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן:

— גאָט האָט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, איז ער געגאַנגען און האָט דעם גאַנצן שכל מיט דער גאַנצער חכמה אַוועקגעשענקט צו יונה דעם בעקער מיט זײַנע קינדער.

מאָלט אײַך, טײַבל וואָלט זיך ניט געגאַרט פון מײַן שוועגערן ברכה פאַר אַזאַ שטאָכוואָרט. האָט זיך געטראָפן אַ נס. ווערט איר הערן, וואָס אין אַ וואַסערשטוב קאָן זיך פאַרלויפן.

— ט. —

אַזוי ווי מיר זיצן און שמועסן זיך אוים, וואַקסט אוים, ווי פונעם ים אַרוים — טרעפט ווער? — נחמן דער סטאָלער.

איר דאַרפט אים געדענקען. דאָס איז דאָך טאַקע דער נחמן מיטן רויטן נאָגל פון לאַק, וואָס האָט געהאַט אַוועקגעקויפט בײַ אונדז אַמאָל די גלעזערנע שאַפע, בעת דער טאַטע, עליו השלום, איז געלעגן קראַנק און ס'איז נישט געווען, מיט וואָס אים צו ראַטעווען.

נחמן איז געקומען דעמאָלט מיט זײַנע צוויי בנים, קאָפּל און מענדל, אַרויסגעטראָגן די שאַפע און צעבראָכן דאָס גלאָז.

דערזען אַ באַקאַנטן ייִדן, פון איין שטאָט, האָבן מיר זיך אַלע אַ לאָז געגעבן צו אים:

— רב נחמן! ס'איז איר?

— ווער דען?

— איר אויך דאָ?

— פאַר וואָס ניט?

— אויך קיין אַמעריקע?

— איך בין דען קיין ייִד ניט?

— וווהין — קיין נעיאָרק?

— וווהין דען?

און ס'איז אַוועק באַ זיי אַ שמועס פון דער היים און פון דער נסיעה, און פון דער געגנבעטער גרענעץ, און פונעם קאָמיטעט, און פונעם אויגן־דאָקטער, און דער עיקר פון אונדזער שטאָט און פון אירע מענטשן — טויזנטער, טויזנטער באַקאַנטע. וואָס מאַכט דער? וואָס מאַכט יענער? ווער איז געבליבן אין דער היים און ווער איז אַרויסגעפאָרן קיין אַמע־ריקע?

לאָזט זיך אויס, אַז אַרויסגעפאָרן זײַנען אַהין כמעט אַלע. אַך, ווי פריילעך עס דאַרף איצט זײַן אין אַמעריקע! מיר'ן קומען צו פאָרן, וועלן מיר טרעפן טויזנטער באַקאַנטע — די גאַנצע שטאָט! און אונדזער שכנטע פעסיע די גראָבע, מיט איר מאַן משה דעם אײַנבינדער, מיט איר גאַנצער כאַליאַסטרע, און מײַן חבר הערשל, אָט דער, וואָס מען רופט אים „ושתי". אַלע וועלן אונדז פאָרן אַקעגן. אַלע וועלן אונדז אָפּגעבן שלום־עליכם. ס'וועט אונדז זײַן גוט און ווויל און פריילעך.

ווי דערלעבט מען דאָס שוין! וויפל דאַרף עס נאָך געדויערן? וויפל טעג דאַרפן מיר נאָך זײַן דאָ, אין דער וואַסערשטוב?

וועמען פרעגט מען? מײַן ברודער אליהון — האָט ער פײַנט, אַז מע דולט אים מיט אַזעלכע זאַכן. ער קאָן אײַך אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש, אַז איר זאָלט זיך באַוואַשן!

פרעגן באַ אונדזער חבר פּיניען? — האָט ער אַ טבע: אָדער ער ענטפערט אײַך מיט אַ שנעל אין ליפּ, אָדער מיט אַ ווערטל:

— אַז דו וועסט אַלצדינג וויסן, וועסטו גיך אַלט ווערן.

אָדער:

— מ'עט אַזוי לאַנג פאָרן און פאָרן, ביז מ'עט קומען צו פאָרן.

אָדער:

— זיץ רויק. מ'עט דיר שיקן זאָגן דורכן שילאָטן־שמש.

אָדער גאָר:

— וויש אָפּ די נאָז...

איכל בעסער פרעגן בא דער מאַמען.

גיי איך צו דער מאַמען — וויינט זי! וואָס איז די מעשה? — נחמן דער סטאָלער האָט איר דערציילט, אַז יענטל איז געשטאָרבן.

דאָס איז אונדזערע אַ שכנה, און טאַקע אַ שטיקל אייגענע, מחותנע־שאַפט.

אונדזער מחותן יונה דער בעקער האָט געהאַט אַ שוועסטער, איטע־מייטע. זי איז שוין לאַנג אַף דער אמתער וועלט. איז דאָס אירע אַ שנור, אַ געוועזענע שנור. זי האָט מיט איר מאַן געהאַט געגעט זיך און נאָך אַמאָל חתונה געהאַט, דווקא פאַר אַן אַלמן, און דווקא גוט געטראָפן, אָן קינדער. דאַרף זיך טרעפן אַן אומגליק: זי צינדט אָן אַ לעמפל, פּלאַצט דאָס גלעזל. כאַפּט דער רוח דאָס גלעזל. ניין! שרעקט זי זיך איבער און לאָזט אַרויס דאָס לעמפל. גיסט זיך אויס דער קאַרעסין. צינדט זיך אָן אַף איר דאָס קליידל און הייבט אָן ברענען. נעם זשע און וואַרף אַראָפּ דאָס קליידל — ניין! לויפט זי אַרויס אין דרויסן און מאַכט אַ גוואַלד, צעלאָזט זיך דאָס קליידל און עס צעבלאָזט זיך דאָס פייער נאָך שטאַרקער. וויל מען זי ראַטעווען — לאָזט זי זיך ניט. לויפט און שרייט: „ייִדן, ראַטעוועט!" ברענט זי ווי אַ ליכט. געוואָרן שוואַרץ, ווי אַ האָלעווישקע. דריי טעג מיט דריי נעכט געמוטשעט זיך און ערשט אַפן פערטן טאָג געשטאָרבן.

— ט. —

— ברוך דיין אמת! וועך בעט אייך איר זאָלט דערציילן אַזעלכע מעשיות, בכדי מיין מאַמע זאָל האָבן וואָס צו באַוויינען און אויסוויינען דאָס לעצטע ביסל אויגן?

אַזוי זאָגט מיין ברודער אליהו און פּאַלט־אָן אַפן סטאָלער.

פאַרענטפערט זיך דער סטאָלער, אַז ערשטנס, וועלן מיר אַלע שטאַר־

בן. קיינער וועט זיך פונעם מלאך־המות ניט אויסדרייען, ניט אויסקויפן און ניט אויסבאהאלטן זיך. און וועמען דער טויט איז באשערט, וועט ער אים אפילו אין אמעריקע אויך טרעפן, ווי מיר האבן געזאגט היינטיקן ראש־השנה אינעם ונתנה־תוקף: מי באש ומי במים...

שלאגט אים איבער מיין ברודער אליהו:

— איר זייט דען געווארן א מגיד, וואס איר האט זיך אוועקגעשטעלט זאגן מוסר? איר זייט, דאכט זיך, געווען אמאל א ייִד א סטאָלער.

— געווען אין דער היים א סטאָלער, און מיט סטאָלעריי וועל איך זיך פארנעמען אין אמעריקע.

— וואס זשע האט איר זיך דערמאנט פלוצים אינעם ונתנה־תוקף?

— וואס הייסט? ס'איז דאך עפעס היינט עשרת־ימי־תשובה אף דער גאנצער וועלט!...

שאט! איך האב גאר פארגעסן, אז מיר האבן זיך אויפגעזעצט אפן שיף באלד נאך ראש־השנה, און אז מיר האבן איצט עשרת־ימי־תשובה! אויב אזוי, האבן מיר דאך באלד יום־כפור.

נישט שוין זשע וועלן מיר האלטן יום־כפור אט דא, אין דער וואסערשטוב? אט דא וועלן מיר שלאגן כפרות? אט דא וועלן מיר זיך פארפאסטן און אפפאסטן? אט דא וועלן מיר דאווענען? זיך שלאגן על־חטא? און ווו וועלן מיר נעמען א חזן? אן עמוד? א ספר־תורה? און א שופר אפן לעצטן בלאז? און חלש־טראפנס? און נאך און נאך א סך אזעלכע זאכן, וואס מע קאן זיך אן דעם יום־כפור נישט באגיין?

אין וואסערשטוב יום־כפור?

יום־כפור אפן וואסער?!...

Este libro se acabó de imprimir
el día 31 de marzo de 1953, en
la "IMPRESORA BAIRES" de
Simón Eidelman, Cangallo 2981,
T. E. 86.0119, Buenos Aires